STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04009

LENDER UN SHTET

Henry Shoskes

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. שאָשקעס

לענדער און שטעט

(רייזע־אַיינדרוקן)

מיט בילדער

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

CH. SZOSZKIES — „ŁENDER un SZTET"
t. j. w krajach i miastach
(wrażenia podróży)
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

צום אָנדענק
פון מיין פריינד
אריה פאַרבער ז״ל
דער מחבר

אינהאַלט

די וועלט-אויסשטעלונג

I פאַרזוויילונגען 9
II אויסטראַליע און קאַנאַדע 14
III פאַלעסטינע 19
IV שוואַרצע און ווייסע קולטור 22
V אין לאַנד פון בריליאַנטן 27

איטאַליע

I אַ זונטיק אין ווענעדיק 33
II ביים טיטוס-טויער אין רוים 39
III רוים אין „הייליקן יאָר" 44
IV קאַפּרי, דער טרוימען-אינזל 49
V דער וועזוווו 53
VI אַלטע יידישע געטאָס 58
VII אויף אַ יידישער שיף 63

מצרים

I צום ים 71
II אין די שטעט 75
III פּרעהס 81
IV סועץ-קאַנאַל 87
V קאַאיראָ 89

ארץ-ישראל

I אויף אַ פאָלקס-קאָנצערט אין יאָר 1926 . . 95
II ביים כותל-מערבי 98
III פון נצרת צום „עמק". 102
IV שבת אין תל-אביב 107
V ירושלים 110

צפון-אַפריקע

I פון אַ שפּאַציר איבער ימען 115
II אינזלען אויפן ים 121
III אין אַלזשיר 127
IV מאַראָקאָ 137

שפּאַניע

I פון גראַנאַדע ביז סעווילע... 145
II בלוט און בלומען אין סעווילע... 157
III ביים אַטלאַנטיק 163

באַלקאַנען-מזרח

I אַלבאַניען 171
II גריכנלאַנד 181
III זוניקע אינזלען. 188
IV דאַרדאַנעלען 193
V קאָנסטאַנטינאָפּאָל 196

סיריען

I דמשק 203
II צווישן יידן 210
III די בעדווינער 218

פּוילן

די שטאָט מיר און איר ישיבה 227
ביים פירשט סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי 234
אויף די קרעסן 238
וועגעדיק — אין די פּינסקער זומפּן 244
אין דער הויפּט-שטאָט פון וואָלין 248
אויף דער רוסישער גרענעץ 252
לעגענדעס און ווירקלעכקייט 257
דרוסקעניק 262
אויף די פּוילישע וועגן 267
שטעטלעך אין בלאָטעס 271
איבער שטעטלעך, וועלדער, פעלדער 275
אויף די ברעגעס פון דער ווייסל 279
אין גער 283
אויפן קבר פון בערעק יאָסעלעוויטש 288
אין אַ משוגעים-הויז 293
פון בענדין ביז קאַטאָוויץ 298
פּויזן 304
גאַליציע 311
קראָקע און זאַקאָפּאַנע 320

די וועלט-אויסשטעלונג

וועמבליי — 1924

ג

פאַרווײַלונגען

דרייצן מיליאָן באַזוכער זענען דורכגעגאַנגען דורך דער אויסשטעלונג ביזן 20-סטן אויגוסט. פון צען אינדערפרי ביז עלף אינאָוונט פאַרפולן זיי מיט אַ לעבעדיקן שטראָם די אַלעען, פּאַוויליאָנען און אומצאָליקע קאַפע-הייזער. הונדערטער צוגן, שיפן און אַעראָפּלאַנען ברענגען זיי פון אַלע עקן וועלט, אַמעריקאַנער און כינעזער, פראַנצויזן און הינדוסן, — פון אַלע קאָלירן און ראַסן. אָבער מער פאַר אַלעמען פאַרפולן די אויסשטעלונג די ענגלענדער, און די ענגלישע שפּראַך פאַרטויבט דאָס סקריפּנדיקע רעדן פון די כינעזער און די מעלאָדישע קלאַנגען פון די שפּראַכן אין אינדיע.

דעם גאַנצן טאָג אינטערעסירט זיך די לעבעדיקע קייט פון מענטשן מיט די עקזאָטישע זעלטנהייטן פון אַלע פינף וועלט-טיילן, מיט די מערקווירדיקייטן פון דער נייעסטער טעכניק און אינדוסטריע, נאָר ווי ס'קומט דער אָוונט און די גראַנדיעזע, אין משך פון צוויי יאָר געבויטע, שטאָט, וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען „אויסשטעלונג אין וועמבליי״, ווערט אַרומגעפלאָכטן מיט צענטליקער טויזנטער פאַרשידנפאַרביקע עלעקטרישע לאַמטערנדלעך, — הויבט זיך אָן אין וועמבליי די אַריבערוואַנדערונג אין ספּעציעלן „פּאַרק פאַר פאַרווײַלונגען״.

עס איז שוין אַזאַ מנהג, אַז אַ וועלט-אויסשטעלונג באַגעגנט זיך נישט נאָר מיטן באַווייזן די דערגרייכונגען פון קולטור און טעכניק פאַר דעם געגעבענעם לאַנד, נאָר שאַפט אַ ריי פאַרווײַלונגס-ערטער, וועלכע מיט זייער פאַרנעם און איבערראַשנדע סורפּריזן דינען שפּעטער אַלס אַ מאָדעל פאַר איינאָרדענען פאַרוועטונגען אין דער גאַנצער וועלט.

די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אויסשטעלונג אין וועמבליי האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין מי און מיטלען, כדי דער מיליאָניקער עולם, וואָס ווערט מיד דורכן טאָג פון אַרומשפּאַצירן איבער דער אויסשטעלונג, זאָל אינאָוונט זיך קאָנען פאַרווײלן, יעדער לויט זיין גוסט און מעגלעכקייטן.

די גרעסטע אַטראַקציע פון דער אויסשטעלונג איז אָן שום ספק דער „אימפּעריע-סטאַדיאָן”, וועלכער איז געעפנט געוואָרן ענדע יולי.

דאָס איז אַ גרויסער טעאַטער-צירק, וועלכער איז געבויט פון אייזן און בעטאָן און וועט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן דינען פאַר לאָנדאָן אַלס פאַרווײלונגס-אָרט.

דאָס טעאַטער האָט זעכציק טויזנט פּלעצער צום זיצן.

בעת עס איז געעפנט געוואָרן דעם 21-סטן יולי דורכן ענגלישן קעניג, האָבן זיך אין אים געפונען הונדערט און צוואָנציק טויזנט פּערזאָן און, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, איז קיין גרויסער געדראַנג דאָ נישט געווען...

אויף דער סצענע, וועלכע געפינט זיך אינמיטן טעאַטער און האָט די פאָרם פון אַן אַרענע אין צירק, קאָנען גלײכצײטיק זיך געפינען צוועלף טויזנט אַרטיסטן. איר גרויס איז כמעט אַזוי ווי פון דעם טעאַטער-פּלאַץ אין וואַרשע.

געבויט דאָס טעאַטער האָט דער באַוווּסטער אַרכיטעקטאָר לאַסצעל און דאָס האָט אָפּגעקאָסט אַרום אַכט הונדערט טויזנט פונט.

דורך הונדערט פינף טירן קומט אַריין און אַרויס דאָס פּובליקום.

ניינצן טויזנט פּלעצער זענען אינגאַנצן פריי פון אָפּצאָל, די איבעריקע קאָסטן פון איין ביז זעקס שילינג.

דעם טאָג, וואָס איך בין געווען אין דעם „אימפּעריע-סטאַדיאָן”, איז ער געווען כמעט אויף אַ העלפט נישט פאַרפולט: אינגאַנצן האָבן זיך אין אים דאַן געפונען אַ דרײסיק טויזנט פּערזאָן...

גאַנץ אָריגינעל זענען די אויסגעפירטע פּיעסן. אין טעאַטער ווערן געשפּילט נאָר דריי פּיעסן, וועלכע שטעלן פאָר די געשיכטע פון ענגלאַנד, אָנהויבנדיק פון דער קייזערין עליזאַבעטאַ און ענדיקנדיק ביז די לעצטע יאָרן.

די סצענעס קומען פאָר אין אַלע וועלט-טײלן, ווו ענגלאַנד האָט אירע קאָלאָניעס. באַזונדערס מאָלעריש זענען די סצענעס אין אינדיע און אויסטראַליע.

שטעלט אייך פאָר אַ בילד, ווי מיט אַ יאָר 70—80 צוריק האָט דאָס ענגלישע מיליטער איינגענומען נייע פּראָווינצן אין ניי-זעעלאַנד: אויף דער אַרענע זעט איר אַ גרויס דאָרף, ווו עס טאַנצן אייניקע טויזנט כמעט נאַקעטע ווילדע אויסטראַליער. עס באַווייזן זיך די ענגלישע חילות, הונדערטער פוס-גייער, קאַוואַלעריע און אַרטילעריע. עס הויבט זיך אָן אַ ריכטיקער קאַמף, אַ פאַרטויבנדע שיסעריי.

די ווילדע קעמפן מיט מסירות-נפש. ענדלעך ווערט אויפן דאָרף אויפגעהויבן די ענגלישע פאָן ביי שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פון פּובליקום.

אָדער אַ בילד אין אַ מאַרק-טאָג אין באָמביי (אינדיע). עס קומט אָן אַ קאַראַוואַן פון העלפאַנטן, ממשדיקע העלפאַנטן, מיט דעם מאַהאַ-ראַדזשאַ אָן דער שפּיץ.

ער ווערט באַגעגנט מיט אַ פּאַראַד פון הינדוסן-מיליטער, מיט אָרקעסטערן, מיט טענץ פון פאַקירן, מיט האַרמאַטן-סאַלוון — און ווידער אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן און דער נאַציאָנאַלער הימן...

און דאַן דער עפעקט פון סוף: דער דורכמאַרש פון ענגלישן חיל פון אייראָפּע, אַפריקע, אויסטראַליע און קאַנאַדע... בראָנזענע הינ-דוסן אין בונטע אוניפאָרמען; שוואַרצע זולוסן אויף פערד און מיט פּיקעס; שלאַנק קאַנאַדער מיליטער מיט די אַמעריקאַנער קאַפּעליושן און על-כּולם די קעניגלעכע גוואַרדיע אין מאַלינאָווע מונדירן, דער שטאָלץ פון ענגלאַנד.

איבער זיי אַלעמען שוועבט די בלאָע ענגלישע פאָן, זיי אַלע זינגען צוזאַמען מיטן אָרקעסטער די נאַציאָנאַלע לידער פון די דאָמיניעס.

די אַרטיסטן, אויסער די הויפּטשפּילער, זענען אַלע פרייוויליקע און געהערן צו די פאַרשידנסטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, אָנ-הויבנדיק פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע און ענדיקנדיק מיט די אָנגעשטעלטע אין די גרויסע וואַרן-הייזער פון דער סיטי.

אויסער דעם נעמען אָנטייל אין די פאָרשטעלונגען ספּעציעלע אָפּטיילונגען פון דער גוואַרדיע און פון קאָלאָניאַל-מיליטער.

די רייכקייט פון דער אויסשטעלונג, די עלעקטרישע עפעקטן צוזאַמען מיטן פּאַטריאָטישן געפיל, וואָס עס ווייזט אַרויס דאָס גרויסע פּובליקום, לאָזט איבער אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק.

פון די טעראַסן פון „סטאַדיאָן" מאַכט די אויסשטעלונג ביינאַכט

אַן איינדרוק ווי אַ מעשהלע פון „טויזנט און איין נאַכט”.

אויף אַ באַזונדערס מיסטישן אופן זענען באַלויכטן די פּרעכ־טיקע מינאַרעטן פון אינדישן פּאַוויליאָן. זיי זענען אַזוי ווי אַרומגענומען פון בלאָע פלאַמען פון צאַרטן עלעקטרישן ליכט, וואָס הילט איין די סודותפולע געביידעס, ווי מיט אַ שלייער.

אין „פּאַרק פאַר פאַרוויילונגען” קאָכט דאָס לעבן מיט אַ באַזונדערן טעמפּעראַמענט.

אַ קונציקע לופט־באַן, אייניקע קילאָמעטער די לענג, שאַפט אַזעלכע עמאָציעס, ביי וועלכע די קאַלטע ענגלענדער אַפילו בלייבן נישט גלייכגילטיק, און ביי געוויסע ריזיקאַלישע ערטער מאַכן זיי דעם אמתן געוואַלט... דער קליינער וואַגאָן, וואָס לויפט מיט אַ בליץ־שנעלקייט, ווערט אַראָפּגעוואָרפן פון אַ הויך פון צען שטאָק אין אַ טייך אַריין. איר געזעגנט זיך אין די אייניקע סעקונדן מיט דער גאַנצער וועלט, איר האָט שוין טויזנטער מאָל חרטה, וואָס איר האָט זיך געלאָזט איינרעדן און אונטערנעמען די רייזע אויף דער לופט־באַן, נאָר... איר דערשפּירט, אַז דער וואַגאָן וויגט זיך פּאַמעלעך אויף די וועלן פון טייך און ס'ווערט אייך לייכטער אויפן האַרצן, ביז... פּלוצלינג גיט ער זיך ווידער אַ הויב אויף די רעלסן פון אַ הויכער וואַנט און איר פילט, אַז אייערע מינוטן זענען געציילטע... זייט אָבער רויק: ביז איצט איז פון דעם מיליאָן מענטשן, וואָס האָבן פּרובירט דאָס „פאַרגעניגן”, קיין איינער אַפילו נישט געשעדיקט געוואָרן...

און טאָמער ווערט אייך דערעסן אייראָפּע און איר ווילט זען די פאַרוויילונגען אין טיבעט, למשל, אָדער אין האָנג־קאָנג? האָט איר פאַר זיך אַ פאָלקס־טעאַטער אין טיבעט מיט עקזאָטישע טירעטיאַנער טענצערינס, מיט אַ גרילצנדער מוזיק, אַז ס'ווערט קאַלט אין אַלע אברים, און דאָך איז דאָס אייגנאַרטיק אינטערעסאַנט.

און ווייטער... אַ גאַס אין אַ כינעזישער שטאָט, אַזוי ווי זי שטייט און גייט; מיט הייזער און געשעפטן, וווּ עס פאַרקויפן נאָר כינעזער ספּעציעלע כינעזישע אויסאַרבעטונגען.

ביי דער זייט אַ רעסטאָראַן, ווו איר קאָנט באַקומען פרישע... זשאַבעס און דעם בעסטן סאָס און ווו עס שפּילט שוין לעצטנס אַ מין כינעזישער „דזשאַז־באַנד”.

ס'איז שוין עלף אַזייגער ביינאַכט. אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, צוגן און די אונטערערדישע באַן פירן דעם עולם צוריק אין לאָנדאָן.

מען שטויסט זיך נישט, פלאַץ איז דאָ גענוג פאַר אַלעמען. די אַלע, וואָס זענען נאָך דעם ערשטן טאָג אויף דער אויסשטעלונג, פאָרן אַוועק אַזוי ווי באַטויבטע, און שווערע חלומות זעט מען אין דער ערשטער נאַכט, קומענדיק פון דער אויסשטעלונג...

לאָנדאָן, אויגוסט 1924

II

אויסטראַליע און קאַנאַדע

אַן ענגלישע צייטונג האָט אויסגערעכנט, אַז ווען אַ מענטש וואָלט זיך אונטערגענומען מאַכן אַ רייזע אין די אַלע לענדער, וואָס זענען פאָרגעשטעלט אויף דער אויסשטעלונג אין וועמבליי, וואָלט אים קוים געקלעקט אויף דעם אַ האַלב לעבן. אויב, פאַרשטייט זיך, ער וואָלט נאָר פריער נישט אויפגעגעסן געוואָרן פון אַ הונגעריקן טיגער אָדער איינגעשלונגען געוואָרן דורכן ים.

מיר האָבן דורכגעמאַכט די דאָזיקע רייזע אין אַסך אַ קורצערע צייט אָן קיין שום געפאַר... מיר האָבן אָבער אַלע אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז די אַלטיטשקע אייראָפּע מיט איר גאַנצער טעכניק און ציוויליזאַציע וועט נאָך אין אייניקע יאָרהונדערטן מוזן אָפּטרעטן איר פּלאַץ נייע פעלקער און מלוכות, וועלכע זענען שוין אַנטשטאַנען אָדער אַנטשטייען אין די ווייטע, ווייטע געגנטן איבער ימים און מדבריות, ווו דאָס לעבן איז נאָך אַזוי יונג און זאַפטיג און אַזוי נאָ־ענט צו דער פּרעכטיקער נאַטור.

וואָס, צום ביישפּיל, ווייסט דער דורכשניטלעכער אינטעליגענ־טער מענטש פון אויסטראַליע? פון קאַנאַדע אָדער בריטיש גוויענע? כמעט ווי גאָרנישט, אויב נישט רעכענען אייניקע אַלגעמיינע ידיעות. און נאָר אויף דער אויסשטעלונג, אַריינגייענדיק אין די באַזונדערע פּאַוויליאָנען, האָט מען דערזען אַ פּרעכטיקע ענציקלאָפּעדיע מיט נאַ־טירלעכע אילוסטראַציעס, מיט אַ ברויזנדן לעבן, מיט אַ הויכער קול־טור אין די ווייטסטע פלעקן פון דער וועלט־מאַפּע.

מיר זענען אין פּאַוויליאָן פון אויסטראַליע.

בילד ווי מען גייט אַריין זעט מען פאַר זיך אַ שטיק פון אויסטראַלישן לאַנדשאַפט: שטורמישע וואַסערפאַלן אין אַ געדיכטן וואַלד, וווּ עס טאַנצן קענגורוס, האָבנדיק זייערע קינדער אין די ספּעציעלע זעקעלעך אויפן בויך; די ביימער פון פאַרשידענע בונטע קאָלירן זענען איבערגעפלאָכטן אַזוי ווי סכך אין אַ סוכּה, און צווישן דעם דאָזיקן לאַנדשאַפט שטייט אויף אַ צווייגל אַ לעבעדיקער פּאַפּוגיי און זינגט מיט אַ שיינער אַלט-שטים דעם נייעסטן שימי „באַנאַנען" אין ענגליש. און אַז עס ווערט אים דערעסן די מוזיק, מאַכט ער נאָך, ווי אַן ענגלענדער רעדט דורכן טעלעפאָן אין אַזאַ פּרעכטיקן ענגליש, אַז איך האָב אים פּשוט מקנא געווען. און לעבן דער דאָזיקער פּאַנאָראַמע זעט איר, ווי מ'כאַפּט די פּערל-מושעלן אין די טיפענישן פון ים; ווי די פּערל ווערן באַאַרבעט, און גלייך ביי דער זייט — האַלזבאַנדן פון פּערל פון אַזאַ גרויס און שיינהייט, אַז מיין באַגלייטערין האָט זיך פון זיי נישט געוואָלט אָפּרייסן...

דאָ, אין פּאַוויליאָן, אונטער אַ גלעזערנער צודעק, אַרבעטן אויס שווער און ביטער צענטליקער טויזנטער בינען אַ ספּעציעלן סאָרט האָניק.

און טאָמער ווילט איר פּרובירן, קאָנט איר אים באַקומען אין קליינינקע גלעזלעך צו קויפן ביי דער לעבנשטייענדער פרייליין

די אויסטראַלישע גאָלד-אינדוסטריע.

ס'איז איינגעאָרדנט אין אַ קליינעם מאָסשטאַב אַ גאַנצער גאָלד-גרוב, מיט עלעקטרישע מאַשינען, איר זעט, ווי דאָס זאַמד ווערט דורך ספּעציעלע אַפּאַראַטן געוואַשן, ווי עס בלייבט דער גאָלד-שטויב, ווי ס'קומט פאָר זיין מאַגאַזינירונג, עקספּאָרטירונג; ווי ס'לעבן די אַרבעטער אין די גאָלד-גרובן; אין אַ גלעזערנער שאַפע ליגן אויך גרויסע גאָלד-שטיקער, — אַ גאַנצער אוצר! — יעדע איינע האָט דעם ווערט פון אייניקע טויזנט פונט שטערלינג און איז גרויס ווי אַ קאָפּ פון אַ קליין קינד...

דאָס ליגט אַלץ פראַנק און פריי, און די שמירה איז אַזוי גוט אָוועקגעשטעלט, אַז איר פילט זי גאָרנישט און דאָך קומען קיין גנבות אינגאַנצן נישט פאָר.

נאָר נישט אין גאָלד ליגט די רייכקייט פון אויסטראַליע, נאָר אין אירע דורך גאָט-געבענטשטע פעלדער, און איבערהויפּט אין איר פי-ווירטשאַפט.

וואָס פאַר אַ גרויסע, לויט דעם נייעסטן וואָרט פון טעכניק, איינגעאָרדנטע פערמעס זעט איר אין דער אָפּטיילונג! און די פערמע באַוועגט זיך: הונדערטער קי, אָקסן און שעפּסעלעך קומען פון פּאַשע אין זייערע שטאַלן; מען מעלקט מיט אַפּאַראַטן, וואָס אַרבעטן אויף עלעקטרי; די שטאַלן זענען איינגעאָרדנט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר די בהמות; איר זעט אויך דעם פערמערס אַרט לעבן, זיין עשירות.

עס איז דאָך קיין שפּאַס נישט: אויף יעדן דריטן איינוווינער אין אויסטראַליע פאַלט אויס איין קו און פינף שעפּסן! איז דען אַ וואונדער, וואָס די אויסטראַלישע פּוטער עסט גאַנץ ענגלאַנד און די אויסטראַלישע קאָנדענסירטע מילכן באַקומט מען אפילו אין די וואַר-שעווער געשעפטן? אין אַ באַזונדער ווינקל שטייט באַשיידן אַ לעבע-דיקע ווייס-שוואַרצע קו און קייט היי.

ס'איז אויך איר אָנגעשריבן די צאָל מעדאַלן, וואָס זי האָט שוין דערהאַלטן אויף אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען, — פיל מער ווי אַנדערע גרויסע מלוכה-מענער.

מבינים זאָגן, אַז זי איז אַ זעלטענע שיינהייט און אַ גרויסע בריה: אין משך פון פאָריקן יאָר האָט מען פון איר מילך געמאַכט 750 קילאָגראַם פּוטער..

און אַנטקעגנאיבער דער קו שטייען די באַרימטע אויסטראַלישע שעפּסעלעך, אין וועמענס וואָל עס קליידט זיך די בריטישע אימ-פּעריע. מען שערט זיי דאָ אויפן אָרט מיט עלעקטרישע מאַשינען; דאָ וואַשט מען די וואָל, וועלכע ליגט ווי שניי-ווייסער פוך אין הויכע בערג; אין שכנות ווערט געוויזן אַ רעליעפע פּאַנאָראַמע פון די אויסטראַלישע פּאָרטן און שטעט; איר זעט די גרויסע אָקעאַן-שיפן פאַר סחורות און פּאַסאַזשירן; די גראַנדיעזע אויפהייבונגס-קראַנען אין די פּאָרטן, און ענדלעך די שטעט אַליין: סידניי, מעלבורן, אַדעלאַ-ידאַ; הויכע צענשטאָקיקע הייזער, אויטאָמאָבילן, טראַמווייען, לוקסוס-געשעפטן און בענק; די קאָמונאַל-באַנק אין סידניי געפינט זיך אין אַ הימל-קראַצער פון צוואָנציק שטאָק! עס גלויבט זיך פשוט נישט, אַז די יונגע אויסטראַליע באַזיצט אַזעלכע גלענצנד-איינגעאָרדנטע שטעט מיט אַ מאָדערנער קולטור.

ביי דער געלעגנהייט דערמאָן איך זיך, אַז דאָס ערשטע לאַנד

אין דער וועלט, וואָס האָט פרויען געגעבן פּאָליטישע רעכט, איז טאַקע געווען — אויסטראַליע.

און דאָך איז עס נאָך אַזוי ווייניק באַזעצט, און דאָך שפּאַצירן נאָך ווילדע פּאַפּואַסן אין זייערע אומענדלעכע אייביק-גרינע פעלדער!

* *
*

עס דויערט אייניקע מינוטן, מיר שפּאַצירן אַריין אין אַן אַנ-דער וועלט-טייל — אין קאַנאַדע.

אַ שמאָלער דורכגאַנג טיילט די ביידע פּאַוויליאָנען און דאָך קאָן מען אָפט מאָל מיינען, אַז מיר זענען אין איין און דעם זעלבן פּאַוויליאָן. אַזוי ענלעך זענען די נאַטירלעכע רייכטימער פון די ביי-דע לענדער.

קאַנאַדע איז באַדעקט מיט אומענדלעכע וועלדער, וועלכע ווערן פּאַמעלעך באַאַרבעט. איר זעט דאָ אַ באַוועגלעכן טאַרטאַק אינמיטן וואַלד; אַ שאַרפער זעג-ראָד שניידט די קלעצער אויף ברעטער; אין דער צווייטער אָפּטיילונג שטייען שיין-מעבלירטע צימערן געמאַכט פון דעם דאָזיקן האָלץ. אַגב, באַקאָנט איר זיך מיטן קאַנאַדער מעבל, וואָס איז אַזוי פּראַקטיש און פאַרנעמט אַזוי ווייניק אָרט: פון אַ פלושענער אָטאָמאַנקע, למשל, קאָן מען אויף דער נאַכט מאַכן אַ ברייט און באַקוועם מאָפּלט-בעט.

און דאַן אַ קינסטלעך-צוזאַמענגעשטעלט לאַנדשאַפט פון קאַנאַ-דער פעלדער און דערפער: נישט אין בילד, נאָר אויפן וואָר! עס זשומען די געדיכטע זאַנגען, וועלכע געבוירן דעם וועלט-באַרימטן קאַנאַדישן ווייץ, עס באַוועגן זיך מאַשינען, וואָס שניידן און דרעשן וואַסער-מילן, און דאַמף-מילן מאָלן די תבואה און דאָס מעל ווערט צעשיט אין זעק; אָט זעט איר דאָס גלענצנדע ווייסקייט פון קאַ-נאַדישן מעל.

נאָענט פון שטעטל און אייזנבאַן שטייען די גרויסע געביידעס פון די עלעוואַטאָרן (תבואה-זאַמלער). איר פילט, אַז דער פולס פון קאַנאַדישן לעבן קלאַפּט אין אָט די זאַטע פעלדער און דערפער, אַז די שטאָט איז דאָ נישט מער, ווי אַ נויטווענדיקע ביילאַגע.

און די קאַנאַדער אייזנבאַנען! זיי שניידן דורך דאָס לאַנד אין דער לענג און ברייט. איר זעט, ווי זיי לויפן דורך ווילדע געגנטן,

ווו עס פאַשען זיך בופלאָקסן, די אייזנבאַן-מאָדעלן לויפן אומאויפהערלעך אין ספעציעלע פאַוויליאָנען, וואָס געפינען זיך לעבן דעם הויפט־פאַוויליאָן פון קאַנאַדע. דאָס זענען ווידער נישט קיין קינעמאַטאָגראַפישע בילדער, נאָר וואַגאָנעלעך ביז 1 אַרשין די הויך, וועלכע פאָרן אויף רעלסן פון אַן עלעקטרישער געאָגראַפישער קאַרטע פון קאַנאַדע.

ביי אונז קאָן מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן דעם לוקסוס פון די קאַנאַדער אייזנבאַנען. זיי זענען איינגעאָרדנט לויט די מאָדעלן פון די אָקעאַן־שיפן: צימערן צו שמועסן, צו רויכערן, פאַר פאַרווייל־ונגען; שלאָף-וואַגאָנען פון דריטן קלאַס מיט קאָמפאָרט, באַלקאָנען אַרום די וואַגאָנעס צום שפאַצירן א. אַז. וו.

אינמיטן דעם פאַוויליאָן, ביי זיינע זייטן, ליגן בערג עפל, באַרנעס און אַנדערע פרוכטן; דער עולם באַוווּנדערט זיי און קויפט מאַסנווייז די שמעקעדיקע פירות. אונטער אַ גלאָז ליגן אויסגעלייגט באַרנעס-גיגאַנטן — צו זיבן־אַכט פונט וועגט יעדער שטיק.

איר זעט אויך די קאַנאַדער שטעט: טאָראָנטע מיט אירע געביידעס, וועלכע דערמאָנען אַזוי ניו-יאָרק; מאָנטרעאַל מיטן רעגירונגס־פלאַץ, נאָטרדאַם־קירכע (אַ קאָפּיע פון פאַריז) און ווידער הונדערטער אויטאָמאָבילן און טעאַטערן אין אַלע שטעט און שטעטלעך.

און דאָס איז דאָך אַזאַ יונג לאַנד; עס דאַרף דאָך אַזוי פיל מענטשן; עס איז נאָך אינגאַנצן אין דער צוקונפט. און נישט ווילנדיק קומט אויפן זינען ארץ־ישראל און אין וואָס עס קאָן פאַרוואַנדלט ווערן ביים באַנוצן די קאָלאָניזאַציע־מעטאָדן פון אויסטראַליע און קאַנאַדע...

מיר דערנענטערן זיך צו די ווייסע קופאָלן פון פאַלעסטינער פאַוויליאָן.

III

פּאַלעסטינע

אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיט אַפריקאַנער „דערפער” שטייט ער, דער פּאַלעסטינער פּאַוויליאָן, געבויט אין ביזאַנטישן סטיל, אַזוי ענלעך צו אַ ספרדישן בית-הכנסת אין אַ מזרח-שטאָט.

ער איז נישט דער שענסטער און אויך נישט דער אָריגינעל-סטער אויף דער דאָזיקער גראַנדיעזער אויסשטעלונג... און אפשר זאָלן מיר טאַקע מודה זיין און זאָגן, אַז מיר האָבן דערוואַרט עפּעס בעסערס, גייענדיק צו דעם פּאַוויליאָן, און אַביסל אַנטוישט זענען מיר אַרויס פון אים.

מיר זענען געקומען צו אים נאָך אַ וואונדערבאַרער רונד-רייזע איבער דער וועלט אויף דער אויסשטעלונג: אינדיע און ניו-פאַונדלענד, בעגערע און מאַלטע און צענטליקער אַנדערע לענדער, וואָס זענען ביז איצט געווען פאַר אונז נאָר געאָגראַפישע באַגריפן, האָבן פּלוצ-לינג אָפּגעלעבט אין אונזער פאַרשטאַנד, פאַר אונזערע אויגן און גע-כישופט מיט פילפאַרביקער עקזאָטישקייט, מיט נאַטירלעכע רייכטימער און רייצנד-דעקאָראַטיווע כמעט לעבעדיקע פּאַנאָראַמעס... און מיר האָבן געוווסט, אַז אין דעם דאָזיקן לענדער-יריד האָבן מיר, יידן, אויך אַ שטיקל חלק, דאָרט אין פּאַלעסטינער פּאַוויליאָן...

* *

*

אַ תּימנער יונגערמאַן אין זיין כאַראַקטעריסטישער בונטער קליי-דונג איז געווען דער ערשטער, וועמען מיר האָבן באַגעגנט ביים אַריינגאַנג.

אין אַ קליינער אָפּטיילונג פּאַרקויפן די תימנער יידן—יובעלירן—אויסאַרבעטונגען אין אָריענטאַלישן סטיל; נישט ווייט ליגן אויסגעלייגט די פּראָדוקטן פון דער שאָקאָלאַדן- און קאָנפעקטן-פאַבריק „רענן".

דעם עולם אימפּאָנירן די העברעישע אויפשריפטן אויף די פּעקלעך און מען לייזט פאַר זיי גאַנץ געשמאַק.

אין צענטער פון פּאַוויליאָן זענען מאַלעריש אויסגעשטעלט פּיראַמידן פון פלעשער מיט פּאַלעסטינער ווייַנען, דעקאָרירט מיט בינטלעך טרויבן.

די זייף-פאַבריק „שמן" אין חיפה דעמאָנסטרירט אַ מאָדעל פון איינגאַנג אין בית-המקדש געמאַכט פון זייף.

צווישן די פאַרשידענע קונסט-אויסאַרבעטונגען פון „בצלאל" ציט צו די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט אַן אָרון-קודש פון קופּער אין אַ קליינעם פאָרמאַט.

די „פּרדס"-געזעלשאַפט האָט פאַרפולט איר אָפּטיילונג מיט בערג פּאָמעראַנצן, וועלכע ווערן ממש צעכאַפּט פון די באַזוכער.

נישט שלעכט ווערן פאַרקויפט אויף דער אויסשטעלונג די טיכער פון ירושלימער פאַבריק „הסורג", וועלכע מען קאָן קוים אונטערשיידן פון די פיינסטע לאָדזשער אויסאַרבעטונגען פון דעם מין.

איר זעט דאָ אַ קליינע קאָפּיע פון דער עלעקטרישער סטאַציע אין יפו און ביי דער זייט אַ רעליעפע קאַרטע פון דער רוטנבערג-קאָנצעסיע, וועלכע איז אויסגערעכנט אין איר ע ר ש ט ן פּ ע ר י אָ ד אויף 98 טויזנט פערד-קראַפט.

און דאַן גייען אַ סעריע מוסטערן פון דער ארץ-ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט: קאָרן און ווייץ, אתרוגים און טאַבאַק, — אַלץ זאָגט עדות וועגן אַ הויכער קוואַליטעט פון די פּראָדוקטן און פון אַן אינטענסיוון אופן פון פירן די לאַנדווירטשאַפט.

אַזוי ווי צוליב קאָנטראַסט ווערן געוויזן די מאָדערנע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, מיט וועלכע עס באַנוצן זיך די יידישע פּויערים, און די אוראַלטע הילצערנע סאָכע, מיט וועלכער ס'באַנוצן זיך די אַראַבער.

אין דער אָפּטיילונג פון דער „ציוניסטישער פרויען-אָרגאַניזאַציע" פאַרקויפן זיך אויסאַרבעטונגען פון שפּיצן, וועלכע קאָנען זיך נישט פאַרשעמען פאַר די באַרימטע בריסעלער שפּיצן.

באַלערנד און מיט געשמאַק זענען צוזאַמענגעשטעלט די

פאָטאָגראַפיעס און מאָדעלן פון „סולל-בונה״, פון וועלכע ס׳איז צו זען, אַז די דאָזיקע ריין-קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע האָט אין משך פון דער דריי-יאָריקער עקזיסטענץ באַוויזן אויספירן אַ ריי מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן אויף אַן אַלגעמיינע סומע פון 650 טויזנט פונט.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אַ געאָגראַפישע מאַפע פון ארץ-ישראל אויסגעהאַקט פון שטיין דורך די אַרבעטער פון „סולל-בונה״.

אויף די צייכענונגען און מאַפּעס פון „חברת הכשרת הישוב״ זעט איר די לייסטונגען, וואָס די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט אין משך פון די לעצטע יאָרן געשאַפן פאַרן ערד-קויף און פאַרן הייזער-בוי.

דאַן — בילדער פון תל-אָביב, ווי די שטאָט האָט אויסגעזען אין 1910 יאָר: אַ פוסטער זאַמדיקער פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳זענען פונאַנדערגעוואָרפן איינציקע הייזלעך, און ביי דער זייט—תל-אָביב אין 1924 יאָר: ברייטע פּראַכטיקע אַלעען, שיינע געזעלשאַפטלעכע גע-ביידעס א. אַז. וו.

1924

IV

שוואַרצע און ווייסע קולטור

אין קליינעם פּאַוויליאָן פון פידזשי (אַן אינזל אויפן שטילן אָקעאַן) באַוואונדערן מיר אַ קאָמפּלעט פון גרויסע גאָפּלס און שפּיציקע מעסערס, וועלכע די איינוואוינער פון דעם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם ווינקל האָבן ביז גאָרנישט לאַנג באַנוצט ביים פראַוועון זייערע סעודות מיט פליש פון ווייסע מענטשן, — און מיט אַ פּופּציק מעטער ווייטער געפינט זיך דער „פּאַלאַץ פון טעכניק", וווּ מאַרקאָני-אַפּאַראַטן קאָנען אויפנעמען קאָנצערטן פון אַמעריקע...

קאָן דען זיין אַ גרעסערער קאָנטראַסט ווי צווישן מענטשן-פרעסער און ראַדיאָ? און דאָך לעבן זיי בשכנות, אַט די אוראַלטע אָפּגעשטאַנענקייט מיטן קעניגרייך פון דער צוקונפט, בשכנות אויף דער צאַרטער מוטער-ערד, כאָטש אין פאַרשידענע עקן פון איר, און נאָך מער: די בילדער פון ענגלישן קעניגלעכן פּאָר הענגען אין פידזשי צוגלייך ווי אין „פּאַלאַץ פון טעכניק".

אויף אַ פערטל טייל פון גאַנצן ערד-קוגל פלאַטערט די ענגלישע פאָן, און וויפל אַדמיניסטראַטיווע געניטקייט דאַרף מען האָבן, כדי צו האַלטן דעם רודער פון אַזאַ מעכטיקער מלוכה, כדי אָנצופירן מיט די אַלע שוואַרצע, געלע, ברוינע און ווייסע אונטערטאַנען.

אַפריקע פאַרנעמט אין וועמבליי אַ גאָר חשוב אָרט, און דער שפּאַציר איבער אירע דריי טיילן געהערט צו די אָנגענעמסטע פאַר ליבהאָבער פון עקזאָטיק.

אָט זעט איר אַ הויכע וואַנט פון שניי-ווייסן ליים, וואָס טראָגט די אויפשריפט „מזרח-אַפריקע". דאָס איז אַ מויער, וואָס רינגלט אַרום אַ נעגריש דאָרף אין סודאַן.

העלפאַנט-ציין דעקאָרירן די ווענט. סודאַנישע פירשטן האָבן אויסגעליען אויף דער צייט פון דער אויסשטעלונג רייכע קאָלעקציעס פון וווּנדערבאַרע קאָסטיומען און געווער.

ביימער פון קאַקאַאָ, זעק מיט קאַקאַאָ, נאַטירלעכע גומי און באַוול — דאָס זענען די רייכטימער פון דעם דאָזיקן הייסן ווינקל.

אַ לאַכנדיקער נעגער מיט בלענדנד-ווייסע ציין טיילט אומזיסט מעטאַלענע מעדאַלן, אויף וועלכע עס ווערט געלויבט די קאַקאַאָ פון זיין פאָטערלאַנד.

און אוגאַנדע שטאָלצירט מיטן שיינעם קאָרן, בלענדנד-ווייסן מעל און קוקורוזע.

אַלץ איז דאָ אַזוי פרימיטיוו; איר זעט באַשיינפּערלעך, ווי די קולטור ליגט נאָך דאָ אין די ווינדעלעך און ווי אַ גרופּע ווייסע ענגלענדער איז טאַקע ביכולת אָנצופירן מיט די מיליאָנען גרויסע שוואַרצע קינדער, וואָס באַוווינען די דאָזיקע געגנט...

און אָט גייען מיר אַריין אין די טויערן פון אַ דאָרף, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מערב-אַפריקע".

אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט פון רויטלעכן ליים, איז דאָס דאָזיקע דאָרף אַ קאָפּיע, סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך, פון דער נעגערישער שטאָט קאַנאָ. אַסך עלטערע און יונגערע נעגערן דרייען זיך אַרום צווישן די הייזלעך פון דאָרף, וואָס זענען געדעקט מיט שפּיציקע שטרוי-דעכער אָן פענצטער און מיט אַ לאָך אָנשטאָט אַ טיר. מען ווייזט מיר אויף אייניקע נעגרען, וואָס זענען פאַרנומען מיט אויסשניידן פון האָלץ, אַז דאָס זענען קינדער פון אַ פירשטן-משפּחה.

שוואַרצע ענגלישע זעלנער אין קאָלאָניאַלע אוניפאָרמען קאָקעטירן מיט אייניקע אַפריקאַנישע „שיינהייטן".

צוואָנציק מיליאָן מענטשן באַוווינען דעם דאָזיקן טייל פון אַפריקע; די אימפּעריע באַקומט פון זיי פאַלמען-פּוטער, זיידנס, קאַקאַאָ און אַ טייערן סאָרט געהילץ. גאַנץ אָריגינעל זענען זייערע שניצעכצן, וואָס טראָגן אויף זיך סימנים פון אַן אוראַלטע קולטור.

* *
*

אין פּאַוויליאָן פון „פאַרבאַנד פון דרום-אַפריקע", פון לאַנד, ווו עס וווינען די בורן.

ס'איז נאָך פריש אין זיכרון דער קאַמף פון די העלדישע בורן פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט מיט די ענגלענדער.

מיט וואָס פאַר אַ סימפּאַטיע און אינטערעס מיר, דאַן נאָך קינדער, האָבן נאָכגעפאָלגט דעם אַלטיטשקן פּרעזידענט קרוגער אין זיינע רייזעס איבער די אייראָפּעישע הויפן זוכן יושר פאַר זיין העלדיש פאָטערלאַנד.

און עס זענען קוים אַריבער 23 יאָר, ווי דאָס לאַנד געפינט זיך אונטער דער ענגלישער הערשאַפט, און מען מוז מודה זיין, אַז די בורן האָבן צו איר גאָרנישט צוגעלייגט, נישט עקאָנאָמיש, נישט פּאָליטיש.

איר זעט צו וואָס פאַר אַ הויכער אַנטוויקלונג עס דערגרייכט אין דרום-אַפריקע די קוילן-אינדוסטריע: אַ שיינער מאָדעל פון דימענט-וואַשעריי ווייזט אייך דעם גאַנצן פּראָצעס פון געפינען ביזן שלייפן די דימענטן. ביי דער זייט אונטער אַ גלאָז אַלס אַ פּראָבע אייניקע פּראַכטפולע בריליאַנטן פון אַ פּאָר צענטליק קאַראַט אַ שטיק.

שטאָלץ און בייגיריק שפּאַצירן אַרום שטרויס-פויגלען, אילוסט-רירנדיק לעבעדיקערהייט דעם ים פאַרבן פון פעדערן, וואָס געפינען זיך אויף די ווענט.

איר זעט אַ מיניאַטור פון דער הויפּטשטאָט יאָהאַניסבורג: שיינע געביידעס, קירכן, גערטנער מיט רייכע טראָפּישע געוויקסן און באַזונדערס די געביידע פון פּאַרלאַמענט. די שטים פון דעם דרום-אַפריקאַנישן פּרעזידענט-מיניסטער סמיטס הערט מען טאַקע נישט נאָר אין יאָהאַניסבורג, נאָר גאַנץ באַדייטנד איז איר וואָג אויך אין לאָנדאָן...

און אַרויסגייענדיק פון פּאַוויליאָן דערוואַרט אייך אַ סורפּריז: אויף רעלסן שטייט אַ לוקסוס-צוג (אין זיין נאַטירלעכער גרויס) פון דער „דרום-אַפריקאַנישער אייזנבאַן-געזעלשאַפט". איר קאָנט באַוווּנדערן די באַקוועמלעכקייטן פון די סליפּינגס און פון די געוויינלעכע וואַגאָנעס. און אַז איר ווילט, קאָנט איר אַריינגיין אין רעסטאָראַן-וואַגאָן און אָפּעסן אַ מיטאָג... אין דעם דאָזיקן אַפריקאַנישן צוג, וואָס געפינט זיך אַרום פערציק קילאָמעטער פון לאָנדאָן.

אויסערגעוויינלעך געשמאַקפול איז געבויט דער פּאַוויליאָן פון מאַלאַי.

אַ ווייסע קאָלאָנאַדע אין אַ ראַם פון צוויי מינאַרעטן און פאָרנט אַ פּאַלמען-גאָרטן — דאָס איז דער פּאַוויליאָן אויסערלעך.

און אינעווייניק זיצן מענער און פרויען מיט אַ הויט-קאָליר פון העלן שאָקאָלאַד און וועבן אויף האַנט-מאַשינען פאַרשידענע זיידענע טיכער און סערוועטן, די מענער אין זיידענע העמדלעך, די פרויען — אין געהאָפטענע לאַנגע קליידער.

אַ געוויקסיקער מאַלאַיער, אייראָפּעיש געקליידט, גיט דערקלערונגען אין אַ פליסיקן פראַנצויזיש (אַ זעלטנהייט אין ענגלאַנד!). ער ווייזט די עלעקטרישע מאָדעל פון אַ צין-גרוב, ווו עס ווערן באַנוצט די נייעסטע טעכנישע מיטלען, און דאַן פירט ער אַרויף אויפן הויף, ווו עס איז איינגעאָרדנט אַ מאַלאַיש דערפל און ווו דער צין ווערט באַאַרבעט מיט היימישע מיטלען.

שיינע גומענע אויסאַרבעטונגען אין גלעזערנע שאַפעס און גרויסע מאָדעלן פון טיגערן און אַנדערע ווילדע חיות פון דעם דאָזיקן האַלב-אינזל פאַרפולן דעם פּאַוויליאָן.

די שטאָט סינגאַפּיר שמייכלט צו אונז מיט אירע שיינע גאַסן און טראָפּישע געוויקסן. אין אַלץ פילט זיך אַן אַרטיסטישער געשמאַק און אַ פיל העכערע קולטור, ווי אין די שכנותדיקע אַפריקאַנישע פּאַוויליאָנען.

מיר זענען זאַט מיט דער „פאַבריקער" קולטור; עס הויבט זיך אָן אַ לאַנגזאַמער שפּאַציר איבערן גראַנדיעזן „פּאַלאַץ פון אינדוסטריע", ווו ס'איז קאָנצענטרירט די רייכע פאַבריקס-אויסאַרבעטונגען פון ענגלישן קאָנטינענט.

אין צענטער פון פּאַלאַץ ציט צו די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט אַ ווייסע קאָלאָסאַלע סטאַטוע פון עפּעס אַ מאָדנעם מאַטעריאַל, אין וועלכן עס מינערן זיך אַלע פאַרבן. מיר גייען צו נענטער און פאַרשטייען נישט פון וואָס אייגנטלעך איז געמאַכט די דאָזיקע סטאַטוע? צוקוקנדיק זיך אָבער גוט, דערקאָנען מיר די סחורה: דאָס זענען זייפן-בלאָזן, וואָס ווערן אומאויפהערלעך אויסגעאַרבעט דורך אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט. די סטאַטוע איז אַ רעקלאַמע פון „גיבס עט קאָמפּ".

עס קלאַפּט אַ זיידן-שפּינערײַ אין פולן גאַנג; אַ ביסקוויטן-פאַבריק פונקציאָנירט אין אַ גרויסן מאָסשטאַב און פאַרקויפט אויפן אָרט פּראָדוקטן. עס ווערט אויסגעאַרבעט טראָפּישע איינגעמאַכטס און שאָקאָלאַד פון אַפריקאַנישן קאַקאַאָ. אַ פּראָבע-פּעקל — אַ פּענס...

אין איין צימער מאַכט מען נאָדלען; אין אַנדערן — פּאַפּיר, אָנהויבנדיק פון פּראָצעס פון שניידן די ביימער; דערלעבן — פּאַפּיראָסן...

אין אַ גרויסן זאַל זענען אויסגעשטעלט שטולן ווי אין אַ טעאַ-טער און אונטער קלאַנגען פון מוזיק גייט יעדע פינף מינוט אַרויס אויף דער סצענע אַן אַנדערע פריילין, געקליידט לויט דער לעצטער מאָדע: דאָס איז אַ רעקלאַמע פון לאָנדאָנער „לוור".

עס שפילן גראַמאָפאָנען, פּיאַנינעס...

די „ווייסע" קולטור באַקומט אין דעם דאָזיקן פּאַלאַץ איר העכסטן אויסדרוק.

1924

ע

אין לאַנד פֿון בריליאַנטן

אַז מען פאָרט דריי וואָכן מיט אַ שיף פון לאָנדאָן אין זיד־אַמעריקע קאָן מען דערפאָרן ביז אַן ענגלישער קאָלאָניע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „בריטיש גוויאַנאַ" מיט איר הויפּטשטאָט דזשאָרזשעטון.

דאָס איז אַ שמאָלער פּאַס ערד, וואָס גרענעצט זיך מיט בראַזיליע און וואָס האָט אײַנגאַנצן דריי הונדערט טויזנט אײַנוווינער, — נעגערס שוואַרצע ווי פּעך.

אַ ווילד לאַנד מיט גרויסע וואַסערפאַלן, פון וועלכער דער קייטאָר־וואַסערפאַל האַלט דריי הונדערט אַרשין די הויך און איז פינף מאָל העכער ווי דער וועלט-באַרימטער ניאַגאַראַ־שלוז.

ביז נישט לאַנג האָט זיך די דאָזיקע ענגלישע קאָלאָניע קנאַפּ וואָס אויסגעצייכנט מיט איר עשירות. נישט רעכענענדיק דעם עקספּאָרט פון אַלומיניום און פאַרביקן האָלץ.

פאַרדינט צו האָבן אַ באַזונדערן פּאַוויליאָן אויף דער וועלט־אויסשטעלונג האָט זי צוליב מאַטע שטיינדלעך, וואָס מען האָט אָנגעהויבן צו געפינען אין די טיפענישן פון לאַנד און וואָס האָבן זיך אויסגעוויזן פאַר דימענטן.

ווען איך קוק זיך צו אין פּאַוויליאָן צו דער לעבעדיקער פּאַנאָראַמע און נאַטירלעכער גרויס, וואָס אילוסטרירט אַ ווינקל פון דאָזיקן בריליאַנטן-לאַנד, באַקומט איר אַ שטיקל באַגריף, פאַרוואָס אַ קאַראַט בריליאַנטן איז נאָך עד־היום אַ יקר־המציאות און באַטרעפט אַ פאַרמעגן.

איר זעט פאַר זיך אַ געדיכטן, כמעט נישט-דורכזיכטבאַרן

וואַלד, אין וועלכן עס קריכן געפערלעכע שלאַנגען און עס פליען קלײנינקע, אָבער גיפטיקע מאָסקיטן. קײן וועגן האָט נישט דער וואַלד, נאָר אינמיטן שלענגלט זיך אַ שטורעמדיק שמאָל טײכל אפשר אײן מעטער די ברײט.

דער שטראָם איז אַזאַ ברויזנדער, אַז נישט נאָר אַ געוויינלעך שיפל, נאָר אפילו אַ שיפל מיט אַ שטאַרקן מאָטאָר קאָן נישט פאָרן קעגן שטראָם. און ווער עס וויל דאָך אַרײנקומען אין די טיפעניש פון וואַלד, פאָרט אויף אַ שיפל, וועלכס עס שלעפּן גײענדיק בײם ברעג נישט װײניקער ווי צען שוואַרצע ברואים.

און שטעלט אײך פאָר, אַז כדי צוצוקומען צו די דימענטן־גרובן דאַרף מען דורכמאַכן אַרום דרײ הונדערט קילאָמעטער פון דער דאָזיקער „באַקוועמער" רײזע, וואָס דויערט מינימום צוואָנציק טעג.

די שוואַרצע זענען נאָך דאָ זײער ווילד, שטענדיק הונגעריק און פאַר אַביסל רײז מיט אַ קלײנינקן שפּיגעלע שפּאַנט מען זײ אײן אין די שיפלעך פון די ווײסע ריזיקאַנטן, וואָס לאָזן זיך זוכן גליקן אונטער די הרי־חושך...

דער קלימאַט אָבער איז דאָ אַזאַ, אַז אַ ווײסער קאָן אים קוים פאַרטראָגן און ווי נאָר אַ גיפטיקע פליגעלע גיט אים אַ ביס, איז ער אין פופציק פאַלן פון הונדערט אויף יענער וועלט.

און דאָך זענען אין די דימענטן־גראָבן פון „בריטיש גוויאַנאַ" פאַראַן אַ פאַר הונדערט ווײסע און צוואָנציק טויזנט שוואַרצע אַרבעטער.

די גרובן ווערן עקספּלואַטירט פון ענגלישע און אַמעריקאַנישע קאַפּיטאַליסטן.

די רעגירונג האָט דאָ נאָר אַ קאָנטראָל, אָבער ווי זי איז אַלײן מודה, האָט זיך איר אין משך פון לעצטן יאָר אײנגעגעבן צו פאַר־רעגיסטרירן געפונענע בריליאַנטן אויף אַ סומע פון אַ מיליאָן פונט שטערלינג. אָבער מער ווי דרײ מאָל אַזוי פיל איז פאַרשוווּנדן גע־וואָרן... אין די מאָגנס פון די וואָס זוכן די דימענטן.

די מעשה איז אײנפאַך: אויב אַ ווײסער אָדער אַ שוואַרצער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה, געפינט אַ שטײנדל און קײן אויפזעער איז דערבײ נישטאָ, שלינגט ער עס אײן און דערנאָך געפינט ער שוין אַ וועג, ווי דערברענגען עס צו אַ תכלית... אַבי געזונט!..

אין אָפיציעלן ראַפּאָרט פון דעם גובערנאַטאָר פון „בריטיש גוויאַנאַ" רופט ער אָן די בירגער זײנע אין די דימענטן־גרובן מיטן

איידעלען נאָמען „די האַלז־שניידער“, ווייל עס טרעפט כמעט יעדן טאָג, אַז מען געפינט אין די טיפעניש פון די וועלדער אַ צעשני־טענעם נעגער, ביי וועמען אַ ווייסער אָדער אַ שוואַרצער קאָלעגע האָט געזוכט דימענטן אין... האַלז אָדער בויך.

אויף דער אויסשטעלונג זעט איר אַ מיניאַטור־גרוב פון דימענטן אין וועלכער עס אַרבעטן די גוויאַנער נעגערס.

איר זעט, ווי די שטיינדלעך ווערן געפינען, סאָרטירט און דער־נאָך געשליפן. אונטער אַ גלאָז שטייט אַ טאַץ פול מיט רויע און פאַר־טיקע בריליאַנטן.

איר ווילט דאָך מסתמא וויסן, צי זענען אָט אין דעם ברי־ליאַנטענעם גן־עדן פאַראַן אויך יידן? צופעליק האָב איך זיך צע־רעדט אין פּאַוויליאָן מיטן אויפזעער, וואָס ווייסט עפּעס צו דערציילן וועגן דעם, ווייל ער אַליין איז... אַ פּאָרטוגעזישער ייד. ער דער־ציילט מיר, אַז לעצטנס האָבן אין די דימענטן־גרובן געאַרבעט אַרום צוועלף יידן אַלס פאָרשטייער פון סאַן־פראַנציסקער פירמעס.

ער דערציילט מיר ווייטער, אַז נישט לאַנג איז געשטאָרבן פון אַ פליגעלע־ביס אַ יונגער ביאַליסטאָקער ייד שלמה בערענבלום, וועלכער איז כמעט צוויי יאָר געווען דירעקטאָר פון אַ בריליאַנטן־גרוב, און לויט זיין צוואה איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל אַזש קיין בראַזיליע.

„דער וועג צו בריליאַנטן איז אויסגעשפּרייט מיט טויטע“—ענ־דיקט זיין אינטערעסאַנטע דערציילונג דער פּאַוויליאָן־אויפזעער.

און אַז די גרויסע בריליאַנטן־קאָליעס האָבן געפינקלט צו מיר מיט טויזנטער פאַרביקע בליצן,—האָב איך זיך דערמאָנט די ווערטער פון גוויאַנער אויפזעער...

1926

א י ט אַ ל י ע

I

אַ זונטיק אין ווענעדיק

ווי מיט אַ קאַפּריזער האַנט האָט די נאַטור אַ שליידער געטון אין אַדריאַטישן ים 117 קליינע אינזעלעך און אויף זיי איז געבויט געוואָרן די אָריגינעלסטע שטאָט אין דער וועלט — דאָס וווּנדערשיינע ווענעדיק.

אַ שטאָט, וואָס די גאַסן זענען פון וואַסער, די דראָשקעס — לייכטע גאָנדאָלעס (שיפלעך), די טראַמווייען — רעגולער־קורסירנדע דאַמפּערס—וואַפּאָרעטאָס. דריי הונדערט בריקן פאַראייניקן די 150 שמאָלע וואַסער־גאַסן, וועלכע האָבן אָבער אויך זייער הויפּטגאַס, דאָס איז דער „גראַנד־קאַנאַל". קנאַפּע 4 קילאָמעטער די לענג און ברייטער ווי די מאַרשאַלקאָווסקע אין וואַרשע.

ווי נאָר איר גייט אַרויס פון וואָקזאַל עפנט זיך פאַר אייערע אויגן אַ פּאַנאָראַמע, וועלכע מען פאַרגעסט שוין שפּעטער קיינמאָל נישט: ווי ווייט דאָס אויג כאַפּט זעט זיך דאָס וואַסער פון „גראַנד־קאַנאַל", אויף וועלכן עס שווימלט פון הונדערטער גאָנדאָלעס, וואַסער־טראַמווייען און מאָטאָר־שיפלעך. בייביידע זייטן פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער גאַס ציט זיך אַן אומענדלעכע ריי פון פּאַלאַצן,—יענע פּאַלאַצן פון די ווענעציאַנער פירשטן, פון וועלכע מיר האָבן זיך אָנגעהערט אַזוי פיל מעשהלעך אין שטוב און אין שול.

יעדער פון זיי איז אַ געשיכטע פון הונדערטער יאָרן, אין יעדן האָבן זיך אָפּגעשפּילט בלוטיקע מיטלאַלטערלעכע דראַמעס, אָבער ס'זענען אויך געבוירן געוואָרן מאָלעריי, מוזיק און פּאָעזיע, וועלכע האָבן באַשיינט די מענטשהייט, אָנהויבנדיק פון דער זוניקער עפּאָכע פון רענעסאַנס.

די גאָנדאָלע טראָגט אונז לייכט איבער די רויקע וועלעכלעך פון גראַנד-קאַנאַל ביז פונווייטן דערזעען זיך די ווי פון לייַנען-געוועבטע קאָלאָנעס פון דאָזשן-פּאַלאַץ, און אַ מינוט שפּעטער, די אַרקאַדן פון דער סאַן-מאַרקוס-קירכע.

ענדלעך זע איך אים, דעם סאַן-מאַרקאָ-פּלאַץ, דעם איינציקן טרוקענעם פּלאַץ אין ווענעציע, וועלכער האָט אויך נישט זיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט.

דער ברוק—אויסגעלייגט מיט גרויסע מאַרמאָר-פּליטן; פון איין זייט דער סאַן-מאַרקאָ, וואָס איז געבויט געוואָרן מיט איבער טויזנט יאָר צוריק, און פון די אַלע דריי איבעריקע זייטן פאַרשליסן דעם פּלאַץ הונדערטער דריי-שטאָקיקע מאַרמאָר-סלופּעס, הינטער וועלכע די אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט ווײַלט זיך היינט אין די קאָנדיטאָרייען ביי טויזנטער צעוואָרפענע טישלעך.

ווען זעט איר דאָ נישט?! די הויך-געוויקסיקע ענגלישע ליידיס מיט די קאָדאַקן אין דער האַנט; אַמעריקאַנער יענקיס און דייטשן, וועלכע האָבן זיך מיט אַפּאָר יאָר צוריק אַזוי גוט געפּילט אין מיליטערישער קליידונג; אַ הינדוס מיט אַ היטל פון פאַרדרייטע האַנטיכער ביי דער זייט פון אַ פּיקאַנטער פראַנצויזין, אַזוי ווי פון שפּינוועבס געמאַכט.

אַלץ איז אַזוי יום-טובדיק: ווייל אין ווענעדיק אויפן סאַן-מאַרקאָ-פּלאַץ איז אַן אייביקער יום-טוב, ווייל דאָ קומט דער מענטש זיך זעטיקן מיט שיינהייט, וועלכע איז פאַראַן אַרום אין אַזאַ גרויסער מאָס.

און דאָרט ביים הויכן גלאָקן-טורעם, — ביי דער קאַמפּאַנילאַ, — אין סאַמע מיטן פון פּלאַץ הערט איר דאָס רוישן פון די פליגלען פון מאַסן גראָע, שוואַרצע און ווייסע טויבן, וועלכע באַדעקן דעם מאַרמאָר-ברוק, הויבן זיך פּלוצלינג אויף אויף אייניקע מעטער איבערן פּלאַץ, לאָזן זיך גלייך אַראָפּ צו די אַזוי גוטע אויסלענדער, וועלכע האַלטן פולע הויפנס מיט גרינע אַרבעסלעך און שפּייזן די הייליקע סאַן-מאַרקאָ-טויבן, וועלכע זעצן זיך דערביי אויף די הענט, אויף די אַקסלען און פּיקן די אָנגעגרייטע פאַר זיי קערנדלעך.

אַזוי פירט זיך שוין פון אַסך הונדערטער יאָרן, און די טויבן אין דער ווענעציאַנער רעפּובליק זענען שטענדיק פאַרזאָרגט מיט מזונות.

נישט די מענטשן און נישט די טויבן האָבן נישט קיין מורא איבערגעפאָרן צו ווערן פון אַן אויטאָמאָביל, פשוט דערפאַר, ווייל אין דער גרויסער וועגעדיק איז נישטאָ קיין איין טאַקסי, קיין איין דראָשקע, — קאָן מען דעריבער געמיטלעך שפּאַצירן אינמיטן מאַרק און רויק צערטלען די טויבן אָדער די פיל, פיל קינדערלעך, וואָס שפּילן זיך מיט זיי...

און אַז עס קומט דער אָוונט און אויפן טונקל־בלאָען הימל צינדט זיך אָן די איטאַליענישע לבנה, וועלכע, דאַכט זיך, איז עפּעס גאָר אַן אַנדערע ווי ביי אונז, ווערט אַ באַזונדערער חן אויסגעגאָסן אויף דער דאָזיקער כישוף־שטאָט וועגעדיק.

ווייס־געקליידטע דאַמען און העון ציען זיך אין אַ לאַנגער קייט דורכן פּיאַצעטאָ צו דער סטאַציע פון די גאָנדאָלעס אויפן „גראַנד־קאַנאַל”. ווי נאָר די צוויי קופּערנע פיגורן אויפן טורעם־זייגער וועלן אויסקלאַפּן מיט זייערע שווערע האַמערס צען מאָל, וועט זיך אָנהויבן דער שפּאַציר איבער די וועגעדיקער קאַנאַלן אין די שאָטנס פון די אַלטע פּאַלאַצן, וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין די טונקעלע וואַסערן.

* *
*

היינט איז גראָד אַ גרויסער יום־טוב: די יערלעכע רעגאַטן־פייערונג, אין וועלכער עס נעמען אָנטייל נישט די אָנגעקומענע געסט, נאָר אויך די גאַנצע וועגעציאַנער באַפעלקערונג.

דער ווירט פון מיין האָטעל הייסט מיך זיך איילן באַקומען אַ פּלאַץ אין אַ גאָנדאָלע, ווייל איך קאָן נאָך חלילה בלייבן אויסן צוליב דעם גרויסן געדראַנג אַרום די שיפלעך.

און ער האָט געהאַט רעכט, מיין טרייער באַלעבאָס: איך לויף פון איין גאָנדאָלער צום צווייטן, נאָר אַלע מיט איין קול ענטפערן, אַז זיי זענען שוין פאַרנומען פון נעכטן; אַז ס'איז גאָר קיין האָפענונג נישטאָ, דאָס איך זאָל באַקומען אַן אָרט אין אַ שיפל.

נאָר ענדלעך איבערצייג איך אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער גאָנדאָלע, אַז ווו ס'איז פאַראַן אָרט פאַר 20 פּערזאָן, וועט זיך געפינען פאַר אַן איינאונצוואַנציקסטן, אַז 20 ליר (אונזערע 4 זלאָטעס) איז אַ באַדייטנדע מטבע אין איטאַליע און אַז דאָס איז טאָפּלט ווי

ס׳צאָלן אים זיינע איבעריקע פאַרשוינען, — און איך פאַרנעם מיין פלאַץ אין גאָנדאָלע: איך וועל, הייסט עס, צוזען די גאַנצע פייערונג.

פונקט צען אַזייגער הויבן זיך אָן די גאָנדאָלעס צו גליטשן איבער די ווענעציאַנער קאַנאַלן. פון אָנפאַנג איז עפּעס אַזוי שטיל; אַלץ געפינט זיך אין דערוואַרטונג, וועלכע ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דער סודותפולער הענגענדיקער נאַכט אין דער צויבער־שטאָט.

פאַר אונז, הינטער אונז און ביי די זייטן גליטשן זיך ווי שאָטנס צענטליקער גאָנדאָלעס אָנגעפולט מיט מענטשן און אַלע פאָרן מיר אין דער ריכטונג צו דער ריאַלטאָ־בריק, וואָס איז דער צענטראַלער פונקט פון היינטיקן יום־טוב.

און פלוצלינג...

טויזנטער עלעקטרישע לעמפלעך צינדן זיך אָן אויפן פאַסאַד פון דער קונסט־אַקאַדעמיע, פאַרוואַנדלענדיק זי אין אַ געביידע, וואָס איז ווי צונויפגעשטעלט פון פיל־פאַרביקע פייערן.

דאָס איז געווען אַזוי ווי אַ סיגנאַל: דער קאַמערלענגי־פאַלאַץ (געבויט אין 14־טן יאָרהונדערט) ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ים בענגאַלישע פייערן, — רויטע, געלע, גרינע, — די נאַציאָנאַלע פאַרבן פון איטאַליע, און די פייערן פאַרשפּרייטן זיך אויף די וואַסערן פון אַ קאַנאַל, מאַכנדיק פון זיי אַ גרויסע איטאַליענישע פאָן, אויף וועלכן ס׳וויגן זיך הונדערטער גאָנדאָלן...

עס עפענען זיך די אומגעהויער־גרויסע ווענעציאַנישע פענצטער פון די מיסטערישע פאַלאַצן און די זאַלן ווערן באַגאָסן מיט די העלע לאָמפּן פון די קאָלאָסאַלע קאַנדעליאַברעס פון שיינעם געשניצטן בראָנז.

אויף די באַלקאָנען ווייזן זיך אין גאַז־שאַלן די סעניאָרעס און סעניאָרינעס, די צאַרטע פרויען־פּרוכטן פון ווענעציאַנער גאָרטן, וועלכע ווילן זיך אויך צוקוקן, ווי דאָס פאָלק און די אויסלענדישע געסט יובעלן.

דער גאַנצער קאַנאַל אויף אַ שטח פון עטלעכע קילאָמעטער פינקלט פון עלעקטרישע לעמפלעך; אויף די דעכער צינדן זיך אָן סלופּעס פון פייערווערק, וועלכע מאַכן פון נאַכט — טאָג און פוןווירקלעכקייט — אַ חלום.

פון די זייטיקע שמאָלע געסלעך־קאַנאַלן שווימען אַרויס גאָנדאָלעס אונטער חופּות פיל־פאַרביק באַלויכטן, פון וועלכע ס׳טראָגט זיך אַן איידל שפּילן פון צענטליקער מאַנדאָלינעס.

אונטערן ליכט פון די לאַמפּיאָנען גלייכן זיך אויס שלאַנקע פּרויען-פיגורן, וועלכע הויבן אָן זינגען עפּעס אַ לעבעדיק ליד, וואָס ווערט שנעל אונטערגעכאַפּט פון אַלע איטאַליענערינס אונטער אַקאָמפּאַנימענט פון מאַנדאָלינעס און גיטאַרעס.

דאָס זינגען ווערט אַלץ לײדנשאַפטלעכער: עס פאַרכאַפּט שוין טויזנטער, טויזנטער אָנטיילנעמער; עס נעמען שוין אין אים אָנטייל די אומצאָליקע ווענעציאַנער, וואָס שטייען ביי די שמאָלע ברעגעס פון די קאַנאַלן און קוקן זיך צו צו די שווימענדע.

און פּלוצלינג ווערט עס שטיל.

עס האָט זיך באַוויזן די אין ליכט-איינגעטונקטע מאָטאָר-גאָנדאָלע פון די אַרטיסטן פון דער מילאַנער אָפּערע און פון דאָרטן דערהערט זיך אַ סאַמעטענע שטימע פון אַ טענאָר. מן הסתּם קאָן מען אין ווענעדיק דעם דאָזיקן העלדן-טענאָר, ווייל איבערן גאַנצן קאַנאַל פאַרהענגט זיך פּלוצלינג אַ טויטע שטילקייט, וועלכע ווערט נאָר איבעריסן דורכן שיפּען פון די בענגאַל-פייערן אויף די דעכער אַרום.

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן,—און דער טענאָר זינגט ווייטער עפּעס אַ הייס ליד, וואָס קלינגט ווי אַ ליבע-רוף אין דער דאָזיקער וווּנדערלעכער נאַכט אַריין.

די גאַנצע באַוועגונג אין הויפּט-קאַנאַל איז אָפּגעשטעלט. אַלע גאָנדאָלעס זאַמלען זיך אַרום ריאַלטאָ-בריק און ווידער קלינגען די גיטאַרעס, אַקאָמפּאַנירנדיק אַ טרוימעריש באַרקאַראָלאַ, און עס טראָגט זיך איינדערלופטן אַ דורשט נאָך ליבע און טאַנץ, נאָך וויין און געזאַנג...

עס דערמאָנט זיך אַ מעשהלע פון „טויזנט און איין נאַכט", אין וועלכן דאָס אָרט פון קאַליף פאַרנעמט זיין מאַיעסטעט דאָס פאָלק.

מאָרגן פאַרטאָג וועלן זיי אַלע, שמוציקע און אָפּגעריסענע, זיך אומקערן צו די מיט נאַסע פאַרביקע וועש באַהאָנגענע פייכטע וווינונגען; אויסער דעם פלעשל רויטן קיאַנטי-וויין און דעם ביסל מאַקאַראָנעס האָבן זיי גאָרנישט אין זייערע שפייכלערס, — היינט אָבער הערשט דאָס ליד, די ליידנשאַפט, די לוסט צום לעבן און ליבן און דעריבער איז אַ שאָד יעדע מינוט, יעדע רגע, די זומער-נאַכט איז דאָך אַזוי קורץ און דאָס בלוט אַזוי הייס...

דער הימל אויף מזרח הויבט שוין אָן העלער צו ווערן, אָבער

דאָס שפּילן און זינגען אויף די וואַסערן פון ווענעדיק איז נאָך אין פולן ברען.

עס ווערן אָבער איינציקווייז אויסגעלאָשן די פייערן אויף די פּאַלאַצן און די גירלאַנדן-לעמפּלעך אויף די אויסלענדער-גאָנדאָלעס. שוין אַוועקגעשוווומען דאָס אַרטיסטן-שיפל; שוין אָפּגעטיילט זיך צענטליקער פּאָרלעך אין קליינע גאָנדאָלעס אויף די זייטיקע שמאָלע קאַנאַלן.

פון די פינצטערע וואַסער-געסלעך טראָגט זיך ווי-נישט-ווי אַ שטילע סערענאַדע געזונגען פון אַ פאַרליבטן ראָמעאָ צו זיין דזשולעטע...

דער יום-טוב איז צו ענדע, אָבער נישט פאַר די אויסלענדער. וועלכע וועלן מאָרגן פרי פאָרן זיך אָפּפרישן אין די קאַלטע ים-כוואַליעס פון גלאַנצנדיקן לידאָ, ווו אויפן קלאָרן זאַמד פון דער גאָלדענער פּלאַזשע וועלן אין באָד-קאָסטיומען קאָנקורירן די שיינהייטן פון דער גאַנצער און פון דער „האַלבער" וועלט.

1925

II

##ביים טיטוס־טויער אין רוים

שוין קנאַפּע 3000 יאָר שטייט די „אייביקע שטאָט” רוים אויף אירע זיבן בערגלעך, וועלכע זענען אייגנטלעך זיבן גרויסע זייטן פון דער געשיכטע פון דער קולטור און מענטשהייט.

אָבער ווי קליין און נישטיק איז דאָס רוים פון היינטיקן טאָג קעגן דעם גלאַנץ און פּראַכט פון אַמאָליקן רוים, וועלכע איז מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געווען דער הערשער איבער דער גאַנצער דעמאָלסדיקער וועלט.

היינט איז רוים נאָר אַ שטאָט פון עפּעס מער ווי 675 טויזנט איינוווינער, נאָר די דריטע שטאָט לויט איר גרויס אין איטאַליע, נאָך נעאַפּאָל און מילאַן.

אָבער מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק!?

איבער אַ מיליאָן מענטשן האָבן דאַן באַוווינט אויף אַ קלענערן פּלאַץ, ווי עס פאַרנעמט דאָס היינטיקע רוים. צו זיינע פיס האָבן זיך איינגעבויגן די אַנדערע געלייגט אַזעלכע מאַכטן ווי גריכנלאַנד, אַפריקע, שפּאַניע און דאָס דעמאָלסדיקע גאַליע (פראַנקרייך); עס איז צעבראָכן געוואָרן די אַרמעע פון גרויסן פירער האַניבאַל און ענדלעך... ענדלעך... איז אויך געפאַלן דער ביטערסטער און פאַרעקשנסטער געגנער — יהודה און ירושלים...

איז דען געווען ווייניק סיבות שטאָלץ צו זיין? האָט מען טאַקע געבויט צענטליקער פּאַלאַצן צום רום און כבוד פון די גרויסע געטער, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צו שאַפן די מעכטיקע רוימישע אימפּעריע.

יופיטער, מינערוואַ, וועגעראַ און סאַטורן האָבן דאָרט, אין זייערע ווייטע הימלען, געקאָנט צופרידן זיין פון די אומגעווײנלעך שיינע געביידעס, וועלכע מען האָט באַשטימט פאַר זייערע סטאַטועז; און די הערשער פון דער רוימישער רעפּובליק, — דער סענאַט און די איינציקע טריומוויראַטן, ווי אויך שפּעטער די צעזאַרס, — האָבן אין אַ פיבערהאַפטער קאָנקורענץ באַשיינט די שטאָט מיט אַלץ שענערע מאָנומענטן, מיט געביידעס פון רייכקייט און סטיל, פון וועלכע מיר, די שטאָלצע מענטשן פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, קאָנען גאָרנישט חלומען.

עס איז דאַן געווען אַן עפּאָכע פון רומפולן גלאַנץ, און די רוימישע באַפעלקערונג האָט זיך געקוויקט מיט די פּאָעמען פון ווירגילי, טיט-ליווי און צענטליקער אַנדערע שוין פאַרגעסענע פּאָעטן, וועלכע האָבן באַזונגען די שטאָט פון זיג, שיינהייט און קונסט.

און די מיליאָניקע באַפעלקערונג פון פאַר צוויי טויזנט יאָר האָט געפאָדערט פאַר זיך אַלץ מער באַקוועמלעכקייטן און פאַרגעניגן; מען האָט אויפגעבויט פאַר איר אַ טעאַטער מיט אכציק טויזנט פּלעצער — „קאָלאָסעום". מען האָט איינגעאָרדנט צופוסנס פון דעם סענאַט-פּאַלאַץ דעם וווּנדער פון אַרכיטעקטור — דעם פאָרום, מיט צענטליקער טעמפּלען פאַר די געטער און געטינס, מיט גאַנץ אינטימע געביידעס פאַר די שיינע „בתולות-וועסטאַלקעס", וועלכע פלעגן היטן דאָס „אייביקע פייער", מיט רעדנער-טריבונעס און טריומף-טויערן, מיט קאָלאָסאַלע פאָנטאַנען און אומגעהויער-הויכע קאָלאָנעס, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען די פיגורן פון די פאַרגעטערטע זיגער.

און יעדעס מאָל, ווען אַ נייער זיג, אַ נייער דערפאָלג האָט געקרוינט דאָס געווער פון די רוימישע פעלדמאַרשאַלן, פלעגט אויפגעשטעלט ווערן אַ דענקמאָל לכבוד דעם זיג און זיגער, און דאָס פאָלק האָט פאַרפולט דעם פאָרום, דעם „קאָלאָסעום", און זאַט פון ברויט און ווײַן פלעגט מען מיט טריומפן באַגעגענען דעם מיט לאָרבער-קרענץ באַצירטן קאָפּ פון העלד.

און דערנאָך איז אַלץ, אַלץ אַוועק מיט אַ רויך, באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט און באַשאָטן געוואָרן מיט טויטע קערפּערס.

מיט אַן אינערלעכן נערוועזן ציטער האָב איך זיך דערנענטערט



דער טויער פון טיטוס.



א פראגמענט פון טויער.

צום פאָרום אין „קאָלאָסעום", ווייל איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל געפינען נישט נאָר די איבערבלייבענישן פון דער קאַלטער געשיכטע, נאָר אויך אַ צאַפּלדיק־אָנגעווייטיקט ייִדיש ווינקעלע, — דעם טריומף־טויער, וועלכן דער רוימישער סענאַט האָט אויפגעשטעלט לכבוד טיטוס הרשע, ווען ער האָט איינגענומען ירושלים, פאַרברענט דעם בית־המקדש און געפירט מיט זיך ביז צוואָנציק טויזנט שענסטע און בעסטע זין און טעכטער פון יהודה און ירושלים.

איך האָב זיך מיט אַ כּיוון אָפּגעטיילט פון אַ גרויסער גרופּע פרייליכע אַמעריקאַנער טוריסטן, וועלכע זענען אַזוי רעשיק געגאַנגען איבער די שטיינערנע פּליטן פון פאָרום און מיט שרייענדע קולות זיך געטיילט מיט זייער התפּעלות, אַנטציקט פון די אַלטערטימער.

איך גיי פאַרביי די חורבות פון די געטער־טעמפּלען, פון וועלכע עס זענען געבליבן שטיין שיינע מאַרמאָר־סלופּעס. אָט איז די רעדנער־טריבונע, אָט זענען די איבערגעבליבענע טיילן פון די פּאַלאַצן פון די צעזאַרס, דאָ איז די „ארקע" פון סעפּטים־סעווער, אַנטקעגן — דאָס „הויז פון גערעכטיקייט", — אַלץ אַלטע אַנטיקן, וועלכע פילן אָן דעם מענטשן מיט איינדרוקן אָן אַ סוף.

און... דאָס איז דאָך דער טריומף־טויער פון טיטוסן!

די זון ברענט שטאַרק. אַרום מיר זענען פאַראַן גאָר ווייניק מענטשן, וועלכע באַהאַלטן זיך פאַר דער שרעקלעכער היץ הינטער די פּאַלמען־בוימער פון די שטאָטישע וועלדלעך און גערטנער, אָבער איך בין מיט דעם העכסט צופרידן.

צוויי ערטער זענען פאַראַן אין דער וועלט, וווּ דער ייִד וויל זיין אינגאַנצן אַליין, אָן עדות, אָן צושויער: ביים כּותל־מערבי אין ירושלים און ביי דעם טיטוס־טויער אין רוים.

דער טויער איז פאַר די 1855 יאָר, וואָס ער שטייט, זייער ווייניק געענדערט געוואָרן. די אויפשריפט אויף אים אין לאַטיין: „דער רוימישער סענאַט — דעם זיגרייכן טיטוס, זון פון וועספּאַסיאַנוס, פאַר באַקעמפן ירושלים" איז נאָך היינט פריש און לעזבאַר; אינעווייניק זענען אויסגעהאַקט פון שטיין צוויי גרויסע בילדער־באַרע־ליעפן: איינע שטעלט פאָר דאָס אַריינפאָרן פון טיטוסן אין רוים אויפן רייטוואָגן, און דאָס אַנדערע בילד שטעלט פאָר, ווי דאָס רוימישע חיל טראָגט די מנורה, דעם שלחן הזהב און אַנדערע הייליקייטן פון בית־המקדש, טרייבנדיק פאָרויס די ייִדישע געפאַנגענע.

איך בין גאַנץ נאָענט צוגעגאַנגען צו די אויסגעקריצטע בילדער, געזוכט אייַנצלהייטן פון אונזערע אָבות, וועלכע האָבן הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע עלף מאָנאַטן אייַנגעהאַלטן דעם שטורעם פון די רוימישע לעגיאָנען, געקעמפט ווי לייבן מיט דעם וועלט-זיגער, און ענדלעך, באַזיגטע, געפירט געוואָרן אין טריומפירנדן רוים דורך אָט דעם דאָזיקן טויער, ווו איך, זייער ווייטער, ווייטער אייניקל, שטיי איצט און, פול מיט צער און בענקשאַפט, באַדויער זייער שרעקלעכן שיקזאַל.

זיי האָבן דאַן געוויס זיך נישט פאָרגעשטעלט, די דאָזיקע העלדן פון ירושלים, אַז אין 1800 יאָר אַרום וועט ווידער אַ שטראַלנדע זון פון אויפלעבונג באַשייַנען די בערג פון „באַזיגטן" יהודה און אַז פון גרויסן טיטוס מיט דעם גאַנצן אַמאָליקן רוים וועט בלייבן נאָר אַ פרעכטיקער בית-הקברות, אויף וועלכן דער נייער ייִד, דער ערשטער בעסטער ראובן בן שמעון, וועט שפּאַצירן פול מיט האָפענונג, פול מיט גלויבן אין דער ווירקלעכער אייביקייט פון זיין פאָלק, וועלכע קיין טיטוס הרשע איז נישט בכוח צו צעברעכן...

איך רייס זיך אָפּ פון טיטוס-טויער, וועלכער האָט מיך אַרייַנגעוואָרפן אין אַ גאַנצן תהום פון מחשבות, וואָס האַרמאָנירן אַזוי ווייניק מיט די רויִנען פון די אַרומיקע פּלעצער, און איך דערנעענטער זיך שנעל צום „קאָלאָסעום"-טעאַטער.

נאָך היינט מאַכט ער אַן אומפאַרגעסלעכן אייַנדרוק מיט די צענטליקער טויזנטער פּלעצער, וועלכע הויבן זיך אויף אַ הויך פון פיל שטאָק, מיט דער אַרענע, אויף וועלכער עס פלעגן פאָרקומען בלוטיקע קאַמפן פון מענטשן מיטווילדע חיות, פון די באַרימטע גלאַדיאַטאָרן צווישן זיך.

אָט איז די גרויסע קעניגלעכע לאָזשע, פונוואַנען עס פלעגט אַראָפּגעוואָרפן ווערן דער שליסל צום שטיין-גרוב פון די אויסגעהונגערטע לייבן און טיגערן.

ביי דער זייט, — די לאָזשע פון די קעניגלעכע „וועסטאַלקעס" (הייליקע מיידלעך), וועלכע פלעגן דעצידירן, צי דער באַזיגטער גלאַדיאַטאָר דאַרף ענדגילטיק דערשטאָכן ווערן. אָט איז די גאַנצע גאַלעריע פון רוימישן סענאַט, מיט זיין הויכער קולטור, וועלכער

פלעגט צוזעען קאַלטבלוטיק די שוידערהאַפטע סצענעס פון אַרענען־קאַמף.

איך לאָז זיך אַראָפּ אין די קעלערס, ווו די פאַרמשפּטע ערשטע קריסטן, הויפּטזאַכלעך יידן, פלעגן אָפּוואַרטן, מען זאָל זיי אַרויסלאָזן צום קאַמף מיט די לייבן, באַקומענדיק נאָר אַ שווערד זיך צו שיצן.

איך גיי אַריין אין די שטיינערנע גרובן, ווו די הונגעריקע חיות האָבן אָפּגעוואַרט, ווען מען וועט זיי אַריינלאָזן אויף דער אַרענע און מיט זייער ברומען פאַר דער פאָרשטעלונג האָבן זיי אַריינגע־בראַכט אין אַ לײַדנשאַפטלעכן ציטער די נאָבעלע פּאַטריציער און זייערע „צאַרטע" דאַמען.

דער „קאָלאָסעום" איז געבויט געוואָרן אַזוי פונדאַמענטאַל, אַז זיינע גרויסע שטיינערנע ווענט האָבן אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון אַ פּאָר טויזנט יאָר און לאָזן אונז היינט איבער אַ באַגריף פון די פאַרוויילונגען פון אַלטן רוים.

נאָך אַ קורצן שפּאַציר פאַרלאָז איך דעם פּלאַץ פון דער גרויסער און אַזוי גרויזאַמער פאַר אונז רוימישער גלאַנץ־עפּאָכע.

און ווען עס קומט דער קילער אָוונט און די זאָרגלאָזע איטאַל־יענער, זינגענדיק און פייפנדיק פריילעכע לידער, פאַרפולן די „קאָרסאָ־הומבערטאָ", די הויפּט־גאַס פון רוים, פאַלט מען אַריין אין אַ שטימונג, וואָס איז גאַנץ ווייט פון דער קלאַסישער פאַרגאַנגענהייט.

1925

III

רוים אין „הייליקן יאָר"

נישט אַלע ווייסן מן הסתם, אַז יעדע 25־סטע יאָר פון דער קריסטלעכער ערע איז אַ הייליקס ביי דער קאַטוילישער וועלט.

אין „הייליקן יאָר" עפענען זיך די בראָנזענע טירן פון דער וואַטיקאַן־קירכע פאַר די הונדערטער טויזנטער גלוביקע, וואָס שטראָמען פון אַלע עקן וועלט צו די פיס פון הייליקן פאָטער, דעם רוימישן פויבסט.

עס פאָרן ספּעציעלע צוגן מיט פּילגרימען פון פראַנקרייך, שפּאַניען, פּוילן, אירלאַנד. עס פאָרן גרויסע שיפן פון אַמעריקע, אַרגענטינע, פון די אינזלען פון מיטללענדישן ים, פון יאַפּאַן, כינע.— פון אומעטום, ווו דער קאַטאָליציזם האָט זיינע גלוביקע, ווו דער פויבסט איז אָנערקענט אַלס קריסטוסעס פאַרטרעטער אויף דער ערד.

און אויב עס עקזיסטירט אַ שפּריכוואָרט: „אַלע וועגן פירן קיין רוים", איז בנוגע דעם יאָר אַ גרויסער אמת.

ס'איז שוין נישטאָ אפילו דער גלאַנץ פון די „הייליקע יאָרן" פאַר גאַריבאַלדיס נצחון (1870), ווען אויפן פויבסטס קאָפּ האָבן גערוט ביידע קרוינען: דער כתר של מלכות פון איטאַליע און דער קאַטוילישער כתר של כהונה.

היינט זיצט דער קעניג פון איטאַליע אין קווירינאַל־פּאַלאַץ, וואָס איז אינגאַנצן פאַר אַ פופציק יאָר צוריק געווען נאָר די זומער־רעזידענץ פון פויבסט, און דער לעצטער ווינט פאַרמאַכטערהייט אין וואַטיקאַן, פון וועלכן (אַזאַ טראַדיציע איז דאָס שוין) ער גייט נישט אַרויס ביזן טויט: דאָס איז נאָך עד־היום אַ פּראָטעסט קעגן

דער „מלכותא דארעא״ פון דער איטאַליענישער דינאַסטיע, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער „מלכותא דרקיע״ פון די פויבסטן.

שוין פון 8 אַזייגער אינדערפרי ציען זיך איבער די גאַסן פון רוים, וואָס פירן צום וואַטיקאַן, איבער די בריקן פון טייך טיבער צופוס און מיט צענטליקער ספעציעלע אויטאָבוסן, די אָנגעפּאַרע־נע געסט צו דער סאַן־פּעטער־קירכע.

מער ווי אַלץ זעט מען גלחים אין פאַרשידענער פאַרביקער קליידונג, פון אַלערליי פעלקער און שפראַכן, וועלכע גייען פאָרוייז מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ נאָך דער ברכה פון הייליקן פאָטער.

אויפן פּלאַץ פאַרן וואַטיקאַן, אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, וואָס איז רעגולירט געוואָרן לויט די פּלענער פון די גרעסטע קינסטלער מיט מיקעל אַנדזשעלאָ אָן דער שפּיץ, רודערט זיך פון אַ טויזנט־קעפּיקן המון, געקליידט ווייס און שוואַרץ, וועלכע וואַרטן מיט אומ־געדולד דעם מאָמענט, ווען די טירן פון וואַטיקאַן און פון דער סאַן־פּעטער-קירכע וועלן זיך עפענען, און נאָך אַ פייערלעכער גאָטס־דינסט וועט מען קאָנען אָנקוקן אים אַליין, דעם ציל פון זייער וויטער רייזע, דעם אָביעקט פון זייער טיפן גלויבן.

עס קומען אויך נישט נאָר קאַטאָליקן, נאָר טוריסטן פון פאַר־שידענע אַנדערע רעליגיעס, וועלכע ווילן נישט, אַז מען זאָל וועגן זיי זאָגן, דאָס „מען איז געווען אין רוים און נישט געזען דעם פויבסט״.

* *
*

ביים אַריינגאַנג אין וואַטיקאַן טרעפט מיט מיר די ערשטע אומאָנגענעמלעכקייט:

מיין באַגלייטערין, אַ רוימערין און אַ הונדערט-פּראָצענטיקע קאַ־טוילין, ווערט אָפּגעשטעלט פון אַ דיקן, שוואַרצן גלח, וועלכער ווענדט זיך צו איר מיט אייניקע שאַרפע ווערטער אין איטאַליעניש. איך באַ־מערק, אַז מיין דאַמע ווערט זייער רויט און בלייבט שטיין אַביסל צעמישט. אויף מיין פראַגע, וואָס איז געשען, דערקלערט זי מיר, אַז דער גלח האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיט קורצע אַרבל מעג מען גיין אין טאַנץ־קלאַס און ס׳איז אָבער אַ חוצפה צו קומען אַזוי אין וואַטיקאַן. זי מוז דעריבער גלייך גיין אין שטוב זיך אי־בערטון, כדי צו קאָנען אַריינגיין.

אַזוי ווי מיינע אַרבל זענען געווען אין פולער אָרדענונג, ווער איך העפלעך אַריינגעבעטן אין סאַן־פעטער־קירכע, ווו גראָד איצט ווערט אָפּגעריכט אַ גאָטס־דינסט דורך איינעם פון די קאַרדינאַלן.

די דאָזיקע קירכע איז ווירקלעך דער שענסטער קריסטלעכער טעמפל אין דער וועלט; דורך דעם זייער הויכן בלאָען קופּאָל ווערן דורכגעלאָזט שטראָמען ליכט אויף די קאָלאָסאַלע מאַרמאָר־סטאַטועס פון די הייליקע. אין דער טיפעניש געפינט זיך אַ חופּה פון ריינעם גאָלד, אַ מײַסטערווערק פון 15־טן יאָרהונדערט, אונטער וועלכער נאָר דער פּויבסט זעלבסט איז מתפלל.

אין דער לענג פון דער גאַנצער קירכע זענען אויסגעשטעלט קאָלאָנעס פון קאָלירטן מאַרמאָר, וועלכע שטאַמען פון די טעמפּלען פון אַמאָליקע געצנדינער, און די ווענט זענען זייער רייך אָרנאַמענ־טירט מיט בילדער פון ראַפאַעל, מיקעל אַנדזשעלאָ און גערבינו.

אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע איז די קליינינקע ווידוי־צימער־לעך, ווו די פּילגערן פון פאַרשידענע פעלקער און שפּראַכן קאָנען זיך מתוודה זיין אין זייערע זינד, יעדער אין זיין לאַנד־שפּראַך; איר קאָנט דאָ הערן דעם ווידוי אין ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, אַראַ־ביש, פּויליש, דייטש א. אַז. וו. אויף יעדער בודקע איז אויפגע־שריבן אין וועלכער שפּראַך מען קאָן זיך מתוודה זיין, און איך מוז מודה זיין, אַז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט מיך גאַרנישט גע־אַרט, וואָס צווישן אַזוי פיל שפּראַכן פיגורירט לגמרי נישט יידיש אָדער העברעיש; מיין נאַציאָנאַלע אַמביציע האָט פון דעם אַ האָר נישט געליטן.

ענדלעך דערנענטער איך מיך צום אַרויסגאַנג אין די אודיענץ־זאַלן פון פּויבסט. איך האָב געהאַט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער וואַטיקאַן־קאַנצעלאַריע אָנוועזנד צו זיין ביי דער פייערלעכער אויפנאַמע פון די פּילגערן דורכן פּויבסט און דאָ טרעפט מיך די צווייטע אומאָנגענעמלעכקייט: אויף דער טיר הענגען די כללים, ווי אַזוי מען דאַרף זיך האַלטן בעת דער פּויבסט ווייזט זיך פאַרן פאָלק. און צווישן אַנדערע איז דאָרט געזאָגט, אַז אַלע מוזן גלייך פאַלן אויף די קני און ווען דער פּויבסט גיט די אָבלאַטקע מיט דער הייליקער האָסטיע דאַרף מען קושן דעם פּעטרוס־רינג אויף זיין האַנט.

ס׳איז אפילו גאַנץ אינטערעסאַנט ביי צו זיין די גאַנצע צערע־מאָניע און מיינע קאָלעגן־זשורנאַליסטן האָבן מיך מתרה געווען, אַז

צוליב אַזעלכע „קליייניקייטן", ווי פאַלן אויף די קני און אַראָפּשלינגען די האָסטיע, לוינט זיך פאָרט נישט אָפּצוהאַלטן פון צו זען דעם פּויבסט, נאָר דאָך בין איך ווייטער ווי די טיר צום אויטדיענץ-זאַל נישט געגאַנגען... און ווי איר זעט שעם איך זיך גאָרנישט צו דער-ציילן, ווי אַזוי איך בין געווען אין רוים און דעם פּויבסט נישט געזען.

דערפאַר אָבער איז אין זעלבן וואַטיקאַן פאַראַן אַזוי פיל אינ-טערעסאַנטע זאַכן, אַז נישט נאָר אין אייניקע שעה, נאָר אפילו אין אייניקע מאָנאַטן, איז מען דאָס נישט בכוח גוט אָנצוקוקן, ס'איז גע-נוג צו דערמאָנען, אַז אין די טויזנט זאַלן פון וואַטיקאַן איז אָנגע-זאַמלט אַן עשירות, אָנהויבנדיק פון די צירונגען און קברים פון די פּרעהס אין מצרים און ענדיקנדיק מיט די גרעסטע קונסטווערק פון מיטלאַלטער און פון דער נייער צייט.

לכבוד דעם „הייליקן יאָר" איז אין די זאַלן פון וואַטיקאַן איינ-געאָרדנט געוואָרן אַ ספּעציעלע מיסיאָנערן-אויסשטעלונג, אין וועלכער עס ווערט אָפּגעשפּיגלט די גוואַלטיקע אַרבעט פון די קאַטוילישע מיסיאָנערן אין אַלע וועלטטיילן.

איר זעט דאָ, ווי אַזוי עס קומט פאַר דאָס פריידיקן פון קריסטנטום צווישן הינדוסן, כינעזער, שוואַרצע נעגערן אין טיף-אַפריקע.

איר זעט דאָ שרעקלעכע בילדער פון די ליידן, וואָס די מיס-יאָנערן איבערהויפּט די נאָנעס האָבן אויסצושטיין פון די ווילדע פעלקער, וועלכע ווילן נישט אָננעמען די מיסיאָן:

מען ברענט די מיסיאָנערן אויף שייטער-הויפנס, מען שניידט זיי אויס איינציקע גלידער, מען קלאַפּט זיי אָן לעבעדיקערהייט אויף צלמים...

איבערהויפּט איז שרעקלעך דאָס בילד פון דערהרגענען די צען מיסיאָנערן בעתן באָקסערן-אויפשטאַנד אין כינע אין 1900 יאָר.

עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער שוידערהאַפטער טויט פון די מיסיאָנערן האָט דעמאָלט געדינט פאַר איינע פון די סיבות פון דער מלחמה קעגן כינע.

פאַר מיר, אַלס ייד, האָט אַ באַזונדערן אינטערעס אַרויסגערופן דער זאַל אונטערן נאָמען: „פּאַלעסטינע — דאָס הייליקע לאַנד".

אינמיטן שטייט אַ זייער גרויסער מאָדעל פון בית-המקדש, וועל־כער ציט צו זיך צו די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט.

אַ דאַרער יעזויט מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ שטריק אויף די לענדן גיט דערקלערונגען וועגן אַלע איינצלהייטן פון דער געביידע.

אין אַ באַזונדערער גלעזערנער שאַפע שטייען איינגעשטעלט „בצלאל"-אויסאַרבייטונגען מיט העברעישע אויפשריפטן.

אין אַן אַנדערע וויטרינע — וויינען פון „ראשון לציון"... וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט מיט דער מיסיאָנערישער אויסשטעלונג, פאַר־שטיי איך נאָך נישט עד היום...

דערפאַר אָבער אין דער גרויסער ביבליאָטעק פון דער אויסשטע־לונג, וווּ עס געפינט זיך אונזער תנ"ך אין אַלע שפראַכן פון דער וועלט, אָנהויבנדיק פון די עלטסטע העברעישע עקזעמפּליאַרן, האָב איך דערזעען אַ בוך פון 16־טן יאָרהונדערט, געדרוקט אין אַמסטער־דאַם מיט רש"י-שריפט אונטערן נאָמען: „כל כתבי חכמי ישראל" פון הרב הביסקופ דון יוליאַנאַ אַקאָסטאַ.

וואָס זאָגט איר צו דעם דאָזיקן טיטל? אין צי פילט איר נישט אין אים די הייסקייט פון שפּאַנישן אויטאָ־דאַ־פע, צוליב וועלכן פון אַ רב איז אַ ביסקופ געוואָרן?

1925

טו

קאַפּרי, דער טרוימען-אינזל

די נעאַפּאָליטאַנער זענען גאָרנישט קיין באַשיידענע מענטשן און מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן זיי צוגעטראַכט אַ שפּריכוואָרט: „זע נעאַפּאָל און דערנאָך מעגסטו שטאַרבן!“—אַזוי שיין, אַזוי באַצויבערנד האָט געזאָלט זיין די שטאָט אין אַלע צייטן.

און עס פאָרן זענען נעאַפּאָל טויזנטער טוריסטן און אַלע קאָנען זיי דאָס שפּריכוואָרט און יעדער דערוואַרט, אַז נאָכדעם, ווי ער וועט זען נעאַפּאָל, וועט ער קאָנען רויק שטאַרבן, אָבער — ס'איז גענוג אַ וואָרף צו טון מיטן אויג אויפן נעאַפּאָליטאַנער האַלב-קיילעכדיקן ים-אויסגוס (גאָלף), ווי דער אַפּעטיט צו לעבן צעברענט זיך מיט אַ נייער ענערגיע, ווי די ליבע צו שיינהייט צינדט זיך אָן אַפילו ביי געשוווירענע פּראָזאַיקער און מיטן גאַנצן וועזן גלוסט זיך זינגען אַ פרייילעכן הימן צו דער כישופדיקער נאַטור.

דער ים איז פון אַ פיינעם בלענקיט-קאָליר, וואָס טויזנטער מאָלער האָבן געפּרוווט אַרויפכאַפּן אויפן פאַרבן-פּענזל און נאָך קיינעם האָט זיך דאָס ביז איצט נישט איינגעגעבן. ליינקס ציט זיך אַ ריי מיט ווייַנגערטנער און פּאַלמעס, באַדעקטע לאַכנדיקע שטעטלעך און דערפלעך, איבער וועלכע עס קעניגט דער מאַיעסטעטישער הוילקאַן וועזווו, וואָס זיין שפּיץ איז באַדעקט מיט אַן אייביקן רויך, וועלכער איז אַזוי ווי אַ „מאָמענטאָ מאָרי“ פאַר דער גאַנצער געגנט.

און איר זעט פונווייטן די הויכע שטיינערנע בערג, דערטרונקענע אין גרינס, — דאָס איז דאָך סאָרענטאָ! און קוקט זיך גוט אַריין אין בלאָען טוי, וואָס וויקלט איין דעם ים, עס זעען זיך אַזוי ווי

פון לופט אויסגעוועבטע טורעמס, די פעלזן פון קאַפּרי, דאָס אינזל פון די שמייכלענדע ים-סירענעס (וואַסער-מיידלעך), אַזוי זיסע פונ-וויטן, אַזוי געפערלעכע פון נאָענטן, פאַר וועלכע אָדיסעוס (דער העלד פון האָמערן) האָט פאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַקס, כדי נישט צו הערן זייער זינגען און נישט אַריינפאַלן אין זייערע נעצן, דאָ ביי קאַפּרי...

קאָנט איר קאַפּרי? מיט דער פראַגע באַגעגענען זיך די פאַר-שידנשפּראַכיקע און פאַרשידנראַסיקע רייזנדער איבער איטאַליע, ווייל ס'איז נישט מעגלעך צו זיין אין דעם דאָזיקן לאַנד און נישט באַ-טרעטן דעם באָדן פון דעם קליינעם אינזעלע אין מיטללענדישן ים, וועלכס איז פון טויזנטער יאָרן אַ צוציונגס-אָרט פאַר קעניגן, מאָלער און פּאָעטן, וואָס זוכן אַ רו פאַרן קערפּער און אַ היילונג פאַר דער צערודערטער נשמה. און נאָך אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָט דער קייזער ווילהעלם, דער שוועדישער קעניג, די פּרינצן פון שפּאַניע, איטאַליע און אַנדערע געבויט דאָ פאַר זיך קליינע פּאַלאַצן, וווּ מען קאָן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער טומלדיקער וועלט און פון דער פּאָליטיק-טרייבעריי.

* * *

אויפן דעק פון עלעקטרישן שיפל, וואָס פירט אונז צום טרוימען-אינזל, איז אַן אמתער מישמאַש פון פעלקער און שפּראַכן, אַפילו אַ יונגע נעגער-פּאָר פון זיד-אַמעריקע פעלט נישט צום רומל. דריי שטונדן פאָרן מיר ביי די רייצנדע ברעגעס פון ים, אויפנעמענדיק און אַראָפּלאָזנדיק נייע פּאַסאַזשירן.

ס'איז פאַראַן אַפילו אַ ספּעציעלער לוקסוס-דאַמפער, וועלכער מאַכט דורך דעם וועג פון נעאַפּאָל ביז קאַפּרי אין אַ שעה צוויי, נישט אָפּהאַלטנדיק זיך אויף די סטאַציעס ביים ברעג, דערפאַר אָבער זעט מען נישט אויף אים סאָרענטאָ, וועלכע איז באַזונגען געוואָרן אויף אַלע שפּראַכן און וועגן וועלכער מען זאָגט, אַז ווער ס'האָט איינמאָל זי אָנגעקוקט מוז נאָך אַמאָל צוריקקומען.

נאָר אָט שווימען מיר שוין צו צום אינזל קאַפּרי.

די זון איז נאָר-וואָס פאַרשוווּנדן געוואָרן אין ים און אין משך פון אייניקע סעקונדן געמאַכט פון טאָג — נאַכט. אַן אייגנשאַפט פון

דאָזיקן גן-עדן-ווינקעלע. דורך אַ שמאָל בריקעלע קומען מיר צו צום וואָגן פון פוניקולאַרי, אַזאַ מין באַרג-אייזנבאַן, וועלכע הויבט זיך אויף לאַנגזאַם אויף דראָטן צו דער אייגנטלעכער שטאָט קאַפּרי, וואָס געפינט זיך אַ פּאָר הונדערט מעטער די הויך איבערן ים. דער וועג ליגט צווישן וועלדלעך מיט פּאָמעראַנצן, ציטרינען, ווייַנטרויבן און פייגנבוימער, באַגאָסן מיט אַ לבנה-ליכט שפּרייט זיך אויס אונטער די פיס אַ זילבערנער ים, פון וועלכן מיר הויבן זיך אויף אַלץ העכער און העכער אויף אונזער הענגנדער אייזנבאַן.

אויף אַלע שפּראַכן הערט איר אויסגעשרייען: „ווי שיין! ווי פּראַכטפול! דאָס איז דאָך אַ חלום!". אַפילו די קאַלטע ענגלענדער, אַפילו די שטייפע אַמעריקאַנער ווערן פאַרוואַנדלט אין עקזאַלטירטע קינדער, ווען זיי הויבן זיך אויף דאָס ערשטע מאָל אין פוניקולאַרי-וואַגאָן צווישן די פּאָמעראַנצן און ווייַנגערטנער אין אַ לבנה-נאַכט.

שמאָל און קליין זענען די גאַסן פון קאַפּרי, ווייל דאָס גאַנצע אינזל פאַרנעמט דאָך אַן אויבערפלאַך פון אַ קליין פּויליש שטעטל, אָבער פון יעדן ווינקעלע, פון אַלע זייטן זעט מען דעם ים און די ווילדע פעלזן, וועלכע בילדן נאַטירלעכע טריומף-טויערן און פאַנטאַזיע-פאָרמען פון אַלע גאָטיק-קלויסטערס.

פול זענען די פּענסיאָנען מיט געסט פון אַלע נאַציעס און ראַסן, ווייל פאַר די הויך-וואַלוטע-לענדער, ווי אַמעריקע, ענגלאַנד און... פּוילן זענען די פּרייזן ממש שפּאָט ביליק, אַרום 7—8 זלאָטעס אַ טאָג פאַר האָטעל מיט פולן אויפהאַלט, — קאָן זיך דאָס פאַרגינען נישט נאָר אַ גרויסער גביר, נאָר אַפילו אַ דורכשניטלעכער פּראָלע-טאַריער-אינטעליגענט.

און ס'איז דאָך טאַקע אָנגענעם, ווען אין צימער מיט זון באַ-גאָסן שפּאַרט זיך דורכן פענצטער אַריין אַ צווייג מיט גאָלדענע פּאָמעראַנצן, און שטרעקט נאָר אויס די האַנט אין גאָרטן — רייסט איר אָפּ אַ צווייגעלע מיט זיסע קאַפּרי-טרויבן.

* *
*

אויף קאַפּרי איז אַ יריד פון קינסטלער און מאָלער. אין אַלע זייטן זעט מען אויסגעשטעלט מאָלבערטן, אויף וועלכע יונגע און אַלטע וואַרפן אָן מיט פאַרבן די פאַרשידענע ווינקעלעך פון גאָטס

וועלט, אַזוי ווי מען זעט זי פון אינזל. איך האָב געזען דאָ פיל, גאָר פיל בילדער, נאָר קיינס פון זיי איז נישט ענלעך צו דעם שענסטן בילד, וואָס האָט דאָ געמאָלן דער מעכטיקסטער פון אַלע קינסטלער,—די נאַטור.

* *
*

ווען עס פאָרן שיפן פון אַמעריקע און אייראָפּע, פון ווייטן אַזיע צו די ברעגעס פון שפּאַניע אָדער אַפריקע, פאַראַנקערן זיי זיך אַ ווײַלע ביים דרום-ברעג פון אינזל, לאָזן אַראָפּ גאָר קליינע שיפעלעך צו צוויי-דריי פּערזאָן, כדי ווייזן זייערע רייזנדע „די בלאָע גראָטע".

דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער פאַרמאַכטער זאַל, אויסגעהאַקט אין משך פון טויזנטער יאָר דורכן ים, וועלכער קלאַפּט זיך אָן אין די ברעגעס פון קאַפּרי, דער זאַל איז אָנגעפילט מיט וואַסער און אַריינשווימען דאָרט קאָן מען נאָר דורך אַ נידעריקן און שמאָלן איינגאַנג אין די אויבנדערמאָנטע קליינע שיפעלעך. דער רייזנדער מוז זיך אָבער אויסלייגן אין שיפל, אויב ער וויל, אַז זיין קאָפּ זאָל זיך נישט אָנ-קלאַפּן אָן די שטיינערנע קאַרניזן פון דער גראָטע.

אַ מינוט פאַרמאַכט מען די אויגן און ווען מען עפנט זי ווידער, דערזעט מען אַ וואונדערלעכע דערשיינונג: דער גרויסער נאַטור-זאַל איז אָנגעפילט מיט איבערראַשנדן בלאָלעכן ליכט, אַזוי ווי מיר פלעגן זיך פאָרשטעלן דאָס ליכט אין די היילן. דאָס וואַסער איז פון אַ מעטאַלן זילבער-קאָליר, וועלכער בייט זיך יעדע פּאָר מינוט און שאַפט אַן עפעקט אַזוי ווי ערגעץ-ווו וואָלטן געאַרבעט פאַרבאָרגענע פּראָ-זשעקטאָרן. פרוווט אַראָפּלאָזן די האַנט אין וואַסער, שיינט זי אַרויס ווי זילבער; וויל זיך איינער אָפּטונקען אין דעם דאָזיקן וואַסער, גלאַנצט ער אַרויס פון דאָרט ווי אַ סטאַטוע פון מעטאַל.

האָט נישט קיין מורא: דער רעזשיסער פון דעם דאָזיקן פאַרבן-שפּיל איז ווידער אַמאָל נישט קיין אַנדערער, ווי די אַלמעכטיקע נאַטור.

און ווען דאָס קליינע שיפעלע, אין וועלכן מיר געפינען זיך, גליטשט זיך אַרויס פון דער „בלאָער גראָטע" און מיר פאַרמאַכן די אויגן פאַר דער בלענדנדער ליכטיקייט פון דער זון, רייסט זיך ביי אונז אַרויס אַ ליד — דאָס ליד וועגן סאָרענטאָ, וואָס שמייכלט צו אונז פונווייטן מיט אירע טרויבן-בערג.

1925

ט

דער וועזווו

דער ווולקאַן וועזוו האָט ווידער אויסגעבראָכן מיט פייער און רויך־וואָלקנס, און פייער־שטיינער באַדעקן די צעברענטע הימלען פון נעאַפּאָליטאַנער ים־אויסגוס, דאָס דאָזיקע שענסטע ווינקל אויף אונזער זינדיקער וועלט.

וועזוו ברויזט זיך נאָך אַלץ מיט אַ יוגנט־פייער און נישט קוקנדיק אויף זיינע בכבודיקע יאָרן, שיסט ער מיט שוועבל און שטיינער און דראָט מיט טויט און פאַרניכטונג דעם צאַפּל־זינגענדיקן נעאַפּאָל, דער טרוימענד־ליבנדער סאָרענטאָ און די אַלע איבעריקע אין וויינגערטנער דערטרונקענע ווייסע דערפער און שטעטלעך, וואָס האָבן זיך אַזוי לאַכנדיק־זוניק צעלייגט אונטער די פיס און ביי די זייטן פון אַלטן בייזן וועזוו.

ווען דער וועזוו איז רויק, — און רויק איז ער שוין זינט דעם שוידערלעכן אויסברוך פון 1906, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער אומגעגנט, — דערמאָנט ער פון זיך דורך אַן אומאויפהערלעכן שלענגלדיקן רויך, וואָס צעמישט זיך מיט די אומפאַרגעסלעכע בלענקיט־הימלען פון זיד־איטאַליע און גיט צו נאָך אַ פאַרב צו דער קאָלאָריט־רייכער אומגעגנט. און דאַן קלעטערן אַרויף אויף אים טאָג־איין טאָג־אויס טויזנטער טוריסטן און דערנענטערן זיך אָן מורא צום מויל פון וועזוו, צו זיין קראַטער, און ווערן רייכער נאָך מיט אַן איינדרוק. הויבט ער אָבער אָן אַביסל קאַפּריז צו ווערן, — און דאָס טרעפט שוין כמעט יעדע פאָר יאָר, — ווערן מענטשן פאָרזיכטיקער, גייען צו צום שפּיץ פון וועזוו מיט אַ יראת־הכבוד און מיט אָנגעצויגענע נערוון.

אין איינעם פון אַזעלכע פרימאָרגנס האָבן מיר, אַ קליינע גרופּע וואַנדערער, אויפגעהויבן זיך אויפן וווּלקאַן.

שוין אייניקע נעכט פלעגן מיר מערקן פון די הויכן פון אַנאַ־קאַפּרי, אַז דער רויך פון וועזווו איז מיט פייערדיקע צונגען באַפּאַרבט און דאָס פאַרפּישופּטע ליכט־ און פינצטער־שפּיל האָט נאָך מער אָנגעצונדן אונזער חשק אַריינצוקוקן אין די געהיימנישפולע קראַטערן פון באַרג. פונוואַנען עס פירט דער וועג דירעקט צו די קאַכעדיקע צע־שמאָלצענע געדערים פון דער אַלטער מוטער־ערד.

און אינדערפרי זענען מיר שוין אויף דער קליינער סטאַציע פוניליאַני, אויף דער דרום־זייט פון וווּלקאַן, פונוואַנען מיר רירן זיך, אויף קליינע מיט גלעקלעך באַהאָנגענע אייזלען צו זיין שפּיץ. מען קאָן אמת פאָרן מיט קוקס צאָן־ראָד־באַן, אָבער דאַן פאַרלירט מען אַסך אוממיטלבאַרע איינדרוקן, וועלכע עס גיט די לאַנגזאַמע רייזע אויפן אייזל, צווישן די פּאָמעראַנצן-וועלדער און צייטיקע וויינ־טרויבן. דאָס אייזל איז איינגעשפּאַרט, דאָך אָבער שלעפּט עס אונז אַלץ העכער און העכער, און אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען מיר ענדלעך ביים ציל. פון אַ קאָלאָסאַל-גרויסער דערעפענונג, וואָס בילדעט דעם הויפּט־קראַטער, שטראָמען וואָלקנס רויך מיט אַ שטאַרקן שוועבל־גערוך. אין די טיפענישן פון דעם דאָזיקן גרוב איז אָנגעשאָטן פון אַש און שטיינער נאָך אַ באַרג, וועלכער שיסט אויך מיט גאַזן און שטיינער, אַזוי, אַז מען הייסט אונז זיין פאָרזיכטיק ביים איבערבויגן זיך איבערן אָפּגרונט. אָ! — דאָס איז דאָס, דאָס שרעקלעכע מויל פון פייערדיקן וועזווו, וואָס האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך אין פאַר־שידענע צייטן קאָכעדיקע טייכן פון ברענענדן פייער און צעשטערט און פאַרטרונקען טויזנטער מענטשן און צענטליקער בליענדע שטעט! פון אָט דעם איצט נאָר שפּילנדן קראַטער זענען געדיכטע סלופּעס פון פאַרניכטנדן אַש און פאַרסמטע שוועבל-גאַזן געשאָסן געוואָרן אויף הערקולאַנוס און פּאָמפּעאַ מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק און פאַרוואַנדלט זיי אין אַ גרויסן קבר צופוסנס פון בייזן אַלטן וועזווו.

אַ פּאָר הונדערט מעטער נידעריקער פון קראַטער געפינט זיך די ווייסע געביידע פון דער מעטעאָראָלאָגישער אָבסערוואַטאָריע, אין וועלכע צענטליקער גרויסע גלעזערנע רערן שפּיגלען אָפּ די שטימונג פון וווּלקאַן. יונגע געלערנטע אין ווייסער קליידונג זענען פאַרנומען

אַרום די גלעזערנע רערן מיט די פֿאַרשידענע פֿליסיקייטן, מעסטן אויס די דריקונג פֿון די גאַזן דורך זילבער־בלאַנקענדע פֿיין-פֿילנדע אַפּאַראַטן, אָבער ווען ס׳וועט קומען די מינוט און די ווילדע לאַווע וועט אַרויסברויזן מיט אַ שנעלקייט פֿון אַ קילאָמעטער אין דריי מינוט איבער די ברעגעס פֿון קראַטער, און די אַזוי פּרוכטבאַרע ערד וועט זיך אַ וויג טון אונטער די פֿיס פֿון די אָבסערוואַטאָריע-געלערנטע, דאַן — וואָס וועט בלייבן פֿון די אַלע שפּילצייג-אָבסערוואַטאָריעס און מענטשן-ליליפּוטן, וואָס האָבן געמאַכט פּרווון אויסצופֿאָרשן די גרויזאַמע נאַטור-סטיכיע מיט קליינינקע טערמאָמעטרען אין בויך פֿון מעכטיקן וועזוווּ?..

נאָר אַ בליק אויף דער וווּנדער־שיינער פּאַנאָראַמע פֿון ים־אויסגוס, אויפֿן שענסטן אָנזיכט, וואָס אונזער וועלט פֿאַרמאָגט, און מיר לאָזן זיך אַראָפּ צוריק, רייטנדיק אויף די אייזלעך.

און אָט זענען מיר פֿאַר די אייזערנע טויערן פֿון דער אור-אַלטער שטאָט פּאָמפּעאַ, וועלכע איז מיט 1860 יאָר צוריק דערטרונקען געוואָרן דורכן אויסברוך פֿון וועזוווּ.

ביז מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק איז די שטאָט געלעגן אונטער אַ באַרג פֿאַרטריקנטער לאַווע און פֿאַרשטיינערטן אַש, און קיין סימן איז נישט געווען, אַז אונטער דעם דאָזיקן באַרג איז פֿאַר־באָרגן געוואָרן איינע פֿון די שענסטע און פֿריילעכסטע שטעט פֿון אַלטן רוים אין דער עפּאָכע פֿון זיין גלאַנץ. נאָר אָט גראָבט מען שוין אַ צוויי הונדערט יאָר און מען האָט אַרויסגענומען אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד מער ווי אַ העלפֿט פֿון דער פֿאַרשאָטענער שטאָט מיט אירע גאַסן, הייזער, טעאַטערן און ווילעס מיט גלענצנדע קונסט־דענקמעלער, מיט שענקען און רייטוואָגנס אין אַזאַ צושטאַנד, ווי ערשט נעכטן וואָלט דאָס אַלץ געווען געמאַכט. עס האָט זיך מיר פּשוט נישט געגלויבט, ווען איך בין אַרויף אויף דער „סטראַדאַ די מערקוריאָ” (מערקור־גאַס), אַז אָט דער דאָזיקער ברוק און די הייזער, וואָס שטייען ביי דער זייט, זענען אַ פּאָר טויזנט יאָר געלעגן אונטערן אַש, און אַז דער לעצטער מענטש, וואָס איז דאַן דאָ געשטאַנען, איז געווען פֿון די צייטן פֿון חורבן בית-המקדש... לאַנגע גלייכע גאַסן מיט צאָלרייכע קוואַר־געסלעך; אויף די הייזער, אָן דעכער, אויפֿשריפֿטן אין לאַטיין פֿון פֿאַרשידענע פֿירמעס. אויף שיינע פּירקאַנטיקע פֿלעצער־טעמפּלען פֿון די אַלמעכטיקע געטער אַפּאָללאָ

און איזידאַ. אין עק פון דער הויפּטגאַס געפינט זיך דאָס גרויסע טעאַטער מיט 5 טויזנט פּלעצער; ביי דער זייט—דאָס קליינע טעאַטער מיט 1.500 פּלעצער. דורך דעם נעראָן־טויער, פון רויטע ציגל גע־בויט, גייען נאָר צו דער באַזיליקע, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער „פּאַלאַץ פון גערעכטיקייט" מיט מאַרמאָר־קאָלאָנעס פון צענמעטער־דיקער הויך.

אָט איז די ווילע פון רוימישן מאַגנאַט וועטי, וועלכע איז גע־בליבן כמעט אומבאַרירט. אַ הויף מיט מאַרמאָר-פּליטן אויסגעלייגט, אינמיטן אַ געשליפענער שטיינערנער באַסיין און אַ פאָנטאַן אין דער געשטאַלט פון דער געטין פון ליבע. ביי די זייטן — צימערן פאַר די הערן, צימערן פאַר די דינער און אַ באָד-צימער מיט אַ גלענצנד-איינגעאָרדנטן סיסטעם פון וואַסער-וואַרעמונג: צווישן די מאַרמאָר-ווענט פלעגט אַריינגעלאָזן ווערן דער דאַמף פון אַ גרויסן קעסל און דאָס וואַרעמט שטיל און אָנגענעם. און נאָך צענטליקער אַזעלכע ווילעס האָבן מיר באַזוכט און פשוט געשטוינט פון גרויסן חשק צום לעבן פון אַלטן רוימער, פון זיין דעגענערירטן ליבע־קולט. געהיימע קאַבינעטן האָבן אַזעלכע ווילעס, און ווען דער פירער איבער פּאָמפּעאַ רעדט פון זיי, ווינקט ער צו מיט איין אייגל, דערמאָנענדיק אייניקע מאָל דאָס וואָרט „פּאָרנאָגראַפיע". און אָט גייען מיר אַריין אין די דאָזיקע אינטימע ערטער פון אַמאָליקן פּאַטריצער און ווערן פאַר־בלענדט פון די רייכע מאָזאַיק-בילדער אויף די ווענט, וואָס מאָלן אומפאַרשעמטע סצענעס, פאַר וועלכע דאָס היינטיקע פּאַריזש וואָלט רויט געוואָרן... דעגענערירטע אומנאַטירלעכע ליבע אין אַלע אירע פאָרמען, אויף בילדער און געשניצט פון מאַרמאָר. וויפל קונסט, וויפל פּאָעזיע אין די דאָזיקע שאַנד-דענקמעלער פון פאַר צוויי טויזנט יאָר!

און ווינקעלערס האָבן די אַלטע פּאָמפּעאַנער פאַרמאָגט,—האָבן זיי אַ מוסטער פון שיכורן גענוס און ראַפינירטע זינד: פולע פעסער מיט שוימיקן רויט-ווייַן ביי די זייטן, פּאָרנאָגראַפישע בילדער און פיגורן אויף די ווענט, אויפן סופיט און אַפילו דער שילד צו דער גאַס צו—איז אַ מאָדעל פון אויסגעלאַסנקייט; היינטיקע נאַכט-דאַנסינגס זענען אַ נעסט פון באַשיידענער צניעות אין פאַרגלייך מיט דעם אַנטיק-לופּאַנאַריום, וועלכער האָט זיך געפונען צוויי טריט פון די הייליקע טעמפּלען פון די געטער...

פּאָמפּעאַ, דאָס איז געווען די זומער־רעזידענץ פון די רייכע רוימישע פּאַטריצער און דאָ, אונטער דעם שאָטן פון וועזווו ביי דער קילער ים־לופט, פלעגן זיי קומען אָפּרוען פון די שווערע מלחמות, וואָס זיי האָבן געפירט קעגן דער גאַנצער וועלט אונטער דער אָנפירונג פון די זיגרייכע פעלדמאַרשאַלן.

און געווען איז דאָס מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווי טיטוס האָט איינגענומען ירושלים. גרויסע פייערלעכקייטן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער זומער-רעזידענץ צוליב די אומצאָליקע נצחונות פון רוימישן געווער. און אינמיטן דעם הייסן זומער־טאָג, ווען די צעהיצטע ליידנשאַפטן האָבן פאַרוואַנדלט די שטאָט אין אַ קאָכעדיקן תהום פון זינדיקער פרייד, — האָט זיך דער אַלטער וועזווו צעבייזערט און אויסגעשאָסן מיט אַ ים פון פייער, לאַווע און אַש און באַגראָבן די שטאָט מיט די מענטשן, מיט זייערע פריידן און זינד און פאַרוואַנדלט די גאַנצע בליענדע געגנט אין אַ שטיינערנעם מדבר.

הונדערטער יאָרן זענען אַריבער ביז דער נייגיריקער מאָדערנער מענטש האָט אויסגעגראָבן פון דער ערד די זינדיקע שטאָט און געמאַכט פון איר אַ שפּאַציר-מוזעום, אויף וועלכן עס קוקט פון אויבן אַראָפּ דער געהיימנישפולער וועזווו.

1926

VI

אַלטע יידישע געטאָס

וואָס ציט אונז אַזוי,—אונז איבער דער וועלט וואַנדערנדע יידישע טוריסטן, צו די ערטער פון הונדערטער יאָרן צוריק, וועלכע האָבן אויף זיך שפּאָרן פון אונזער מאַרטירער־געשיכטע? אַ געהיימע קראַפט הייסט אונז איבעררייסן די היינטמאָדישע פאַרגעניגנס, פאַרלאָזן די געמישטע אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט, צו וועלכער מען ווערט צוגעקלעפּט אין דער רייזע, און זוכן און נישטערן, אפשר וועלן מיר געפינען איבערבלייבענישן פון אונזער אַלטן עבר אין דער אָדער יענער דורכויס גויִשער שטאָט.

ווענעדיק... אין אַ קליינער, שוואַרצער גאָנדאָלע פאָרן מיר צו צו דער סענט־מאַרקאָלאַ־בריק, פונוואַנען מיר וועלן שוין צופוס זוכן די אַלטע געטאָ, ווו מיט דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק האָבן אין ענגע און שמאָלע וואַסער־געסלעך געפּרוכּפּערט זיך און געמערט אייניקע טויזנט יידישע פאַמיליעס, געהאַלטן אין זייערע הענט דעם גאַנצן זיידן־האַנדל פון איראָפּע, געגרינדעט אַ גאַנצע ריי באַנקגעשעפטן און צו גלייכער צייט אַרויסגעגעבן פון זיך גרויסע געלערנטע און לומדים, רעליגיעזע פילאָזאָפן און מיסטיקער, לעבנסלוסטיקע פּאָעטן און וועלטבאַרימטע דאָקטוירים.

דאָ, אין ווענעדיק, האָט שעקספּיר גענומען זיין אומשטערבלעכן פּראָצענטניק שיילאָק און אַריינגעלייגט אין זיין מויל די פייערדיקע פּראָטעסט־רעדעס קעגן דער חברה אַריסטאָקראַטישע אונטערדריקער פון דאָזשן־פּאַלאַץ; פאַרמאַכט פון אַלע זייטן האָבן די יידן אין דאַמאָלסדיקן געטאָ אויסער גמרא און פּוסקים געלערנט

זייערע קינדער פרעמדע שפּראַכן, זינגען און אפילו טאַנצן: אין איטאַליענישן געטאָ איז דאָס לערנען געווען פיל לוסטיקער, ווי אין די געטאָס פון דאַמאָלסדיקן דייטשלאַנד, פראַנקרייך און פּוילן.

מיר גייען אַריין אויף אַ שמאָלן פּלאַץ, וועלכער טראָגט נאָך עד־היום דעם נאָמען „פּלאַץ פון געטאָ", און ווערן פּלוצלינג אַרומגערינגלט פון אַ חברה אָפּגעריסענע קליינוואַרג, וועלכע גיבן אונז אָפּ אַ בּרייטן „שאַלאָם" און שטרעקן אויס שמוציקע, שוואַרצע הענטלעך, פּלאַפּלענדיק אויף איטאַליעניש.

דאָס זענען גוט אויסגעדרעסירטע אָרעמע יידישע יינגלעך, וועלכע דערקענען פון ערשטן בליק דעם אויסלענדער, וואָס וויל אָנקוקן די אַלטערטימער. אַ דאַרער ברונעט, וואָס איז ביז איצט געזעסן ביי אַ טישל פון אַ שענק, הויבט זיך אָבער אויף, צעיאָגט די בעטלערלעך מיט די שוואַרצע אויגן און נעמט אונז גלייך אין אַרענדע. „יאַהודים, איר ווילט זען די שול, די אַלטע געטאָ־בּריק? אָט ווייזט ער אונז אַלץ; ער איז דאָ אַ באַלעבאָס און וועט קיינעם נישט דערלאָזן מיט אונז זיך פאַרנעמען".

דער פּאַרשוין רעדט אַ מישמאַש פון דייטש מיט איטאַליעניש, שפּרינגט אַרום אונז און לאָזט אַ וואָרט נישט אַרויסרעדן. אין דער אַלטער שפּאַניאָלישער שול כאַפּט ער אַרויף אויפן קאָפּ אַ שמוציק נאָזטיכל, כּדי נישט צו זיין בגילוי־ראש און גיט ווילדע דערקלערונגען איבער דער אַלטקייט פון אָרון־קודש, מאָלערייען און אפילו... אָרגל, וועלכער איז דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק. ס'איז אַ נס, וואָס מיר זענען נישט קיין גרויסע עם־הארצים און פאַרשטייען זיך אַביסל אויף די דאָזיקע זאַכן.

אַ פּאָר ספרי־תורות, וועלכע זענען מיטגעבראַכט געוואָרן פון שפּאַניע בעת דעם גלות, אַ צוויי קופּערנע הענגלייכטער, מיטגעבראַכט פון אַמסטערדאַם,—גיבן אונז איבער אַ ווייטן גרוס און וועקן אינטערעסאַנטע דערינערונגען. אַנטקעגן דער שול באַמערקן מיר אַן אויפשריפט אויף איטאַליעניש, וואָס דאַרף הייסן, אַז אין דער נייער צווישטאָקיקער געביידע געפינט זיך אַ מושב־זקנים און אַ ליי־קאַסע. מיר שטאַטן דאָרט אָפּ אַ וויזיט און ווערן באַגעגנט דורך אַ גאַנצן מנין יונגע און אַלטע פרויען און נאָך אַ „גוט מאָרגן" אין איטאַליעניש פרעגן זיי אונז: „יאַהודים?" און דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָרט, וואָס מיר האָבן פאַרשטאַנען, ווייטער האָבן מיר זיך נישט

געקאָנט פאַרשטענדיקן. צוזאַמען האָבן מיר אפשר געקענט אַ צענטליק שפּראַכן, די פּרוּ̀ען אָבער פון יידישן וווילטעטיקן הויז קענען נאָר איטאַליעניש און בשום אופן האָט זיך נישט איינגעגעבן צונויפצו־רעדן, ביז מען האָט גערופן עפּעס אַ קריסטלעכע דינסט פון אַ שכן, וואָס פאַרשטייט אַביסל דייטש און זי האָט געדינט פאַר אַ דאָלמע־טשערין צווישן די שיינע יידישע כּלל-טוערינס און זייערע וואַרשע-ווער-אונגאַרישע קאָלעגן.

מיר גייען איבער אַ שמוציקע בריק, וואָס טראָגט נאָך דעם נאָמען „בריק פון נייעם געטאָ". פון די הויכע הייזער מיט נאַסע וועש באַהאָנגען קוקן אויף אונז אַרויס גראָ-קאָלטענעוואַטע קעפּ און ווו־נישט־ווו גיט אַ פינקל אַ לאַכנדיק פּנים פונעם סעמיטישן טיפּ. ביים אַרויסגאַנג ווערן מיר ווידער באַגלייט פון דער חברה יינגלעך מיט די אויסגעשטרעקטע הענטלעך. מיר אַנטלויפן פון געטאָ! אייגנ-טלעך האָבן דאָס שוין די ווענעציאַנער יידן לאַנג געטון, איבער־לאָזנדיק דאָרט אַביסל שנאָרערישע עלעמענטן אַלס „זכר לטיט", צו דער בלאָטע, וואָס קאָן נאָר אין אַ געטאָ באַשאַפן ווערן.

אין פּאַדואַ אָבער, אין דעם אַלטן יידישן פּאַדואַ, ווו תורה, ריינקייט און חכמה האָבן געבליט אין משך פון הונדערטער יאָרן און באַשיינט לענדער און געגנטן גאַנץ ווייט פון איטאַליע, — האָב איך אַ שטיקל מזל.

איך באַקען זיך מיטן יונגן רב ד״ר גוסטאַוואָ קאַסטעלבאָלאָנע, וועלכער וויקלט פאַר מיר פונאַנדער דאָס לעבן פון היינטיקן פּאַדואַ, וואָס פאַרמאָגט אינגאַנצן אַן אַכט הונדערט יידישע נפשות. אין אוני־ווערזיטעט אָבער זענען פאַראַן אַזש צוועלף יידישע פּראָפעסאָרן; דריי פּאַדוער יידן זענען פאַשיסטישע סענאַטאָרן אין רוים; די גרעסטע גיטער אין געגנט געהערן דעם יידישן גראַף קאָנטי־קאָריגאַלדי, דעם יידישן באַראָן טריוואָס די פּיאָן פּילי און די רייכסטע פאַמיליעס טריעסטע און סעצערהאַטי.

אין אַמאָליקן געטאָ,—גרויסע געשעפטן פון אַלטוואַרג, וואָס גע־הערן צו יידן; אפילו די עשרה בטלנים, וואָס קומען זיך צונויף ביי אַ יאָרצייט אָדער פאַמיליען-יום־טוב פון די יידישע מאַגנאַטן, טראָגן... בריליאַנטענע רינגען. אַזוי פאַרזיכערט מיך דער יונגער רב, וועלכער רעדט גוט העברעיש, אָבער נאָך בעסער אַ פיר־פינף אייראָפּעישע שפּראַכן.

—און ווי האַלט דאָס מיט יידישקייט אין רעליגיעזן און נאַ-ציאָנאַלן זין?—מיין רב ווערט אַביסל אומעטיק, די רייכע קומען אין שול ראש־השנה און יום-כפור, אָבער דאַוונען קאָן קיינער נישט אוי-סער די פּראָפעסיאָנעלע „בטלנים"... געווען אַמאָל אַ „חדר", איצט פּלאַנט דער רב צו עפענען אַ העברעישע שול, ווייל אַדאַנק דעם ציוניזם האָט זיך דערוועקט ביי דער איטאַליענישער יוגנט אַן אינטע-רעס צו נאַציאָנאַלער קולטור. די גאַנצע האָפענונג איז אויף אָט דער נייער יוגנט, ווייל די אַלטע אַריסטאָקראַטיע איז דורך און דורך פאַרפוילט, די קינדער שמדן זיך אָפּט, מען מאַכט שוין אפילו נישט קיין בריתן; געמישטע חתונות ווערן אַ געוויינלעכע דערשיינונג... און דאָס איז אין דער שטאָט פון מהר"ם מפּאַדוא, וווּ די ישיבות פון הונדערטער יאָרן צוריק האָבן צוגעצויגן דורשטיקע נאָך תורה נישט ווייניקער, ווי דער אַלטער אוניווערזיטעט דאָ, דורשטיקע נאָך וויסנשאַפט.

* * *

מיר זענען אויף דעם אַלטן פּאַדוער בית־עולם. מיר שטייען פאַר דער מצבה פון דון יצחק אברבנאל, וועלכער ליגט דאָ.

נישט ווייט פון אונז זענען ברידער-קברים, אויפגעקליבענע פאַרטרוקנטע ביינער פון שפּאַנישע יידן, וואָס זענען געלאָפן פון פייער און דאָ געפונען שוץ און אָפּרו.

דער שמש פון שול, דער אַלטער דזשעקאָבי, איינער פון די „בטלנים" מיט אַ קיילעכדיקן פאַרמעגן פון אַ פופציק טויזנט ליר, וויל מיר געבן דערקלערונגען איבער די מצבות, פאַרשטייט ער אָבער נאָר איטאַליעניש און אַביסל עברי אין סידור. דערפאַר אָבער ווייזט ער מיר אָן „אין בית-הכנסת האיטלקי" אַלטע מנורות, מענטעלעך און פרוכתן פון סאַרדיניע געשטיקט מיט גאָלד און געוועבט מיט ווענע-ציאַנער שפּיצן; טייערע עטרות מיט אַלטע דאַטעס. דער שמש, נעבעך, קוקט אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן, מורא האָבנדיק, אַז איך וועל אים עפּעס פרעגן און פאַרשעמען פאַרן רב. איך האָב זיך אָבער ווי עס איז אַליין אַן עצה געגעבן. פאַר די פינף ליר טרינק-געלט דאַנקט ער מיר מיט גרויס הכנעה, ער,—דער מאָהיקאַנער פון פּאַדוער געטאָ, וועלכן די יידן האָבן לאַנג פאַרלאָזן.

* *
*

ענדלעך אין רוים, ביים ברעג פון טיבער, נישט ווייט פון אוראַלטן טעאַטער מאַרצעלאַ. שטאָלץ הויבט זיך אויף די פּרעכטיקע געביידע פון דער מאָדערנער סינאַגאָגע אַרומגערינגלט מיט פּאַלמעס, נאָר נישט זי ציט אונזער אויפמערקזאַמקייט.

אַנטקעגן באַמערק איך אַן אַלטע קירכע, אויף וועלכער מען לעזט אַ העברעישע אויפשריפט פון ישוע און איבער איר יעזוס אויפן צלם: אַמאָל איז דאָ געווען אַ יידישער מקום-קדוש, מיט דער צייט פאַרלאָזן און איבערגעבויט דורך פרעמדע. עטוואָס ווייטער—אַ ברוינע קאָלאָסאַלע געביידע, אַ מין אייזערנער טויער אין וואַרשע, מיט הונדערטער קראָמען: אַלטוואַרג, אייזן, לעדער...

ביי די קראָמען שטייען מענער און פרויען, אַזוי ענלעכע צו די איטאַליענער אַרום, וויצלען זיך און לאַכן אין איטאַליעניש. אַן אינערלעכער אינסטינקט זאָגט מיר, אַז זיי זענען יידן, אָבער מיט קיין זאַך זעט מען דאָס אויסערלעך נישט אַרויס. איך פּרוביר זיך ווענדן צו אַן אַלטער פרוי מיט דער אַזוי געוויינלעכער אין די פרעמדע לענדער פראַגע: „יהודית?"

„סי, סי, יהודית"—דערפרייט זי זיך שטאַרק און מאַכט מיט די הענט אַרום, ווייזנדיק, אַז אַלע קראָמען זענען דאָ יידישע. עס ווערט אַרום אונז אַ געזעמל, אַלע רעדן, אַלע זענען צופרידן, וואָס מען זעט אַ יהודי, אָבער מער קיין וואָרט גיט זיך מיר נישט איין פון זיי אַרויסצובאַקומען: קיינער פון די דאָזיקע געטאָ-יידן פאַרשטייט גאָרנישט אויסער איטאַליעניש. מיר געזעגענען זיך פונדעסטוועגן מיט אַ וואַרעמען „שאַלאָם", ווייל וואָס נאָך בינדט אונז צוזאַמען?

גרינער מאָך, קברים און לעבעדיקע מתים האָב איך געפונען אין די אַלטע געטאָס פון איטאַליע. דערפאַר אָבער איז דער גענעראַל פון דער פאַשיסטישער מיליציע — אַ ייד, דער רעדאַקטאָר פון פאַשיסטישן הויפּט-אָרגאַן — אַ ייד, דער איגערן-מיניסטער ביי מוסאָליני — אַ ייד, און... כמעט אַלע פּערציק טויזנט איטאַליענישע יידן — אויף דער זייט פון די פאַשיסטן.

1925

VII

אויף אַ יידישער שיף

געווען איז דאָס אַ שבת נאָכמיטאָג אין נעאַפּאָל. אַ מידער פון שפּאַצירן איבער די בערגיקע גאַסן פון דער דאָזיקער באַרימטער שטאָט, האָט מיך ווידער געצויגן צום פּאָרט, פון וועלכן עס עפנט זיך פאַר די אויגן די הערלעכסטע און שענסטע פּאַנאָראַמע, וואָס די נאַטור האָט געשענקט אונזער ערד-קוגל.

דער ים בייט יעדע ווײַלע זײַנע קאָלירן פון העל-בלאָ ביז גאָלד-שוואַרץ, די פּאַלמעס אַרום די רײַכע ווילעס, דאָרטן אויף די בערג, גיבן שוץ פאַר דער אָנגעברענטער דרום-זון, אין אַ האַלבן קרייז האָבן זיך צעלייגט פּאַרטרונקענע אין טראָפּישן גרינס ווייסע דעכער און פונוווייטן דער ווולקאַן וועזווו, וועלכער רויכערט אָן אויפהער.

אינמיטן דער בורטע שטייען שיפן פון פאַרשידענע נאַציעס, אָנהויבנדיק פון גאָר גרויסע קריגס-שיפן פון איטאַליע, וועלכע האָבן זיך נאָר-וואָס אומגעקערט פון די ים-מאַנעוורעס, און ענדיקנדיק מיט מיניאַטור-פישער-שיפלעך, וועלכע זענען ענלעך צו קינדער-שפּילצייג.

אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער באַלוסטראַדע פון פּאָרט, קוק איך זיך צו צום רוישיקן קאָכן צווישן די שיפן, פון וועלכע אייניקע קומען, די אַנדערע קלייבן זיך אַוועקצופאָרן. די געשרייען פון די מאַטראָזן רייסן-אויף די אויגן, ווייל אַזוי שרייען ווי אַן איטאַליענער ביי דער אַרבעט אין פּאָרט קאָן נישט קיין באַשעפעניש אין דער וועלט.

און פּלוצלינג... דערזע איך צווישן די צענטליקער פענער, וואָס פלאַטערן אויף די שיפן פּאָרט אונזערע, ווייס-בלאָע קאָלירן מיט אַ מגן-דוד דערצו.

איך האָב זיך גוט אויסגעריבן די אויגן, כדי זיך איבערצוצייגן, אויב איך האָב קיין טעות נישט. נאָר ניין! ס׳איז קיין ספק נישט: אויף צוויי הויכע מאַשטן וויגן זיך אין אַלע זייטן אונזערע נאַציאָנאַלע פאַרבן מיטן מגן-דוד. אַנדערש נישט, ווי דאָס איז די ערשטע, און דערווייל, לײַדער, די איינציקע יידישע אָקעאַן-שיף, וועלכע איז איצט פאַראַנקערט אין נעאַפּאָל.

דאָס האָט געמוזט, מסתּם, אַ ספּעציעלער מלאך מיר שענקען אַן אומדערוואַרטע מתּנה אין דעם דאָזיקן יידן-ריינעם מדבר, ווו אויף הונדערטער קילאָמעטער אַרום זאַמלט זיך נישט אויף אַפילו אַ מנין יידן צו דאַוונען, דאָ אין דעם מיליאָנען-נעאַפּאָל.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, מוז מען דאָך דערווייל זיך אַרויפקריגן אויף דער שיף און זיך באַקאָנען מיט אירע פּאַסאַזשירן.

איך פּרוּוו מיר מיט גרויסע שוועריקייטן דורכגיין דורך די שטרענג-באַוואַכטע אייזערנע טירן פון פּאָרט, אינעווייניק צו די שיפן. ס׳קומט אָבער נישט אַן אַזוי לייכט, ווייל דאָרטן, ווו די גרויסע אָקעאַן-שיפן שטייען, איז דאָך שוין אויסלאַנד: אַמעריקע, בראַזיליע, אַרגענטינע, און קיין וויזעס פון די ווייטע מקומות האָב איך דאָך נישט אויף מיין פּאַס.

אַן אינטעליגענטער אָפיציר פון דער פאַשיסטישער פּלאַט-מיליציע, וועלכער האָט זיך פונוויטנס צוגעקוקט, ווי איך אונטערהאַנדל מיטן פּאָרט-זשאַנדאַרם, דערנענטערט זיך צו אונז און אינפאָרמירט זיך, וואָס איך פאַרלאַנג.

ער רעדט גוט פראַנצויזיש און ווייזט אַרויס אַ גרויסע פאַרשטענדעניש פאַר מיין פאַרלאַנג אַרויפבאַקומען זיך אויפן „פּרעזידענט אַרטור". ער איז גרייט מיך צו באַגלייטן, צוגעבנדיק יעדעס מאָל, אַז פאַר דער פּרעסע זענען אין איטאַליע אָפן אַלע טירן און פענצטער.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך באַטאָנען, אַז אויב אַן אויסלענדער וויל אַ ווירקלעכע הילף תּיכּף אָדער אַ גענויע אינפאָרמאַציע, דאַרף ער שטענדיק זוכן צווישן די מאַסן מענטשן די שוואַרצע בלוזע און שוואַרצע פעדערן פון דער פאַשיסטישער אוניפאָרם: דאָ וועט ער שטענדיק באַקומען אַ העפלעכע תּשובה און די בעסטע עצות און אָנווייזונגען.

ענדלעך מיט דער הילף פון מיין מעכטיקן פּראָטעקטאָר געפין איך זיך אויף דער דעק פון דער יידישער שיף.

אַ בילד פון אַ שיף פאַר דער אָפּרייזע: אַרויף און אַראָפּ לויפן מאַטראָזן און שרייען זיך איבער אין ענגליש; די פּאַסאַזשירן זעצן זיך אויס אין די באַקוועמע ליג־שטולן מיטן פּנים צום ים און צו דער שיינער אָנזיכט אויף דער ים־בורטע; די קעסלען אַרבעטן ענערגיש און אַ פאַרדומפּטע ברומעריי רייסט זיך אַרויס פון די קוימענס.

איך מיש זיך אויס מיטן עולם רייזנדע, וועלכע האָבן גאָרנישט באַמערקט דעם פרעמדן, און קוק זיך צו צום לעבן אויף דער דאָזי־קער אייגנאַרטיקער שיף.

שיינע יידן מיט ווייסע בערד; הויכע גלאַט־ראַזירטע דזשענטל־מענער; פרויען מיט פנימער פון אונזערע ליבהאַרציקע באָבעס; יונגע פריילינס, וועלכע פּלאַפּלען ענגליש און ביי וועלכע די אויגן, טונקעלע און פייכטע, זאָגן עדות וועגן זייער סעמיטישער אָפּשטאַ־מונג. די קליידונג רייך, די באַנעמונג פון אַלע פּאַסאַזשירן סאָליד. עס פילט זיך גלייך, אַז מען געפינט זיך נישט אויף אַ געוויינלעכער עמיגראַנטן־שיף, נאָר אויף אַ גרויסער שפּאַציר־יאַכטע פון אַ רייכער געזעלשאַפט.

אָט גייט פאַרביי מיר אַ הויכער שאַטען מיט אַ יאַרמלקע, וועלכן איך אָבסערוויר פון אַ לענגערער צייט; עפּעס אַ באַקאַנט פּנים, כמעט אַ היימישער.

איך גיי צו צו אים, שטעל זיך פאָר און באַמערק, ווי דער מענטש דערפרייט זיך אויף אַן אמת. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַ געוועזענער מטיף פון וואַרשעווער „סיני״־שול, וועלכער געפינט זיך שוין יאָרן אין אַמעריקע און איז איצט, אַזוי צו זאָגן, דער אידעישער אָנפירער פון דער קליינער קהילה אויף דער שיף.

צוויי הונדערט און פופציק יידישע נפשות פאָרן איצט אויפן „פּרע־זידענט אַרטור״ פון ארץ־ישראל צוריק אין אַמעריקע. כמעט אַלע זענען זיי פון באַוווסטע אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך געוואָלט דערלעבן דעם לוקסוס אין משך פון אַ צוויי־דריי מאָנאַטן פאָרן פון אַמעריקע אין ארץ־ישראל און צוריק, כדי זיך צו באַקאָנען מיט דעם לאַנד.

מען פאָרט מיט פרויען און דערוואַקסענע קינדער. ס׳קאָסט טאַקע אָפּ פיל געלט, נאָר, מן הסתם, קאָנען זיי זיך דאָס דערלויבן, מחמת פיל פון זיי זענען מיליאָנערן אין דאָלאַרן.

אין ארץ־ישראל איז מען געווען פופצן טאָג, דורכגעפאָרן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. און די איינדרוקן?

הערט אַ מעשה: די אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישע גבירים, וואָס געפינען זיך אויף דער שיף, זענען כמעט אַלע איינשטימיק, אַז דאָס לאַנד איז אַ שיינס, אַז עס בויט זיך אומגעוויינלעך שנעל, אַז עס לוינט זאָגאַר קויפן הייזער און פּלעצער אין חיפה און תּל־אָביב פּשוט צוליב ביזנעס; מער נישט—דער חילול־השם; מען דאַוונט נישט אין די קבוצות און ס׳איז אַ סברא — אַפילו אין די שטעט; דאָס יונג־וואַרג היט נישט אָפּ אַלע מצוות, און מען מורמלט אַפילו, אַז חופּה וקידושין ווערט געגעבן אויף אַ פּאַרקירצטן אופן; מיט איין וואָרט: די אַמעריקאַנער גבירים זענען צופרידן פון לאַנד, נאָר נישט פון די יידן; יאָ, הרב זאָנענפעלדס אָנהענגער זענען טאַקע פרום, ווי עס פּאַסט פאַר אַ הייליקן לאַנד, אָבער, ליידער, זענען זיי דאָך אין אַזאַ קליינער מינדערהייט...

אויף דער שיף ווערט יעדן טאָג אָפּגעהאַלטן שטורמישע מיטינגען, אויף וועלכע די גרעסטע געגנערינס פון ישוב זענען דווקא די יונגע אַמעריקאַנער ליידיס אין די קורצע קליידלעך, וועלכע ס׳געפעלט נישט די „פרייקייט“ פון דער ארץ־ישראל־יוגנט.

די קליינע גרופּע ציוניסטישע מנהיגים אויף דער שיף ווערן פאַרשריגן פון די פרומע אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן געזוכט אין ארץ־ישראל נישט די שטימונג פון „נהלל“ אין עמק, נאָר די קלאָג־מאָטיוון פון כותל־מערבי, מיט די דעקאָראַטיווע יידן אַרום. און אַז זיי האָבן דאָס נישט געפונען, זענען זיי שטאַרק, נעבעך, בייז, אונזערע רייכע ברידער פון עבר לים.

פונדעסטוועגן האָט מען דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין געשיקט אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע פון דער שיף, אין וועלכער עס ווערט, צווישן אַנדערן, געבעטן קאָנגרעס, ער זאָל מיטווירקן צו פאַרשטאַרקן די רעליגיעזע אַקטיוויטעט צווישן דער יידישער יוגנט.

מיר זעצן זיך אַלע אויס אין ווייכע שטולן אין פּרעכטיקן סאַלאָן פון דער שיף און עס אַנטוויקלט זיך אַ וואַרעמער געשפּרעך אין מאַמע־לשון, וועלכן די נעאַפּאָלער בורטע האָט אַוודאי קיינמאָל נישט געהערט.

זיי דערציילן מיר, אַז ביי זיי אויף דער שיף דאַוונט מען דריי

מאָל אַ טאָג, און אינדערפרי זאָגאַר צוויי מנינים, מען בלאָזט שופר (ס'איז דאָך עפּעס אלול).

ביים טיש בענטשט מען מיט מזומן; שבת פאַרנאַכט פראַוועט מען מלווה-מלכּה; אַלץ אין רייכקייט און אין כּבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עדה פון אָנגעזעענע יידן.

אַפילו די פרויען, אַפילו די היינטמאָדישע פריילינס דאַווענען בציבור, אַ פאַקט, וועלכער איז פאַר מיר געווען אינגאַנצן אַ נייעס; דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ באַזונדער שטרענגער רעליגיעזער דערציונג, וועלכע ווערט פּראַקטיקירט אין די קרייזן פון די רייזנדער אויף דער דאָזיקער שיף.

די עלטערע יידן זיצן כּמעט אַלע אין יאַרמלקעס; די יונגערע דעקן צו דעם קאָפּ, ווען מען דערלאַנגט אונז פּרוכטן און ארץ-ישראלדיקן וויין.

נישט אַ שיף, נאָר אַ שווימענדער בית-המדרש פון אַלטן ווילנע.

אין סאַלאָן, וווּ מיר אונטערהאַלטן זיך, קומט אַריין דער קאַפּיטאַן פון דער שיף מאַק-לײן און דער דירעקטאָר פון דער „אַמעריקאַן-פּאַלעסטיין-קאָמפּאַני", מאַיאָר זשען.

מען נעמט צו ביסל משקה און מען איז צופרידן, וואָס מען פאָרט שוין „נאָך פּאַטערלאַנד".

דערווייל אָבער הויבט שוין אָן ווערן טונקל און דער אַמעריקאַנער גביר האַרריס גיט אַ קלאַפּ אין טיש און זאָגט „אַשרי", ווי נאָר מען וועט אָפּדאַווענען מעריב און מאַכן הבדלה, וועט זיך די ערשטע יידישע שיף אונטער דער מגן-דוד-פאָן רירן אין וועג. אָך, ווי גוט עס איז צו זיין אַ גביר און פועלן, אַז די שיף-קאָמאַנדע זאָל זיך אונטערגעבן דעם יידישן מעריב.

די קאָמאַנדע, די אָפיצירן, ווי אויך די מאַטראָזן, באַשטייען אָבער איצט פון בלויז קריסטן.

דערווייל אָבער איז שוין געענדיקט דער מעריב און איך איל זיך פאַרלאָזן די שיף, ווייל אויף מיטפאָרן מיט דער דאָזיקער עדה יידן פעלט מיר חשק און קודם-כּל אַ... וויזע.

1925

מ צ ר י ם

I

צום ים

מען דאַרף נאָר האָבן די מעגלעכקייט איבעררייסן די שטעלע־דיקע דראָט־צוימען, וואָס הייסן פּאַספּאָרט־באַגרענצונג און וויזעס, — עפֿנט זיך פֿאַר די אויגן אַ פֿרייע ליכטיקע וועלט — אמת איבערגע־צוימט מיט גרענעץ־שטאַכעטן, — אָבער דאָך ברייט און פֿאַרביק אין איר ווייטקייט, פֿיל־שפּראַכיקייט און שטענדיקער באַוועגונג.

אַ שאָד, וואָס מען האָט גענומען אַזאַ אייראָפּע און פֿאַרוואַנדלט זי אין הינער־שטייגן מיט קליינינקע צימערלעך, אין וועלכע ס'זיצן אָנגעשטאָפּט הענער פֿון פֿאַרשידענע קאָלירן, פֿאַר וועלכע אָבער דער איבערגאַנג פֿון איין צימערל אין צווייטן איז כמעט ווי פֿאַרמאַכט, מעגן די הענער קרייען וויפֿל זיי ווילן נאָר...

מען זאָגט, אַז דאָס ווערט געטון צוליב טעמים פֿון נאַציאָנאַ־לער זיכערהייט, נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק און קולטור, — נאָר גלויבט נישט, דאָס איז אַזאַ שקר, ווי אַלע אמתן, וואָס עס האָט געשאַפֿן דער וועלט־קריג מיט זיינע טעאָריעס פֿון כלומרשטער זעלבסט־באַשטימונג.

די דאָזיקע געדאַנקען זענען מיר געקומען אויפֿן רעיון, ווען איך האָב געדאַרפֿט אין משך פֿון דרייסיק שעה דורכמאַכן מיטן די־רעקטן קוריער־צוג 5 לענדער, נישט אַרויסשטייגנדיק פֿון וואַגאָן וואַרשע—טריעסט.

אויף דער פּוילישער גרענעץ אין דזשעדזשיצע האַלט מען אייך אָפּ אַ שטיק צייט און דערביי עקזיסטירט, ווייזט אויס, אַ געהיימער אָפּמאַך צווישן פּאָליציאַנט ביים וואָקזאַל און בופֿעט־אייגנטימער, לויט

וועלכן אַלע פּאַסאַזשירן, וועלכע כאַפּן זיך אַראָפּ אויף דער סטאַציע עפּעס אַ טרונק טון, מוזן שוין דאָרט בלייבן די גאַנצע צייט ביז דער צוג גייט אַוועק, דערביי, פאַרשטייט זיך, לייזט דער בופעט דרייפאַך, ווי מען זאָל וועגן דעם פריער מעלדן די פּאַסאַזשירן.

דערנאָך קומען די טשעכן אָפּגעבן אייך „שלום” און באַטאַפּן אייערע זאַכן,—און שפּעטער קומען די זעלבע טשעכן אַרויס באַגלייטן אייך פון זייער לאַנד און באַטאַפּן ווידער די זאַכן: איר האָט דאָך געהאַט דאָס גרויסע גליק דורכפאָרן טראַנזיט זייער זעלבשטענדיקע טעריטאָריע...

און גלייך נאָך די טשעכן קומען די עסטרייכער: אויך זיי זענען בודק אונזערע וויזעס און וואַליזעס. דאָס אַלץ ווערט געמאַכט אינמיטן דער נאַכט, און ס׳איז אַ נס, וואָס מיר האָבן נישט קיין ערטער אין שלאָף-וואַגאָן, — ווען נישט וואָלט דאָס געווען אַרויסגע-וואָרפן געלט.

און שפּעטער קומען די סערבן, האַרטע און שטייפע, ווי די כמעט רוסישע שפּראַך, מיט וועלכער זיי באַנוצן זיך. זיי פאָדערן פאַר זייער וויזע סערביש געלט, וועלכעס, פאַרשטייט זיך, איר האָט קיינמאָל אַפילו נישט אָנגעקוקט; צאָלט איר זיי מיט אַן אַנדער מטבע — קאָסט דאָך דאָס טאָפּלט, — און דאָס איז טאַקע דער עיקר. און אין אַ פּאָר שעה אַרום קומען ווידער די סערבן אַרויסבאַגלייטן אייך פון די גרענעצן פון זייער מלוכה און באַטאַפּן אייער געפּעק, כאָטש זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו עקספּאָרטירן...

אַרויספאָרנדיק פון סערבישן באַרג-טונעל, קומען די איטאַליע-נער, נאָר — שאַ! — דאָ וועלן מיר זיך אַביסעלע אָפּשטעלן. עס גייען נישט נאָר די זשאַנדאַרמען מיט די נאַפּאָלעאָן-היטלען און רויטע הויזן, וועלכע דערמאָנען אַ פּורים-שפּיל און מאַכן לאַכנדיק מיט זייער אָפּערעטן-קליידונג, — עס גייען אויך מיט פאַשיסטן.

פאַשיסטן מיט שוואַרצע בלוזעס און שוואַרצע ווײַדלען אויף די קאַשקעטלעך. דאָ זוכט מען שוין נישט נאָר וויזעס און געפּעק, — דאָ אינטערעסירט שוין אויך פּאָליטיק; מיר קומען דאָך פון סלאָווענישן סערביע, אין וועלכן עס געפינט זיך אַ שפּאָר ביסל איטאַליענער קענגער פון פאַשיזם און די פאַשיסטישע מיליציע קוקט דעריבער מיט חשד אויף אַ טייל פּאַסאַזשירן. ביי מיין שכן אַ טשעך נעמט מען צו דעם זשורנאַל „סימפּליציסימוס”, וועלכער האָט די העזה פון צייט צו צייט

געבן קאַריקאַטורן אויף מוסאָלינין; ביים צווייטן שלאָגן קאָנפיסקירט מען די סלאָוועניש צייטונג „יוטראָ״, וועלכע איז נישט שווה-בשווה מיט די פאַשיסטישע שוואַרצע העמדלעך.

אויף אַ שטרעקע פון דרייסיק שעה רייזע אַזש אַלץ אומגעבעטענע און זייער בייגיריקע וויזיטן, — איז דען דאָס דאָזיקע אייראָפּע נישט פראַקטפול מיט איר נאַציאָנאַליטעטן-זעלבשטענדיקייט, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסקייט-מאַניע, דערפירט ביז די העכסטע גרענעצן פון שאָוויניסטישער פסיכאָפּאַטיע?

און זי איז דאָך אַזוי שיין די דאָזיקע געגנט פון די פינף לענדער:

שיין איז דער ברייטער און זילבער-ווייסער דונאַי ביי ווין; באַצויבערנד זענען די הויכע בערג מיט וועלדער באַוואָקסן און מיט שניי באַדעקט ביי זעמערינג.

שטורמישע שמאָלע טייכלעך רייסן זיך פון די הויכענישן, פון די בערג-פעלזן, און מיט אַן אומגעהויערער קראַפט פאַלן זיי אין די ברויזנדע וואַסערן פון טייך סאַוואַ אין סערביע.

אויף ווייסינקע ליליפוטן-שטעטעלעך זענען צעשאָטן אין די טיפע טאָלן צווישן די הימלרייסנדע בערג-טורעמס, אויף וועלכע עס שלאָפן אַמאָל ברוין-שוואַרצע און אַמאָל ווי גאַז דורכזיכטיקע וואָלקנס.

און לאַנגע פינצטערע טונעלן שניידן דורך דאָס האַרץ פון די בערג און ווי אַ בייזער חלום פליען זיי שנעל פאַרביי, כדי צו ווייזן אייך די מיט ווייגגערטנער באַדעקטע גרינע טעפּיכער פון איטאַליע.

און ווען עס קומט דער אָוונט, אַזאַ ווייכער מיט דער לופט, וואָס צערטלט און גלעט ווי זייד, — דערהערט איר פון פענצטער אין וואַגאָן דאָס רוישן און קלאַפּן פון די ים-כוואַליעס, וועלכע באַגלייטן אייך שוין ביז עס באַווייזן זיך די פייערן פון די ים-טורעמס און די טויזנטער לייכטנדע לאָמפּן-שנורן פון טריעסטער פּאָרט.

„דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַזאַ שיינע וועלט, — האָבן גענומען די מענטשן און איינגעפירט... וויזעס״.

* *
*

אויף די שטילע וואַסערן פון טריעסטער האַפן וויגט זיך פּאַמעלעך אַ שווימענדער גיגאַנט פון אַרום 12 טויזנט טאָן, — דאָס איז

די שיף „וויענאַ", מיט וועלכער מיר דאַרפן באַלד אָפּפאָרן קיין אַלעקסאַנדריע אין מצרים.

אַמעריקאַנער, ענגלענדער, גריכן, אַראַבער פאַרנעמען די ערשטע דריי קלאַסן.

יידישע רייזנדער קיין פּאַלעסטינע זענען פאַראַן ווייניק, ווייל אַ גרעסערע גרופּע עולים און חלוצים איז אָפּגעפאָרן מיט אַ טאָג פריער אויף אַן אַנדער שיף, וואָס גייט דירעקט קיין חיפה. די שיף „וויענאַ" איז איינגעאָרדנט מיט אַ פאַרבלענדנדן לוקסוס, וועלכער איז צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון ראַפינירטן וועלט־רייזנדער, וועלכער גע־הערט צום מערסטנטייל צו דער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע.

אין ווינקל אויפן דעק פון שיף טוליען זיך איינער צום צווייטן אַ קליינע גרופּע חלוצים, וועלכע האָבן פאַרשפּעטיקט די ערשטע שיף און פילן זיך אַזוי נישט־היימלעך אין דער אָנגעצויגענער אַטמאָספער פון די אמתע און מכלומרשטע דזשענטלמענער און ליידיס.

אָבער ביסלעכווייז צעוואַרעמט מען זיך און ווען מיר זענען שוין אינמיטן ים און ווייט הינטער אונז זענען די ברעגעס פון טריעסט, — צעפּאַקט מען די באַשיידענע פּעקלעך מיט שפּייז, אָנגע־גרייט נאָך דורך די געטרייע הענט פון אַ מאַמע אָדער שוועסטער און איבערבייסנדיק זינגט מען חלוצישע לידער, וועלכע האַרמאָנירן אַזוי מיט דעם קאַפּריזנעם ים־שפּיגל און מיט דעם געקרייזלטן ווייסן שוים, וואָס לויפט נאָך אונזער שיף.

שוין כמעט אַ מעת־לעת זענען מיר אויפן אַדריאַטישן ים. באַלד באַווייזן זיך די ברעגעס פון ברינדיזי און מיר פאָרן אַריין אין מיטל־לענדישן ים.

דאָס וועטער איז קיל און קלאָר; די לופט דורכזיכטיק און בלאָ, דאָס וואַסער אָבער וואַרפט זיך מיט אונזער שיף און דאָס רוב פּאַסאַזשירן ליגן מאַט און אָנמעכטיק אויף די לאַנגע פּאָטעלן און זויגן די גרינע שטיקלעך ציטרין, וואָס ליגן אָנגעגרייט אויף די טישן.

נאָך אַ צוויי טעג הוידעניש אויפן ים און מיר וועלן אָנקומען אויף די ברעגעס פון עגיפּטן, אין לאַנד פון די פּרעהס. אָבער זאָל נאָך דער דאָזיקער בריוו אַוועקגיין פון דעם לעצטן אייראָפּעישן האַפן.

ברינדיזי, 23 יולי 1926.

II

אין די שטעט

וואָס איז דאָס אַזוינס פונווייטן דער האַלב-רונדיקער ווייס-געלער שפּילקאַסטן מיט קליינינקע טורעמלעך ווי פון העלפאַנטביין געשניצט, מיט פּאַליצעלעך גרויס ווי קעסטעלעך שוועבעלעך און מיט קינדישע ליליפּוט-שיפעלעך, פון וועלכע, דאַכט זיך, עס גייט אַ רויך?

דאָס איז די שטאָלצע אַלכסנדריה של מצרים, ווי מען זעט זי פון העכסטן דעק פון אונזער שיף. דאָס זענען די ברעגעס פון אַפריקע מיט איר גליענדיקער זון און אָנגעגליטע מדבריות-זאַמדן, מיט אירע געהיימנישפולע שטעט און אין ווייטן עבר פאַרזונקענע מענטשן און מנהגים.

עס דויערט נישט לאַנג און ווי דורך אַ צויבער-שטעקעלע פאַרוואַנדלען זיך די קליינע טורעמלעך אין ריזיקע ים-טורעמס, די ווייסע הייזעלעך אין גראַנדיעזע פּאַלאַצן מיט הויכע קאָלאָנעס און די קינדערישע שיפעלעך אין דרעדנאָוטן און קרייצערס פון דער ענגלישער עסקאַדרע, וואָס ווײַלט דאָ איצט מיט אַ וויזיט.

אלכסנדר מוקדון האָט מיט 2300 יאָר צוריק אין זיין טריומפולן שפּאַציר איבער פעלקער און לענדער געגרינדט די דאָזיקע שטאָט ביי די בלויע וואַלן פון מיטללענדישן ים, געגעבן איר זיין אייגענעם נאָמען און צוגעזאָגט איר אַ גלענצנדע צוקונפט. און אלכסנדריה האָט די ברכה געטראָגן טויזנטער יאָרן, און ווי אַ בלום פון באַנאַנען איז זי זיך פונאַנדערגעוואָקסן אין פילפאַרביקע רינגען פון אַרכיטעקטור, פילאָזאָפיע, שיינע קונסט און האַנדל.

נאָך לאַנג, לאַנג פאַר דעם חורבן בית-המקדש האָבן טויזנטער

און טויזנטער יידן באַוווינט אַלכּסנדריה, געניסנדיק דאָ פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג, און געמיינזאַמע מיליטער-קברים פון יענע צייטן זאָגן עדות וועגן דעם פאַרגאָסענעם בלוט און שווערע קרבנות, וואָס די יידישע גאַרניזאָנען האָבן אַוועקגעלייגט ביי אַלכּסנדריה פאַר איר פרייהייט.

* *
*

וויפל פאַרבן פון קליידער און געזיכטער! רויטע, בלאָע, גרינע כאַלאַטן ביז די קנעכל, און פנימער פון שוואַרץ-לאַקירטע שיך, פון טונקל-ברוינע טערקישע ניס; און ציין-ווייסע, ווי אַלעבאַסטער, שיינען אַרויס פון גראָע נובישע ליפן, דורכגעלעכערטע נעז, פון וועלכע עס בלישטשען אַראָפּ גאָלדענע רינגען,—דאָס דערמאָנט דאָך דעם צווייטן אַקט פון „אַאידאַ״, אָבער דער עולם דאָ איז נישט גרימירט: דאָס איז די טיר קיין אַפריקע, דער פאָרט פון מצרים.

און די שוואַרצע אָפּיצירן אין באָרדאָ פעסקעס אָדער אין ווייסע, קינסטלעריש אויפן קאָפּ אַרומגעוויקלטע, טורבאַנען,—זענען שטרענג פאָרמעל ביים אַראָפּלאָזן אויפן ברעג; די עגיפּטישע וויזע איז נישט אַזוי לייכט צו באַקומען. אַ מאָדנעם איינדרוק מאַכן די שלאַנקע, אַזוי שיין באַוואָפנטע עגיפּטיאַנער, ווען זיי קאָנטראָלירן די דאָקומענטן ביי די ווייסע טוריסטן און מיט יעדן געזיכטס-קנייטש פון די שוואַרצע פנימער, דאַכט זיך, זאָגן זיי: פּאַרזיכטיק! אַכטונג! איר זענט איצט אויף דער ערד פון דער אומאָפּהענגיקער עגיפּטישער נאַציע!

יאָ, „אומאָפּהענגיקע״, ווען דאָ ביי דער זייט שטאַרצן אַזוי אומצווייטייטיק די האַרמאַטן פון אַן ענגלישן דרעדנאָוט!...

* *
*

שנעל לויפט דער אויטאָמאָביל איבער די גאַסן פון אַלכּסנדריה: שפּיגל-שויב-פענצטער פון אייראָפּעישע געשעפטן מיט עגיפּטישע שילדן, איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש (פאַרוואָס נישט אויף ענגליש?..), גע-פלאַסטערטע ברוקן, אויף וועלכע עס גליטשן זיך לוקסוס-אויטאָמאָבילן און דערביי שניידט מען דורך שמאָלע שמוציקע גאַסן מיט ליימענע געביידעס. מיט בלינדע ווענט, מיט אָרעמע מעטשעטן, מיט אָפּגעריסענע

שוואַרץ-ברוינע שפּאַצירנדע אין פאַרביקער קליידונג. דעם וועג פאַר-צוימט פלוצלינג אַ קעמל-קאַראַוואַן און איר וואַרט מיט דרך-ארץ ביז זיי וועלן קלינגענדיק מיט די גלעקלעך אייך דורכלאָזן ווייטער. אָט איז די אור-אַלטע שול „כנסת-אליהו״, וועלכע איז, לויט דער לעגענ-דע, געבויט געוואָרן אויפן אָרט, ווו עס האָט געלעבט אליהו הנביא. ביי ביידע זייטן פון טיפן פּאַרק, וואָס רינגלט אַרום די דאָזיקע שול, זענען אויסגעבויט הייזלעך, ווו עס האַלטן זיך אויף קראַנקע יידן און מאַכמעדאַנער, וועלכע האָפן צו באַקומען אַ רפואה אין זכות פון אליהו הנביא.

נאָר שנעלער, שנעלער! באַלד גייט אָפּ דער עקספּרעס-צוג קיין קאַאיראָ, אין דער הויפּטשטאָט פון מצרים. און מען מוז איבערלאָזן אָרט אויף נאָך אַסך נייע און טיפע איינדרוקן.

* *

*

אַקוראַט ווי ביי אונז אין פּוילן! דער עולם מצריים טיילט זיך אויף לאַנג-געקליידטע, וועלכע טראָגן קרעטאָנענע קליידער און כאַ-לאַטן אויף זיי; קורץ געקליידטע, אָבער מיט פעסקעס אויפן קאָפּ, און אַ קליינע צאָל, וועלכע זענען שוין אינגאַנצן געוואָרן „דייטשן״.

אין די וואַגאָנעס קומען אַריין וואונדערבאַרע מוזיקאַנטן — פון העלצלעך מיט סטרונעס און משונהדיק לאַנגע פייפלעך ווערן אַרויס-געצויגן כישוף-קלאַנגען, מזרח-מעלאָדיעס, אַזעלכע ווייטע און גלייכצייטיק נאָענטע, נאָגנדע, בענקענדע. ערגעץ אין די טיפענישן פון דער נשמה געפינט די מוזיק אַ ווידערקול:

צי האָבן אַמאָל מיינע אור-אור-עלטערן אין מצרים נישט גע-טאַנצט אונטער די דאָזיקע פייפלעך-קלאַנגען?

דער צוג לויפט איבער אַ לאַנגער בריק און אין דער אָוונט-טונקלקייט זילבערט זיך אַ טייך, אַ לאַנגער, אַ ווייטער.

נילוס! דאָס איז ער, דער גרויסער שפּייזער פון דעם דאָזיקן געבענטשטן לאַנד; דאָס איז ער, דער סודותפולער שווייגער פון טויזנטער יאָרן; אויף זיינע וואַסערן האָט זיך דאָס געוויגט דאָס קעס-טעלע מיט פעך באַשמירט, אין וועלכן עס איז געלעגן אַ קליין ייג-געלע, „משה״ האָט מען אים שפּעטער אַ נאָמען געגעבן...

און ענדלעך — קאַאיראָ!

ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, אַז די שטאָט געפינט זיך אין אַפריקע?

צי זענען נישט די מיט דימענט באַגאָסענע פלעצער אונטער אַרקאַדן פון טויזנט-ליכטיקע עלעקטרישע לאָמפּן אַוועקגענומען געוואָרן פון די פּאַריזשער גרויסע בולוואַרן? און דער דאָזיקער דענקמאָל פון מחמד-פּאַשאַ אויפן פערד, — קאָן ער נישט באַשיינען דעם טראַפאַל-גער-סקווער אין לאָנדאָן? און די פּואַד-עוועניו, מיט אירע ווייסע גע-שמאַקפולע געביידעס, מיט די רייכע וואַרן-הייזער, טראַמווייען, אוי-טאָמאָבילן און אויטאָבוסן, — זי קאָנקורירט דאָך מיט דעם קורפירס-טענדאַם אין שאַרלאָטענבורג!

מער נישט, וואָס די מענטשן זענען אָריענטאַליש געקליידט און זייערע פּנימער אַביסל שוואַרצלעך, — נו, איז וואָס? גיט דאָס צו מער חן דער דאָזיקער שענסטער אין אַפריקע שטאָט.

דאָ קעניגט דער מאַנספּערזאָן אָן אונטערשיד, צי טראָגט ער אַ זיידענעם בונטן כאַלאַט, צי אַ קאָקעטישע פעסקע אויפן שפּיץ קאָפּ. און צווישן גרויסן עולם אויף די הויפּטגאַסן שלייכן זיך דורך שוואַרצע פרויען-פיגורן אין קליידער, וואָס פאַרדעקן די טריט, אין שלייערס, וואָס באַהאַלטן דאָס פּנים, לאָזנדיק אָפן נאָר אַפּאָר ברענענדע אויגן, וואָס בריען אייך אָפּ מיט אַ שנעלן קוק און לאָזן זיך גלייך אַראָפּ, ווען איר ענטפערט אויף אים.

די האַרעם-פרויען מיט פאַרגאָלדעטע העלצלעך אויף דער נאָז גייען גרופּנווייז אין באַגלייטונג פון אַ פאַרשוין פון פאַרדעכטיקער מענלעכקייט,—געוויס אַ טרייער שומר פון אַ ליבעסדורשטיקן פּאַשאַ...

אויף די טראַמווייען זענען איינגעאָרדנט ספּעציעלע פרויען-אָפּ-טיילונגען, — פאַרמאַכטע, כדי אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן „אומריינעם" עלעמענט פון צונויפמישן זיך מיט די נאָבעלע כאַלאַטן-טרעגער פון מענלעכן געשלעכט.

אָבער דאָס שטערט נישט דער ברויזנדער פרייל עכקייט אין די צאָלרייכע דאַנסינגס, ווו אונטער די קלאַנגען פון ווייסע דזשאַזבאַנדן (שוואַרצע זענען דאָך דאָ נישט קיין יחוס) גליטשן זיך פאַרלעך אין טשאַרלסטאָן און שימי. אַביסל טאַנצן דאָ פרויען פון די אייראָ-פּעישע באַאַמטע און סוחרים, אָבער נאָכמער זעען מיר די לוקסוס-קאָקאָטעס, אימפּאָרטירטע מיט אַ ברייטער האַנט פון פראַנקרייך,

וועלכע זעט אין דעם נישט קיין שלעכט מיטל צו פאַרשטאַרקן און קולטווירן צווישן די רייכערע עגיפּטיאַנער די פראַנצויזישע עלעגאַנץ און שפּראַך.

* *
*

עטוואָס העכער, אַרום דער אַלטער פעסטונג און דעם הויפּט־מעטשעט ליגן די אַלטע קוואַרטאַלן פון קאַירא.

זעלטן־ווען איר באַגעגנט דאָ אַן אייראָפּעיש־געקליידטן דורכגייער; שמוציקע קראָמען, קונים און פאַרקויפערינס; אין בלאָטע איינגעשמירטע שוואַרצע ייִנגלעך קייקלען זיך אין שטויב, שוסטערס און שניידערס, וואָס פירן אויס זייערע פרייע באַשטעלונגען אין די „וואַרשטאַטן" אויף דער גאַס.

אַרום קלעפּיקע, מיט פליגן באַלאַגערטע קאַפע־קרעמלעך ליגן אויסגעלייגט עגיפּטיאַנער מיט ווייסע בערד און ציען מיט נאַרגילפייקעס פון טונקעלע פלעשלעך אָפּיום־סם.

און אויפן ראָג פון אַ קאָליקן געסל דערזע איך אַ בילד, וואָס דערמאָנט מיר אַזוי מיינע פריעסטע קינדער־יאָרן אין חדר:

אַ פּאָר צענטליק קליינע קינדער אויסגעזעצט אויף לאַנגע בענק אין אַ שטויביקן הויף מיט היטעלעך אויף די קעפּ און ספרים אין די הענט שאָקלען זיך מיט אימפּעט און מיט אַ ניגון פון מעביר־סדרה־זיין, און אינמיטן שטייט אַ הויכער שוואַרץ־בערדיקער פאַרשוין מיט אַן אויסגעבלייזטער האָריקער ברוסט און אַ קאַנטשיק אין דער האַנט און דיריגירט מיט דער חברה. אַמאָל גיט ער אַ צי מיט דעם קאַנטשיק איבער אַ קעפּל, אַמאָל אַ שטורך מיט דער האַנט אונטערן קאָלנער. איך וואָלט שווערן, אַז דאָס איז מיין רבי, ר' ישראל טעלזער, וועלכער פראַוועט מיט אונז די „דאַנערשטיקדיקע" שטיק, אָבער פאַרוואָס שרייען זיי עפּעס אויף טערקיש און פאַרוואָס טראָגט דער „רבי" אַ רויטע פעסקע?

דאָ לערנט מען דעם קאָראַן, און די גאַנצע קונץ איז צו קענען אים אויף אויסנווייניק.

שטופּט מען אים אַריין מיט דעם קלאַפּ און מיטן קאַנטשיק, אַזוי ווי דער מנהג איז ביי מזרח־פעלקער פון אַלע אמונות...

קליינינקע מצריימלעך, ווי איך פיל אייך מיט!

נאָר גענוג! די אויגן שווינדלען שוין פון איינדרוקן און פאַרבן; עס איז, ווייזט אויס, איינגענומען געוואָרן דורך מיר אַ צו גרויסע דאָזע אַפריקע מיטאַמאָל.

מאָרגן דאַרף מען נאָך באַזוכן די פרעהס, איבערגעבן אַ גרוס דעם נאָר-וואָס געבראַכטן אין קאַיראָ טוטאַנקאַמען, אַ בליק טון אין דעם מדבר צו די פּיראַמידן און ספינקסן.

אַ מצריש בחורל.



אַ פרוי פון הארעם.

III

פּרעהס

ווען די אַפריקאַנישע זון האָט אָנגעוואַרעמט דעם טערמאָמעטער ביז 55 גראַד, האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אַז אַ טוריסט דאַרף בייטאָג שלאָפן און ביינאַכט און פאַרטאָג וואַנדערן איבער די מערקווירדיקייטן פון מצרים.

און אַזוי האָבן מיר געטון: שוין פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט מיך אויפגעוועקט אַ קליין קויל־שוואַרץ נעגערל, וועלכס האָט אויס־געזען, ווי אַ שדל פון אַ מיטלאַלטערלעכן בילד.

אונטן, אויף דער גרויסער, גלעזערנער, אין פּאַלמען־איינגעטולע־טער טעראַסע פון סאַוואָיאַ־האָטעל, האָבן שוין געוואַרט די איבעריקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט: דער פילאַדעלפיער באַנקיר, דער ברוקלינער רב, וועלכער איז אַן אוראייניקל פון ווילנער גאון אין דער גלייכער ליניע, און — די גאַנצע פאַמיליע פון טשיקאַגער „קעניג פון די פאַרטיקע הויזן־געשעפטן”. דער לעצטער איז נישט קיין קלע־נערער יחסן ווי די ערשטע צוויי, איבערהויפּט ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז ער קאָן זיך דערלויבן אַ רייזע אַרום דער וועלט זאַלבע־זעקסט און אַז דער קלענערער פון זיינע באָיעס, דער, אַזוי צו זאָגן, „פּרינץ פון די פאַרטיקע הויזן”, פאַרמאָגט אין טשיקאַגאָ 2 אייגענע אויטאָמאָבילן, וועלכע דער טאַטע האָט אים געשענקט צו בר־מצווה.

ס'וואַרט שוין אויך דער מצרישער פירער אַשור־אַלי, וועלכער רעדט פליסיק אַ ריי אייראָפּעישע שפּראַכן און טראָגט דאָך אַ לאַנגן זיידענעם כאַלאַט און אויפן קאָפּ אַ ווייסן טורבאַן.

די זון האָט נאָך נישט באַוויזן איינגאַנצן צו באַפאַרבן דעם

קאַאירער הימל, ווען אונזער שורה לײַכטע אויטאָמאָבילן האָט געריכט אין וועג צום מדבר, צו די פּיראַמידן.

איבער די ברייטע מיט גראַניט באַפֿלאַסטערטע פּראָספּעקטן פֿון דער עגיפּטישער שטאָט ציען זיך קאַראַוואַנען קעמלען, גייען גרופּעסווייז פֿאַרשלייערטע פֿויערטעס מיט שפּייז און פּרוכטן אויף די קעפּ, טרייבן שעפּסן און אייזלען, פּעלאַכן, טרוימענדע, נישט קיין אויסגעשלאָפענע, פֿון ווייטע מקומות געקומענע.

עס שלאָפֿט די גרויסע שטאָט קאַאירא; עס שלאָפֿט נאָך גאַנץ מצרים; אַשור־אַלי ווייזט אונז אָן אויפֿן קליינעם פּאַלאַץ פֿון עגיפּ־טישן פֿאַרגעטערטן נאַציאָנאַליסט זעגלול־פּאַשאַ: די גרינע זשאַלוזיעס אַראָפּגעלאָזט, די באַלקאָנען ליידיק; ער שלאָפֿט איצט אויך, דער פּאָליטישער מנהיג, און אַז ער וועט זיך אויפֿכאַפּן, וועט ווערן הייס... אַזוי מיינט מען אין גאַנץ מצרים.

און אָט איז דער נילוס: גרויסע באַרקעס אין דער פֿאָרם פֿון פֿויגלען זענען פֿאַראַנקערט ביי די ברעגן; גרין־גראָע פּאַלמעס פֿאַר־באָרגן אין שאָטן אַ ווונדער־שיין וואַסער־ווינקל, דורך וועלכן עס לײַכט זיך ווי דורך קרישטאָל אַ גאָלדענער זאַמד. אַשור־אַלי דערקלערט, אַז אין דעם דאָזיקן ווינקל איז צוגעשווומען דאָס קעסטעלע מיט משהן און פֿון דאָרט האָט אים אַרויסגעצויגן פּרעהס טאָכטער. אָ! ער ווייסט אַלץ דער דאָזיקער אַשור־אַלי אין זיידענעם כאַלאַט...

נאָר מיר זענען שוין דערפֿאָרן ביזן מדבר; ווייטער גייען נישט די אויטאָמאָבילן; אין די דאָזיקע זאַמדן איז דאָס בעסטע קאָ־מוניקאַציע־מיטל דער קעמל. באַמערקן אונז פֿונווייטן די קעמל־אָנ־טרייבער, — ווערט אַ שרעקלעכער אָנלויף: מען רייסט פֿאַר די פּאָ־לעס; מען כאָרכלט אויף אַ שפּראַך, וואָס איז ענלעך צו אַ סקריפּנדן וואָגן; יעדער שלעפּט צו זיין קעמל.

די קעמלען קניען, ווען דער אָנטרייבער גיט זיי אַ סיגנאַל מיטן האַלז: הררר... און ווען זיי הייבן אייך אויף אויפֿן רוקן, דאַכט זיך אויס, אַז מען בלייבט הענגען אינדערלופֿטן, אָפּגעגעבן אויף גאָטס גענאָד; נאָר עס פֿאָרט זיך פֿונדעסטוועגן גאָר נישקשהדיק, כאָטש לויט די אויסרעכענונגען זענען מיינע אבות־אבותי דאָס לעצטע מאָל געפֿאָרן אויף אַ קעמל אַ קימא־לן פֿון אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק...

אַביסל לעכערלעך הוידעט זיך אויפֿן קעמל דער ברוקלינער רב; ס'ווייסן נישט ווי זיך אַן עצה צו געבן מיט די קורצע קליידלעך

אונזערע אַמעריקאַנער עלעגאַנטינס, אָבער דער קאַראַוואַן ציט זיך איבער די זאַמדן און מיר דערזעען פונווייטן די שאַרף־קאַנטיקע ליניעס פון דער כעאָפּס־פּיראַמידע. ביי דער זייט הויבן זיך אויף די צווײ קלענערע פּיראַמידן און אונטער זיי מיטן פּנים צום מדבר רוט אויסגעצויגן אויף זיינע שטיינערנע לאַפּעס דער סודותפולער גיגאַנט מיטן כישוף־בליק פון די אַלטע חרטומים — דער ספינקס.

מיט קנאַפּע פינף טויזנט יאָר צוריק איז געבויט געוואָרן די גרויסע פּיראַמידע דורכן פּרעה כעאָפּס; שפּעטער אַביסל—די אַנדערע פּיראַמידן. שטייען מיר און באַוווּנדערן די שטיינער פון איין־צוויי מעטער די דיק, וועלכע זענען אַרויפגעשלעפּט געוואָרן אויף אַ הויך פון הונדערטער מעטער. ווי אַזוי? מיט וועלכע מאַשינען? קלערן וועגן דעם בוי־קינסטלער פון אַלע צייטן און עד־היום האָט מען נאָך דעם סוד נישט אַנטדעקט. אַזוי ווי מען איז נישט דערגאַנגען אַסך סודות פון יענער גרויסער פאַרגאַנגענהייט. און אפשר האָבן די שטיינער געשלעפּט די קינדער פון ישראל, וואָס האָבן געקרעכצט אונטער דעם פייפנדיקן בייטש פון פּרעהס שוטרים און אפשר זענען זיי צעמענטירט געוואָרן דורכן בלוט פון עברישע עופעלעך, דורך אומשולדיקע קערפּערלעך פון קינדער, וואָס מען האָט געוואָרפן אין נילוס?..

אַלנפאַלס זענען די פּיראַמידן אויסגעוואָקסן אויף די ביינער פון הונדערטער טויזנטער קנעכט, וואָס האָבן זיי געבויט אויפן באַפעל פון די פּרעהס און דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן; דורך טויזנטער יאָרן זענען זיי געבליבן אומבאַרירט, פעסט, און דערציילן וועגן אַ מעכטיקער קולטור, וועגן אַן אַרכיטעקטור, וואָס האָט קיינעם נישט נאָכגעמאַכט, נאָר וועלכן מיר זוכן נאָכצומאַכן ביזן היינטיקן טאָג. אין די טיפע פינצטערע קאָרידאָרן פון די פּיראַמידן טאָר מען זיך נישט לאָזן אָן אַ געניטן פירער, ווייל מען קאָן דאָרט אַמאָל בלייבן אויף אייביק; אויף די שפּיצן פון די פּיראַמידן דאַרף מען נישט קלעטערן — ווייל אויך דאָ לויערט דער טויט; די אומשטערבלעכקייט פון די שטיינערנע גיגאַנטן איז אויף ווייטער פאַרזיכערט.

און פון ספינקס האָבן די זאַמדיקע ווינטן פון מדבר אין משך פון טויזנטער יאָרן אָפּגעריבן אַ שטיקל נאָז, אָפּגעפּאָלירט אַ טייל פון האַלז, אָבער די אויגן, פאַרקוקטע אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער צוקונפט, ענדערן נישט זייער בליק, זייער „ספינקס״־בליק.

דערווייל הויבט אָן צו בלאָזן אַ הייסער ווינט, די זון צעוואַרעמט

זיך ביסלעכווייז און שיט מיט גליענדע שטראַלן; אונזער קאַראַוואַן אויף די קעמלען ציט זיך צוריק; יעדער פון אונז רייט פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען וועגן דער נאַר-וואָס געזעענער גרייז-גראָער אור-אַלטקייט, וועגן די שטומע שטיינער, וואָס ווייזן אַזוי פיל צו דער-ציילן און נאָך מער צו פאַרבאָרגן...

* *
*

גרויסע מאַרמאָרנע לייבן היטן אָפּ דעם אַריינגאַנג צום קאַאירער מוזעום, ווו עס האָבן געפונען זייער רו די צענטליקער פרעהס מיט זייערע ווייבער, פאַמיליעס און צירונגען, וועלכער דער בייגיריקער און גייציקער מאָדערנער מענטש האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די פּיראַמידן, פון אונטער די גראַניטן-חורבות פון שטעט און פּאַלאַצן, פון אונטער די זאַמדן פון מדבר און טייכן.

מען האָט די מעכטיקע מלכים און וועלט-הערשער נומערירט, סאָרטירט, אַריינגעלייגט אין גלעזערנע קאַסטנס, און — ביטע! איר קאָנט זיי אַלע אָנקוקן אין זייער פּראַכט און גלאַנץ פאַר פינף עגיפּ-טישע פּיאַסטער, — מער נישט. דער צופאָר צו זיי איז פאַר אונזערן אַ מענטש אַביסל שווערלעך: לענדער, ימים און וויזעס, אָן אַ שיעור וויזעס...

אָט ליגט דער פּרעה—אמענענג III; דאָס זאָל זיין דער זעלבער, וועלכער האָט דערהויבן יוספן און איינגעלאַדן די יידן אין מצרים, קיין גושן.

פּרעכטיק פאַרבאַלזאַמירט איז זיין שוואַרץ פּנים; די הענט רויק צוזאַמענצוגעלייגט אויף דער ברוסט; לעבן אים זיין ווייב, אַפילו די שוואַרצע האָר אירע זענען נאָך אויפן קאָפּ געבליבן. דאָס דאָזיקע פּאָרל איז מיר באַזונדערס סימפּאַטיש...

אָבער אַ פּאָר טריט ווייטער ליגט רעמסס דער צווייטער. די מוזעום-אויפשריפט אויף זיין טרומנע לויטעט: „דאָס איז דער פּרעה, וועלכער האָט געדריקט די יידן". אַן אַלטער באַקאַנטער...

איר געדענקט דעם „מלך חדש, אשר לא ידע את יוסף"? איין האַנט האַלב-אויפגעהויבן, די אַנדערע האַנט צוגעדריקט צו דער ברוסט; דאָס מויל איינגעפאַלן, פון דעם באַקומען זיך פאַרקוועטשטע ציין, אַ שלעכט געזיכט! דאָס האָט ער געבויט פּיתום און רעמסס. מיט וועמענס

פיראַמידן און ספינקס.

הילף — ווייסט איר דאָך: און — „יעדן זון זאָלט איר אין טייך וואַרפן און אויסראָטן זיי, טאָמער וועלן זיי זיך פאַרמערן און פאַרניכטן דאָס לאַנד". דער גרויסער רעמסס איז געווען אַזוי נאַיוו, ווי אַסך פריערדיקע און שפּעטערדיקע מושלים... איך גיי צו שטילערהייט צו זיין גלעזערנער טרומנע און שעפּטשע אַריין: „אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט! איך, איינער פון די בני-לוי, האָב איבערגעלעבט דיין דינאַסטיע און מיט מיר נאָך אַסך מיליאָנען!".

„איך פאָר איצט אין אַ לאַנד, ווו די בני-ישראל אַרבעטן ווידער „בחומר ובלבנים", נאָר נישט פאַר קיין פּרעה. פאַרבאַלזאַמירטער שטויב איז געבליבן פון אייערע צוויי און צוואָנציק קעניגלעכע דורות, אָבער אונזער פאָלק לעבט!".

און ס'ציען זיך צימערן אָן אַן ענדע און אַזוי ווי אַן אָנציענד מעשהלע אַנטדעקן זיך פאַר מיר די בלעטער פון וווּנדערבאַרן געשיכטע-בוך, וואָס הייסט מצרים. זיין לעצטע זייט טראָגט פאָרלויפיק דעם טיטל „טוטאַנקאַמען". ווער ווייסט וואָס פאַר אַ נאָמען זי וועט טראָגן אין אַ פאָר יאָר אַרום.

זעקס גרויסע זאַלן זענען אָפּגערייניקט געוואָרן, כדי אַריינצונעמען די אוצרות, וואָס זענען נישט לאַנג געפונען געוואָרן אין די טיפענישן פון דעם מדבר, אַדאַנק דעם ענגלישן לאָרד קאַרנאַרוואָן און זיין געהילף קאַרטער. אַ מאָדנער צופאַל! טויזנטער יאָרן איז קיין מענטשלעכער פוס נישט איבערגעטרעטן די שוועל פון פאַרבאָרגענעם קעניגלעכן קבר; אַפילו די אוראַלטע גנבים פון מצרים, וועלכע פלעגן בעת די מהומות אין לאַנד באַראַבעווען די פאַרבאַלזאַמירטע פּרעהס, האָבן געשאַנעוועט דאָס רו-אָרט פון דעם אינגאַנצן פאָלק באַליבטן טוטאַנקאַמען. און אַן אויפשריפט איז געווען ביים אַריינגאַנג: „דער וואָס וועט באַאומרויקן מיין שאָטן — וועט שטאַרבן!".

האָט מען מיט צוויי יאָר צוריק אָנגעהויבן גראָבן, געפונען דעם קבר, און דער ערשטער איז אַריין לאָרד קאַרנאַרוואָן. די גאַנצע וועלט איז געווען איבערראַשט פון די אוצרות, וואָס זענען דאָרט געפונען געוואָרן. אָבער... אַן אומבאַקאַנט קליין פליגעלע האָט באַלד אַ ביס געטון דעם מוטיקן לאָרד און אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער אין גרויסע יסורים געשטאָרבן. אין משך פון די לעצטע יאָרן זענען טראַגיש געשטאָרבן נאָך געהילפן פון לאָרד. אין יאָרן אַרום וועט דאָס קלינגען ווי אַ לעגענדע, אין וועלכער קיינער וועט נישט

גליַיבן, אָבער דאָס האָט דאָך געטראָפן פאַר אונזערע אויגן!

אין מיטלסטן זאַל שטייט אַ גרויסער סאַרקאָפאַג פון ריינעם גאָלד אייניקע מעטער די טיף—דאָ איז געלעגן טוטאַנקאַמען.

באַזונדער ליגט זיין גאָלדענע מאַסקע — פאָטאָגראַפיש ענלעך צו זיין געזיכט ביים לעבן: אַ יונגער שיינער עגיפּטיאַנער מיט פייער-דיקע אויגן פון פאָספאָר-עמאַל, וועלכער איז גאָר היינט נישט בנמצא.

זיין קרוין איז באַצירט מיט גרויסע דימענטן און אַנדערע טייערע שטיינער פון אַן אומשאַצבאַרן ווערט.

גאַנצע שאַפעס מיט צירונג פון אַ קונסט-אַרבעט פון פיינסטן געשמאַק. דאָס בעט זיינס אויך פון ריינעם גאָלד, און באַצירט מיט צוויי גרויסע הינט פון העלפאַנט-ביין, וועלכע האָבן געדאַרפט אָפּיאָגן די בייזע רוחות, וואָס וועלן קומען צום מת. אין קבר האָט מען אים אויך מיטגעגעבן זיינע רייטוועגן, פולע פלעשער מיט טייערע פאַר-פומען, גאַנצע קערב פאַרשידענע פרוכטן און אַפילו... אַ פאַרבאַלזאַ-מירטע קאַטשקע, ער זאָל האָבן מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן... אַלץ זעט אויס פריש, אַזוי ווי נעכטן וואָלט דאָס אַוועקגעלייגט גע-וואָרן. איך מוז מודה זיין, אַז ווען מען זעט נישט פאַר די אויגן די דאָזיקע קאָלאָסאַלע אוצרות פון רייכטום און קונסט, — האָט מען נישט קיין שום באַגריף פון דער אור-אַלטער וועלט מיט איר גאַנץ באַזונ-דערער טעכניק און חכמה.

דער לעצטער בליק אויף טוטאַנקאַמען, דער לעצטער געזעגנונגס-צייכן צו דעם גאַנצן עגיפּטישן פאַנטעאָן, וועלכער איז דאָך נישט מער ווי אַ שיינער דענקמאָל פון צייטן, ווען מיליאָנען קנעכט האָבן געאַרבעט פאַר זייער מלך.

אין אַ פאָר שעה אַרום וועט מיך דער עקספּרעס-צוג אַוועקפירן צום סועץ-קאַנאַל, פון דאָרט אויף דער צווייטער זייט פון קאַנאַל, האַרט ביי דער גרענעץ פון מצרים וואַרט אויף אונז אַ צוג. אויף זיינע וואַגאָנען געפינען זיך העברעישע אויפשריפטן: „רכבת פלשתינא״— פאַלעסטינער אייזנבאַן. אַמאָל האָט דאָס גיין פון מצרים געדויערט גאַנצע פערציק יאָר, — היינט וועט דאָס צוגיין אַביסל שנעלער.

IV

סועץ־קאַנאַל

די גרענעץ פון אַזיען מיט אַפריקע, ביי די טויערן פון די וועגן קיין אינדיע, כינע, יאַפּאַן...

גאַנץ פּאָרט־סאַיד, די שטאָט, וואָס איז אויסגעוואָקסן אַדאַנק דאָס דורכגראָבן דעם סועץ־קאַנאַל, זעט מען ווי אויסגעלייגט פון אוי־בערשטן שיף־דעק.

ביים אַריינגאַנג אין פּאָרט שטייט שטאָלץ דער בראָנז־דענקמאָל פון געניאַלן פראַנצויז פערדינאַנד לעסעפּס, וועלכער האָט געמאַכט איינע פון די גרעסטע טעכנישע רעוואָלוציעס אין דער מענטש־הייט: פאַרייניקט דעם אינדישן אָקעאַן מיטן מיטללענדישן ים און מיט דעם דערנענטערט די פעלקער פון ערד־קויל צווישן זיך פיל מער ווי טויזנטער יאָרן ציוויליזאַציאָנס־טעטיקייט.

צי האָט ער מיט דעם די בראָנזענע, געלע און פון שאָקאָלאַד־פאַרב מענטשן גליק געבראַכט? — דאָס איז שוין אַן אַנדער פראַגע.

פילפאַרביק איז דאָס בילד, ווען די שיף אַנקערט ביים שמאָלן ים־דורכגאַנג און עס אַנטפּלעקט זיך די מענגע שיפן אונטער פאַרשידענע פאָנען, וואָס רוען דאָ אויס אַביסל איידער זיי לאָזן זיך אין זייער ווייטע מאָנאַטן־לאַנגע דויערנדע רייזעס קיין באָמביי, שאַנכיי, סינגאַפּור און יאָקאָהאַמאַ.

איך קוק זיך צו צו אונזער שכן, וועלכער שווימט אונטער דער ענגלישער פאָן און פירט אויף זיין דעק אַ בוקעט פון מענטשן־פאַרבן און קליידער. אַ האַלבן טאָג שטייען מיר איינע לעבן די אַנדערע און איך האָב צייט צו באַטראַכטן די קליינע מאַלאַיער פון קאַקאַאָ־פאַרב, וועלכע עסן זייער באַשיידענעם מאָלצייט, זיצנדיק אויף דער ערד, אַ גרופּע יאַפּאַנישע מיליטערלייט, וואָס קערן זיך אום צוריק צום כרי־זאַנטעמען פאָטערלאַנד פון ווייטע סטודיומס און פאָרשונגען; כינעזער,

וואָס הערן זיך צו אויפמערקזאַם צו די ידיעות, וואָס אַ עלטערער באַברילטער „מאַנדאַרין" לעזט זיי פאָר פון דער נאָר-וואָס געקויפטער צייטונג. האַנדלט זיך דאָך פאַר זיי איצט וועגן אַ קלייניקייט: מלחמה אָדער שלום...

שווייגנד, רויכערנדיק לאַנגע פייקעס, דרייען זיך צווישן דעם עולם אייניקע ענגלישע דזשענטלמענען, לויט קליידונג און באַנעמונג, ווייזט-אויס, קאָלאָניאַלע באַאַמטע.

אויך זיי אַלע קוקן אויף אונז פון צייט צו צייט און עס קרייצן זיך די בליקן פון צוויי וועלטן, — קאָלירטע און ווייסע, — ווער ווייסט, וואָס דער תהום פון צוקונפט פאַרבאָרגט אין דער דאָזיקער קרייצונג?

די שטאָט פאָרט-סאַיד מיט אירע קרוב פופציק טויזנט איינוווינער מאַכט דעם איינדרוק פון איין גרויסן וואַרן-הויז, וועלכעס האָט זיך צעלייגט ביים ברעג פון ים און פאַרקויפט פאַר די טויזנטער דורכפאָרנדיקע אַלץ, וואָס די דריי קאָנטינענטן האָבן באַשאַפן: באַבלומטע כינעזישע זיידנס, יאַפּאַנישע פּאָרצעליי-אויסאַרבייטונגען, עקזאָטישע פּרוכטן פון ציילאָן און יאַוואַ און... פּאָרנאָגראַפיע.

אויב מען זאָל די אייראָפּעישע פּראָדוקציע שאַצן לויט די צענטליקער דערוואַקסענע און קליינינקע פּאַרקויפער, וועלכע באַלאַגערן דעם דורכגייער און באַוואַרפן אים ממש מיט אַ מבול קאָרטן פון פּאָרנאָגראַפישן אינהאַלט, — וואָלט אייראָפּע געוויס פאַרשפּילט אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער עקספּאָרט-רעקלאַמע...

ס'ווייזט אָבער אויס, אַז דער דאָזיקער פּראָדוקט האָט דאָך די גרעסטע נאָכפראַגע און צוזאַמען מיטן אָפּיום, קאָקאַין און אַנדערע נאַרקאָטיקן שפּילט ער נישט קיין קליינע ראָלע אין ציוויליזאַטאָרישן „מאַרש נאָך אָסטען"...

פונוווייטן דרימלען די ענגלישע, שוואַרץ-באַפאַרבטע קריגס-שיפן, וועלכע באַוואַכן דעם סועץ-קאַנאַל, דעם דאָזיקן טייערסטן דימענט פון דער ענגלישער קרוין און וועלט-הערשאַפט.

פון יענער זייט ים, — ביים אַטלאַנטיק, — היט ענגלאַנד איר גיבראַלטאַר, אינמיטן ים רוען אירע דרעדנאָוטן ביי מאַלטאַ און ציפערן, און דאָ ביי פּאָרט-סאַיד האַלט זי דעם שליסל צו אינדיען און די געגנטן פון „געלן מאַטעריק".

דערווייל מעג מען רויק שלאָפן אין לאָנדאָן: די „שליסלען" געפינען זיך אין זיכערע הענט.

ט

קאַאיראָ

ס'לויפט דער צוג איבער די צעגליטע זאַמדן פון מדבר דירעקט צו דער הויפּטשטאָט פון מצרים, — צו קאַאיראָ. די זון בלענדט די אויגן און צוזאַמען מיטן זאַמד שאַפט זיך אַן אוממעגלעכע לופט צו אָטעמען.

איך קוק דורכן פענצטער אויפן אומענדלעכן מדבר-ים, דאָרט, ווו אין דער טיף ליגט דער באַרג סיני, דאָרט, ווו מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט אַ פאָלק געוואַנדערט, זוכנדיק פאַר זיך אַ היים, אַ לאַנד...

פערציק יאָר אין דער מדבר, ווו דורך נסים האָט מען עסן באַקומען און וואַסער געטרונקען, ווו בייטאָג האָט געבראָטן די זון און ביינאַכט געפרעסן די קעלט.

און דאָס אַלץ איז נישט געווען צו טייער, כדי פריי צו זיין און אַ פאָלק צו ווערן...

מיר מאַכן איצט דעם זעלבן וועג אין אַ 12 שעה אין פאַר-מאַכטע וואַגאָנעס מיט אַ רעסטאָראַן-וואַגאָן אַ צושלאָג, — מיר דאַרפן נישט שפאַלטן דעם ים, כדי אַריבערצוגיין אויפן צווייטן ברעג, — און דאָך קרעכצן מיר און קלאָגן: „אַך! ווי הייס, ווי שטויביק! ווי טייער קאָסט דאָס פאָרן און ווי קומט מען שוין אין שאָטן!“.

מיר, קליינינקע אייניקלעך פון יענעם דור-המדבר, וועלכן מען איז געווינט גרינגצושעצן און פאַראורטיילן...

אַדרבא! שפּאַצירט זיך נאָר דורך נישט 40 יאָר, נאָר 40 שעה איבערן זודיקן זאַמד צום באַרג סיני צו, — וויפל קורחס און

דתן ואַבירמס וואָלטן דאָ רעוואָלוציעס געמאַכט און צוריק צום „טאָפּ דינזן״ געשלעפּט!..

* *
*

די מיליאָניקע, שענסטע שטאָט פון אַפריקאַ—קאַיראָ, די שטאָט פון גרויסע קאָנטראַסטן צווישן אייראָפּע און אַפריקע, צווישן לוקסוס-אויטאָמאָבילן און קעמלען, צווישן עלנטן מחמדאַנישן פאַנאַטיזם און אייראָפּעישער אויסגעלאַסנקייט, — ווידער באַגעגנט זי מיך מיט איר פילפאַרביקן טומל און גערויש.

נעכטיקן אין קאַיראָ געהערט צו די טייערע אַרטיקלען אויף וועלכע ס׳קאָנען זיך דערלויבן רייכע אָדער פּריצים, אָבער אַזוי ווי אין די פּיראַמידן האָט מען נאָך נישט איינגעאָרדנט קיין אַכסניות, מוז מען אָנקומען צו די פרעכע מעטר-ד׳האָטעלס, וועלכע שטעלן זיך גאָרנישט פאַר אַ טרינק-געלט ווייניקער ווי אַן עגיפּטישן פונט.

אָבער דערפאַר ווייזט אונז קאַיראָ די אוצרות פון טיפן אַל-טערטום, די קאָלאָסאַלע ירושות פון הונדערטער דורות פון שאַפן, קונסט און געשיכטע.

אַזוי ווי אומדערוואַרט האַקט זיך אָפּ דער אַספאַלט פון שטאָט און אַ מדבר הויבט זיך אָן, ווו אויף קעמלען אָדער אייזלען פאָרט מען לאַנגזאַם צו צום וועלט-וווּנדער פון אַרכיטעקטור, צו פרעהס פּי-ראַמידן מיט זייערע אידעאַלע ליניען, פון גלייכהייט און פאַרפול-קאָמענהייט, מיט זייערע גיגאַנטישע שטיינער פון אייניקע מעטער די דיק, וועלכע מען האָט מיט „אומבאַקאַנטע״ פאַר אונזער צייט מאַשינען אַרויפגעשלעפּט אויף דער הויך פון צענטליקער שטאָקן...

פּיתום ורעמסס האָט מען געבויט מיט דער הילף פון הונדער-טער טויזנטער אומזיסטע קנעכט, וואָס האָבן געקרעכצט און צו גאָט געשריגן אונטערן בייטש פון וועכטער, און צי קענען נישט הונדער-טער טויזנטער הענט פון בייטשן געשלאָגן, — קאָנצענטרירן אין זיך די קראַפט פון אַ היינטיקער מאַשין און שטיינער אין הימל אַפילו שליידערן? לאָמיר זשע נישט זוכן די מיטלען, מיט וועלכע מען האָט די פּיראַמידן געבויט און צו אַ פולקאָמע ליניע דערבראַכט.

און אפשר ווייסט וועגן דעם צו דערציילן דער טויזנטיעריקער

שכן פון די פיראַמידן, — דער ספינקס, — מיטן שטיינערנעם פּנים פון רעמסס דעם צווייטן?

זיין בליק אָבער בלייבט שטום און רעטזלהאַפט, — ער בלייבט פאַר אונז אַ בליק פון — אַ ספינקס.

* *

*

און אויף די גאַסן ברויזט אַ שטאַרק לעבן פון אַ גרויסער שטאָט: לוסטיקע פראַנצויזינס, אָנגעשמירט כמעט ווי אין פּאַריז, שיסן מיט פינקלדיקע בליקן צו די דורכגייער; יעדן דעם זעלבן קאָקעטעריע-שמייכל, — און עגיפּטישע אויגן פון שוואַרץ-געקליידטע פרויען, ביי וועלכע דאָס פּנים איז אויף דריי פערטל צוגעדעקט, זאָגן עדות וועגן באַהאַלטענע געפילן. פון נאָז פון די מצרישע פרויען לייענט איר גלייך אַראָפּ איר געשיכטע: אַ בראָנזענער סלופּעק אויף דער נאָז, — הייסט אַ פאַרהייראַטע פרוי, אַ גלאַטע נאָז, — נאָך אַ מיידל, און אַ ביינערנער רייפל, — אַ האַרעם-פרוי. מיט די לעצטע, אַז איר וועט זיך באַגעגענען, ראָט איך אייך נישט זיך איבערצוקוקן, ווייל איר קענט אַמאָל, אין די שטרענגע הענט פון זייערע שומרים, — נישט האָבן מיט וואָס צוריקצוקומען אַהיים...

טראַמווייען פאַר מענער, טראַמווייען פאַר פרויען, מחמדאַנישע חדרים אינמיטן גאַס, שוואַרצע בירגער פון סודאַן, שייכן פון די טי-פעניש פון מדבר, — אַלץ מישט זיך צונויף אין איין פאַרביקן קנויל, — און אין שיין פון עלעקטרישע גירלאַנדן און אין רייץ פון מיט די גאָלדענע פינטעלעך אויסגעשטערנטע בלויקייט, — רייבט מען זיך די אויגן מיט דער פראַגע: „צי איז דאָס נישט אַמאָל אַ חלום אויף דער וואָר?".

ביים אָוונטברויט באַגעגנט מען זיך ווידער מיט די רייזע-חברים און יעדער טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן.

איך ווענד זיך צו מיין שכנטע, דער עלעגאַנטער בלאָנדינקע פון פראָג, מיט דער פראַגע: „וואָס זאָגט זי עפּעס אויף קאַאיראָ?"

— „אַך, — ענטפערט זי, — איך בין אַזוי אַנטציקט פון דער שטאָט, ענדלעך האָב איך דאָ, נאָך אַ רייזע פון איין איניקע וואָכן, — גע-קאָנט מאַכן מאַניקור, גוט צוקעמען זיך ביים פריזירער און זיך טאַקע אויסרוען אין אַ שיינעם צימער!

זי, ווי איר זעט, איז אויך אַנטציקט!

ארץ־ישראל

I

אויף א פאָלקס-קאָנצערט אין יאָר 1926

... מען טאַנצט שוין נישט אַזוי פיל די „הוירא”, ווי דאָס איז געווען פאַראַיאָרן און פאַר צוויי יאָרן; עס הויבן זיך שוין נישט אַזוי לייכט די פיס, די פאַרמאַטערטע אין אַרומגיין ליידיק, און עס פלעכטן זיך שוין נישט אַזוי גערן צונויף די הענט, וואָס רוען גע-צוווּנגענערהייט. אַך! צוויי-דריי טעג אַרבעט אין וואָך — ווען דעם טרוימען דאָך אַ פּאָר טויזנט יונגע חלוצים, ווען דעם באַמיען זיך מיט די לעצטע קרעפטן די צענטראַלעס פון די אַרבעטער-אָרגאַני-זאַציעס. און מען דאַרף דאָך אַזוי ווייניק: אַ פּאָר מילים (גראָשנס) אויף צו קויפן אַביסל ווייַנטרויבן מיט ברויט, נאָך אַ פּאָר מילים צום באַצאָלן פאַר דעם ווינקל, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, — און עס וואָלט דאָך אַזוי גוט געווען!

לויפט מען אַ גאַנצן טאָג אַרום אונטער דער ברענענדער זון און מען זוכט אַרבעט, און — ווי ס'גליקט אָפּ; באַקומט מען די פּאָר טעג אין וואָך, ווערט יום-טוב אין אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה. וואָס איז די נפקא-מינה וואָס פאַר אַן אַרבעט? זאָל זיין גיסן קאָכיקע סמאָלע אויף אַ ניי דורכגעפירטער גאַס; זאָל זיין האַקן שפּיציקע שטיינדלעך אויף אַ שאָסיי צווישן טבריה און צפת. עס שטראָמען טאַקע טייכן שווייס פון שטערן און עס שיילט זיך די הויט פון פּנים, פאַרברענט פון דער טראָפּישער זון, — אָבער די פאַרדינטע עטלעכע פּיאַסטער גיבן די מעגלעכקייט צו בלייבן אין לאַנד, און דאָס איז דאָך דער טרוים פון די טויזנטער!

און אַז עס פאַלט צו דער אָוונט און דער הימל ווערט פאַר-וואַנדלט אין אַ בלאָען שיינעם געצעלט, וואָס קילט און באַרויקט,

און די ווייסע צאַרטע לופט שטילט די מידע, אָפּטמאָל בייזע געמיטער, — ווערן פול די גאַסן מיט ווייסע אַרבעטער-בלוזעס, מיט ווייסע באַשיידענע קליידלעך, און האַנט אין האַנט שטראָמט מען צום ים, צו די רוישנדע און שפּילנדע אָוונט-כוואַליעס.

היינט אָבער איז אַ קאָנצערט פון פאָלקס-לידער אין גרויסן אַמפּיטעאַטער פון בית-עם. און דער ווייסער עולם פאַרנעמט זיך רעכטס אין דער ריכטונג צו דער מאַגיסטראַט-געביידע, ווו פאַר אייניקע קאַסעס, וואָס פאַרקויפן בילעטן, בילדן זיך לאַנגע, לאַנגע שורות, וואָס רירן זיך אָבער אַלץ נענטער צו דער קאַסע דיסציפּלינירט און אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג.

זיי זענען דאָ אין די טויזנטער: דער אַמפּיטעאַטער פאַרמאָגט ביז פינף טויזנט פּלעצער און שוין פופצן מינוט פאַר דעם אָנהויב פון קאָנצערט זענען אַלע בילעטן אויספאַרקויפט. נישטאָ קיין בילי‑קערע און טייערע פּלעצער: דער, וואָס קומט דער ערשטער, איז זוכה און פאַרנעמט די ערשטע פּלעצער; האָסטו פאַרשפּעטיקט — זייזשע מוחל און שטיי אין די הינטערשטע רייען.

דער יונגער עולם, וואָס שטייט אין די רייען ביי די קאַסעס, ברויזט מיט לעבן און פריילעכקייט. ווו זענען אַהינגעקומען די דאגות פון טאָג?

אַ וויציקער פלירט און אַ קלינגענדער העברעיש וואַרפט זיך פון אַ גרופּע יונגעלייט צו גרופּעס פריילינס. שנעלע באַקאַנטשאַפטן ווערן געשלאָסן, לאַכנדיק, שטיפנדיק, ווי דאָס קומט אויס צו זעען אויף אַ בולוואַר סען-מישעל אין פּאַריז, אָדער אין אַ לונאַ-פּאַרק אין בערלין.

און צווישן דעם עולם דרייען זיך לאָדעס-פאַרקויפער, אויסשרייענדיק דעם ביליקן פּרייז און די גרויסע פּאָרציעס, וואָס זיי גיבן; אין גלעזערנע קרוגן טראָגט מען פונאַנדער גרינעם פּינקלדיקן ברד (אייז-טרונק), וועלכער ווערט געכאַפּט פון די הענט. עס פעלן נאָר אַ פּאָר קאַרוזעלן מיט מעכאַנישער מוזיק און הילצערנע פערד, כדי צו באַקומען אַ פול בילד פון אַ פאָלקס-פייערונג אויף אַ מאַרק פון אַ גרויסן אייראָפּעישן צענטער.

נאָר דער זייגער איז שוין ניין און דער קאָנצערט הויבט זיך אָן.

פרידמאַן-לוואָוו זינגט „נחומקע מיין זון", „און אַז דער רבי אלימלך", „יאַשקע פאָרט אַוועק"... די העברעישע איבערזעצונג פון די לידער שטערט נישט אויף קיין איין האָר דער פאָלקסטימלעכקייט

פֿון קלאַנג און וואָרט. עפּעס פֿאַרגעסט מען גאָר, אַז די לידער זענען געשאַפֿן געוואָרן אין יידיש. אַזוי נאַטירלעך און נאָרמאַל קלינגען זיי אויף דער עסטראַדע פֿון „בית־עם“, און דער טויזנט־קעפּיקער יונגער עולם, ווי אַ ווייסע כוואַליע צונויפֿגעדריקט אויף הילצערנע בענק, וויגט זיך אין טאַקט פֿון דער מוזיק.

און ווען עס קומט צו חלוציאַנישע לידער, וואָס אונזער אַלטער באַקאַנטער רודינאָוו זינגט צוזאַמען מיט דעם עולם, — כאַפּט זיך דאַמאָלס אויף די אמתע נשמה יתירה און אַ ראָד פֿון פֿינף טויזנט בחורים און מיידלעך זינגען אַ פּסוק איבער אַ פּסוק צוזאַמען מיט דעם פֿאָלקסזינגער, עס פֿלאַקערט זיך פֿונאַנדער אַ יונגער ענטוזיאַזם, ערגעץ אין די טיפֿענישן פֿון ים האָט מען פֿאַרוואָרפֿן דאָס יאָגעניש נאָך פּרנסה, דאָס זוכעניש פֿון אַרבעט, די דאגות פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

עטוואָס ענלעכס האָב איך געזעען אין נעאַפּאָליטאַנער „קאַנצאַנעטן־טעאַטער“, ווו אפֿילו די זשאַנדאַרמען ווערן מיטגעריסן מיט דעם אימפּעט פֿון ליד.

און נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער קאָנצערט איז געענדיקט און די גאַסן ביים ים ווערן פֿאַרפֿלייצט פֿון צוריקגייענדן עולם, — שפּריצט מיט לעבן די ווייסע שטאָט, און עס דאַכט זיך אויס, אַז אפֿילו די זילבערנע לבנה און די פֿאַרפֿירערישע שטערנס זענען אויך נישט גלייכגילטיק צו דער אַזוי ליבהאַרציקער יוגנט, וואָס הונגערט, זינגט און גלויבט...

1926

II

ביים כותל-מערבי

פון דער גאַס, וואָס רוישט מיט אויטאָמאָבילן, שמעקט מיט בענזין, וויבלט מיט אַן אייראָפּעיש-אַמעריקאַנישן פּובליקום, מיט רייכע געשעפטן, מיט די שרייענדע רעקלאַמעס פון די פאַרשידענע רייזע-ביוראָס — לאָזן מיר זיך אַראָפּ צום מגדל-דוד, וואָס שליסט אָפּ דעם דאָזיקן מאָדערנעם טייל פון ירושלים און עפנט אַ שמאָלן דורכגאַנג אין די שטיינערנע זעק, וואָס הייסן געסלעך, שמוציקע, פאַרדרייטע מיט אומצאָליקע קרעמלעך פון עסנוואַרג און קליידונג, פון אַלטוואַרג און פלייש; ביים אַריינגאַנג זיצן, אָדער אויפן טיש, די פיס אונטער זיך, אין פאַרשידן-קאָלירקער אָריענטאַלישער קליידונג די אייגנטימער און רויכערן די אומפאַרמיידלעכע נאַרגילעס.

נישטאָ קיין לופט, נישטאָ קיין זון, דערשטיקט צו ווערן פון די פוילנדע פּירות; אין יעדן צווייטן געשעפט גרילצט אַ גראַמאָפאָן מיט עפּעס אַ ווילדער מוזיק, וואָס דינט אַלס צעשטרייונגס-מיטל פאַר די פאַרחלומטע און פאַרשלאָפענע קרעמערס; אייזלען און מענטשן גייען אין איין שורה אין די שמאָלע דורכגענג, ווו ס׳וואָלט נישט געווען קיין אָרט אַפילו פאַר איין פאַיעטאָן.

די אויטאָמאָבילן און דראָשקעס ווערן איבערגעלאָזט פון דרויסן, און — ביסטו אַ קעניג, צי אַ בעטלער — מוזטו אין דעם דאָזיקן לאַ-בירינט פון געסלעך שפּרייזן צופוס און זיך רייבן אַקסל ביי אַקסל אין דעם צענטראַליזירטן מזרח-שמוץ.

מחמדאַנישע מופטיס (הויכע גייסטלעכע) און יעזואיטישע מיט שטריק אַרומגעבונדענע גלחים, דזשענטלמענישע ענגלענדער און

גריכישע פּאָפּן, מיטלאַלטערלעך-געקליידטע ספּרדישע יידן און לויט דער לעצטער מאָדע דעקאָלטירטע דאַמען, — אַלע שטראָמען אין איין שורה, אַלע האָבן דאָ צו באַזוכן אינטימע הייליקייטן, וועלכע וועקן פיל העכערע געפילן ווי געוויינלעכע טוריסטיק.

דאָרט פונוויטן — דאָס געסל אויף רעכטס — פירט צו דער גרעסטער נאָך מעקקאַ מחמדאַנישער צירונג — צום אָמאַר מעטשעט.

און דאָס געסל אויף לינקס — איז דער מיט עמערס טרערן אויסגעווייקטער וועג צום כותל-מערבי; און אין דער טיפעניש גע-פינט זיך אַ דורכגאַנג, וואָס צינדט אָן די רעליגיעזע לײדנשאַפט ביי יעדן קריסט; דאָס איז דער וועג, ווו ישו הנוצרי איז געפירט גע-וואָרן צו דער גאָלגאָטאַ מיטן קרייץ אויפן אַקסל...

טראַכט זיך יעדער אין די טיפענישן פון דער נשמה וועגן זיין הייליקטום — און רירט די טריט אין זיין געסל, ווו ער גיט אָפּ דעם ערשטן וויזיט. שפּעטער — בייט מען זיך מיט די געסלעך, באָר דאָס איז שוין טוריסטיק...

און אין מיינע געסלעך אויף רעכטס ווײנען פרעמדע; פון די קעלערס קריכן אַרויס אַראַבישע קינדער, שאַלן אַרויס פרעמדע שפּראַכן און לידער; ביי די זייטן אָבער, אויף די שטיינערנע פּליטן, זיצן אייגענע: שורותווייז אָרעמעלייט מיט קראַנקע גלידער, מיט אויסגערונענע אויגן, צעקרימטע מיילער, פאַרקריפּלטע נעז און גע-זיכטער; איר געדענקט דעם טאַנץ פון די בעטלער אין „דיבוק״? די געזיכטער דאָרט זענען אַ ריכטיקע רעפּראָדוקציע פון די שורות בעט-לער, וואָס זענען אויסגעזעצט אין די שמאָלע געסלעך, וואָס פירן צום כותל-מערבי. און אַ ליד פון אוניווערסאַלער שנאָרעריי באַגלייט אייך ביז די גראָע שטיינער פון דער בית-המקדש-וואַנט, און אַפילו דאָ לאָזט עס אייך אויף אַ רגע נישט אָפּ.

אָבער אויב דאָס שוואַכט אָפּ אין אַ געוויסער מאָס דעם נשמה-שטורעם, וואָס יאָגט אייך צו דער דאָזיקער וואַנט שוין פון דער פריסטער קינדהייט אָן, — גלייכגילטיק אָבער קאָן מען שוין נישט בלייבן, ווען מען דערזעט די גרויסע מיט טרערן אויסגעצוואָגענע שטיינער, — מעגט איר אַפילו פאַרמאָגן אַ האַרץ פון אַ שטיין...

עס איז אַ וואָכעדיקער טאָג און מען דאַוונט מנחה, און די, ביי וועלכע דאָס דאַוונען אין דאָזיקן ווינקל איז נישט קיין ירושה-פּראָפעסיע, הויבן אַריין אַן איבערמענטשלעכן ענטוזיאַזם אין די

ווערטער פון שמונה-עשרה, וועלכע שלענגלען זיך דאָך אַרויף ווי פייער-פלאַמען דורך די דאָזיקע שטיינער, וואָס זענען די „טויערן פון הימל".

אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף די שטיינער צאַפּלען זיך אין אַ נערוועזן געוויין צוויי נאָך גאָר יונגע, מאָדערן-געקליידטע פרויליינס, וועלכע האָבן נאָר-וואָס גערעדט צווישן זיך ענגליש; און זייער באַגלייטער, אַן עלטערער אַמעריקאַנער ייד, שטייט ביי דער וואַנט, פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און נאָר די אַקסלען צוקן זיך... און אייניקע עלטערע יידן, ווייזט אויס, נאָר-וואָס געקומענע אין ירושלים, וויינען שטיל, שאָקלענדיק זיך איבער סידורים; און אַ פּאָר יידישע יונגעלייט, וואָס זענען דאָ צום ערשטן מאָל, פאַרשליסן זייערע געפילן פאַר דער אויסערלעכער וועלט, אָבער אָנגעשטרענגט זענען די געזיכטער און די אויגן גלאַנצן פיבערהאַפט: די טרערן אויפן חורבן גיסן זיך אינעווייניק און פאַרטרינקען די נשמה...

ווייסע פּאַפּירלעך זענען אָנגעשטאָפּט צווישן די שטיינער פון דער וואַנט; אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון מענטשלעכע צרות, קראַנקהייטן,ליידן איז אויסגעשריבן אויף די דאָזיקע „קוויטלעך", וועלכע זענען דורך די גלויביקע דירעקט צום רבונו-של-עולם געווענדט... ווער עמעצער וואַגן דעם דאָזיקן נאַיוון גלויבן אויסצולאַכן, מיט ראַציאָנעלע טעאָריעס אים ווילן באַזייטיקן?..

און אַ געפיל פון פּראָטעסט בונטעווט זיך אין האַרצן, ווען מען זעט, אַז די דאָזיקע פיר איילן געהערן צו אַראַבער, וועלכע האָבן זייערע וווינונגען אין די קעלערס פון ביידע זייטן פון כותל-מערבי-געסל, און אין דעם דאָזיקן רשות-היחיד פון דער יידישער נשמה רייסט זיך אַריין דער טומלדיקער, פּיינטלעכער רשות-הרבים פון אַ פרעמדער וועלט.

איז דען פאַראַן וויניק פּלאַץ? פאַרוואָס היט מען אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ דעם אָמאַר-מעטשעט, וואָס געפינט זיך אויבן אויפן באַרג און איז געבויט אויפן אָרט פון בית-המקדש? פאַרוואָס דאַוונט דער מחמדאַנער רויק ביי אונזער אבן-שתיה, וואָס איז אַוועקגעלייגט אויפן פּלאַץ פון „קדשי-קדשים"?

און ווילט איר גיין אָנקוקן דעם קבר פון ישו הנוצרי — איז דאָס פאַרבאָטן פאַר אַ ייד מיט סכנת-נפשות, און דער אַריינגאַנג אין „מערת המכפלה" ווערט געהיט פון אַראַבער... אָבער דורך די געסלעך-

ביים כותל-מערבי מעג מען דורכפירן אייזלען מיט משא אָנגעלאָדן אפילו אום יום-כפור, און פרעמדע טענער רייסן איבער די געוויין-סימפאָניע, ווען נאָר זיי געפעלט דאָס...

דער תירוץ איז: פרייהייט שענקט מען נישט, — פרייהייט קויפט מען זיך אויס!

1926

III

פון נצרת צום „עמק"...

... שטיי איך אַזוי אין נצרת, ביים קוואַל פון דער „הייליקער מוטער". די זון האַלט ביים אויפגיין און אַ טרוקענער דערפרישנדער ווינט יאָגט פון דער זייט פון ים-כנרת.

אונטער מיינע פיס, ווי ווייט דאָס אויג קאָן דערגרייכן, איז פונאַנדערגעשפּרייט אַ גרויסער בונטער טעפּיך: קוואַדראַטן גרינע, פיר-עקן גאָלד-געלע, פּאַסן פּאָמס-רויטע פלעכטן זיך אין פאַנטאַסטישע קאָמבינאַציעס. דער טעפּיך איז איינגעפרעסט אין אַ ראַם פון שטיי־נערנע בערג; אַנטקעגן די בערג פון יהודה, וועלכע, דאַכט זיך, ווייּנען יאָמערלעך אין זייער פאַרגליווערטן גראַניט; ביי די זייטן די בערג פון גליל, פון וועלכע עס רייסן זיך שטורמיש ווענט פון גי־גאַנטישע שטעכנדיקע קאַקטוסן.

אָט זענען, ווייט-ווייט, די „הרי-הגלבוע", אויף וועלכע ס'איז אויסגעשפּילט געוואָרן די לעצטע שלאַכט פון שאול מיט די פלישתים און אויף זיין אייגענער שווערד איז דער ערשטער קעניג פון ישראל געפאַלן.

און נישט ווייט אויף לינקס הויבט זיך אויף דער פלאַכער באַרג תבור, וווּ דבורה הנביאה האָט איר קאַמפּס-ליד געזונגען און דורך איר אויפגעמונטערט האָט די באַשיידענע פרוי יעל סיסראַן געהרגעט.

און צעוואָרפן אויפן טעפּיך ליגן שורות קליינע הייזלעך, דינע רויך-ספּיראַלן שלענגלען זיך צום הימל און דערציילן וועגן אַ באַשיידן לעבן אין די נאָענטע און ווייטע הייזער-גרופּעס.

אָט איז ער דער „עמק יזרעאל" און זיין פראַכט אין פרימאָרגן־

גלאַנץ, אָט איז דאָס דער װוּנדער, װאָס איז פון זומפּן און בלאָטעס װי דורך אַ מאַגישן שטעקעלע אין אַ גן־עדן פאַרװאַנדלט געװאָרן.

ברענגט, אדרבא, אַהער די בלעמס פון דער גאַנצער װעלט, װאָס הערן נישט אויף צו זידלען דאָס נייע ארץ־ישראל, שטעלט זיי אַװעק אָט דאָ, ביים קװאַל פון דער „הייליקער מוטער" און די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון, און איר װעט הערן, װי אויף אַלע שפּראַכן װעט זיך ביי זיי אַרויסרייסן דער: „מה טובו אוהליך, יעקב, משכנותיך, ישראל!".

און װען איר דערמאָנט זיך, אַז אָט דאָס אַלץ, װאָס דאָס אויג כאַפּט אַרום, איז געשאַפן געװאָרן מיט דער הילף פון גראָשנס, פון פּרוטות, װאָס זענען אין משך פון יאָרן געװאָרפן געװאָרן אין די העל־בלאָע פּושקעס פון „קרן־קימת", אַז מיט דעם דאָזיקן קלאַנג פון די קופּערנע מטבעות איז געטרוקנט געװאָרן דער פיבערדיקער זומפּ און פאַרװאַנדלט געװאָרן אין געבענטשטע קװאַדראַטן פון ברויט־ און װיין־פעלדער, — נעמט אייך אָן אַ יראת־הכבוד פאַרן עקשנותדיקן װילן פון די טרוימער און דאָן־קישאָטן, װאָס זיגן אין די קאַמפן מיט די פּלישתים־זומפּן...

נאָר שירה צו זינגען אין בלענדענדן שיין פון דער גאָלד־גרינער פּאַנאָראַמע: װען דער מאָטאָר רויִשט און פירט דיך אין „עמק", צו די געצעלטן פון די חלוצים, פון די פּויערים, פון די חסידים, — צי איז מעגלעך פאַרשטיקן די זינגענדע געפילן? עפּעס פּאָרט מען דאָך די אַלטע ליבע באַגעגענען „פון װעלכער איך פלעג אין די פינ־צטערע נעכט ליכטיקע מעשהלעך שפּינען"!

* *
*

װי אין אַ פאָרם פון אַ רינג האָט זיך צעלייגט „נהלל", דער דימענט פון אַרבעטענדן „עמק". איינפאַכע הילצערנע הייזלעך מיט װילדע װיינטרויבן אַרומגעפלאָכטן; איינפאַכע 2־1 צימערדיקע װוינונ־גען מיט נידעריקע װעראַנדעס; טויזנטער, טויזנטער הינער און הע־נער באַשיטן װי אַ יונגער שניי אַלע געסלעך און שטעגעלעך: „נהלל" קולטיװירט נאָר װייסע עופות און פאַרנעמט אין הינזיכט פון הינער־צוכט דעם ערשטן פּלאַץ אין ארץ־ישראל.

„נהלל" איז נישט קיין אַרבעטער־קאָלאָניע װי „עין חרוד" אָדער דגניה, למשל.

דאָ באַאַרבעט זיך יעדע פאַמיליע איר דונאַם ערד, וואָס מען באַקומט פון „קרן־קימת" און די קליינע פאָסעסיע צעטיילט מען אויף אַרום 15 דונאַם פרוכט־בוימער, וויינטרויבן, באַנאַנען; אַ 5 דונאַם איז אָפּגעטרעטן פאַר עקאַליפּטוס־בוימער און די איבעריקע אַכציק איז פאַרזייעט מיט ווייץ און גערשטן.

ברויט, פרוכט, מילך איז פאַראַן לרוב, און אַז מען פאַרקויפט דורך דעם קאָאָפּעראַטיוו „המשביר" די קאַסטנס מיט פרישע אייער און די פינף הונדערט ליטער מילך אַ טאָג, — באַקומט מען טאַקע פון דעם זעלבן קאָאָפּעראַטיוו צוקער, אַ בגד פאַר דער פאַמיליע, ביכער צו לעזן און לערנען און אַזוי ווייטער.

אַז ס'בלייבט שוין אין אַ גוט יאָר אַ פּאָר פונט איבעריקע אַ חודש, — פאַרריכט מען אויס דאָס הייזל, קויפט מען צו אַביסל מעבל אין חיפה און מען פאַרבעסערט די באַלעבאַטישקייט.

700 יידישע נפשות באַוווינען „נהלל", און כאָטש יעדע פאַמיליע לעבט זיך כלומרשט באַזונדער, ווי עס פּאַסט אין אַן אינדיווידועלן אַרבעטער־ישוב, איז מען דאָך געבונדן נשמה אין נשמה מיט אַן אומזיכטבאַרן גאָלדענעם פאָדעם, וואָס איז געוועבט געוואָרן אין די יאָרן פון פיבער און הונגער, אין העלדישן קאַמף מיט דער ווילדער נאַטור און ווילדע שכנים, מיט דער ברענענדער זון בייטאָג און מיט דער עסנדער קעלט ביינאַכט...

און די קברים פון די געפאַלענע אין די הייסע „באַגעגענישן" אין אַ כסליו־נאַכט, און דער קליינינקער בית־עולם, וואָס פאַרבאַהאַלט אין זיך נישט ווייניק קינדערלעך, פריצייטיק געשטאָרבענע, ווייל דעמאָלט האָט מילך געפעלט און דעם דאַך אויפן קאָפּ האָט אַ ליאַדע ווינטל אָפּגעריסן, — ווי אַ שווערער שיף־אַנקער שמידן זיי צו דער טייער־קאָסטנדער ערד די עמק־דעראָבערער.

איך האָב דאָ אַ פריינט, — איבעריקנס קאָנט איר אים אַלע, — דאָס איז דער ליבער אורי זאַסלאַווסקי. די 15 יאָר אין ארץ־ישראל מיטן אַקער־אייזן אין איין האַנט און אָפּטמאָל מיט דער ביקס אין דער אַנדערער האָט נישט אַוועקגענומען פון אים דעם ברויזנדן טעמפּעראַמענט און חן־פולן שמייכל, וואָס שיינט אַראָפּ פון שוואַרצן, אָפּגעברענטן פנים.

מיט זיינע שטאַרקע מוסקול־הענט האַלט ער גראָד איין אַ פּאָר אומרויקע פערד און קאָן זיך אַפילו מיט מיר נישט באַגריסן.

ביים ים כנרת.

נישט ווייט גראָבט אויס אַרבוזן פון דער ערד זיין פרוי. אַרום און אַרום זעט מען אָנגעשטרענגטע צו דער ערד אַראָפּגעבוי־גענע רוקנס און פאַרשוויצטע טונקעלע פּנימער, וועלכע הויבן זיך אַפילו נישט אויף צו זען, ווען מען טראָגט שוין ווידער דער בענזין־אומרו, דער אויטאָמאָביל.

עפּעס שעם איך זיך מיט מיין נייגער, וואָס האָט מיך פאַר־טראָגן צו זיי, צו די אַרבעטנדע בינען, וועמענס האָניק מיר געניסן און וועלכע מיר קאָנען אַזוי ווייניק. זיי זענען דאָך אַזוי באַשעפ־טיקט, אַזוי „פאַרפאַרצעוועט”, און איך קום ווי טויזנטער־טויזנטער אַנדערע טוריסטן זיך אָנזעטיקן מיט איינדרוקן און מיטן פייף פון אויטאָמאָביל ווידער זיך אַוועקטראָגן אין אַן אַנדער לעבן, אין צו אַנדער סביבה...

ווי פיינט דאַרפן זיי אונז האָבן, אַז מ׳וויל אַפילו די אויגן נישט אויפהויבן!

נאָר וואָס זאָל מען מאַכן? זאַסלאַווסקי גיט איבער די פערד אַ חבר, וואַשט זיך אַרום אונטער די „דושן” דורך עלעקטרישער קראַפט געטריבן און נעמט צו געסט... אין דעם באַשיידענעם ווייסן געסט זיינעם וואַרט שוין אויף אונז די פרוי. מען זוכט נאָך אַרום דאָס זעקס־יאָריקע זונדעלע. געפינען מיר אים ליגן אין וויינגאָרטן מיט נאָך אַ פּאָר חברה־לייט: זיי „פרעסן” מיט פולע הויפנס די רויטע אָנגעגאָסענע הייל־וויינטרויבן, און זעענדיק די ליכטיקע יינגע־לעך פון „נהלל” צווישן די וויינטרויבן־בוימלעך פאַרפלאָכטן, הויב איך אָן צו פאַרשטיין דאָס שפּריכוואָרט: „ער האָט זיך צעלייגט ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן”. אונזערע קינדער דאָ ווייסן נישט פון אָט דעם נחת...

„ווי גייט עס?”— הלוואי אויף אַלע גוטע־פריינט געזאָגט גע־וואָרן. געווען זייער שווערע יאָרן, נאָר שוין איבערגעקומען. אין דערווירטשאַפט קומען צו בהמות, עופות... מיר פאַרקויפן צו ביסלעך דורך דעם קאָאָפּעראַטיוו און קלערן שוין וועגן געמויערטע הייזלעך.

אונזערע דאגות זענען איצט וועגן אונזערע נייע שכנים, די „יאַבלאָנער” חסידים. נישט לייכט קומט זיי אָן דאָס צופרידן זיך מיט דער מוטער־ערד, יאָרן וועלן נאָך אַריבער, ביז זיי וועלן האַלטן ווי מיר; אויך אונז איז דאָס נישט גרינג אָנגעקומען... יאָ! מען פאָרט צוריק! נאָר דער אַראַבער זאָגט: „ווער עס האָט אין פּאַלעסטינע

אויפגעגעסן אַ פונט פליישׁ—וועט קומען צוריק ליגן... זיינע ביינער״.

דערווייל רוקט זיך אָן דער אָוונט און די קליינע ווערענדע ווערט פול מיט חברים, פריינט. מען נעמט אָפּ גרוסן, מען טיילט זיך מיט ווייטע זכרונות; ערגעץ־ווו איז פאַראַן אַ „גלות״, ווו מיל־יאָנען יידן זענען צעוואָרפן, ערגעץ־ווו ברענען איצט די אומצאָליקע לאָמפּן, אָפּגעפּאָלירטע בעטאָן-גאַסן און הויכע הימל־קראַצערס, אַ גע־מאַכטע „דזשאַז־באַנד״־שמחה קייקלט זיך איבער די גרויסע שטעט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אין דער נשמה אַ געוואַלטיקע פוסטקייט.

און דאָ, אין אַ ווינקל פון „עמק״, אין געאָמעטרישן עליפּס, וואָס הייסט „נהלל״, לעבט אויף די גרויסע רעליגיע פון אַרבעט, אַ נייע פרייד ווערט געבוירן אין האַרצן און לאָזט נישט איבער קיין ליידיק אָרט.

אָט דאָ, אין קליינעם הייזל, זענען שוין די לעצטע יאָרן גע־ווען דער אַלטער עדמונד ראָטשילד, די סאָציאַליסטן-פירער ראַמזיי מאַקדאָנאַלד און סנאָאודן; אַ סאַמעטענעם זומער־אָוונט האָבן דאָ פאַר־בראַכט וויצמאַן און ביאַליק, און אין די וואַרעמע ווערטער פון ליבע און באַוווּנדערונג פון די דאָזיקע גרויסע קריסטן און יידן, — זוכט, וועט איר געפינען דעם ווידערקלאַנג פון „נהלל״...

נאָר מען דאַרף שוין פאָרן... פאַרשיכורנד שמעקן די ווייסע טובעראָזן אין די גערטנער פון „נהלל״ און די געלע באַנאַנען-בלומען שיקן נאָך זייער ליידנשאַפטלעכן ריח; נאָר שטאַרקער פאַר זיי איז די בענקשאַפט נאָך דעם „עמק״, נאָך די מענטשן-ריזן, קעגן וועלכע די שטיינערנע בערג אַרום זעען אויס ווי — ליליפּוטן...

„ווער עס האָט אין ארץ־ישראל אויפגעגעסן אַ פונט פליישׁ, — וועט קומען צוריק אַוועקצולייגן דאָרט זיינע ביינער!״.

1926

ט

שבת אין תל־אביב

שבת גאַנץ פרי האָב איך איבערגעטראָטן דורך „רחוב יפו" די גרענעצן פון דער יידישער שטאָט. קיינער האָט אויף מיר נישט גע־וואַרט און איך בין פון דעם געוווען העכסט צופרידן. אַליין מיט זיך און — מיט די איבערלעבענישן.

אַזוי שבתדיק אויפגערוימט, אַזוי פּאָלקאָם־ציכטיק ווייזן זיך מיר אויס די גאַסן אין דאָזיקן זונענדיקן פרימאָרגן. אַ הייליקע שטילקייט איז אויסגעשפּרייט אויף די ווייסע גאַסן, רוט אונטערן שאָטן פון די פּאַלמען און ציטרינען־בוימער ביי די הייזער.

די אין דער וואָכן קאָכעדיקע „רחוב הערצל" איז ווי אויסגע־שטאָרבן: נישטאָ קיין דראָשקע, קיין אויטאָמאָביל, געשלאָסן די גע־וועלבער. וווּ־נישט־וווּ לויפט דורך אַ ייד מיט אַ טלית אונטערן אָרעם, אָדער ס׳שפּאַצירט מיושבדיק אַ תימני אין זיין ספּעציעלער קליידונג.

פריילעך שפּילט זיך אַ גרופּע קינדער אויפן סקווער ביי דער העברעישער גימנאַזיע. איך באַטראַכט זיי, די פרייע, פאַרברענטע, גע־זונטע „לאַנדס־פּראָדוקציע", אַזעלכע נאַטירלעכע אין זייער שפּיל און אין זייער קריג. וועלכע ברעכט פלוצלינג אויס, ווי ביי אַלע קינדער צוליב עפּעס אַ נאַרישקייט. איך הער מיך צו: מען זידלט זיך מיטן גאַנצן קינדער־האַסט און טעמפּעראַמענט אויף אַ לעבעדיקן העברעיש. יאָ! וויל מען וויסן, צי די שפּראַך איז נאַטירלעך, דאַרף מען זיך צוהערן, ווי יענער קריגט זיך און אין וואָסער שפּראַך שרייט ער, ווען ס׳טוט אים וויי די ציין...

און ווייטער אויף „רחוב אַלענבײ״ טראָגט זיך דער אַלט-באַ-קאַנטער ניגון פון אַ ליטווישן שבתדיקן שחרית, וועלכער קלינגט אָבער דאָ, אויף דער הויפטגאַס פון דער יידישער שטאָט, אַסך שטאַר-קער און — אַזוי צו זאָגן — רופנדיקער.

פון אַלע זייטיקע גאַסן הויבן זיך אָן ציען צום ים גרופעס יוגנט אין איינפאַכע אָבער ציכטיק-געפאַסטע ווייסע בלוזעס מיט האַנ-טעכער אָדער ליילעכער, פאַרוואָרפן אויפן פלייצע. דאָס לאָזט מען זיך אַראָפּ פון ים צו דער פּלאַזשע, ווו באַלד וועט זיך אָנהויבן דאָס אַלגעמיינע באָדן און מען וועט קענען זען די גאַנצע באַפעלקערונג פון תל-אָביב, וועלכע וועט, פון דער היץ געטריבן, זיך דאָ צונויפ-זאַמלען קילן זיך אין די שטורעמדיקע כוואַליעס.

איך דערקען זי נישט די פּלאַזשע: מאָדערנע באַדע-בודקעס, מאַסן לייוונטענע שטולן, אַ אַספאַלטירטער שפּאַציר-גאַנג לענג-אויס דעם ים,—אַ ריי קאַפע- און לאָדעס-געשעפטן,— דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט דעם פּלאַץ אין אַ מאָדערנעם קוראָרט. מער נישט דאָס פּובליקום דאָס איז אַ גאַנץ אַנדערע ווי אין צאָפּאָט, אין אָסטענדע, אין טרו-פיל. איינפאַכע באַדע-אָנציגער אויף בראָנזענע ביי דער אַרבעט-פאַר-ברענטע קערפּער. נישטאָ קיין לוקסוס, — נו — און קיין אויסגעלאַסנ-קייט, וועלכע שטעכט אַזוי די אויגן אין די אייראָפּעישע „באָדן״. גאַנצע פאַמיליעס, אַזוי אויסגעהאָרעוועטע פון דער וואָכן, זיצן אויף די שטולן, אויפן זאַמד, שפּרינגען פון צייט צו צייט אין וואַ-סער און טריקענען זיך שפּעטער אויפן זון.

טויזנטער, טויזנטער קומען דאָ צו, און מ׳גייט אַזוי אויפן ברעג, — טרעפט מען טאַקע די אַלע נאָענטע און ווייטע באַקאַנטע, וועלכע מען האָט באַגעגנט אויפן לעבנס-וועג.

פרייד-אויסגעשרייען און פראַגן וועגן פוילן, וועגן וואַרשע. די ערשטע פראַגעס, די ערשטע באַגעגעניש, נאַטירלעך, איז אינסטינקטיוו אויף העברעיש, — און שפּעטער אויך דער אַזוי נאַטירלעכער איבער-גאַנג אויף מאַמע-לשון, — ביי אונז, — די קינדער פון די שטעט אין פוילן, ליטע, רוסלאַנד.

איך געדענק גוט, אין וועלכע שטימונגען איך האָב זיי פאַר-לאָזן אין 1926 בעתן קריזיס, — און אין האַרצן זענען איינגעקריצט די יאוש-איבערלעבענישן פון די רוינירטע באַלעבאַטים און הונגערנדע אַרבעטער. מען האָט דאַן געחלומט, איינע וועגן הוצאות „אַהיים״.



אַ גאַס אין תּל־אָביב.

אַנדערע וועגן אַ שטיקל ברויט מיט אַ פּונט ווײַנטרויבן, אַבי איבער־צוקומען אין לאַנד די שווערע צײַט.

ווי אַנדערש ס'האָבן איצט געקלונגען די תשובות בײַ מײַנע פיל באַקאַנטע, אַזוי פאַרשידענע אין זייער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג און לאַגע: „נישטאָ, אמת, קיין גליקן, שווער און אָנגעשטרענגט דאַרף מען אַרבעטן אויף דאָס ביסל פּרנסה, אָבער ס'איז פאַראַן די פרייד פון לעבן, דער לוסט פון שאַפן און בויען, — די איניציאַטיוו, וועלכע ווייזט טאַקע דעם וווּנדער, ווי אַזוי לעבט דער יידישער קיבוץ אין תּל-אָביב, אין גאַנצן לאַנד".

און דאָס שטעל איך פעסט מיט דער גאַנצער פאַראַנטוואָרטלעכקייט: רייך צי אָרעם, אַסך אַרבעט — ווייניקער אַרבעט, — אָבער צום לאַנד איז מען שוין צוגעבונדן מיט טויזנטער פעדעם פון אינטערעסן און געפילן, — וועגן פאָרן צוריק קלערט מען נישט, — דאָס געהער צו דער פאַרגאַנגענהייט. אַז איר וועט מיר וועלן זאָגן: „פאַרוואָס זענט איר אַזוי זיכער אין דעם, — איר זענט דאָך נישט מער ווי אַ גאַסט אויף אַ ווײַל!" — זאָלט איר אָבער אויך ענדיקן דעם שפּריכוואָרט: „זעט אויף אַ מייל"...

שבת אין תּל-אָביב—איצט, שרײַבנדיק, די דאָזיקע שורות, פיל איך דעם דאָזיקן פולקומען, פראַכטפולן רו-טאָג, פשוט — פּיזיש: ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אַ ווייסע צאַרטע ליליע אין האַנט און זאַפּ אין זיך איין איר ריח.

אַן אַראָמאַט פון אַ ווייסער ליליע, — איז דער שבת אין דער יידישער שטאָט

ט

ירושלים

...זייט נאָכאַמאָל באַגריסט, שטיינערנע בערג פון יהודה! ווי לאַנגזאַם באַדעקט איר זיך מיט גרינס, — איר, צוויי טויזנט-יעריקע אַסקעטן.

אָבער דאָס מאָל שיידט אייך שוין דורך אַן אַספאַלט-שאָסעע, וועלכע פאַראייניקט אייך אין איין שעה רייזע מיט תל-אביב. און ווי באַלעבט איז דער וועג צווישן אייך און ווי ניי און צאָלרייך זענען די אויטאָמאָבילן.

און אונטער די בערג פון יהודה באַווייזט זיך ירושלים,—עפּעס גאָר אַ נייע שטאָט פאַר די לעצטע דריי יאָר. נייע גאַסן, שיינע מאָדערנע הייזער, אַ נייער אַספאַלט אויפן ברוק. און די מענטשן לע בעדיקער, אויפגערוימטער.

ירושלים בויט זיך פיבערהאַפט לויטן תל-אביבער מוסטער: איך האָב די שטאָט נישט דערקאָנט!

מיין נעכטיקער וויזיט צום כותל-מערבי. — דאָס איז דאָך אַזוי באַטירלעך. ריינער דער צוגאַנג דורך די לאַנגע אַלטע באַזאַרן, אָבער די גאַלעריע אָרעמעלייט, בלינדע, הויקערס, קאַליקעס איז דאָך גע- בליבן, — שטערנדיק דאָס קאָנצענטרירן זיך בעתן צוגיין און זיין ביים כותל.

רעכטס ביים כותל-מערבי אַ ניי טירל און דאָרט בויט מען דעם באַרימטן „צולהכעיס-בנין".

שוין אויך אַזעלכע זאַכן האָט איבערגעלעבט דער אַלטער ישראל, — נאָר נישט אָפּשטעלן זיך, נאָר פאָרווערטס!

* *
*

...אָפּגעריסן זיך, פּשוט ווי פון אַ מאַמעס שויס, — האָט מיין שיפל פון ארץ־ישראל־ברעג.

אַלט אַראַבער קעמפן מיט די כוואַליעס, כדי צו ברענגען מיך אויפן „פּרעזידענט ווילסאָן", וועלכער האַלט שוין ביים אַוועקגיין: איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט און אַוועק פון ארץ־ישראל דער לעצטער; כאָטש נאָך אַ רגע זיין מיט דיר און מיט דיין לופט אָטעמען.

שלום, מיין לאַנד! איך וועל צוריקקומען!

צ פ ו ן ־ א פ ר י ק ע

I

פון אַ שפּאַציר איבער ימען

אייניקע צענטליק מעטער ווייט פון שיינעם סאַן-מאַרקאָ-פּלאַץ פון ווענעדיק שטייט ווי אַ גראַנדיעזער פינצטערער שאָטן אונזער שיף „פּאָלאָניאַ", מיט וועלכער מיר וועלן זיך פון מאָרגן אָן פאַר-בינדן אויף מער ווי דריי וואָכן און דורכמאַכן אַ רייזע איבער די ווייכע און וואַרעמע ימען פון איטאַליע, איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, איבערן בייזן לאַ-מאַנש, איבער די הוידנדע כוואַליעס פון צפון-ים...

מיר וועלן זיך באַגעגענען מיט די הייסע איטאַליענער, אומע-טיקע סערבן, פלאַמענדע סיציליאַנער, עקזאָטישע אַפריקאַנער פון אַלזשיר אין טוניס, מיט לופט און ווייַן פאַרשיכורטע שפּאַניער פון מאַלאַגע און אַליקאַנטע; מיר וועלן יובלען מיט זיי אויף אַן אָקסן-קאַמף אין סעווילי‍ע און שטילערהייט טרויערן און טרוימען פון די פאַרבלוטיקטע אינקוויזיציע-געסלעך.

אַ קורצן וויזיט וועלן מיר אָפּשטאַטן אין פּאָרטוגאַל.

די ענגלענדער אין סוטהאַמפּטאָן וועלן באַוויליקן אָפּקילן אונזער טראָפּיקאַל-צעהיצטע נערוון און די האָלענדער אין אַמסטערדאַם וועלן מיט זייערע לאַנגע פייקעס און ליבן „ווילקאָם" אונז צוריק מיט דער יבשה באַהעפטן...

מאָרגן פאָרן מיר, אָבער שוין היינט ווילן מיר זען אונזער שיף, וועלכע איז פאַראַנקערט אויפן „קאַנאַלע גראַנדע" — די הויפּט-גאַס פון ווענעדיק.

עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער דירעקטער צוג האָט אונז נאָך 36 שעה רייזע געבראַכט צו די טונקעלע וואַסערן פון

וואָקזאַל אין ווענעדיק, אָבער איצט שלאָפן גיין, ווען דער סאַמע־טענער בלאָער שלייער הילט איין די דאָזיקע אָריגינעלסטע אין דער וועלט שטאָט?

גלייך פון פעראָן אַרויס וואַרטן אין אַ ריי די שוואַרצע גע־שניצטע „גאָנדאָלעס" און אַ שטיל פּלעסקען זאָגט עדות, אַז דאָס לעבן איז דאָך נישט אָפּגעשטאָרבן אויף די גאַסן־וואַסערן.

— פיר אונז, גאָנדאָליער, צום „פּיאַצצאָ סאַן-מאַרקאָ", דאָרט, ווו אונזער שיף שטייט.

אַ שטילער ריר מיטן רודער און עס גליטשט זיך אַ שיפל אין דער געהיימנישפולער שטילקייט פון דער שוין שלאָפנדער שטאָט.

ביי די זייטן פון די וואַסערן — אַלטע ווענעציאַנער הייזער — שאָטנס מיט פאַרריגלטע פענצטער, הינטער די פראָנטאָנען, וועלכע זענען ווי פון שפּיצן געשטיקט, שלאָפן שוין די איידעלע סעניאָרן און סעניאָרינס און די טויזנטער, טויזנטער געסט פון אַלע פעלקער און קאָלירן. ערגעץ אין אַ הינטער-גאַס שטאַרבן אָפּ די לעצטע קלאַנגען פון אַ סערענאַדע, וועלכע אַ געטרייער „גידאָלגאָ" זינגט זיין געליבטער...

אונזער גאָנדאָלע שוועבט אַריין אין לאַבירינט פון שמאָלע קאַנאַלן מיט קאַרגער ליכט באַלויכטן; מיר ווערן אַביסל אומרויק; עפּעס האָבן מיר געהערט וועגן געהיימנישפולע טויטע, וועלכע שווימען אַרויף פון צייט צו צייט אויף דער אויבערפלאַך פון די וואַסערן — טויטע אַמעריקאַנער מיט אויסגעליידיקטע קעשענעס. — איין קער פון דער גאָנדאָלע און מיר וועלן פאַרשווינדן ווערן אין די טיפענישן פון אַ ווענעציאַנער הינטער־געסל...

— גאָנדאָליער, ווו פירסטו אונז? ער באַרויקט אָבער שנעל: דאָס פאָרט ער מיטן קורצסטן וועג צום דאָזשן-פּאַלאַץ; מיר קאָנען זיין רויק; ער האָט אַכט קינדער און איז אַ העכסט אָרנטלעכער מאַן: ער וויל נישט מער ווי נאָך אַ פּאָר ליר פאַרדינען און מיר וועלן דאָך אים געוויס נישט אָפּזאָגן, פאַר זיינע קליינע קינדער וועגן...

אָ! מיר זענען דאָך אַזעלכע נאַבעלע אויסלענדער!

פון די היסטאָרישע פּאַלאַצן אַרויס, פון די אומצאָליקע וואַסער-געסלעך שוועבן די גייסטער פון אַמאָליקן ווענעדיק, פון די דאָזשן

(פירשטן) אין רויטע מאַנטיליען און שוואַרצע מאַסקעס, פול מיט שטורעמדיקן בלוט און גרויזאַמער נקמה.

אַט פאָרן מיר דורך דעם „פאָנטע דעל סופּירע״ (בריק פון זיפצן), וועלכע פאַרייניקט די אַלטע געפענגעניש מיטן דאָושן-פּאַלאַץ: ווען מען האָט איבער דער דאָזיקער בריק געפירט, האָט שוין די ליכטיקע זון־שיין נישט אָנגעזען, — פּאַרפּוילט פלעגט מען ווערן אין די שטיינערנע זעק פון די אונטערערדישע קעלערס...

און גלייך נאָך דעם גיט זיך די גאָנדאָלע אַ וויג און עס באַ-ווייזט זיך דער פלאַץ „סאַן מאַרקאָ״, וועלכער פינקלט ווי אַ בריליאַנט צפילו אין דער נאַכט־פינצטערניש. אומהיימלעך לייכט די „קאַמפּאַ-נילאַ״ (טורעם) און ווי אַ גרוס פון ווייטן מיטלאַלטער זינגט דער גאָלדענער קלאַנג פון קירכן-זייגער.

ס׳שלאָפן שוין די ווייסע טויבן, וואָס באַדעקן בייטאָג ווי אַ שניי דעם מאַרמאָר־ברוק פון פּאַלאַץ און שטיפעריש קלאַפן זיך די וואַסערן אָן די טרעפּ פון שטיינערנעם „פּיאַצעטטאָ״.

ריכטיק אַנטקעגן שטייט אויפן אַנקער אונזער פיל-שטאָקיקער גיגאַנט „פּאָלאָניאַ״ מיט פאַרלאָשענע פייערן און נאָר אויבן אויפן קאַפּיטאַן־בריקל בלאָנדזשעט אַן איינזאַמער וועכטער.

— האַלאָ, מאַטראָס! ווען פאָרט די שיף?

— מאָרגן זיבן פרי מוז מען זיין אויפן דעק!

שוין ווייניק צייט געבליבן צום טאָג־אויפשטיין; אין די ווינקלען פון ווייטן ריאַלטאָ־בריק ווייזן זיך גראָע מאָרגן־פאַסן; דאָס וואַסער אין די גאַסן הויבט זיך און שימערט מיט פאַרשידענע קאָלירן.

זיי באַגרוסט, שיינענדער מאָרגן־אויפגאַנג!

* *
*

אונזער שיף — אַ ברויזנדער געמיש פון נאַציעס און שפּראַכן, אָבער דייטשן, „דייטשן איבער אַלעס״... ס׳פּאַרלירט זיך אין געזעמל דער מנין פּאָליאַקן, שוין מיך מיט נאָך אַ יידישן קאָלעגע פון וואַרשע אַריינגערעכנט, אָבער ווען מען זאָל צו אונז ביידע צורעכענען די יידן פון אַנדערע לענדער, ווער ווייסט, צי פון אַ קלענער מינדער-הייט וואָלטן מיר נישט געוואָרן אַ שטיקל מערהייט?

אונזער שיף — אַ שווימענדער ים־קוראָרט מיט אַ „פאַמיליען־

בלאַזשע" און באָד־קאָסטיומען, מיט אַ דאַלמאַטישן אָרקעסטער, וואָס שפּילט מאָדערנע טענץ און אָריענטאַלישע ניגונים, און אויפן אויבער־דעק, אין אַלע אַנדערע דעקן דרייען זיך פּאָרלעך אין באָד־קאָסטיומען און פאַרביקע פּיזשאַמעס.

די פּאַסאַזשירן, מערסטנטיילס אַרבעטנדע אינטעליגענץ, מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס פון פאַרשידענע לענדער, ווו אַן אויסלענדי־שער פּאַס געהערט נישט צו די לוקסוס־אַרטיקלען. באַקאַנטע פּראָ־פעסאָרן מיט זייערע ווייבער, קינדער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, מוזי־קער, — דאָס איז דער הויפּט־קאָנטיגענט פון אונזערע מיטפאָרער.

קיינע צערעמאָניעס אין קליידונג, אין באַנעמונג; אַבסאָלוטע פרייהייט פון באַקאַנטשאַפט און באַוועגונג אויף דער שיף, — וועגן דעם דערמאָנען אונז אַלע אויפשריפטן אַרום.

פאַראַן אויך מענטשן, ביי וועלכן דאָס וואַנדערן איבער די ברייטע וועלט־טראַקטן איז זייער ליידנשאַפט און ליבע; פאַראַן אויך אַזעלכע בונטאַרישע נאַטורן, וועלכע זוכן זייער אָפּרו אין שטורעם פון איינדרוקן.

די ווייכע לופט אַרום דעם ים, וואָס גלאַנצט ווי אַ בלאָער סאַפיר, דערנענטערט די מענטשן צווישן זיך, באַפריינדט אונז מיט די פּויזנער געלערטע, העלפט פריינטשאַפט פאַרבינדן צווישן דייטש און פראַנצויז...

און איבער אונז צינדט זיך אָן יעדן אָוונט אַן אומפאַרגלייכ־לעכער הימל מיט מיליאַרדן שטערנס, וועלכער קאָנקורירט אין קאָלירן מיטן שפּילנדן ים אַרום, פון איין זייט די ברעגעס פון יוגאָסלאַוויע און אַלבאַניע, פון דער אַנדערער זייט — די פעלזן פון זינגענדן קאַלאַבריע, און אונטן, אונטן טראָגן זיך אויף אונזער ד ע נ י ש ע ר שיף די קלאַנגען פון מאַטראָסן־כאָר, וועלכער זינגט אויף רוסיש „סטענקאַ ראַזין"...

* * *

אויפן צווייטן טאָג שווימען קומט אונזער שיף אין יוגאָסלאַ־ווישן קוראָרט ראַגוזאַ.

די ערשטע פּאַלמען־גערטנער; עס רייצן מיט זייערע ראָזע בלומען די גיגאַנטישע אָלעאַנדרען.

איבער די שטילע גאַסן פון ראַגוזאַ צעשיטן זיך די הונדער־טער פּאַסאַזשירן; פאַרוווּנדערט קוקן אונז אָן די באַסניער טרעגער אין זייערע פעסקעס און אומגעהויערע ברייטע הויזן.

שילדן אין צוויי שפּראַכן, סערביש און סלאָוועניש — אַ רע־זולטאַט פון קאָמפּראָמיסן אין „פאַרייניקטן קעניגרייך", אָפיצירן מיט גאָלדענע שליפעס, וועלכע דערמאָנען אינגאַנצן דאָס רוסישע מיליטער פאַר דער מלחמה.

אַן אַלטע פעסטונג און אויף אירע ווענט איז אויסגעהאַקט פון שטיין די פיגור פון פאַר פאַרשטאָרבענעם סערבישן קעניג פּיאָטער. מען רופט אים היינט: „פּיאָטער דער גרויסער".

* *
*

ווידער טראָגט זיך אונזער שיף איבער דעם רויקן ים־שפּיגל; מיר דערנענטערן זיך צו דער בוכטע קאַטאַראַ, איבער וועלכער עס קעניגט מאַיעסטעטיש דער שענסטער באַרג אין מאָנטאָנעגראָ (טשער־נאָגאָריע) לאָווטשען.

אין דאָזיקן הערלעכן ווינקל האָט זיך אָנגעצונדן דאָס בענזין־פאַס, וואָס האָט אַמאָל געהייסן „אייראָפּעישע גלייכגעוויכט".

נישט ווייט איז סאַראַיעוואָ, וווּ אין יאָר 1914 איז צעריסן גע־וואָרן פון אַ באָמבע דער עסטרייכישער קרוינפּרינץ.

און דאָ אויף די שיינע בערג פון מאָנטאָנעגראָ וווינט אַ קרי־געריש פאָלק, איבער וועלכן עס רעגירט דער אַזוי פּאָפּולערער פאַרן קריג פירשט ניקאָלאַי פון טשערנאָגאָריע.

* *
*

דער זומער־פאַרנאַכט פאַרגילדט די שפּיצן פון די גרין־שוואַרצע בערג; אונטן, אין דער קאַטאַרער בוכטע, צינדן זיך אָן די פייערלעך אויף די סערבישע קאַנאָנען־שיפלעך...

אויף דעם קליינעם שטח, וואָס רינגלט אַרום ווי אַ פאָדקאָווע דעם דאָזיקן ים־ווינקל, — טרעפן זיך צונויף דריי מלוכות: איטאַליע, יוגאָסלאַוויע און אַלבאַניע.

די ווונדערשיינע לופט, די פּרעכטיקע נאַטור אַרום איז דורכ־געזאַפּט מיט גאַזן פון אַמביציעס, פון שנאה, פון ברויזנדע נקמה־געפילן...

וועט דאָ ווידער אַמאָל פאָרקומען אַן אויפרייס? זאָל פאַלן די וועלט־קללה אויף די קעפּ פון די יעניקע, וואָס ווען דעם דאָזיקן גן־עדן אין אַ מלחמה־פּלאַץ פאַרוואַנדלען; און געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס וועלן אַמאָל פון די דאָזיקע קאַנאָנערקעס שפּאַציר־שיפן מאַכן!

1927

11

אינזלען אויפֿן ים

די זון איז אויפגעשטאַנען און דער גאָנג אויף דער שיף האָט אויפגעוועקט די פאַרשפּעטיקטע פּאַסאַזשירן. מען כאַפּט שנעל אָפּ די ים-באָד אין דער „מקווה״ (באַסיין בלע״ז), מען מאַכט עס בציבור, מענער און פרויען, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון „פאַמיליען-באָד״ אין אונזער אייגנאַרטיקער שווימענדער שטאָט.

אין די עס-סאַלאָנען ענדיקט מען שנעל אָפּ דעם ערשטן פרישטיק מיט דער פּרעכטיקער טיי, אַ זכר פון די צייטן, ווען אונזער שיף איז געשווומען אונטער דעם רוסישן פאָן.

אויפן ווייסן זילבער פון ים באַווייזן זיך די קאַנטיקע פאָרמען פון די מאַלטעזישע אינזלען, די געטרייע היטער פון דער ענגלישער מאַכט אויפן מיטללענדישן ים.

ריכטיק אויף מיטן וועג צווישן גיבראַלטאַר און סועץ-קאַנאַל האָט ענגלאַנד איר פאָן אַריינגעשטעקט אין די שטיינערנע פעלזן, וועלכע זענען אַזוי ווי פון דער נאַטור ספּעציעל געשאַפן געוואָרן דאָ אויף דעם אָרט, כדי אָפּצוהיטן דעם וועג קיין אינדיען און מצרים פון אַן „עין-הרע״ פון שכנים...

די מאַלטעזישע אינזלען זענען אייגנטלעך זייער קליינע און דאָס גרעסטע פון זיי מיט דער הויפטשטאָט לאַ-וואַלעטטאַ האָט אינגאַנצן 35 קילאָמעטער די לענג און 15 די ברייט. נאָר ס׳איז גענוג צו וואַרפן אַ בליק אויף די סטאַלמע שטיינערנע ווענט, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון ים, אויף דעם נאַטירלעכן פאָרט, באַשיצט פון אַלע זייטן, וואָס זיי בילדן, כדי צו פאַרשטיין, פאַרוואָס היט ענגלאַנד אַזוי

אייפּערזיכטיק די דאָזיקע פּעלזן און פּאַרוואָס דער פּאַרלאַמענט האָט אפילו באַשלאָסן — מאַלטאַ, וועלכע ליגט אייגנטלעך אין אַפריקע, אָנצושליסן אָן אייראָפּע... דאָס איז די אָריגינעלסטע אַנעקסיע, וועל־כע מ׳האָט ווען ס׳איז דורכגעפירט.

מיט קנאה קוקן אונזערע דייטשן אויף די גראָע גיגאַנטן-דרע־דנאָוטן און קרייצער-שיפן, וועלכע בליקן גאַנץ אומצווידייטיק אויף אַלע זייטן פון ים מיט די מיילער פון זייערע קאַנאָנען.

פון אַ גרויסער קריגס־שיף רייסט זיך גראַד אָפּ אין דער לופטן אַ הידראָפּלאַן און ווי אַ בין זשומעט ער מיטן פּראָפּעלער איבער די־ פּאַרזאַמלטע אין פּאָרט שיפן.

אונזערע פּאַסאַזשירן ווערן דורך צענטליקער קליינע שיפעלעך טראַנספּאָרטירט אויפן ברעג. אין פּאָרט קאָכט עס פון בראָנזענע מאַל־טעזישע יינגלעך, וועלכע וואַרפן זיך אין וואַסער, ווי די פיש, און זוכן קליינע מטבעות, וואָס גוטע מענטשן וואַרפן פאַר זיי אַריין אין ים. יעדע מטבע, ווי ווייט און טיף זי ווערט נישט פאַרוואָרפן,—גע־פינען זיי אויס און שרייען ווייטער אויף זייער גרילצנדער שפּראַך: „מאָנעטאַראָ!״

אויף אייניקע ווינדעס הויבן מיר זיך אויף אין שטאָט און פּאַר אונזערע אויגן וויקלט זיך פונאַנדער די פּאַנאָראַמע פון ווייטן ים מיט די קריגס-שיפן ווי קינדער־שפּילצייג, און אַ ווייסע שטאָט מיט שמאָלע שיין געפּלאַסטערטע גאַסן, מיט הויכע הייזער, מיט איי־ראָפּעיש־געקליידטע מענער פון בראָנז-קאָליר, און פרויען, וועלכע טראָגן דעם ספּעציעלן מאַלטע-טראַכט, אַ גרויס שוואַרץ טוך מיט אַ רייף איבערן קאָפּ, וועלכע פאַרדעקט די גאַנצע פיגור ביז די פיס. די מענער זענען שלאַנק און שיין, די פרויען פאַרוועלקט און איינ־געבויגן; נישט זיס לעבט זיך מסתמא דער פרוי אין דער דאָזיקער „אַפריקאַנישער אייראָפּע״...

אויף די גאַסן אַ שטאַרקע באַוועגונג פון עלעגאַנטע אויטאָמאָ־בילן, די „דראָשקעס״ מיט גלעקלעך און „חופּות״, ווי אויפן גאַנצן מזרח.

די היץ האַלט שוין ביי 50 גראַד און קוים וואָס מיר שפּאַ־צירן איבערן ווייכן אַספאַלט פון די גאַסן. מיר רוען אָפּ אַביסל אין פּאַלמען-גאָרטן פון ענגלישן הויך-קאָמיסאַר, ווו ס׳געפינט זיך אויך דער מאַלטעזישער פּאַרלאַמענט. אַ קורצער שפּאַציר איבער דעם מוזיי מיט זיינע אוראַלטע קאָלעקציעס פון די פאַר־היסטאָרישע צייטן. אגב

.ען מיר דאָ אויף דעם סקעלעט פון אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט אַסך יאָרן פאַרן מבול: דער אונטערטייל פון פּנים שטאַרק פאַר-לענגערט, די הענט און די פיס פון אַ כמעט גלייכער פאָרם, וואָס ווייזט, אַז דער דאָזיקער „עלטער-זיידע" אונזערער (און אפשר „על-טער-פעטער"...) האָט נישט שלעכט געקלעטערט אויף ביימער און געשפּרונגען אויף אַלע פיר...

אין מאַלטע איז די באַפעלקערונג שרעקלעך קאַטוילישפרום, די כּרויען און קינדער באַהאָנגען מיט צלמים, אפילו אויף די טירן פון די קראָמען הענגען גרויסע פּלאַקאַטן, וועלכע זענען אייך מודיע, אַז קריסטוס איז קעניג.

און פונדעסטוועגן, אַראָפּלאָזנדיק זיך דורך עפּעס אַ גאַס צוריק צום פּאָרט, ווערן מיר פאַרהאַלטן פון אַ פעסטגעבויטן יונגנמאַן, וועל-כער פרעגט אונז אָן צערעמאָניעס אויף אַ געמיש פון פראַנצויזיש מיט שפּאַניש:

— זענען פאַראַן יידן אויף דער שיף?

מיר געבן זיך אָפּ דעם ברייטן „שלום-עליכם"; ער פירט אונז אַריין אין זיין געשעפט פון זיידן- און שפּיצן-אויסאַרבעטונגען און מיר צעשמועסן זיך. אויף דער טיר אַ מזוזה און — די בּוּקע פון „נאַציאָנאַל-פאָנד".

דער דאָזיקער שפּאַניאָלישער ייד איז איינער פון די צען, וועלכע וווינען אויף די מאַלטעזער אינזלען, זיי גייט עס דאָ גאַנץ גוט, זיי האָבן אפילו אַ רב פון טריפּאָליטאַניע. אגב, דעם רבס צוועלף-יאָריק טעכטערל האָט שוין מיט מזל חתונה געהאַט און מען דערוואַרט שוין זאָגאַר אינגיכן אַ ברית...

אָבער שנעלער: אונזער שיף פייפט נערוועז און רופט צונויף אירע צעזייטע פּאַסאַזשירן; מען מוז זיך אַביסל צואיילן.

ווידער אין פּאָרט מיטן געשריי און געפּילדער; ווידער וואַרפן זיך די שוואַרצע יינגלעך אין די טיפענישן פון ים נאָך די צוגע-וואָרפענע גראָשנדיקע מטבעות און שווייגנד און שטום באַגלייטן אונז די גראָע סילועטן פון ענגלישן פלאָט.

* *
*

נאָך אַ גאַנצן מעת-לעת פאָרן באַווייזן זיך פונוויטן די ברעגעס פון דעם זונעדיקן סיציליע, — דאָס פּאָטערלאַנד פון די קאַטאַניער

פּאָמעראַנצן, פון די געלע גרויסע טרויבן און ווייסן ווייַן, וועלכער גיסט זיך ווי ליקער; פון בליענדע פּאַלמען- און פרוכטן-גערטנער און פון שוידערלעכן ווולקאַן עטנאַ, וועלכער מאַכט פּעריאָדיש פון אַלץ אַ תל און פאַרוואַנדלט דעם גן-עדן אין אַ באַרג שוועבל...

מיר לאַנדן אין דער הויפּטשטאָט פון אינזל פּאַלערמאָ.

דער ערשטער איינדרוק, ווי אין נעאַפּאָל: שמוץ און שטויב. אויף די גאַסן לעבן פּאָרט אַרבוזן-שאָלעכצער, טויטע קעץ און דער ספּעציפישער ריח פון אויף מאַרגאַרין-געפּרעגלטע „בלינצעס", —אַ ריח, וועלכער איז מסוגל אָפּצושלאָגן דעם אַפּעטיט אויף אַ גאַנצן טאָג.

פון די באַלקאָנען, פענצטער, דעכער הענגען אַראָפּ מענגעס געוואַשענע וועש פון אַלע קאָלירן, וועלכע פאָכען ביים קלענסטן ווינטל און סאַלוטירן אייך מיט נישט-עסטעטישע איינצלהייטן פון אַ פרעמדן שלאָפצימער...

אָבער אויף דער „סטראַדאַ ראָמאַ" און „סטראַדאַ עמאַנועלאַ", די הויפּטגאַסן פון פּאַלערמאָ, פאַראַן שיינע געשעפטן, סטילפולע הייזער און קירכן. די פלעצער פול מיט שוואַרץ-אויגיקע איטאַליענער און בלאָנ-דע (אַ קאַפּריז פון דער נאַטור!) סיציליאַנערינס. אויף יעדן טריט— פאַשיסטישע לעגיאָנערן און אָפיצירן אין שוואַרצע העמדלעך און באָמבלען אויפן קאָפּ; אויף יעדן ראָג אויפרופן פון פאַרשידענע פאַ-שיסטישע פאַראיינען און גרויסע בילדער פון מוסאָלינין אין דער פּאָ-זע פון רוימישן צעזאַר. די סיציליאַנער האָבן ליב פאַנטאַזיע און פּאָזע — אימפּאָנירט זיי דעריבער מער ווי אַלע מוסאָליני.

זאָרגלאָזע דורכגייער, אָפּטמאָל אָפּגעריסענע, שפּרייזן איבער די גאַסן, די הענט אין די קעשענעס און פייפן אויס די לאָקריץ-זיסע סיציליאַנער מעלאָדיעס, וואָס נאָר נעאַפּאָל קאָן מיט זיי קאָנקורירן.

און איבערן גאַנצן פּאַלערמער ים-אויסגוס און איבער דער גרויסער שטאָט הויבט זיך אויף דער באַרג מאָנרעאַלע מיט זיין אַלטן קלויסטער און וווּנדערשיינע טעראַסן.

דער וועג פירט דורך אַלעען פון פייגנבוימער, וואָס זענען נאָר-וואָס צייטיק געוואָרן, דורך פאַנטאַסטיש פונאַנדערגעוואַקסענע קאַ-קטוסן מיט זייערע אָריגינעלע דיקע, שטעכעדיקע בלעטער, און אויפן שפּיץ באַרג טוליען זיך ליידנשאַפטלעך באַנאַנענבוימער אָנגעלאָדן מיט שווערע נאָך גרינע פרוכטן. מיר פאָרן אויף אַ „פוניקולאַרע", ד. ה. אַ הענגענדע צאָן־ראָד-באַן, און אַז מען גיט אַ קוק אונטן, דאַכט

זיך אויס, אַז אָט-אָט שלינגט אונז איין דער העלבלאָער ים-שפּיגל...

און ווידער מוז מען זיך איילן צו דער שיף. באַווייזנדיק פונ-דעסטוועגן צו באַזוכן די קאַטאַקאָמבן, ווו די סיציליאַנער רייכע פּאַ-מיליעס האָבן זייערע טויטע באַהאַלטן אין משך פון הונדערטער יאָרן.

אַ קעלט גייט דורך איבער די ביינער, ווען מען זעט די לאַנגע גאַלעריעס מיט טויזנטער זיצנדע, הענגענדע און ליגנדע סקעלעטן, אָנגעטון אין בגדים מיט פאַרבונדענע הענט און פיס, און אויף יעדן איז אויפגעשריבן, ווער ער איז געוועןביים לעבן. כמעט יעדער שאַרבן האָט איבערגעלאָזן זיין אויסדרוק און ס'באַקומט זיך אַ משונה-דיקער מתים-טאַנץ. איבערהויפּט לאָזט איבער אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק די גאַלעריע, ווו ס'זענען אויסגעשטעלט די טויטע קערפּער פון די מאָנאַכן-קאַפּוצינער, אָנגעטון אין זייערע קאַפּושאָנען-מאַנטלען און מיט שטריק איבערגעגאַרטלט.

אונזערע דאַמען הויבן זיך אָן ציען צוריק און לויפן צום אויסגאַנג...

מיר ווילן אויך וואָס שנעלער ווידער דערזען דעם פאַרבלענ-דענדן פּאַלערמער הימל, — ביים אויסגאַנג שטייען לעבעדיקע מאָנאַכן-קאַפּוצינער מיט די קאַפּושאָנען און שטריק, און קלינגען מיט הויפנס געלט, דערמאָנענדיק אין אַ נדבה.

מען וועט שוין היינט זעען שלעכטע חלומות...

* *

*

דער טאָג איז געענדיקט, יעדער לויפט זיך אויף שנעל אויס-באָדן און שפּעטער זיך צונויפזאַמלען אין באַר, אין מוזיק-סאַלאָן אָדער הויפּט-דעק, ווו ס'שפּילט די קאַפּעלע.

די זון, ווי אַ גרויסער קופּערנער באַן-דעק, פאַרשווינדט שנעל אין ים און דער אָוונט קומט אָן גלייך נאָכן טאָג אָן אַ בין-השמשות.

עס הויבט זיך אויף אַ שטאַרקער ווינט און דער ים ווערט טונקל און ווי מיט אַ ווייסן באַראַשקע-שוים באַדעקט.

אונזער שיף וויגט זיך וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און דער באָדן אונטער די פיס הויבט זיך אָן צו גליטשן, מען מוז שוין גיין, האַלטנדיק זיך ביי די פּאָרענטשעס און ווענט, און דאָס רוב פּאַסאַ-זשירן בלייבן ליגן אין די לייוונטענע פּאָטעלן, וועלכע זענען אויס-געשטעלט אויף די אַלע דעקן.

ס׳זענען ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן די טענצערס און די לע־בעדיקע דאַמען. ווי שאָטנס ליגט מען אויסגעלייגט אין די ווינקע־לעך, אַפּאַטישע מיט פאַרלאָשענע אויגן...

דער שטורעם פאַרשטאַרקט זיך. אין די עס־צימערן קומען צום אָוונט־ברויט זייער ווייניק פּאַסאַזשירן, און די געשפּרעכן זענען קורץ, אָנגעשטרענגט.

די כוואַליעס קלאַפּן בייז אָן די שטאָלענע ווענט, רייסן זיך אַריין אין די אונטערשטע קאַבינעס און די שטערן אויפן שוואַרצן הימל וויגן זיך ווי שיכורע.

נאָך אַ מאָדנע דערשיינונג: עס ליגן קראַנק די האָלענדער, וואָס זענען ביים ים געבוירן, עס זויפן ציטרינען־זאַפט די האַמבורגער און ברעמענער רעזערוו־אָפיצירן, נאָר די צוויי פאָרשטייער פון דער ידישער פּרעסע שפּאַצירן אויף אַלע דעקן, אין אַלע סאַלאָנען און וויסן גאָרנישט פון דער ים־קראַנקייט. ס׳ווייזט אויס, אַז דער „שר של ים״ וויל נישט אָנהויבן מיט דער פּרעסע, אָבער... מיר דאַכט זיך, אַז אַן עין־הרע האָט שוין אונז געשאַדט...

1927

III

אין אלזשיר

די אַפריקאַנישע ברעגעס ווילן אונזער שיף נישט אָננעמען; אַזאַ שטורעם האָט שוין נישט געהערשט אין דאָזיקן טייל ים שוין 15 יאָר, — אַזוי האָט דערקלערט דער קאַפּיטאַן.

דער קאַנאַל, וואָס פירט אין טוניסער האַפן, איז ברייט נײַנציק פוס: אונזער שיף האָט אין דער ברייט נאָר פופציק פוס, נאָר עס וואַרפט זי אַזוי, אַז מען קאָן נישט גאַראַנטירן, צי זי וועט זיך נישט אָנשלאָגן אָן די שאַרפע פעלזן...

אויף אַ קליינעם מאָטאָר-שיפל, קעמפנדיק מיט די כוואַליעס, קומט צו פאָרן פון ברעג אַ געניטער פראַנצויזישער לאָצמאַן (ים-פירער) און שרייט אַרויף אין מעגאַפאָן צום קאַפּיטאַן-בריקל אַ התראה נישט צו פאַרהאַלטן זיך נאָענטביים האַפן און וואָס גיכער אַרויס-פאָרן אין אָפענעם ים.

דאָס אַלץ איז געווען אין דעם טאָג, ווען אין דער ראַדיאָ-צײַטונג, וואָס דערשיינט יעדן טאָג אויף די ווענט פון עס-סאַלאָן, איז געווען אַ ידיעה וועגן אַן אונטערגעגאַנגענער שיף ביי סווינעמונדע, וועגן אַ שרעקלעכן געוויטער, וואָס הערשט אויף אַנדערע ימען.

לאַנגזאַם קערעוועט זיך אויס אונזער שווימענדע שטאָט און רוקט זיך אָפּ פון די אַזוי נישט-גאַסטפריינטלעכע טוניסער ברעגעס.

דאָס ביסל פּאַסאַזשירן, וואָס האַלטן זיך נאָך אויף די פיס, קוקן מיט באַדויערן אויף דעם גרויסן האַלב-קרייז מיט שיינע ווייסע טע-ראַסן פאַרבויט, פון וועלכן עס פינקלען אינדערלופטן די לייכטע טורעמס פון די סינאַרעטן; אָט פאָרן מיר פאַרביי די אוראַלטע

רוינען-שטאָט קאַרטאַגען, וועלכע האָט אין טיפן אַלטערטום ווי אַ בייזער גייסט געשראָקן די פעלקער-ריזן, ביז מען האָט זי גרינטלעך נישט צעשטערט. דורך דעם שטאַרקן צייס-בינאָקל באַמערק איך אַ גרופּע ווייס-געקליידטע רייטער, וואָס טראָגט זיך אין אַ ווילדן געיעג האַרט ביים ים — און באַלד פאַרשווינדט אַלץ אין געדיכטן נעפּל און עס בלייבט נאָר אַן אָנגעברוגזטער הימל און אַ שוואַרץ וואַסער אַרום מיט ווייסן שוים באַקרייזלט.

איצט וועלן מיר שווימען צוויי טעג אָן אונטערברעכונג, ביז מיר וועלן קומען אין אַלזשיר; אפשר וועלן מיר דאָ האָבן מער מזל, ווי ביי טוניס?

* *

*

ס'איז שבת פאַרנאַכט, און אַ מחיהדיקע שטילקייט הערשט אין דער לופט, דער אומפאַרגלייכלעכער בלאָער ים-פלאַך קאָקעטירט שפּילנדיק די גאָלד-פּאַסן פון דער פאַרגייענדער זון; אַזאַ מין פאַרבן-סימפאָניע, אַזאַ מין ליכט-שיפּל ווירקט ווי אַן אייל-באַלזאַם אויף די נערוון, פון לאַנגן שטורעם אויפגעשרויפטע.

ס'איז שוין קיין שפור נישט געבליבן פון דער געדריקטער שטימונג, וואָס האָט געהערשט די לעצטע טעג: אָנגעטון אין לייכטע קליידער מיט זונען-שירמס אין די הענט שטייען די דאַמען גרייט צו באַגריסן די אַלזשירער ערד; אין טראָפּיקאַל-העלמען אויף די קעפּ און אין אויבערהעמדער אָן מאַרינאַרקעס שטייען די מענער.

ווי אַ קינאָ-פילם, געדרייט אין לאַנגזאַמען טעמפּאָ, וויקלט זיך פונאַנדער די שיינע פּאַנאָראַמע פון אַלזשירער האַפן: עס דערנענטערט זיך צו אונז אַ שטאָט פון קרוב אַ פערטל מיליאָן איינוווינער, די הויפּטשטאָט פון אַן אַפריקאַנער מלוכה, אָבער ווי ווייט איז זי אויסערלעך פון יענעם אַפריקע, וועגן וועלכן מיר מיינען: אַ פּאַלמען-בולוואַר פאַרשטעלט פון פיל-שטאָקיקע הייזער, וועלכע עס קאָנען מקנא זיין בערלין און פּאַריז; גרויסע גאָלדענע בוכשטאַבן פון באַנק-שילדן, פון קאַפע-הייזער; בריקן, אויף וועלכע מיר באַמערקן פליענדע אומצאָליקע אויטאָמאָבילן און טראַמווייען — איז דאָס אַפריקע? נאָר אַביסל געדולד, אַנטוישטע אייראָפּעער, וואָס לעכצן נאָך עקזאָטישע איינדרוקן! ס'איז נאָך צו פרי זיך מיאש צו זיין און מיינען, אַז מיר



אין אַלזשיר

פון אויבן (רעכטס) 1. יידישע קינדער; 2. אראבישע קינדער; 3. א יידיש מיי־דעלע פון בערבערישער אפשטאמונג. — אונטן: יידישע יונגעלייט זענען זיך משמח.

זענען על־פּי טעות פאַרפאָרן אין ליווערפּול אָדער האַמבורג...

ס'איז שוין אָוונט, ווען מיר שטייגן אויס אויפן לאַנד און צע־מישן זיך מיטן פאַרשידנפאַרביקן עולם פון גרויסן פלאַץ פאַרן האַפן; מענטשן אין אייראָפּעישער קליידונג, אַראַבער אין רויטע פעסקעס; נעגער, ווי פעך־שוואַרצע אין ווייסע טורבאַנען; פרויען — עלעגאַנטע, לויט דער לעצטער מאָדע געקליידטע; פרויען — אין תּכריכים איינ־געוויקלטע מיט פאַרדעקטע פּנימער, פון וועלכע עס בלישטשען אַרויס נאָר פייערדיקע אויגן... דענקמעלער פון פראַנצויזישע גענעראַלן אויף פערד; רייכע אויטאָמאָבילן און טאַקסיס, אויטאָבוסן און טראַמווייען; העל־באַלויכטענע גאַסן מיט גירלאַנדעס פון פאַרביקע עלעקטרישע לעמפלעך; דאָס איז אַלץ אַזוי אַנציענד, אָבער — ווו, אין אַפריקע?..

מיר ווייסן, אַז דאָס אַלץ איז נאָר דער פאָדערשטער טייל פון שטאָט, וואָס איז באַוווינט דורכויס פון אייראָפּעער און ווו די איינ־געבוירענע קומען נאָר צופעליק. מיר ווייסן, אַז דאָרט אויבן וווינט די אַלזשירער באַפעלקערונג, אָבער ווי קריגט מען זיך אַריין אין די ענגע שמאָלע געסלעך־טרעפּ, וואָס פירן צו דער „קאַסבאַ״ (פעסטונג) און ווו עס פליסט אַ גאַנץ אַנדער לעבנס־שטייגער, ווי דאָ אונטן אין דעם דורך אייראָפּע פאַרפודערטן פערטל?

אַ פּאָליציאַנט, צו וועלכן מיר ווענדן זיך מיט דער פראַגע וועגן גיין אין קאַסבאַ, קוקט אונז אָן פאַרוווּנדערט: „זענט איר אַל־זשירער?״ — „ניין, פרעמדע אייראָפּעער״... — „אויב אַזוי, ראָט איך אייך נישט צו גיין אין יענע קוואַרטאַלן; דאָרט איז אין אָוונט געפערלעך פאַר אַ פרעמדן״...

די זעלבע עצה באַקומען מיר פון אַ פראַנצויזישן אָפיציר, — אָבער מיר האָבן געהערט אַזוי פיל אינטערעסאַנטס פון אָוונט־לעבן אין די געהיימנישפולע געסלעך פון אַלזשיר, אַז מיר קאָנען זיך נישט אָפּזאָגן פון מאַכן אַ שפּאַציר דווקא איצט, ווען די שטאָט איז איינ־געהילט אין שלייער פון דער נאַכט.

אַ יונגערמאַן, האַלב אָפּגעריסן, וועלכער רעדט נישט שלעכט פראַנצויזיש, נעמט זיך אונטער ווייזן אונז דעם אַזוי באַרימטן „ליבע־קוואַרטאַל״ פון אַלזשיר. דער דאָזיקער יונגערמאַן דרייט זיך שוין אַרום אונז זינט מיר זענען אַראָפּ פון דער שיף און לייגט פאָר זיין דינסט אַלס פירער; עפּעס דערוועקט ער אין אונז נישט קיין גרויסן צוטרוי, אָבער ער לאָזט אונז נישט אָפּ, ווייזט זיין פּאַס, זיין מיליטער־

„ביכל אַלס פראַנצויזישער ויעזעררו־קאַפראַל, — ביז ער רעדט אונז איין און מיר לאָזן זיך אין וועג.

מיר זענען זעקס מאַנספּערזאָן פון פאַרשידענע נאַציאָנען, אַלץ מענטשן, וואָס האָבן שוין אַ וועלט געזען. אונזער פירער איז אַ זיבעטער. מיר גייען מיט פעסטע טריט אויף די גליטשיקע און פינ־צטערע טרעפּ, וועלכע פירן אין דער אינערלעכער שטאָט...

אַ לאַבירינט פון געסלעך, וואָס שלענגלען זיך אַלץ העכער און קרומער; אין דער ברייט קאָנען גיין צוויי, העכסטנס דריי מענטשן; הייזער שמאָלע, צוויי־שטאָקיקע; אויף די שוועלן זיצן אַראַבער, רוי־כערן לאַנגע פּייקעס; פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף שפּרייזן שנעל מענטשן אין פּעסקעס, אין לאַנגע כאַלאַטן, דאָ טונקל־ברוינע, דאָ נעגריש־שוואַרצע; מיר טרעטן זיי אָפּ דעם וועג, אָבער עס דאַכט זיך אונז אַלץ, אַז זיי קלויבן זיך אַרום אונז און פאַרפולן דעם ענגן שטח פון די שמאָלע געסלעך; מיר מאַכן זיך „קוראַזש״, רעדן הויך, לאַכן אַפילו, אָבער יעדן פון אונז קריכט אין קאָפּ די מחשבה: „איבער וואָס, צו אַלדי רוחות, ביסטו געלאָפן צו די דאָזיקע מכשפים, טראָץ דעם, וואָס מען האָט דיר דאָס נישט געעצהט; רעכט אויף דיר, אויב מען וועט דיר אַ שטאָך טון פון הינטן, אָדער אַ שטויס טון פון פאָרנט, אַז דו זאָלסט זיך קייקלען פון אַלע טרעפּ״...

שפּעטער האָבן מיר זיך אַלע מודה געווען אין די דאָזיקע נישט־ריטערלעכע געדאַנקען, איצט אָבער האָט מען געהאַלטן „פאַסאָן״.

אונזער פירער איז אונז מודיע, אַז באַלד לאָזן מיר זיך אַריין אין דעם „ליבע־קוואַרטאַל״ און מען דאַרף זיך האַלטן ענג צוזאַמען; דאָס איז געווען אַן איבעריקע התראה: איינער דעם אַנדערן האָבן מיר סיי־ווי־סיי פון אויג נישט אָפּגעלאָזט.

* *
*

אין קאַרגן ליכט פון דער סוף־חודשדיקער נאַכט באַמערקן מיר אַ גאַס, צו אַ זאַך ענגלער, באַלויכטן פוןביידע זייטן מיט רויטע באַפּט־לאַמטערנס.

קליינע צימערלעך, אָפענע צו דער גאַס, ווי אָרעמע קרעמער־לעך אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, באַלויכטן פון אַ ליכטל, — צימערלעך, אין וועלכע עס שטייט נאָר אַ בעטל און אַ טאַבורעט; הונדערטער

אַזעלכע צימערלעך זענען אָנגעפּיקט איינס לעבן אַנדערן, און אויף דער שוועל שטייען פרויען, אָפטמאָל מיטן אויסזען פון צען־יאָריקע קינדער, אָבער מערער, — פריצייטיק פאַרוועלקטע, פון שמוץ און קראַנקייטן אויפגעפרעסענע; אָנגעטון אין רויטע מזרח־הויזן מיט בלישטשענדן צירונג; פנימער געלע, בראָנזענע, שוואַרצע; קיין אייראָפּעערינס זעט מען נישט; אַנדערע קלאַפּן אין הילכיקע טאַמבורינען; אַנדערע זינגען מעלאַנכאָלישע לידער פון אַן אומבאַקאַנטן ריטם... און אַרום אונז וויבלט דאָס פון „געסט” אין טורבאַנען, אין פעסקעס און אוניפאָרמען פון קאָלאָניאַלן מיליטער.

אינמיטן אַ שמאָלן כלאַץ, וואָס פאַרייניקט צוויי גאַסן פון דאָזיקן קוואַרטאַל, טאַנצן יונגע אַראַבערינס דעם „בויך־טאַנץ”, אַרומגערינגלט פון אַ פאַרשידנפאַרביקן מזרח־עולם.

די לופט איז אַזוי ווי אָנגעזאַפּט מיט מיאַזמען פון שמוץ און תאווה; עס ווילט זיך וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דאָזיקן קלעפּיקן רעזערוואַר פון „ליבע” און קראַנקייטן...

מיר לאָזן זיך צוריק איבער די גליטשיקע שטייגערנע טרעפּ פון די געסלעך אַראָפּ. פון אַלע זייטן באַגלייטן אונז שטעכנדיקע בליקן און באַמערקונגען אין שפּראַכן, וועלכע מיר פאַרשטייען נישט.

געהיימניספול קוקן פון הימל די טורעמס פון די מעטשעטן און די בלינדע ווענט פון די שמאָלע הייזער.

און לייכט אָטעמען מיר אָפּ דאַן, ווען עס באַווייזט זיך ענדלעך דער קאָכעדיקער טייל פון אייראָפּעישן אַלזשיר, וועלכער דערמאָנט אַזוי מיט זיינע קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען און גאַסן־לעבן די הויפּטשטאָט פון דער מעטראָפּאָליע — פּאַריזש.

איך האָב אין ערגעץ נישט געזען אַזעלכע איבערראַשנדע קאָנטראַסטן פון קולטור און ווילדקייט, פון לוקסוס און אָרעמקייט, ווי דאָס לאָזט זיך באַמערקן אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד אַלזשיריע, וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען אַלזשיר.

פאַר די כמעט הונדערט יאָר פראַנצויזישער הערשאַפט האָט די דאָזיקע עלטסטע קאָלאָניע פראַנקרייכס דערגרייכט די העכסטע שטופע פון אַנטוויקלונג; זי עקספּאָרטירט וויין, תבואה, בהמות, פרוכטן א. אַז. וו. זי באַקומט פון אייראָפּע קוילן, האָלץ, גאַלאַנטעריע.

אַרטיקלען; אין פעסטן גראַניט זענען איינגעפּאַסט די שיינע בּרעגעס, און בּאַקוועמע פאָרטן מאַכן צוגענגלעך פאַר די טיפסטע שיפן דעם צוטריט צו דער יבשה.

פון ים ביזן מדבר סאַהאַראַ זעגען דורכגעפירט אַספאַלט-וועגן, וועלכע זענען, למשל, אין פוילן נאָך אַ ווייטער חלום: נאָר אין וואַרשע און אין פויזן פאַרמאָגן אַ טייל גאַסן אַזעלכע בּעטאָן-בּרוקן, ווי, צום ביישפּיל, דער שאָסיי אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון אַלזשיריע.

און ווען מען קומט צו צו די בּרענענדע זאַמדן פון מדבר סאַהאַראַ, ווו ביז איצט האָט נאָר די „וואַסער-שיף פון וויסטע"—דער קעמל — אַ צוטריט געהאַט, שטייען און וואַרטן אויף פּאַסאַזשירן בּאַקוועמע טאַנקס-אויטאָמאָבּילן, וועלכע דערפירן דעם נייגיריקן טוריסט ביז אין די ווייטסטע אָאַזיסן, ווו נאָך מיט אייניקע יאָר צוריק האָט אַן אייראָפּעער קיין צוטריט נישט געהאַט...

אַלנפאַלס זענען מיר אַסך בּאַקוועמער געפאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל פון דער שטאָט אַלזשיר ביז אין אַראַבּישן דאָרף בּוזאַרייאַ, איידער פון וואַרשע קיין אָטוואָצק.

און דאָס איז אַפריקע! אמת, נאָך איצט וואָיעט אין דער נאַכט אַ הונגעריקע פּאַנטערע אָדער אַ סטאַדע שאַקאַלן, — און נישט ווייט פון דער הויפּטשטאָט געפינט זיך אַ וואַלד, ווו מאַלפּעס פון דער פאַמיליע מאַקאַקי וווינען אין אַ ווילדן צושטאַנד און אַלטע מוטערס וואַרעמען אויף זייערע רוקנס גאַנץ סימפּאַטישע מאַלפּעלעך, — אָבער דאָס גיט נאָך צו פאַרבּיקייט און רייץ דער אַזוי שיינער געגנט אַרום.

די אַלטע אַלזשירער לייבּן און שטרויספויגלען האָט שוין די „קולטור" כמעט אויסגעראָטן און איצט בּאַצירן זיי, — אָדער זייערע אייניקלעך, — די זאָאָלאָגישע גערטנער פון אַנטווערפּן, האַמבּורג און בּאָסטאָן.

דערפאַר האָבּן דאָ אַן אמת פּאָטערלאַנד געפונען די כמעט הונדערט טויזנט יידן, וואָס בּאַוווינען דאָס לאַנד פון וועלכער דער גרעסטער טייל זענען די אור-אייניקלעך פון די „גולי-ספרד".

פאַרשידענע צייטן—מערסטנס שלעכטע—האָבּן זיי איבּערגעלעבּט אונטער דער הערשאַפט פון די אַלזשירער מחמדאַנישע מלכים, ביז עס איז געקומען פראַנקרייך און גענומען זיי אונטער איר שוץ, פאַרלייכטערט זיי די בּירגערשאַפט און פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַרקן פאָרפּאָסטן פון



אין מאַראָקאָ:

אויבן — דער טויער אין מעללא (געטא); אונטן — יידן אויפן מארק.

דער פּראַנצויזישער קולטור. יידן פאַרנעמען דאָ הויכע מלוכה־שטעלעס, פאַרמאָגן גרויסע געשעפטן און האָבן זיך אַמפּריסטן אייראָפּעיזירט.

אין אַלזשיר איז שוין נישט בנמצא דער ייד אין זיין מזרח־טראַכט, ווי מיר האָבן אים שפּעטער געטראָפן אין מאַראָקאָ. — דאָ איז אים שווער אונטערצושיידן פון דער אַרומיקער אייראָפּעישער באַפעלקערונג, מער נישט אונזער אינערלעכער יידישער אינסטינקט האָט אונז דיקטירט, און שטענדיק כמעט אָן אַ טעות, צו דערקאָנען אין די פּלינקע, שוואַרץ־אויגיקע, אַזוי העפלעכע דורכגייער און סוחרים — אונזערע ברידער.

מיר גייען אַריין אין אַ גרויס געשעפט, וואָס רופט זיך „פּאַריזשער אויסשטעלונג". אַ רייכער אויסוואַל פון טייערע בראָנזן, פון מיט פּערלמוטער באַצירטע מאַדיירער מעבל, אינדישע לאָמפּן און פּערסישע טעפּיכער, — מיר זענען נאָר צוויי יידן אין אַ גרויסער פאַרשידנפעלקערישער געזעלשאַפט, — אָבער מיר קוקן אויף דעם יונגן באַלעבאָס, וועלכער, צוזאַמען מיט זיינע געהילפן, פאַרנעמט זיך מיט די קונים, און מיר פרעגן: „יהודי?" — געטראָפן! דער מענטש ווערט אַן אַנדערער; ער פאַרנעמט זיך מיט אונז ספּעציעל, ווייסט, אַז מיר וועלן גאָרנישט קויפן, אָבער לאָזט אונז נישט אָפּ; באַקאָנט אונז מיט זיין יונגער, אַכצן־יאָריקער פרוי, אַ שיינהייט פון דמשק; פרעגט, אפשר ווייסן מיר עפּעס נייעס פון ארץ־ישראל; דערציילט, אַז דאָ נישט לאַנג האָט מען דאָ געקליבן פאַרן „קרן היסוד"...

דאָס זעלבע באַגעגענען מיר אין די געשעפטן פון האַנדלס־קוואַרטאַל, ווו יעדער צווייטער אינהאַבער איז אַ ספרדישער ייד.

מיר באַזוכן די אַלטע שול, וואָס איז געבויט ווי אַ מוסולמאַנישער מעטשעט. מיטן שמש מוזן מיר רעדן פראַנצויזיש, ווייל העברעיש קאָן ער נישט אַ וואָרט. ער ווייזט אונז אַלטע ספרי־תורות, וועלכע די שפּאַנישע אַרויסגעטריבענע האָבן זיך אין גלות געבראַכט... דאָס אָנזעען פון אַזאַ ספר גיט אַ ברי ווי אָנגעגליט אייזן; זי לעבט אויף בילדער פון דער בלוטיקער אַנדאַלוזיע; ווען טויזנטער, טויזנטער זענען פאַר איר אין פייער געשפּרונגען מיטן „שמע ישראל" אויף די ליפּן... ווי ווייניק געדענקען וועגן דעם די קינדער פון די שפּאַנישע יידן, וואָס וווינען דאָ; נו, און אונזערע קינדער? ווייסן זיי היינט אַסך וועגן די מיט בלוט פאַרשמירטע בלעטער פון דער דאָזיקער פאַרגאַנגענהייט?

און אַ וויזיט מאַכן מיר אויפן רייכן בית-עולם פון אַלזשיר, מיט מאַרמאָר-פּליטן באַפּוצט, פון טייערע סקולפּטור-אַרבעטן באַצירט, אויבן, אויפן באַרג, אויפן בכבודיקסטן אָרט, רוען אויף אַ מאַרמאָרנער טעראַסע, די ביינער פון די גרויסע גאונים און חכמים, וועלכע האָבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק באַלויכטן די גאַנצע מזרח-וועלט מיט תורה און פילאָזאָפיע. זייערע ביינער זענען דאָ איבערגעטראָגן געוואָרן פון פאַרשידענע „בית-החיימס", וועלכע זענען מיט דער צייט פאַרבויט געוואָרן, און איצט אין ברענענדן זונען-שיין לעזט מען אַראָפּ פון די שמאָלע טירלעך, ווו יעדנס ביינער רוען, די נעמען פון די גדולים און פון זייערע ווערק.

מיר טרעפן דאָ אויך אַ רירנדן דענקמאָל פאַר די טויזנטער אַלזשירער יידן, וועלכע זענען געפאַלן אין די רייען פון פראַנצויזישן מיליטער, און אַ טראַגישן קבר פון אַ פאָטער אַ פּאָלקאָווניק און ד ר יי יונגע ז י ן, וועלכע, ווי עס לויטעט די אויפשריפט, זענען געהרגעט געוואָרן „פאַר פראַנקרייכס רום און נצחון".

*   *

*

און ווייטער וואַנדערן מיר איבער די שמאָלע געסלעך פון דעם איינגעבוירענעם קוואַרטאַל. אַן אומעט וואַרפן אָן די לאַנגע הילצערנע שטאַכעטן אויף די קליינע פענצטער, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן, כדי די האַרעם-פרוי זאָל נישט קאָנען אַרויסקוקן אויף דער ליכטיקער שיין, ווען איר „האַר און באַשיצער" וויל דאָס נישט.

אין נאַסע, פייכטע קעלערס דערזען מיר די „חדרים", ווו די מחמדאַנישע קינדער לערנען דעם „קאָראַן". אפשר פופציק אָפּגעריסענע, שמוציקע ייִנגלעך און מיידלעך זיצן אויף דער ערד און האַלטן אין די הענט טאַבעלן מיט קאָראַן-פסוקים; אויף אַ הויכן בענקל זיצט דער „מלמד" און אַלע צוזאַמען מיטן אַזוי באַקאַנטן ניגון פון אַלטן, קליינשטעטלדיקן „חדר" צערייסט מען די לופט מיט קולי-קולות...

אויף איין געסל באַגעגענען מיר אַ פּראָצעסיע מיט גרינע פאָנען און אַ ווייסבערדיקן מולאַ אָן דער שפּיץ; אַ ווילד קלאַפּן און פּויקן און אַ געזאַנג, וואָס איז ענלעך צו אַ געוויין. מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס טוט מען תפילה און מען בעט אויף רעגן... מיר ווילן פאָטאָגראַפירן, אָבער טרעפן אָן אַזאַ שטאַרקן פּראָטעסט פון איינִיקע פו-

דער פּראָצעסיע, אַז מיר באַהאַלטן שנעל אונזערע אַפּאַראַטן.

און נאָר פּופּציק טריט ווייטער פון דעם דאָזיקן אָרט גייען מיר אַריין אין אייראָפּעישן קוואַרטאַל, וועלכער טראָגט אונז אַריבער אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט; דער קאָנטראַסט איז אַזוי גרויס, אַז מיר קוקן זיך אום, צי איז דאָס אפשר אַלץ הינטער אונז נאָר אַ פּראָדוקט פון אונזער פאַנטאַזיע: געביידעס פון דער שענסטער אַרכיטעקטור. אַזאַ געביידע, צום ביישפּיל, ווי די הויפּטפּאָסט איז, האָבן זיך די פּראָוויזן אפילו אין פּאַריז נישט דערלויבט צו בויען.

אַ באַוועגונג פון אַ מאָדערנער שטאָט מיט איר גאַנצן אימפּעט און נערוועזיטעט; עקזאָטיש מיליטער; מען זעט דאָ שוואַרצע זואַוון אין זייערע רויטע טורבאַנען, בראָנזענע סענעגאַלן אין מאָלערישע פעסקעס, — אָט די אַלע, וועלכע האָבן אין וועלט-קריג אַלס „קאַנאָנען-פלייש" מיטגעהאָלפן צו פראַנקרייכס נצחון...

הונדערטער פאַרקויפער פון זיידענע טיכער, פון פאַרגילדטע ביליקע קלייניקייטן לאָזן נישט דורכגיין, און ווי קלעפּיקע פליגן שטייען זיי צו און וואַרפן אָן זייערע סחורות.

די אייראָפּעער צעכאַפּן די „מציאות" און לויפן שנעל אַוועק, מורא האָבנדיק, טאָמער וועט דער פאַרקויפער חרטה האָבן; דער שוואַרצער סוחר אָבער רייבט זיך די הענט פון פאַרגעניגן, ער האָט ווידער אָנגעפּייפט אַ „ווייסן פריץ"...

און עס פאַלט מיר איין אין קאָפּ אַ געדאַנק: מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן די אייראָפּעער אַפריקע דעראָבערט און פאַר בלישטשנדיקע שפּילצייג דאָס גאָלד אַרויסגענאַרט, — היינט קומען אייראָפּעער אין אַפריקע און פאַר שווער גאָלד קויפט מען איין ווערטלאָזע שפּילצייג. צייטן בייטן זיך...

* *
*

ווידער זענען מיר ביים פּאָרט, ווו עס שטייט פאַראַנקערט אונזער שיף, מיר דערקאָנען זי קוים אין וואַלד פון קוימענס, מאַשטן, אויפהויבונג-קראַנען און שווימענדע האַפּנס.

גראָד קומט אָן פון מאַרסעל אַ פראַנצויזישע קריגס-שיף, וועלכע פאָרט מיט קאָלאָניאַל-מיליטער אין אינדאָ-כינע; אין אַלזשיר לאָזט מען די סאָלדאַטן אַראָפּ אויפן ברעג אָפּרוען זיך.

שלאַנקע, ווייס־געקליידטע מיט אָפּגעבערענטע געזיכטער שטעלן זיך אויס די קאָמפּאַניעס אונטער דער ליטונג פון די אָפיצירן אַנט־קעגן אונזער שיף, גרייט אָוועקצומאַרשירן.

אויפן הינטער־גרונט פון דער ווייסער טעראַסן־שטאָט, דעקאָרירט מיט מינאַרעטן און פּאַלמען, אויפן פּאָן פון זילבערנעם ים, אין וועלכן עס קייקלט זיך אַריין די פאַרגייענדע זון, — שאַפט זיך אַ פּאַנאָראַמע, וועלכע בעט זיך אויפן לייוונט פון אַ קינסטלער.

די הונדערטער דייטשן, וואָס שטייען אויפן דעק, מערסטנטיילס געוועזענע מיליטער־לייט, קוקן אָן אַ קורצע ווייַלע די גלייכע רייען פון ווייסן פראַנצויזישן קאָלאָניאַל־מיליטער, און סטיכיש רייסט זיך אַרויס פון זייערע הערצער אַ הויכער „האָך!“. די פראַנצויזישע סאָל־דאַטן ענטפערן מיט אַ באַגריסונגס־אויסגעשריי. אַ ים ווייסע טיכלעך פּאָכעט, באַגריסנדיק די נישט לאַנגע שונאים. דער אָרקעסטער שפּילט און אונטער זיינע קלאַנגען באַקומט נאָך אַ טיפערע באַדייטונג די דאָזיקע אומדערוואַרטע דייטש־פראַנצויזישע פריינטשאַפטס־דעמאָנסטראַציע.

ביים ליכט פון דער שיינקייט אַרום ווילט זיך אַזוי נישט גלויבן אין בלוט און מלחמות.

1927

אין מאַראָקאָ:

פון רעכטס — יידישער חתן-בחור; א יידישע משפּחה; אין א סוכה.

.1

מאראָקאָ

אין טעטואַן

נאָך אַ לאַנגער טעלעגראַפישער קאָרעספּאָנדענץ פון דער שיפס־קאָמאַנדאָ מיט דער שפּאַנישער רעגירונג איז אונז געלונגען צו באַקומען אַ דערלויבניש אַריינצופאָרן אין אַפריקאַנישן האַפן סעוטאָ, וועלכער געפינט זיך אונטער שפּאַניעס פּראָטעקטאָראַט און פון וועלכן עס פירן די וועגן אין אינערלעכן טייל פון מאַראָקאָ.

נאָך גאָרנישט לאַנג צוריק האָט דאָ געהערשט אַ בלוטיקער כאָאָס. די קאַבילן זענען אויפגעשטאַנען קעגן דער הערשאַפט פון פראַנקרייך און שפּאַניע. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די העלדישע און פאַנאַטיש־ווילדע מאַראָקאַנישע רייטער וועלן אַריבערוואַרפן אויף דער צווייטער זייט גיבראַלטאַר די אומגעבעטענע אייראָפּעישע פּראָטעקטאָרן און אבד־על־קערים וועט פאַרנעמען דעם טראָן פון שוואַכן און אומאָפּהענגיקן סולטאַן, וועלכער רעזידירט אין פעץ; אָבער עפּעס אומפאַרשטענדלעכס איז פאָרגעקומען און אָנשטאָט מאַראָקאָ האָט אַבד־על־קערים באַקומען אינגאַנצן אַ צען ווייבער (פון די הונדערטער) און איז איצט ערן־געפאַנגענער ערגעץ אויף אַ פראַנצויזישן אינזל...

איך מוז מודה זיין: פון דער גאַנצער וואונדערפולער רייזע, וואָס מיר מאַכן דורך, האָט אונז מער ווי אַלץ גערייצט דאָס דאָזיקע ווינקל אין אַפריקע, וועלכעס איז נאָך אַזוי ווייניק באַזוכט געוואָרן פון רייזנדער. ער איז באַווּינט פון פרייע, שטאָלצע מאַראָקאַנער, וועלכע געדענקען גוט די מסורה פון די צייטן, ווען זייערע מעכטיקע סולטאַנען האָבן איבער אַ האַלבער וועלט געהערשט: נאָך איצט

באַזיצט איירּאָפּע נאָר די זוימען-ברעגן, וועלכע ליגן האַרט ביים ים; טיף אין לאַנד לעבן מיליאָנען, וועלכע מען האָט נאָך ביז איצט נישט אָנגעטון דעם „כאָמוט״ פון אַ פרעמדער ציוויליזאַציע.

און נאָך אַ זאַך האָט אונז דאָרט געצויגן: די מאַראָקאַנער יידן, — וועגן וועלכע מען האָט פיל געהערט און געלעזן, אָבער ווייניק ווער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען אין זייערע געטאָס און פערזענלעך זיך מיט זיי טרעפן אין זייערע היימען.

* *
*

אַ געדיכט נעפּל אַרום די ברעגעס פון מאַראָקאָ, — אַ נעפּל, איבער וועלכן מען זעט נישט דעם ים אַפילו אויף פינף שפּאַן, — לאָזט נישט צו אונזער שיף צום האַפן. מען דרייט זיך בלינד, לאַנגזאַם, אַלע אָפיצירן און מאַטראָסן זענען אויף דער וואַך און אַ שווערע אָנגעשטרענגטקייט הערשט אויף דער גאַנצער שיף. די ברעגעס דאָ באַשטייען פון הויכע, שאַרפע פעלזן — ריפן (דעריבער רופט מען אָפטמאָל די קאַבילן — ריפענער) און דער קלענסטער פאַלשער גאַנג קאָן אונז צעשמעטערן אויף שטיקלעך; די שיף-סירענע פייפט אָן אויפהער און פון ברעג ענטפערן סיגנאַלן, וועלכע פאַרלייכטערן אונז די אָריענטאַציע.

אייניקע שעה דרייט מען זיך אַזוי אויף איין אָרט ביז דאָס נעפּל הויבט אָן פאַרשווינדן צו ווערן ווי אַ פּאַרע און מיר דערזעען זיך כמעט ביים סאַמע ברעג. ווי געוויינלעך אין די דאָזיקע ערטער פון טעמפּעראַטור-קאָנטראַסטן באַווייזט זיך גלייך אַ זון, וואָס ברית ווי פייער און מען מוז פון זיך אַראָפּוואַרפן אַלץ ביזן העמד און נאָר דער גרויסער טראָפּיקאַל-העלם אויפן קאָפּ באַשיצט אונז פון אַ זונען-שלאָג.

דער גאַנצער האַפן איז באַשאָטן פון שפּאַנישע קאָלאָניאַל-סאָלדאַטן אין דער פולער קריגס-באַוואָפענונג. ביים פּאָרט דערזעען מיר גלייך די קוימענס און מאַשטן פון אַ פאַרזונקענער אין וואַסער גרויסער שיף, וועלכעס האָט, ווייזט אויס, געהאַט ווייניקער מזל ווי אונזערע...

די שמאָלע באַן, וואָס פירט פון סעוטאָ אין דער הויפּטשטאָט פון דעם שפּאַנישן מאַראָקאָ — טעטואַן, געפינט זיך נאָך אונטער

מיליטערישער פאַרוואַלטונג, אָבער טראָץ דעם לויפט זי, ווי אַ בליץ. פאַר די אויגן שווינדלען שטיינערנע בערג, קליינע דערפלעך, מאַראָקאַנער אין זייערע קיטלען מיט קאַפּושאָנען אויפן קאָפּ אויף זייערע פלינקע אַראַבישע פערד; באַן-סטאַציעס, וואָס זענען ענלעך צו מעטשעטן... ענדלעך שטייגן מיר אויס אין טעטואַן, דאָס איז אַ שטאָט פון אַ דרייסיק טויזנט איינוווינער, פון זיי ביז זיבן טויזנט ייִדן. כמעט אַלע ייִדן וווינען נאָך אין אַלטן געטאָ, וועלכעס רופט זיך דאָ מעללאַ.

דער ערשטער וויזיט אונזערער איז צו זיי, צו אונזערע ברידער, וועלכע שטאַמען טיילווייז דירעקט פון די אויסגעוואַנדערטע פון ארץ-ישראל, טיילווייז פון די אַרויסגעטריבענע ייִדן פון שפּאַניע. צו אונזער גליק טרעפן מיר גלייך אָן אויף אַן אייראָפּעיש-געקליידטן סוחר, וועלכער רעדט פראַנצויזיש. ער וואַרפט אַוועק אינמיטן טאָג זיין באַשעפטיקונג און נעמט זיך אונז אָן צו פירן אין געטאָ.

ס'איז פרייטאָג, די מחמדאַנער רוען, די ייִדן גרייטן זיך צום שבת.

מיר דערוויסן זיך, אַז די, וואָס טראָגן רויטע פעסקעס זענען מוסולמענער; די, וואָס טראָגן שוואַרצע פעסקעס — זענען אונזערע ברידער; קיין אַנדערן אויסערלעכן אונטערשיד באַמערקן מיר נישט, ווייל די גאַנצע באַפעלקערונג טראָגט דאָ די לאַנגע פאַרביקע מזרח-כאַלאַטן, איבערגעבונדן מיט ברייטע בונטע גאַרטלען, אויף די פיס אויסגענייטע מיט גאָלד און זילבער סאַפיאַן-פאַנטאָפל און אין מויל די לאַנגע פייקעס; די פרויען אָבער דערקאָנט מען גלייך: די מאַראָקאַנערינס מיט צוגעדעקטע פנימער; די ייִדישע ווייזן דער וועלט זייער שיינענדע שוואַרץ-חנעוודיקע געזיכטער און די איילבירט-אויגן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך צו גלייכער צייט אומעט און פייער...

אין די שמאָלע געסלעך פון געטאָ, ווו די סאַניטאַרע באַדינגונגען זענען פיל בעסער ווי אין די מאַראָקאַנישע קוואַרטאַלן, — באַמערקט מען גלייך די פרעמדע געסט: עס לויפן אונז נאָך מחנות שוואַרצע ייִנגלעך, וועלכע שטראַלן פון פרייד, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז מיר זענען „יהודים". מיר גייען אַריין אין אייניקע הייזער, ווו אַלטע פרויען און יונגע טעכטער ליגן אויף דער ערד און שייערן און פוצן לכבוד שבת.

די יונגערע פאַרשעמען זיך פאַר זייער באַשיידענער שטוב-

קליידונג און באַהאַלטן זיך שנעל אין די אינעווייניקסטע צימערן...

אונזער פירער זאָגט אונז: „אַך, ווען מיר קומען דאָ שבת, וואָלטן מיר דאַן געזעען, וואָס פאַר אַ זיידנס און צירונג עס באַ־שיינט די דאָזיקע געטאָ־פּרינצעסינס!"

און דאָרט, ווו די קראָמען ציען זיך, שטייען די טאַטעס מיט שוואַרצע געקרייזלטע בערד אָדער די זיידעס ווי פון אַלטע בילדער אַראָפּגענומען אין בונטע קליידונג מיטן הדרת־פּנים פון נביאים...

קראָמען פון כינעזיש און דמשקער זיידנס, פון בשמים פון אַביסיניע, פון בראַזיליאַנער קאַווע, פון שיינע סאַפיאַן־אויסאַרבעטונ־גען; רייכע געשעפטן און קליינע אָרעמע לעבער פון אַ גראָשנדיקן ווערט. מיר קאָנען זיך נישט פאַרשטענדיקן, זעלטן ווער עס ענט־פערט אַ העברעיש וואָרט, מען פאַרשטייט נאָר שפּאַניאָליש און אַראַביש.

און אין איינִיקע פון די 16 בתי־מדרשים, וואָס געפינען זיך אין שטאָט, גייען מיר אויך אַריין. זיי זענען אַזוי נישט ענלעך צו אונזערע מיט זייער אינערלעכער אַרכיטעקטור, מיט די צענטליקער קיילעכדיקע גלעזערנע לאָמפּן, וואָס הענגען אַראָפּ פון סופיט און אויף וועלכע עס זענען אויפגעשריבן די נעמען פון זייערע פאַר־שטאָרבענע מנדבים, און די סידורים און מחזורים זענען אַנדערע...

נאָר אין איין בית־המדרש האָבן מיר געטראָפן אַ בעל־קורא, וואָס האָט איבערגעקוקט אַ ספר־תורה. די תורה, זעט איר, איז די אייגענע. די בוכשטאַבן, די שפּראַך, דער אינהאַלט, — די זעלבע אין ווילנע, סאַן־פראַנציסקאָ און מאַראָקאָ...

דער הויפּט־רב פון שפּאַנישן מאַראָקאָ ר' יהודה חלפני ווייסט שוין וועגן די יידישע געסט פון ווייטן פּוילן. דער בית־דין־שמש, אַ טיפּ פון ווייטן, ווייטן אַלטערטום, פירט אונז אין ביוראָ פון רב, וועלכע איז צו גלייכער צייט דאָס געריכטסהויז פאַר די טעטואַנער יידן.

אין דער קורצער צייט, וואָס ס'קומט אונז אויס צו וואַרטן אויפן רבס אָנקומען, באַטראַכטן מיר די ספרים, וועלכע שטייען אויף די פּאָליצעס: ספרי־חקירה געדרוקט נאָך אין ווענעדיק און ליוואָרנע, פּאָלעמיק־ספרים איבערן מהות פון יידנטום און—ווילנער ש"ס פון „האלמנה והאחים ראָם"; אַן אויסטויש פון דער אַשכנזישער און ספרדישער קולטור...

עס קומט אריין דער רב: אַ שיינער מזרח-טיפּ מיט אַן אסירישער באָרד. אַ שאָד נאָר, וואָס ער גייט געקליידט אייראָפּעיש: אים וואָלט אַזוי געפּאַסט די ווייסע מיט גאָלד-געשטיקט אַבאַיע פון רמב״מס צייטן.

אַ שילער פון דער פּאַריזשער ראַבינערשול, רעדט ער פליסיק פראַנצויזיש, אַ זייער שיינעם העברעיש, דערצו נאָך, פאַרשטייט זיך, שפּאַניאָליש און אַראַביש, אָן וועלכע מען קאָן דאָ נישט אויסקומען.

„די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן?״ —„אָך גאַנץ גוט; אַביסל האָט געשטערט דער אויפשטאַנד, נאָר ס׳גייט צום בעסערן״.

און פּאָליטיש?—„ניין! מיר קאָנען זיך נישט באַקלאָגן אויף דער שפּאַנ׳שער הערשאַפט; זיי געבן אונז די ברייטסטע אויטאָנאָמיע: אַ געריכט, צוואַנג-שטייער פאַר די קהילות; פולע קולטורעלע און רעלי־גיעזע פרייהייט״...

אַ הויפּט־רב — אַליין אַן אייניקל פון שפּאַנישע אנוסים, — וואָס לויבט אַזוי שפּאַניע, און מסתּם מיט רעכט — איז דאָס נישט איינע פון די קאַפּריזן, וואָס די געשיכטע שפּילט מיט יידן?...

און אפשר איז דאָס קאָלאָניאַל-פּאָליטיק? „געוויס, געוויס״ — טרייסט איך מיך...

„איז מען רעליגיעז אין מאַראָקאָ?״—„אָ, זייער! אָבער פאַר־גרעבט איז מען אין יידישקייט; מען קאָן קוים דאַווענען, און תּלמוד לערנען נאָר אין קליינע ישיבות אַן 18־20 יונגעלייט. און קיין אינטע־ליגענץ איז נישטאָ, אפילו קיין יידישן דאָקטאָר האָבן מיר נישט, און ער וואָלט דאָך געהאַט פאַר זיך אַזאַ גלענצנדע קאַריערע״.

„יאָ! און ציוניסטן זענען מיר אַלע; דעם מאַנדאַט אויפן 12-טן קאָנגרעס האָבן מיר געהאַט פאָרגעלייגט מאַקס נאָרדוין, ער איז אָבער דאָן נישט געפאָרן...״

ס׳ווערט שוין טונקעלער; דער שבת רוקט זיך אָן און עס פאַלן נאָך די רעשט פראַגן פון ברידער צו ברידער.

* *
*

און שפּעטער גיין מיר ווידער איבער די גאַסן פון געטאָ, באַגלייט פון יינגלעך, אַראַביש-געקליידעטע יידן און שעמעוודיקע בליקן פון די צניעותדיקע מאַראָקאָ-טעכטער...

פאַרביק און יום-טובדיק באַצירטע מאַראָקאַנער זיצן אין די

טיי־הייזער, טרינקען גרינעם פעפער און קוקן טרוימעריש אויף די הויכע שטעכעדיקע בערג צום מדבר צו. „דאָרטן, הינטער די בערג, אין די זאַמדן פון מדבר, וווינען ווי אָדלערס פרייע קאַבילן און רי־פענער, דאָרט וועט אויפגיין די מחמדאַנישע זון”, — אַזוי זאָגט דער אַראַבישער פירער מיטן פנים פון אַ שייך...

איך קוק אויף די דאָזיקע מאַראָקאַנער, אָפּגעברענטע, שטאַרקע, שלאַנקע, געהיימנישפולע און בין נישט זיכער מיט די פּאָר שפּאַנישע קריגס־שיפן, וואָס שטייען אין סעוטאַ...

אָבער אין די אויערן קלינגען ווי אַ ברכה די לעצטע ווערטער פון מאַראָקאַנער רב: „ברידער, פאָרט געזונט און גריסט אונזער פאָלק אין פוילן!”

ש פּ אַ נ י ע

I

פון גראנאדע ביז סעווילִיע...

א.

מאָטאָ:

פון סעווילִיע ביז גראנאדע
אין בלאָען צווּבער פון דער נאכט
שאַלט א ליבעס-סערענאדע
כישופט מיט איר קלאנג און פראכט...
(א שפאניש לִיד)

...און אַז איך האָב פונדערווייטנס דערזעען שפּאַניעס ערד און די שפּיצן פון אירע קלויסטערס, האָט זיך אַ שטורעם אויפגעהויבן אין האַרצן און אַ ווילדער כעס האָט מיין גאַנץ וועזן באַהערשט.

אָט איז עס דאָס דאָזיקע שפּאַניע, דאָס לאַנד פון אינקוויזיציעס, שייטערהויפנס און טאָרקוועמאַדאָס, דאָס לאַנד, וואָס האָט אין מאַר־טירער-בוך פון אונזער געשיכטע אַריינגעשריבן אפשר די בלוטיקסטע זייטן...

עס האָבן אָפּגעלעבט אין זיכּרון די אומפאַרגעסלעכע בילדער פון הונדערטער טויזנטער יונגע און אַלטע יידן, פרויען און קליינע קינדער, וואָס זענען מיט איבער 400 יאָר צוריק אויף אַן אַכזריות־דיקן אופן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די גרענעצן פון דער מדינה,— און אַ צאַפּל געטון האָט זיך די נשמה, ווען איך האָב זיך דערמאָנט וועגן די אנוסים, וואָס האָבן ווי צום טאַנץ אין פייער געשפּרונגען אויף „קידוש-השם"...

און ווען איך האָב מיינע ערשטע שריט אויף שפּאַניעס באָדן געשטעלט, האָט מיר אַזוי ווי אָפּגעבריט דער ווייסער קאַלך-זאַמד... ווער ווייסט, — האָב איך זיך געטראַכט, — אפשר טאַקע דאָ, אויפן דאָזיקן אָרט, זענען געשטאַנען די טויזנטער, טויזנטער גולים אין לעצטן טאָג פון גירוש, און אויף יענעם שטיין פונדערווייטנס, איינ-געהילט אין טלית, האָט ר׳ יצחק אברבנאל זיינע שווערע קללות אויף שפּאַניעס קאָפּ געשליידערט: „פאַרפלוכט זאָל זיין דאָס לאַנד, וואָס האָט זיך אַזוי גרויזאַם מיט זיינע קינדער באַגאַנגען!“ — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט: „אמן!“

„פאַרפלוכט זאָל זיין דער ייד, וואָס וועט זיך אומקערן אין שפּאַניע און איר נוצלעך זיין!“ — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט ווידער געענטפערט: „אמן!“

און צי האָט נישט די דאָזיקע פינצטערע קללה פון נקמה פאַר יידיש בלוט, פאַר די טרערן פון וואַנדערנדע יידישע מאַמעס מיט שטאַרבנדע זויג-קינדער אויף די הענט, — צי האָט זי נישט צעשמע-טערט שפּאַניע אַלס וועלט-מלוכה, צוגענומען איר מאַכט און גלאַנץ און פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָווינץ-שטאָט אויפן פירענעער האַלב-אינזל?

און צי איז שוין מיט דעם אַליין נישט אַראָפּגענומען געוואָרן דער חרם פון די ווייניקע יידן, וואָס קומען דאָ איצט פּרנסה זוכן, אָדער ווי מיר, — שפּאַניעס נאַטור און פאָלק צו דערקאָנען? און מיר האָבן זיך דעם דאָזיקן „היתר“ געגעבן; אַזוי פיל הונדערטער יאָרן זענען אַריבער און אַפילו דער טייך גוואַדאַלקוויויר האָט דאָך זיין שטראָם געענדערט...

און אַז מאַנדלען בליען און גאָלדענע מאַנדאַרינקעס ווערן צייטיק, — געדיכטע פּאַלמען-וועלדער רופן אין זייערע שאָטן און צע-זונגענע מענטשן-מאַסן שפּאַצירן אונטער די קלאַנגען פון „וואַלענציע“ — וואַרפט מען אַראָפּ די ברילן פון דער געשיכטע און מען ווערט דורך און דורך מענטש, אַפילו אין שפּאַניע; דאָס איז דאָך אַזוי נאַטירלעך...

מערנישט שפּאַניעס שיינע קלויסטערס האָב איך פיינט און די אָפּטע גלחים-פּראָצעסיעס מיט די פאַרביקע הייליקע בילדער וואַרפן אויף מיר אָן אַ מאָדנעם פּחד. דאָס איז אויך אַזוי נאַטירלעך...

* *
*

פריער זענען מיר געקומען אין מאַלאַגאַ, אין דער גרויסער האַפן־שטאָט אויפן מיטללענדישן ים.

דאָ באַקומט מען זייער ביליק מאַלאַגאַ־טרויבן, מאַלאַגאַ־ראָזשנקעס און מאַלאַגאַ־ווייַן... דאָס קאָסט אויף אונזער געלט גראָשנס; אָבער אַ מיטאָג מיט פלייש קאָסט שוין דאָלאַרן; עס באַקומט זיך שוין גלייך די עקאָנאָמישע אָפּשפּיגלונג פון שפּאַניע: פלייש און פּוטער עסן רייכע; ראָזשנקעס מיט מאַנדלען—די אָרעמע. נישט קיין שלעכטער דעסערט, אָבער פאַר יעדן טאָג אַביסל צופיל...

אַ קלוגער פראַנצויז, וואָס וווינט שוין לאַנג אין שפּאַניע, דערקלערט מיר: „די שפּאַנישע גראַנדן און גרויסע סוחרים לעבן אין אַזאַ ווילטאָג און עשירות, וואָס עס איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלן; דאָס שפּאַנישע פאָלק אָבער פאַרמאָגט אויף ברויט מיט טאָמאַטן, אָדער פרישן פעפער; מער נישט דאָס ביסל פאַרגעניגן, וואָס מען פאַרשאַפט אים, איינאָרדענען יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אַן אָקסן־קאַמף. בעמט צו ביי אים דעם דאָזיקן בלוטיקן נחת־רוח, מ׳שטיינס געזאָגט, און קיין רעגירונג וועט זיך נישט איינהאַלטן״...

שפּעטער אין סעווילי׳ע האָב איך דעם פראַנצויז פאַרשטאַנען, איצט בין איך נאָך געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ „פריץ״.

און נאָך אַ מיאוסע טבע פאַרמאָגן די שפּאַניער; זיי פאַרשטייען נאָר שפּאַניש, און טאָמער ווילט איר זיך מיט זיי צונויפרעדן אויף אַן אַנדער שפּראַך, קאָנט איר, חלילה, אויסציען די פיס, — ס׳איז אַן אַרויסגעוואָרפענע טירחה; דער שפּאַניער לאַכט און גייט זיך זיין וועג.

און פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז היינט פונקט אום האַלבער נאַכט הויבט זיך אָן אַ פאָלקס־שמחה אויף די גאַסן פון מאַלאַגאַ און אַז ס׳וועט זיין אַ „קאָרסאָ״ מיט בלומען, מיט סערפּענטין און מיט אַלע זיבן זאַכן...

זעען, ווי דאָס פאָלק איז זיך משמח — הייסט אויפדעקן אַ שטיקל פון זיין נשמה און עס לוינט דעריבער אַ „ליל־שימורים״, בפרט נאָך, אַז פאַרטאָג פאָרן מיר אָפּ קיין גראַנאַדע און פאַרשפּאָרן אַ האָטעל אין שפּאַניע — איז מינימום 3·2 דאָלאַר געבליבן אין קעשענע.

און פונקט 12 אַזייגער אין דער נאַכט זענען מיר שוין אויפן פּאַלמען־בולוואַר, וועלכער שניידט דורך די גרויסע שטאָט און איז

באַגאָסן מיט אַ ים פאַרביקע לעמפּלעך, וועלכע זענען אין די צענטל־קער טויזנטער איינגעפּאַסט אין אַרקאַדן, וואָס ציען זיך אָן אַ סוף, פאַרייניקנדיק ביידע זייטן פון בולוואַר.

אַז מען שטעלט זיך אינמיטן בולוואַר און מען וואַרפט אַ קוק אויף די קילאָמעטער־לאַנגע גירלאַנדן פון בונטע אָנגעצונדענע עלעקטרע־שנורן, וואָס זענען אַזוי ווי איינגעפלאָכטן אין דער דורכזיכטיקער גרינקייט פון די שטאָלצע לולבים־ביימער, און אַז מען הויבט אויף דעם קאָפּ העכער אויף די בערג אַרום, וווּ אין אַ רויטן פייער זענען איינגעוויקלט די רוינען פון דער אַלטער מוריטאַנישער פעסטונג, — ווערט מען אַריבערגעטראָגן אין דער פאַרכישופטער שעכערעזאַדע, אין לאַנד פון סולטאַן אַלאַדין...

— פאַרוואָס אַזאַ פאַרשווענדערישער לוקסוס אויף אַן אומזיסטער פאַלקס־פייערונג?

— מיר האָבן ליב דעקאָראַציע און פאַר אונזערע מאַסן גילט דאָס אָפט אָנשטאָט ברויט. — זאָגט מיר אַ שפּאַניער.

און טריבונעס זענען אויפגעשטעלט, אויף וועלכע עס שפּילן מוזיקאַנטן אין פאַנטאַסטישע קאָסטיומען, און קנאַקנדיקע פייערווערקן רייסן זיך ווי שלאַנגען אַרויס פון געהיימנישפולע אַלטאַנעס און פאַר־שיטן דעם אויסגעשטערנטן הימל מיט שנעל־שטאַרבנדע נייע שטערנס, און לידער פון פלאַמענדן אַנדאַלוזיע צעוואַרעמען די ווייכע לופט און פאַנגען אונז אין זייערע נעצן.

דאָס „פאָלק" איז דאָ אין קאָמפּלעט; אפשר זענען איצט אויפן בולוואַר אַלע צוויי הונדערט טויזנט איינוווינער פון שטאָט. מען זיצט אויסגעזעצט אויף טויזנטער שטולן (עס קאָסט ביליק, איינגאַנצן אַ 10 גראָשן), מען עסט הייסע פּאַסאָליעס אָדער קאַלטע „ליאָדעס", און די, וואָס האָבן נישט קיין שטולן און „פאַסאָליעס", שטייען אַרום דער טרי־בונע און פּאַטשן „בראַוואָ" און זינגען מיט און פייפן אויס, אויב עס געפעלט זיי נישט...

די מענער, ווי די מענער: זיי זענען ענלעך צו די איטאַליע־נער, נאָר שענער פון זיי, אַלע ריין געקליידט אין די אומפאַרמייד־לעכע שטרויענע היט. דער טיפּ איז אַביסל אַ סימפּאַטישער. קנאַפּ בלוט האָבן דען מיר און די אַראַבער אין שפּאַניע איבערגעלאָזט?... אָבער די פרויען זענען שוין אינגאַנצן אַנדערע.

ווו זענען זיי, די „גאַרסאָנקעס" מיט די געשוירענע קעפּלעך,

קורצע קליידלעך, אויסגעצויגענע פיגורן און די פיס, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן פריער ווי זייער נאָז?...

איר באַגעגנט זיי דאָ נישט כמעט. אַלע געקליידט טונקל, מערסטנטייל שוואַרץ, קליידער „קאָנסערוואַטיווע" פון אַלטן פאַסאָן.

פיגורן דיקלעכע, ווייל „דאַרע מיידלעך קריגן נישט קיין חתנים"—אַזוי האָט אונז מיט אויטאָריטעט דערקלערט אונזער שפּאַניער.

און דער קאָפּ — אַ גאַנצע סימפאָניע.

ערשטנס, גדיכטע, פּעך-שוואַרצע האָר, אויפגענומען ווי אַ קרוין, און אויף די האָר אַ גרויסער קאַם און אויפן קאַם אַרום קאָפּ און האַלז אַ בונטער שאַל. דער דאָזיקער שאַל איז די הויפּט-צירונג פון דער פרוי; אַ פאַבריק-מיידל שפּאָרט אָפּ חדשים-לאַנג אויף אַ שיינעם שאַל מיט בלומען און וועט זיך אויף אַ שמחה נישט ווייזן, אויב זי האָט אים נאָך נישט.

און אַז זיי לאַכן, די שפּאַניערינס, באַווייזט זיך אַ מויל מיט ציין, ווי פון העלפאַנט-ביין געטאָקט; מיט דעם שטאַלצירן זיי כמעט אַזוי שטאַרק ווי מיטן שאַל, און אַז מען פאַרמאָגט אַ שאַל מיט בלומען, געזונטע ווייסע ציין און אַ פעכער, וועלכער דריקט אויס אין די הענט פון אַ „קאַרמען" אַלע אירע ליידן און פריידן, — איז מען זיכער מיט דערפאָלג...

און אַ שבת וויל איך נאָכזאָגן דער דאָזיקער שפּאַנישער פאָלקס-פייערונג: סיי די פרויען, סיי די מענער זענען געווען זייער באַשיידן. איך בין שוין אַמאָל געווען אויף דעם „באַסטיליע-יום-טוב" אין פּאַריז, אויף פאָלקס-פייערונגען אין בעלגיע, איטאַליע, דייטשלאַנד, — אומעטום האָט פריער ווי אַלץ זיך אַרויסגעוויזן די אויסגעלאַסנקייט; דאָ אָבער האָבן זיך מערסטנטייל די פרויען-גרופּן געהאַלטן באַזונדער, די מענער באַזונדער, און עס פלעגן זיך אַריבערוואַרפן וויצן און לידער, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ פריילעכקייט און מיט דעם האָט זיך הויפּטזעכלעך דער פלירט באַגרענעצט.

איך גאַראַנטיר נישט, פאַרשטייט זיך, פאַר די טיילן פון גרויסן פּאַלמען-בולוואַר, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שאָטן, אָבער אויך דאָרט איז, ווי מען האָט מיך פאַרזיכערט, צוגעגאַנגען אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן ציען מיט בלומען באַצירטע קאָטשן, איינגעשפּאַנט מיט דריי און פיר פערד „נאַשפּיק" און אַ

לאַנגע קייט פון אויטאָמאָבילן איבערגעפולטע מיט די מאָלערישע מעכטער פון שפּאַניע אין זייערע נאַציאָנאַל-קליידער. אויף די זיץ-פּלעצער זענען אויסגעשפּרייט די שאַלן, וועלכע באַדעקן מיט זייערע לאַנגע פרענזן אַפילו די רעדער. אויף די קליינע בענקעלעך זיצן די מענער. אַ רעגן פון „קאָנפעטי", פון „סערפּענטין" און בלומען פאַר-וואַנדלט שנעל די לאַנגע פּראָצעסיע אין אַ קאָלירטן „מישמאַש" מיט מוזיק באַגלייט...

אַ הילכיק געלעכטער פון באַקאַנטע צו באַקאַנטע און לידער אָן זאָרג פון אונטער די בוימער, פון די טריבונעס, פון די קאָטשן און אויטאָמאָבילן.

ווען מען אַרט עס, וואָס באַלד וועט זיך די זון באַווייזן, די טויזנטער לעמפּלעך וועלן פאַרלאָשן ווערן און אַלץ וועט באַקומען דעם ריכטיקן קאָליר... ס'וועלן זיך אומקערן אין זייערע פּאַלאַצן די „גראַנדן", און צום ברויט מיט פעפער — די טויזנטער...

* *
*

אַ פרישן ווינטל זאָגט אָן, אַז דער טאָג קומט אָן.

נאָך היינט וועלן מיר זיין אין גראַנאַדע, ווו די שיינקייט האָט אין „אַלהאַמבראַ" איר נעסט געפונען, און—דאָרט אין דער קאַטעדראַ רוען די ביינער פון איזאַבעללאַ, דער טויזנט מאָל פאַרפלוכטער...

ב.

אין שפּאַניען איז פאָרן מיט דער באַן אַ גרויסער לוקסוס, — וואָרים ווי אַנדערש דען קאָן מען דערקלערן די הויכע פרייזן פון אַ בילעט זאָגאַר אויף אַ געוויינלעכן צוג? אַ בילעט פון דריטער קלאַס קאָסט אַזוי פיל ווי ביי אונז די ערשטע קלאַס און דערביי זענען אונזערע וואַגאָנען פּאַלאַצן אין פאַרגלייך מיט די שפּאַנישע.

אַגב, שלעפּן זיך די שפּאַנישע צוגן אומגעהויער לאַנג און קו-מען נישט פּינקטלעך און ווערן געהאַלטן אין שמוץ: „פאָרן מיט אַזאַ באַן איז אַן אינקוויזיציע", — אַזוי וואָלט איך זיך אויסגעדריקט, ווען די זאַך וואָלט נישט פאָרגעקומען אין שפּאַניע, וועלכע האָט שוין געקאָנט ביי זיך ערגערע אינקוויזיציעס... „אין שטוב פון געהאָנגענעם רעדט מען נישט פון אַ שטריקל"...

* *
*

די לופט איז אָנגעגליט ביז 50 גראַד אין שאָטן, אָבער אין אונזערע וואַגאָנען, וועלכע באַשטייען כּמעט דורכויס פון גלאָז, איז קיין שאָטן נישטאָ. ביי פאַרמאַכטע פענצטער קאָן מען נישט פאָרן, ווייל די הילצערנע בענק ברענען ווי פייער, און ביי אָפענע פענצטער ווערט מען פאַרשאָטן מיט אַסך בריענדן קאַלך-זאַמד, וועלכער באַקומט זיך אַריין אין נאָז, אין האַלז, אין די אויגן, און ס׳דאַכט זיך, אַז מען אָטעמט מיט פייער...

אַזוי פאָרן 5 שעה,—גאָט מיינער, ווען מיר דאָס אויסהאַלטן?

און ס׳גלוסט זיך דאַן קלערן וועגן די קילע וועלדעלעך פון פוילן, וווּ אונטער סאָסנעס און בערעזעס רוט מען טאַקע באַלעבאַטיש אָפּ און מען איז זיכער פון אַ זונען-שלאָג און מען עסט „ליאָדעס” און נישט שפּאַנישן זאַמד, און פאַר אַ גלאָז סאָדע-וואַסער צאָלט מען נישט קיין דריי זלאָטעס...

יאָ! איר קאָנט טרינקען טייערן ווין פאַר 20 גראָשן אַ גלאָז, אָבער דערצו דאַרף מען אין אַזאַ טאָג זיין אָדער אַ משוגענער אָדער אַ פּראָפעסיאָנעלער שיכּור.

און אַז מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן אַ שעה צוויי און דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער סטאַציע באָבאַדילאַ, זענען מיר אַרויסגעשפּרונגען כאַפּן אַ זופּ וואַסער. דער בופעטשיק האָט גלייך דערשנאַפּט, אַז ער האָט פאַר זיך קיין עכטע שפּאַניער, כאָטש מיר האָבן מיט דער גאַנצער גראַציע געפאָדערט „אַקוואַ”. ער דערלאַנגט אונז אַ פלאַש ווישי-וואַסער און פאָדערט טאַקע 6 פעזעס, ד. ה. עלף זלאָטעס. מיר ווערן איבערראַשט און בעטן אַן אַנדער וואַסער, — ער איז זייער ליבנס-ווירדיק און גיט אונז מאַריענבאַדער וואַסער, אינגאַנצן פאַר 7 פעזעס. מיר ווערן שוין אין כּעס און ווייזן אויף די פינגער, ער זאָל אונז עפּעס געבן פאַר צוויי-דריי פעזעס, גיט ער אונז 3-2 פלאַשן: — ער פאַרשטייט נעבעך נישט... און דערווייל גיט מען דעם צווייטן קלונג (אין שפּאַניע קלינגט מען דריי מאָל פאַרן אָפּגיין פון צוג, אַזוי ווי אין רוסלאַנד). מיר זענען אַזש ווילד פאַר דורשט און שילטנדיק דעם בלוט-זויגער ביים בופעט, באַצאָלן מיר פאַר אַ פלאַש „ווישי” און לויפן גיך צו אונזערע וואַגאָנען.

מען פאַרקויפט ביליק ווייַנטרויבן, מאַרעלן, אָבער ווו נעמט מען

וואַסער אויף אַרומוואַשן דעם דיקן שטויב, אין וועלכן זיי זענען איינגעוויקלט, — און עסן אַזוי, איז דאָס געוויסע בויך־קראַמפּן,—דאָס ווייסן מיר שוין פון דער פּראַקטיק.

און אין נאָך אַ זאַך וויל איך זיך מודה זיין:

מיר האָט זיך כמעט נישט געוואָלט אָנקוקן די פּאַנאָראַמע, וועלכע האָט זיך ווי אַ פּרעכטיקער פילם פונאַנדערגעוויקלט פאַר די אויגן: די ברענענדע זון און דער גייציקער „בופּעטשיק" האָבן אונז צעקריגט מיט דער וועלט. און דאָך פלעגט מען כאַפּן אַ קוק אויף די שמאָלע שטיינערנע קאָרידאָרן, דורך וועלכע מיר לויפן, אויף די פעלזן אויבן און די טאָלן אונטן, איבער וועלכע ס'האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר מיט נסים האַלטן זיך נאָך די באַן־שינעס.

פונווייטן באַווייזט זיך דאָס שניי־היטל פון סיעררע־נעוואַדאַ, דער העכסטער פונקט פון די פּירענעען: איך בין שוין מוחל די שיינקייט, זאָל מען מיך נאָר צולאָזן אַ לעק טון דעם שניי...

עס דערנענטערט זיך גראַנאַדע, דער אַמאָליקער שענסטער בריליאַנט אין קרוין פון די מויריטאַנישע סולטאַנעס, דאָרט, וווּ חכמה און קונסט האָבן נאָך מיט מער ווי טויזנט יאָר צוריק אַ בונד גע־שלאָסן. דאָרט, וווּ די יידישע און מחמדאַנישע גייסטער האָבן מיט ליכט אַ וועלט באַגאָסן און, — אַז מען האָט געדאַרפט, — האָט מען אויך די שווערדן פאַרייניקט און פאַרטיידיקט זיך קעגן אַ יאָך פון פרעמדע פעלקער און אמונות.

גראַנאַדע... צי נישט דאָ איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער שרעקלעכער גירוש פון 1492, ווען פאַרשיכורט פון בלוט און נצחון האָבן פערדינאַנד און איזאַבעללאַ די יידן אַלס קרבן געבראַכט דעם „גאָט פון רחמים און גערעכטיקייט" פאַר זיינע חסדים מיט זיינע טרייע קאַסטיליער מלכים?

און צי נישט דאָ איז אַמאָל געווען דער צענטער פון דער יידישער קולטור און וויסנשאַפט, און אויפן סיעררע־נעוואַדאַ האָבן זייער טרוימענדן בליק געווענדט די פּאָעטן משה אבן־עזרא, סעדיה בן־מימון, — און אין די אַפּעלסינען־גערטנער פון די קאַליפן האָט דאָך מלוכה־פּלענער געשפּונט דער יידישער גרויס־וויזיר ר' שמואל הנגיד?

טיף אין מיין האַרצן איז איינגעבאַקן יענע גראַנאַדע און נישט די היינטיקע שטאָט מיט אירע עלעקטרישע טראַמווייען, שטויב־וואָלקן,



אין אַלאַהאַמבראַ:

דער זאל פון גערעכטיקייט.

קאַפּע־הייזער אויף יעדן שריט און גנבישן ציגיינער־קוואַרטאַל, ווו מען דאַרף אַזוי האַלטן קאָפּ, אַז מען פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע קאָן מען אַפּילו דעם מוח אַוועקלקחענען...

אָבער היינטיקע גראַנאַדע פאַרמאָגט דאָך די גרויסע ירושה פון אַמאָליקע צייטן, איינע פון די שענסטע קונסט־ווערק פון דער מענטשהייט, — די אַלהאַמבראַ, דעם פּאַלאַץ פון די מויריטאַנישע קאַליפן און שפּעטערדיקע שפּאַנישע קעניגן, — דאָרט וועלן מיר זיך היינט פאַרבאָרגן פון דער אומרחמנותדיקער זון און נודנער ווירקלעכקייט, דאָרט וועלן מיר אַלטע ווייזיעס אַרויסרופן...

* *
*

לאַנגזאַם שלעפּן זיך די פערד צווישן אַלעען פון אָלעאַנדרען, מאַנדאַרינען־גערטנער און פּאַלמען־וועלדלעך אַרויף צום באַרג, ווו עס האָט זיך פונאַנדערגעלייגט די אויסערלעך אַזוי באַשיידענע געביידעס פון אַרכיטעקטור־ווונדער — אַלהאַמבראַ.

פעסטונגס־טורעמס, בריקן און געקאָוועטע טויערן, — ווייזט אויס, אַז נישט איינמאָל האָט מען פונדאַנען הייסע סמאָלע געגאָסן אויפן פיינט, וועלכער האָט זיך דאָ געוואָלט אַריינקריגן, — אָבער איצט באַגעגענען אונז וואַסער־פּירער אין די מאָלערישע אַנדאַלוזער הויף, אין פּורפּור געקליידט, אַזוי ווי זייערע אייזעלעך מיט גלעקעלעך באַהאָנגענע, וועלכע שלעפּן דאָס וואַסער.

מען עפנט די ערשטע שווערע טירן פון פּאַלאַץ, — און די אויגן ווערן פאַרבלאָנדזשעט פון אַזאַ שפע פון פאַרבן, פון אַ הימלישער בלאָקייט, פון זאַלן אַזוי ווי מיט טייערע שטיינער באַפלאַסטערט.

אָט איז דער זאַל פון די לייבן, ווו די סולטאַנען פלעגן באַטראַכטן די וויכטיקסטע מלוכה־פּלענער; מעכטיקע פאָנטאַנען שלאָגן פון די בראָנזענע לייבן־מײַלער צום סופיט צו, — און דאָרט קנוילן זיך די באַזונדערע שטראָמען צונויף אין איין וואַסער־פּאַל, וועלכער לייכט ווי אַ סלופּ פון ריינעם קרישטאָל.

און אָט איז דער מיט פּיל־פאַרביקן טייערן מאָזאַיק אויסגעצעטער באָד־זאַל פון די האַרעם־פרויען, וועלכע פלעגן אין גרויסן אַלעבאַסטער־באַסיין זייערע סירענען־קערפּערס יעדן טאָג פאַרן אַלמעכטיקן סולטאַן באַווייזן...

אין ווינקל שטייט נאָך דער טראָן פון סולטאַן, אָבער אין די־קילע וואַסערן שווימען היינט גאָלדענע פישעלעך און אויפן טראָן פון סולטאַן האָבן מיר זיך אויף אַ ווײַלע צוגעזעצט...

ס׳ציען זיך זאַלן, איינער שענער פאַר דעם אַנדערן, גאַנצע אַנפולאַדן, וואָס נאָר די שעפערישע פאַנטאַזיע פון גרויסע קינסטלער פון גאָטס גענאָד האָט געקאָנט שאַפן; אין יעדער פאַלד פון די בלאָע סופיטן, אין יעדן קנייטש פון די פערל-אינקרוסטאַציעס, אין דער אומסימעטרישקייט פון די סטאַלאַקטיטן-פרענזלעך, וואָס באַצירן די ווענט,—ליגט אַ קוואַל פון פּאָעזיע, פון אויפשוווּנג, פון שאַפונג...

און אַזוי פיל ליבע און אַזאַ איבערפלוס פון ווייכקייט, — אַזוי ווי דאָס אַלץ וואָלט געשאַפן געוואָרן פאַר יענע לעגענדאַרישע טויבן, וועלכע האָבן מחמדן זייער נבואה אין אויער איינגערוימט און דורך איר הונדערטער מיליאָנען גלויביקע באַהערשט...

און טאָלעראַנץ צום ברודער-מענטש האָבן די וווּנדערבאַרע קינסטלער אין דעם קאַלטן מאָזאַיק איינגעהויכט און מיט אַן איידעלן פייער דורות באַלויכטן: עס ווערט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דורות לאַנג האָבן אונטערן שוץ פון די מויריטאַנישע אַלהאַמבראַ-סולטאַנען דריי רעליגיעס אין אַ האַרמאָניע געלעבט. וועגן דעם רעדן דאָך די־ווענט, דערציילן דאָך די שטיינער!

* *
*

יאָ! מיר זענען אין זאַל פון יוסטיץ, פון דער הייליקער־גערעכטיקייט...

איר זעט דאָרט אין יענעם כּישוף־ווינקל די שטול פון רויטן האָלץ, איינגעפאַסט אין העלפאַנט-ביין? דאָרט איז דעם 31-סטן מערץ 1492 געזעסן אַ „בלאָנדע בעסטיע", די יונגע און שיינע קעניגין פון קאַסטיליע איזאַבעללאַ און אונטערגעשריבן דעם דעקרעט, אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן די גרענעצן פון שפּאַניע אין משך פון דריי מאָנאַטן,— און נישט גערירט האָבן זי די טרערן פון די אַלטע רבנים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט פאַר אירע פיס און גערעכטיקייט געפאָדערט, און נישט דערגאַנגען זענען צו איר טיף־גלויבנדער נשמה די קרעכצן פון צענטליקע טויזנטער קראַנקע, שוואַכע, צעבראָכענע, פון קינדער־ביי דער מאַמעס ברוסט...

„גאָט, דו גערעכטיקער", — האָבן פרום געשעפּטשעט אירע ליפּן, — „זאָלן די פאַרפלוכטע נישט־גלויביקע, וועלכע איך טרייב היינט אַרויס פון שפּאַניע, דינען פאַר מיין קרבן אויפן מזרח פון דיין גרויסקייט און רום; זאָלן אין מיין לאַנד בלייבן נאָר אַזעלכע, וואָס גלויבן אין אמתן גאָט פון ליבע און רחמנות"...

און די מאַרמאָר־זיילן פון „זאַל פון יוסטיץ" האָבן אַפילו נישט אַ ציטער געטון, און די פּרעכטיקע אָרנאַמענטן פון איידל־שטיינער מיט פּסוקים פון אונזער תּורה און תּנ"ך זענען גאַנץ געבליבן ביזן היינטיקן טאָג...

און ביי דער זייט פון דער יונגער און פרומער קעניגין איז געשטאַנען דער גרויס־אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאָ און געבענטשט זי, זיין בלאָנדע הערשערין, אין נאָמען פון „גאָט פון ליבע און רחמנות"...

* *
*

מיר פאַרלאָזן שנעל דעם דאָזיקן זאַל, וועלכער האָט אין אונזער שטימונג אַ בעלער גאַל אַריינגעגאָסן...

אין אָראַנזשן־גאָרטן רוט אַ שאָטן, ס'רוען אויך אָפּ ביי די קילע פאָנטאַנען אונזערע צעהיצטע געמיטער.

דאָ אין דעם גאָרטן האָט קאָלומבוס לאַנגע טעג אָפּגעוואַרט אויף פערדינאַנדן און איזאַבעללאַן, כּדי זיי איבערצוצייגן, אַז זיין פּלאַן פון זוכן נייע וועגן איבער ימים קאָן פאַרווירקלעכט ווערן. — דאָ האָט ער אויך באַקומען אויף אַ שיף־עקספּעדיציע קיין אינדיע און געפונען — אַמעריקע.

אַרום אונז און איבער אונז איז פול מיט געשיכטע שפּאַנענדער, העלדישער, גרויזאַמער, — און אונטער אונז ליגט אַ שטאָט אין שטויב איינגעהילט, — די שטאָט, וואָס הייסט — גראַנאַדע, — זי איז איינגאַנצן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי ווי די מלוכה, צו וועלכער זי געהערט...

* *
*

ס'איז שוין פאַרנאַכט, ווען איך האָב איינער אַליין פאַרבלאָנדזשעט אין דער קאַטעדרע און זיך געהייסן פירן צו איזאַבעללאַס קבר.

אונטער אַ פאַרגילדטער חופּה, רייך פאַרפּוצט מיט מאַרמאָר־פיגורן, שטייט איר טרומנע, וועלכע ווערט באַוואַכט פון בילדער פון מלאכים, וואָס שאַלן אין טרומייטערס.

און ס'האָט מיך באַהערשט דאָס זעלבע געפיל, ווי ביי פרעהס פיראַמידן, ווי ביים כותל־מערבי, ווי ביי טיטוסעס טויער אין רוים, — אַ געפיל פון שטאָלץ פאַר אונזער פאָלק, וואָס לעבט איבער נישט נאָר זיינע טויט־שונאים, נאָר אַפילו זייערע דענקמעלער...

1927

II

בלוט און בלומען אין סעווילִיע...

די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן סעווילִיע באַזונגען, די גרעסטע דראַמען־שרייבער האָבן זי אַלס טעמע פאַר זייערע דיכטונגען גע־ווילט; מורילִיאָ האָט די פייערדיקע סעווילִיאַנערינס אויף הונדערטער לייוונטן פאַראייביקט און ביזע האָט די אומשטערבלעכע „קאַרמען" באַשאַפן; פיגאַראָ האָט דאָס אויף אירע גאַסן מענטשן לאַכנדיק גע־מאַכט און דאָן־זשואַן האָט זיינע נצחונות איבער הונדערטער פרויען — אין סעווילִיע געפייערט...

די בלוטיקסטע אויטאָ־דאַ־פע (שייטערהויפנס) איבער יידן און מאַראַנען זענען אויף די פלעצער פון סעווילִיע פאָרגעקומען און אין די גרויזאַמסטע שחיטות פון מיטלאַלטער איז סעווילִיע אויפן ערשטן פלאַץ. נישטאָ נאָך אין שפּאַניע אַזעלכע שמעקנדיקע בלומען־בולוואַרן, אַזעלכע קרישטאָל־ריינע פאָנטאַנען און אַזעלכע שעלמיש־קאָקעטישע בליקן, ווי איר זעט אויף די גאַסן פון סעווילִיע...

פון די טייערסטע האָטעלן אין דער וועלט פאַרמאָגט סעווילִיע־נישט די שענסטע, נאָר די טייערסטע: פאַר אַ גאַנץ מיטלמעסיקן צי־מער מיט עסן (אַנדערש גייט עס נישט) הייסט מען זיך באַצאָלן פון 50 ביז 70 זלאָטעס אויף אונזער געלט. „אין סעזאָן קאָסט עס טאָפּלט", — אַזוי טרייסט מיך נאָך דער אָפיציעלער פּלאַקאַט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

האָבן מיר זיך געלאָזט זוכן אַ ביליקערן האָטעל, וועלכער זאָל כאָטש קאָסטן אַזוי פיל וויפל דער טייערסטער אין וואַרשע...

און אַז מיר זיצן אַזוי אין טראַמוויי, צערעדן מיר זיך אַביסל

אויף פראַנצויזיש און נאָ מער מיט די הענט מיט עפּעס אַ פאַרנעמען שפּאַניער, וועלכער איז אונזער צופעליקער שכן אויף דער באַנק. ער פאַרשטייט ענדלעך, אַז מיר זידלען זיין ליבע סעווילִיע פאַר דער טייערקייט פון אירע האָטעלן. „אָ, ניין, ער וועט אונז פירן אין אַ באַקאַנטן פּענסיאָנאַט, וווּהין עס פאַרפאָרן נאָר שפּאַניער און ווּ מען וועט אונז נישט באַרייסן. מיר קאָנען האָבן צו אים צוטרוי און גיין מיט אים“.

דער שפּאַניער באַמערקט, אַז מיר קווענקלען זיך אַביסל, דרייט ער אום דעם לאַץ פון זיין מאַרינאַרקע און מיר זעען אַן עמאַלירטן שפּאַנישן מלוכה־הערב מיט דער קורצער אויפשריפט: „אינספּעקטאָר פון דער געהיים־פּאָליציי“. און טאָמער איז עס נאָך אונז ווייניק, נעמט אונזער שכן אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ בראָנזענע קייט מיט וועלכער ער שמידט געוויינלעך די הענט פון פאַרברעכער,—און ווייזט אונז... יאָ, ער האָט אונז איבערצייגט דער דאָזיקער ליבענסווירדיקער אינספּעקטאָר; מיר שטייגן געהאָרכזאַם אויס פון טראַמוויי און מיר גייען מיט. און וואָס וואָלט איר געטון אויף אונזער פּלאַץ?

און ער פירט אונז טאַקע אַריין אין אַ האָטעלעכל, ווו דריי דערשראָקענע שפּאַנערינס לויפן אַרויס אַנטקעגן דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר און ווערן אונטערטעניק אויס זיין באַפעל: „געבן די דאָזיקע צוויי זשורנאַליסטן אַ צימער מיט אַלעם פאַרטיקן פאַר 5 פּעזעס (8 זלאָטעס) פּראָ פּערזאָן!“ איר הערט אַ שפּאַס? מיר זענען געווען זיכער, אַז ער פירט אונז אין פּאָליציי און אָנשטאָט דעם ווערט ער גאָר אונזער גאַסטפריינטלעכער מלאך... מיר דריקן אים וואַרעם די האַנט —און ער מורמלט עפּעס אין שפּאַניש און זעגנט זיך שנעל אָפּ. אַך, סאַראַ ביליקע שטאָט סעווילִיע איז... מיט דעם אינספּעקטאָרס כוח!

אָבער מען מוז זיך איילן, אין אַ שעה אַרום הויבט זיך אָן דער אָקסן־קאַמף, ווו דער באַרימטער טאָרעאַדאָר לעאָ בעלמאָנט וועט אַוועקלייגן פיר אָקסן.

בילעטן האָבן מיר נאָך געקויפט אין אַפריקע אויף דער שיף, ווען נישט, וואָלטן מיר געבליבן זיצן אינדערהיים, ווייל שוין מיט אַ וואָך צוריק זענען אויספאַרקויפט געוואָרן אַלע פּלעצער אין דער צאָל פון 25 טויזנט!

* *

*

איך האָב נאָך קיינמאָל נישט בייגעווױנט קיין אָקסן־קאַמף און

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ געשפּאַנטקייט איך האָב דערוואַרט זיין אָנפאַנג.

אַ גרויסער אַמפיטעאַטער פאַרפולט פון אויבן ביז אַראָפּ מיט צענטליקער טויזנטער קעפּ, ווער איז דאָ נישטאָ? רייך געקליידטע גראַנדן מיט זייערע איידעלע סעניאָרעס, אָפּגעריסענע אַנדאַלוזער פּאַסטעכער און די הויכע האַלב־צילינדער היט; אין שוואַרצן גע־קליידטע פאַבריקס-אַרבעטערינס מיט די בונטע שאַלן אויף די פּליי־צעס און העלע הויכע קאַמען אין די געדיכטע האָר. מאַמעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט און באַבעס מיט געזיכטער פון מכשפות. וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף שטעקנס...

אין צענטער פון קרייז געפינט זיך אין לאָזשע דער פּרעזי-דענט פון אָקסן-קאַמף, דער גובערנאַטאָר פון סעוויליער פּראָווינץ, אַרומגערינגלט מיט אַ גלענצנדער סוויטע פון אָפיצירן און דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט אין נאַציאָנאַל־שפּאַנישע קאָסטיומען. ביי די זייטן פון דער לאָזשע געפינען זיך צוויי עלעקטרישע סיגנאַלן, אַ רויטער און אַ גרינער, וועלכע ווערן אָנגעצונדן דורכן גובערנאַטאָר אין פאַרשידענע פאַזן פון קאַמף... אַלע בליקן זענען געווענדט אויף דעם קליינעם טייל פון וועלכן עס גייט באַלד אַרויס די „קוואַדרי־ליע" (קעמפער־טרופּע). אונטערן בליץ פון אַ שטאַרקן רעפלעקטאָר באַ־וויזט זיך די אין רויטן געקליידטע „באַנדערילעס", וואָס זייער אויפ־גאַבען איז צו רייצן דעם אָקס, אַריינשטעקנדיק אין אים קליינע שפּיזן מיט פענדלעך, נאָך זיי פּאָרן אויף פערד, שימערירנדיק אין גאָלד־ און זילבער-קליידונג און מיט לאַנגע פּיקעס אין די הענט, די „פּיקאַדאָרן", און הינטן גייט לאַנגזאַם, די הענט פאַרלייגט אויף דעם רוקן, הויך אויפגעהויבן זיין שיינעם יונגן קאָפּ, — דער אָפּגאָט פון די מאַסן, דער ליבלינג פון די פרויען, דער העלד פון טאָג, — דער טאָרעאַדאָר, וועלכער דאַרף דאָס אין לעצטן מאָמענט דעם אָקס אַ טויט-קלאַפּ געבן.

זוכט נישט ביי אים קיין אינטעליגענץ, — ער קאָן צומאָל זיין באַמען נישט אונטערשרייבן; אָבער ער באַזיצט אַ פלינקייט פון אַ הירש, אַ בליק פון אַן אָדלער, מוט פון אַ לייב און אַ פיגור פון אַן אורצלטן אָלימפּיער מיט גאָלדענעם בראָקאַט אַרומגעצויגן...

און דער אָרקעסטער שפּילט און צענטליקער טויזנטער מענטשן פּאָכען מיט שאַלן און טיכלעך, גיסן זיך צונויף אין אַ הייסע באַגריסונג,

מוטיקן צום קאַמף, דורשטן נאָך בלוט. דאָס צעהיצטע פאָלק מוז אַ קרבן האָבן...

און אָט איז ער, דער ערשטער קרבן: אַנטקעגן אונז עפנט זיך דאָס גרויסע אייזערנע טויער און אויף דער אַרענע שפּרינגט אַרויס אַן אָקס אַ גרויסער, ווילדער, קויל־שוואַרצער.

שרעקט זיך נישט, — ער איז צו טייער, אַז מען זאָל אים שעכטן אויף כּשר אָדער טריפה, ער קאָסט געוויינלעך 5—10 טויזנט זלאָטעס און ווערט דערצויגן אין אַ ספּעציעלער אַקאַדעמיע, ווו ער באַקומט זיין „אָקסן־דיפּלאָם" און „הכשרה" צום נאַציאָנאַלן קאַמף...

אָבער ער ווייסט גאָרנישט, דער דאָזיקער אָקס, וואָס פאַר אַ יחסן ער איז און מיט אַ ווילדן כּעס וואַרפט ער זיך אויפן ערשטן בעסטן „באַנדערילע", וואָס פּלאָנטערט זיך אויף דער אַרענע.

דער „באַנדערילע" האַלט שוין אָנגעגרייט אַ שטעכיק פענדל, גרייט אַריינצושטעקן אין ווייכן פליש. די אַנדערע „באַנדערילעס" לויפן צו מיט זייערע רויטע קאַפּעס; דער אָקס גיט זיך אַ ווילדע אַ דריי צו זיי און באַקומט פון פריערדיקן „באַנדערילע" די ערשטע מתּנה: אַן אייזערנעם דראָט מיט דער נאַציאָנאַלער פאָן... ער ווערט נאָך מער צעיושעט, לאָזט זיך אין אַ ווילדן געיעג נאָך זיינע פאַר־פאָלגער, אָבער ווי נאָר ער וויל שוין נעמען איינעם פון זיי אויף די הערנער,—כאַפּט זיך אונטער אַ צווייטער און ציט אים אָפּ מיט דער רויטער קאָלדרע און דערווייל זעצט מען אים אַריין נאָך אַפּאָר שפּיזן פון הינטן, אַלץ מיט די נאַציאָנאַלע פאַרבן... אַז מען זאָגט אַ פאָלקס־שמחה!

עס רינט שוין שטראָמען בלוט פון דער אָרעמער חיה, וועלכע רייסט מיט די קאָפּעטעס די ערד און ריטשעט ווילד, אָבער נאָך ווילדער שרייט די טויזנט־קעפּיקע מענטשן־מאַסע, טאַטעס, מאַמעס, קינדער, אַלץ גיסט זיך צונויף אין איין געשריי „טאָראָס", וואָס באַ־טייט, מ'זאָל וואָס שנעלער טויטן...

און דאַן שפּרינגען אַרויס אויף די פערד די „פּיקאַדאָרן" און קיצלען דעם פאַרווונדעטן אָקס מיט לאַנגע פּיקעס. ער וואַרפט זיך אויף די פערד און אָט גיט זיך אים איין אויפצורייסן אַ פערד־בויך, פון וועלכן עס שיטן זיך אויס די פאַרבלוטיקטע געדערעם. דער ריי־טער ראַטעוועט זיך קוים אַ לעבעדיקער איבער דער באַריער און — ווידער ווערט די לופט פאַרהילכט מיט יובל־געשרייען, — די לופט,



אָקסן=קאַמף

וועלכע איז שוין אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון געדערים וואַרעמע פון בלוט און מיסט...

דער אָקס ווערט אַלץ לייכטער, פלינקער, און זעט אויס צו זיין משוגע... ער האָט שוין זיין נקמה געזעטיקט, דרייענדיק מיט די הער־נער אין ווייכן בויך פון פגרדיקן פערד,—און דאָ גייט אים אַנטקעגן, לייכט און גראַציעז אונטערשפּרינגענדיק,—ער, דער אָפּגאָט אַליין, — דער טאָרעאַדאָר...

מיט איין האַנט באַהאַלטן אונטער דער רויט־זיידענער קאָלדערע די לאַנגע שפּיציקע שווערד, די „עספּאַדאַ".

אַלע שפּרינגען אָפּ אָן אַ זייט און אויף דער אַרענע בלייבן אויג אויף אויג מענטש און חיה...

ער שפּילט זיך אַביסל מיט דעם אָקס, דער שענער טאָרעאַדאָר, אַזוי ווי ער וואָלט טאַנצן מיט אים אַ נאָבעלן „מענועט".

צענטליקער טויזנטער מענטשן האַלטן איין דעם אָטעם, זיצן צו־געשמידט צו די ערטער און איבער דער לאָזשע פון גובערנאַטאָר צינדט זיך אָן דער רויטער עלעקטרישער סיגנאַל...

און אַ פלינקער הויב אין דער לופטן, אַ שפּרונג צווישן די הערנער פון אָקס, עס גיט אַ בליץ דאָס זילבער פון שווערד און שטעקט זיך טיף אַריין צווישן האַלז און רוקן...

דער מענטש האָט באַזיגט די חיה! דער אָקס בויגט איין לאַנג־זאַם פריער די פאָדערשטע, נאָכהער די הינטערשטע פיס און מיט גרויסע אויגן פול מיט ווייטיק און שרעק ציט ער זיך אויס אויף דער ערד, מיט זיין בלוט דורכגעזאַפּטע...

עס ציטערן פון „בראַוואָס" און אויסגעשרייען די שטיינערנע ווענט פון אַמפיטעאַטער, עס פליען אויף דער אַרענע בלומען, אַ ים בלומען,—פאַרן העלד און זיגער: דאָס דריקט אויס איר פרייד אַ צענ־טויזנט־קעפּיקע חיה, וועלכע האָט איר דורשט נאָך בלוט געשטילט.

זי איז פרום, די דאָזיקע חיה, פאַרפולט אַלע דורכגענג פון די קלויסטערס, ליגט שעהן־לאַנג אויפן קאַלטן אַספאַלט פון דער גראַנ־דיעזער קאַטעדרע און בעט צו גאָט פון „רחמים און גערעכטיקייט", אָבער זי איז די זעלבע, וועלכע האָט מיט הונדערטער יאָרן צוריק געברויזט און געיובלט אַרום די „קאָסטרעס", אויף וועלכע עס האָבן זיך געפּרעגלט אונזערע הייליקע מאַרטירער, זי איז די זעלבע טעמ־פּע, פאַרפירטע און בלוט־דורשטיקע...

* *
*

און די דאָזיקע סצענע פון „קאַמף״ האָט זיך איבערגעחזרט פיר מאָל היינטיקן אָוונט, און געפאַלן זענען פיר אָקסן: דריי שוואַר־צע און איינער אַ רויטער...

1927

III

ביים אַטלאַנטיק

מיר זענען שוין אַזוי מיד... איז עס אָבער נישט אַביסעלע צופיל אין איינציקע וואָכן דורכמאַכן ביי 12 טויזנט קילאָמעטער ים און יבשה, עלף מאָל בייטן די וואַלוטע, אַרום 20 מאָל שטעמפּלען דעם אויסלענדישן פּאַס, קלעטערן אין די קאַטאַקאָמבעס אונטער דער ערד און אויף בערג אונטערן הימל, דורכמאַכן שטורמען אויפן ים און בראָטן זיך אונטער דער אַפריקאַנישער זון פון מאַראָקאָ?..

און מענטשן באַגעגנט — ווייסע, שוואַרצע, ברוינלעכע, פון אַליוו-פאַרב; און שפּראַכן פאַרשידענע האָבן זיך אָפּגעקלונגען אין די אויערן; און פאַרשידנפאַרביקע טיילן פון גאָטס וועלטל האָבן זיך דורכגעדרייט פאַר די אויגן... אַזוי ווי אין אַ פילם, אָבער די דעקאָראַציעס דאָ זענען דאָך געמאָלן פון דער נאַטור אַליין... עס בענקט זיך שוין נאָך דער מאָנאָטאָנער אַזוי רעגלמאָסיקער היים; עס ווילט זיך שוין שלאָפן אָן אַקאָמפּאַנימענט פון די שיף-שרויפן אָדער וואַגאָן-רעדער. יאָ! עס בענקט זיך אַהיים, און היינט בין איך דעם לעצטן טאָג אין שפּאַניע און מאָרגן הויב איך אָן מיין צוריקוועגס כמעט מיט דעם זעלבן חשק, ווי איך האָב אָנגעהויבן מיין רייזע. אַזוי איז דאָס שוין אויף דער וועלט...

*

*

היינט געזעגן איך זיך מיט אייך, שיינע סעוויליער גאַסן, און לוסטיקע שטיפערישע „קאַרמענס", וועלכע ליבן אַזוי געזאַנג און...

אָקסן-בלוט. נאָך אַ פּאָר וויזיטן דאַרף איך נאָך אָפּשטאַטן אין די ווייטע און שמאָלע געסלעך, וווּ מיט העכער 400 יאָר צוריק האָבן טויזנטער פון מיינע ברידער געוווינט, געאַרבעט און שפּאַניע גרויס געמאַכט; — אַ שטורעם-ווינט פון פייער, בלוט און טרערן האָט זיי פון זייערע היימען אַרויסגעריסן, אין ווייטע לענדער פאַריאָגט, אין אָרעמס פון פרעמדע געטער געוואָרפן, אָבער געבליבן זענען נאָך די הייזער, די שמאָלע געסלעך, די זעלבע שטיינערנע ברוקן.

אָרעמע אָפּגעריסענע שוואַרץ-אויגיקע שפּאַניער, פאַרוואָס פאַרקוק איך זיך אין זייערע הויפן, וואָס זוך איך אין זייערע באַשיידענע קלויסטערס, וואָס טוט דאָ דער פרעמדער טוריסט אין פּשוטן אַרבע-טער-קוואַרטאַל... אָבער אַ נאָמען טראָגט די גאַנצע געגנט, וואָס איז איינציק פאַרבליבן פון אַמאָליקע צייטן: „יודעריאַ“, — און יידן וועל איך שוין דאָ נישט געפינען, אָבער די שאָטנס זייערע בליקן צו מיר פון יעדן פענצטער, פון יעדן ווינקל...

אָט בין איך אין קלויסטער „סאַנטאַ מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ“, אַ יידישע שול דאָ אַמאָל געווען.

געבליבן נאָך אין דער מזרח-וואַנט דאָס קיילעכדיקע פענצטערל איבערן אָרון-קודש, און די ווייבער-שול און די גאַנצע אַרכיטעקטור פון אַ בית-מדרש... מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ זיץ איך אויף דער שטרויענער שטול אין דער האַלב-טונקעלער איינזאַמקייט פון קלוי-סטער: „אַ בית-מדרש דאָ אַמאָל געווען“... און פייכט זענען מיינע אויגן, ווען איך אייל זיך דורך די גאַסן מיט אַ פאַרבלענדנדער זון באַגאָסן — צום פּאַלאַץ פון סעווילער אַרציבישאָף. גאַנץ צופּעליק האָב איך זיך געכאַפּט דערוווּסט, אַז טיף אין הויף געפינט זיך דער קעלער פון דער אַמאָליקער אינקוויזיציע... מען עפנט פאַר אונז די מיט קופּער באַשמידטע שווערע טיר, אָבער פון אויבן ביז אַראָפּ איז דער שרעקלעכער קעלער פאַרנומען מיט אַלט אייזן. וואָס ווילט איר פון קולטורעלן שפּאַניע? אַ קעלער מיט אייזן! „און וואָס שטייסטו, סענטימענטאַלער טוריסט, און קוקסט, צי די ווענט טריפן נישט מיט בלוט, צי פון דער טיפעניש דערטראָגן זיך נישט פאַרשטיקטע קרעכצן? און וואָס ביסטו פאַרווּינט?“ — אַזוי, דאַכט זיך מיר, פרעגט מיט די אויגן דער קאַלטער שומר פון אַרציבישאָף, וועלכער שטייט לעבן מיר און קלינגט אומגעדולדיק מיט די שליסלען.

און פון „קעלער מיטן אַלטן אייזן“,—גיי איך צום סאַן-פּאַאָלאָ-

קלויסטער, ווו מאָנאַכינס האָבן זיך פאַרשלאָסן אויף אייביק און אַלס כּלות פון יעזוסן פאַרהילכן זיי די דיקע שטיינערנע ווענט מיט פייערלעכע תפילות.

„צי ווייסט איר, ליבע „כּלות", אַז אַמאָל האָט אין די דאָזיקע ווענט טאָרקוועמאַדאָ און זיינע תלמידים „נישט גלויביקע" געמשפּט און די ווענט זענען פאַרהילכט געוואָרן פון די געפייניקטע אויף די אינקוויזיציע-רעדער און פאַרשפּריצט געוואָרן מיט זייער בלוט?"...

אָפּגעווישט, אַלץ אָפּגעווישט האָט היינטיקע שפּאַניע, זי שעמט זיך מיט דעם—מען רעדט נישט וועגן דעם...

*   *
*

און ווידער טראָגט זיך אונזער שיף אויף די שטורמישע כוואַליעס פון ים... פּונווייטן וואַקסן אויס ריזיקע פעלזן, וועלכע היטן אָפּ דעם איינגאַנג פון דעם מעכטיקן קאָרידאָר, וואָס די נאַטור האָט געשאַפן אין גיבראַלטאַר.

ס'דערנענטערן זיך צו אונז ענגלישע טאָרפּעדן-שיפלעך, וועלכע האַלטן אויפן אויג יעדערן, וואָס וויל דורכשווימען די דאָזיקע טויערן אין אַנטלאַנטישן אָקעאַן אַריין. די. שיף לעגיטימירט זיך אויס און אַ שאַרפער פייף פון דער סירענע זאָגט אָן, אַז דער וועג איז פריי.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם רירן מיר זיך צווישן קריגסשיפן, גיגאַנטן, צווישן בעטאָנירטע פעסטונגען, פון וועלכע גאַנץ אומצווידייטיק קוקן אַרויס די שווערע פּיסקעס פון האַרמאַטן... נישטאָ אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל אים אַרויסרייסן פון ענגלאַנדס האַנט. זי האַלט פעסט דעם שליסל פון דער וועלט-הערשאַפט, זי קעניגט איבער די „שוועלן פון הערקולעסן",—אַזוי האָט מען גערופן אין טיפן אַלטערטום דעם ים-דורכגאַנג צום אָקעאַן.

אַן אומפאַרגלייכלעכער בלאָער אָוונט דעקט צו ווי מיט אַ גלאָזקופּאָל דאָס הערלעכע ווינקל, ווו אייראָפּע טרעפט זיך אַזוי נאָענט מיט אַפריקע.

אויפן אַפריקאַנישן ברעג שפּילט מוזיק, און דאָס ווידערקול טראָגט זיך אַזש פון איראָפּע.

און אָט פאָרן מיר אַרויס פון שמאָלן גיבראַלטאַר אין אומענדלעכן

אַטלאַנטיק. פון יענער זייט ליגט אַמעריקע און ס'קומט אויפן געדאַנק, אַז מיט דעם זעלבן וועג זענען געפאָרן קאָלאָמבוסעס זעגלשיפן און אַ וועלט געפונען, אַז אויף די זעלבע וואַסערן האָבן זיך געהוידעט די פלאַכע שיפלעך פון די אַרויסגעטריבענע יידן פון שפאַניע און פּאָרטוגאַל, און דער גרעסטער טייל פון זיי האָט דאָ אין די טיפע־נישן זייער קבר געפונען...

* *
*

נאָך דריי טעג רייזע קומען מיר אין פּאָרטוגאַל און שטייגן אויס אין אָפּאָרטאָ, וועלכע איז אַזוי באַקאַנט אין דער וועלט פון טייערן פּאָרטאָ-וויין און פון די אָפטע רעוואָלוציעס, וועלכע האָבן פאַר זיך נאָר איין קאָנקורענט אין דער וועלט—מעקסיקע.

טעמפּעראַמענטן זענען דאָ היציקע, ווייַן קאָסט ביליק, וואָס צו פאַרלירן איז אויך נישטאָ, ווייל יעדער צווייטער בירגער איז אַ גרויסער קבצן—מאַכט מען זיך טאַקע יעדע פּאָר חדשים אַ שטיקל איבערקערעניש און מען זעצט איין איינער דעם אַנדערן אין תּפיסה. מיר זענען געקומען צוויי וואָכן נאָך אַזאַ „רעוואָלוציע". מען ווייזט אונז די מיליטערישע געפענקעניש, איבערפולט מיט אייראָפּעישע „רעוואָלוציאָנערן" און אָפּגעהיט פון זיגערישן מיליטער. זייט רויק, — ס'וועלן אַריבערגיין אַפּאָר מאָנאַטן און די שומרים וועלן פאַרנעמען די פּלעצער פון די אַרעסטאַנטן, — און דער גרעסטער „פאַרברעכער" וועט ווערן מיליטער-גובערנאַטאָר פון דער גרויסער שטאָט...

איבער די שמאָלע גאַסן פון אָפּאָרטאָ שלעפּן זיך פורן איינגעשפּאַנט מיט אָקסן מיט די כאַראַקטעריסטישע, פאַרביקע „דוגעס" אויף די העלזער.

שמוציקע הייזער מיט באַלקאָנען און פענצטער פאַרהאָנגען מיט צעריסענע וועש. אויף די גאַסן מאַסן ליידיקגייער, כאָטש היינט איז אַ וואָכעדיקער טאָג, — אַלץ בולטע סימנים פון אַן אָרעם לאַנד.

און מיר ברעכן ווידער אונזערע צונגען, פּרובירנדיק יעדן פּאָרטוגעזער, וואָס איז גאַנץ ווייט פון שפּאַניש, און דערווייל נאָרט מען אונז גאַנץ פיין אָפּביים אויסטוישן דאָלאַרן אויף „ערקורדאָס". ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס אין קעשענע איז שוין איבערהויפּט געבליבן ווייניק דאָלאַרן...

און אויב ס׳איז עפּעס געבליבן ביי מיר אין זכרון פון קורצן וויזיט אין פּאָרטוגאַל, — איז דער טעם פון שטאַרקן, געשמאַקן וויין, וואָס צעגיסט זיך אין אַלע אברים און שיסט פריער פון אַלץ אין אונזערע שוואַכע קעפּ.

* *
*

עס באַווייזן זיך די געבענטשטע ברעגעס פון פראַנקרייך; דאָס וועטער קילער, דער הימל באַדעקט זיך שוין מיט בלייערנע וואָלקנס; ווייט הינטער אונז האָבן מיר געלאָזן די לענדער פון אייביקער זון און עקזאָטישע פּאַלמען.

מיר שטייגן אויס אויף אַ ווילדע אויפן ענגלישן אינזל „אייל אָף אואייט״, ווו אויף דער פלאַזשע 40 קילאָמעטער די לענג ליגן אויסגעלייגט לאַנגע דאַרע ענגלענדערינס, וועלכע ס׳קליידט בעסער ברייטע פּעלערינעס, איידער די באָד-קאָסטיומען...

נאָכהער פאָרט מען אַריין אין שטענדיק בייזן לאַמאַנש, וועלכער צעוויגט אַזוי אונזער שיף, אַז דאָס ביסל ציטרינען, וואָס מען האָט אָנגעגרייט פון שפּאַניע, אַלס מיטל קעגן נישט-גוטקייט, ווערט שנעל צערונען...

פונווייטן באַווייזן זיך שוין די גרינע ברעגעס פון האָלאַנד: אַרום און אַרום אויף הונדערטער קילאָמעטער לאַנג צעבריכן זיך די ים-כוואַליעס אין די טויזנטער קלעצער, — פּאָלדען — מיט וועלכע דער האָלענדער האָט פאַרצוימט דאָס וואַסער, וועלכעס וואָלט אין קעגנפאַל צעשטערט זיין פּרוכטבאַר פאָטערלאַנד...

אַמסטערדאַם... מען רופט אויך די שטאָט: „ווענעדיק פון צפון״. און ווירקלעך האָט אַמסטערדאַם אין זיך דעם כישוף פון דער איטאַליענישער וואַסער-שטאָט. קאַנאַלן און בריקן און הייזער פון וואַסער און שיפלעך אָן צאָל אויף די טונקעלע וואַסערן.

אַ רייכע שטאָט. עס זאָגן אויף דעם עדות די פראַכטפולע גאַסן און געשעפטן, די אומצאָליקע קאַפעהייזער און רעסטאָראַנען, דאָס פּובליקום, וועלכעס איז געקליידט שיין און סאָליד. איבעראַל צייכנט זיך דאָ אַלץ אויס מיט זאָרגפולער סאָלידקייט: די רעגירונגס-געביידעס, די מאָנומענטן, די מוזעומס.

און שפּינאָזעס פילאָזאָפיע, וועלכע איז געוועבט געוואָרן אין

אַמסטערדאַם, צייכנט זיך אויס מיט דער פעסטקייט פון איר געבוי און ס׳גלאַנצן ווי נייע די אומשטערבלעכע מייסטערווערק פון רובענס, רעמבראַנדט, וואַן-דעיק...

און פעסטע טראַדיציאָנעלע יידן פאַרמאָגט אַמסטערדאַם: גראָד בין איך דאָ געווען שבת און אַלע געשעפטן פון יידישן קוואַרטאַל זענען געווען געשלאָסן און דיביידע גרויסע שולן, די ספרדישע און אשכנזישע, זענען געווען געפּאַקט פון מתפּללים.

רויק און זאַט לעבט דאָס גליקלעכע האָלענדישע פאָלק, וועלכעס האָט נישט געוווּסט פון מלחמות. רעוואָלוציעס, וועלכע האָט אַ קעניגין פון „גאָטס גענאָד” און די קעניגין פאַרמאָגט אַ שיינע טאָכטער, די יורשטע פון דער קרוין; און אַז ס׳איז געקומען די צייט, ווען דאָס בלוט ווערט הייסער, די געפילן בונטעווען און דאָס גאַנצע ווזן בענקט נאָך ליבע, — האָט זיך די האָלענדער קרוין-פרינצעסין פאַרליבט — דערציילט די לעגענדע — אין יידישן חזן, און פון דער גרויסער האַגער שול...

פּאָלקאָנען־מזרח

I

אַלבאַניען

1

„פּרעזידענט ווילסאָן” הייסט די שיינע שיף, מיט וועלכער מיר מאַכן דאָס מאָל אַ רייזע איבער די באַלקאַנישע לענדער, סיריען, א״י, מצרים און אַ ריי אינזלען אויפן מיטללענדישן ים.

און דער גורל האָט געוואָלט, אַז די שיף, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון גרויסן דעמאָקראַטישן פּרעזידענט, זאָל באַזוכן אויך אייניקע נייע לענדער, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען טאַקע אַדאַנק דעם ווילסאָן־גייסט, וואָס האָט אויף דער שלום־קאָנפערענץ געהערשט; איז דען אַ וווּנדער, אויב די לאָקנדע גאָלדענע בוכשטאַבן, וועלכע זענען אויסגעקריצט אויף דער „נאָז” פון שיף, וואָס געהערט צו דער קאָ־סוליטיש־ליניע און שווימט אונטער דער איטאַליענישער פאָן, האָבן אַרויסגערופן צו זיך אין יענע מקומות אַזאַ וואַרעמע באַציונג?

שטענדיק, ווען אַ שיף רייסט מיך אָפּ פון אייראָפּעישן ברעג און טראָגט מיך אויף אייניקע וואָכן אַוועק צו ווייטע, אָפּטמאָל אומבאַקאַנטע פּאָרטן און לענדער, באַהערשט מיך אַ געפיל פון מאָמענטאַלן אומעט, אַ מין נערוועז־פיבער, וועלכן מ׳וואָלט געקאָנט אַזוי אויסדריקן: „צום ווידערזען, אַלטיטשקע, א י י ג ע נ ע אייראָפּע, ווי איך לאָז איבער מיין ביסל צוגעבונדקייט, מיין בענקשאַפט און אַרבעט. איך האָב דיך געגנוג דעם גאַנצן יאָר. — לאָמיר זיך שיידן און נייע מענטשן זוכן און באַגעגענען, און נייע לענדער פאָרשן און באַקענען, און פרישע שטראָמען איינדרוקן איינזאַפּן און איבערקאָכן, — אָבער ווידער צו דיר קומען, מיין אַלטיטשקע, אַביסל איבערגעלעבטע,

אַביסל אויסגעוועבטע, אָבער שטענדיק נאָבלסטע צווישן די פינף שוועסטער-וועלט-טיילן!"

און אַזוי רייסן מיר זיך אָפּ, — ווי אָפטמאָל אַ ליבנדער מאַן פון זיין טרייער פרוי, כדי שפּעטער נאָך מיט מער ליבע און צערט-לעכקייט צוריקצוקומען צו איר. ווי איר זעט, בין איך נישט נאָר אייראָפּעער, נאָר אפילו פאַן-אייראָפּעער. און אפשר שרייב איך די ווערטער אונטערן איינדרוק פון דעם פילפאַליקן, אָבער דאָך האַרמאָ-נירנדן מישמאַש פון די איינציקע הונדערט פּאַסאַזשירן-מיטרייזנדער, וועלכע רעפּרעזענטירן כמעט אַלע אייראָפּעישע לענדער און פעלקער. און דאָ, אין די בלאַנקענדע זאַלן פון באַקוועמען שיף, אויפן פּאָן פון דעם העל-בלאָען אַדריאַטיק, בילדן זיי אַ געמיינזאַמע אידעאַלע משפחה, דעם פּראָטאָטיפּ פון קודענהאָווע קאַלערגיס אידעאַל פון „איי-ראָפּעישע שטאַטן"?

אַלע זענען דאָ גלייך פּאַסאַזשירן פון ערשטער קלאַס; — עס רייסט זיך נישט אַריין דער דיסהאַרמאָנישער אָפּקלאַנג פון אָרעמקייט און נויט, וועלכער איז שטענדיק דער באַגלייטער פון די צווישנדעק-אָפּטיילונגען אין די גרויסע אָקעאַנישע שיפן.

אינדערפרי—בעתן באָדן אין שווים-באַסיין פון שיף—גלייכט אויס אַלעמען דער באָד-קאָסטיום, אָדער די פּיזשאַמען; אין אָוונט, צום מי-טאָג — דער שטרענג-אָפיציעלער סמאָקינג, אָדער וויזיט-אַנצוג.

און אַלע האָבן איין באַגער אין די אייניקע וואָכן, וועלכע מען איז צוזאַמענגעבונדן געוואָרן אויפן שיף: זאָלן פאַרגעסן ווערן די שטורעמדיקע ראַסן- און פעלקער-ליידנשאַפטן, דאָס אַלץ, וואָס צעטיילט און פאַרקירצט די יאָרן; אורלויב זאָל גענומען ווערן פון אייגע-נעם יצר-הרע, וועלכער איז אַ קינד פון אַ פאַרבלענדטן שאָוויניזם, אָדער פאַנאַטיזם, און ווי ער זאָל דאָרט נישט הייסן!

זיצן טאָקע ביי איינע און די זעלבע טישן און טישלעך ענגלענ-דער און איטאַליענער, פראַנצויזן און דייטשן, פאָשיסטן און דעמאָ-קראַטן, און מען רעדט אַרויס פון זיך די בעסטע געדאַנקען, און מע פאַרשטייט נישט פאַרוואָס און איבערוואָס קאָכט מען זיך אַזוי אין זשענעוו און מען אַרבעט אויס כעמישע גאַזן אין די קעלערס פון געוויסע אינדוסטריע-שטעט, — איצט, ווען דאָס וועטער איז אַזוי שיין און דער מיטאָג פון אַלט שפּייזן ווערט פאַרדייט אַזוי גוט אינעם אינ-טערנאַציאָנאַלן מאָגן.

און צי איז טאַקע נישט דער מאָגן איינער פון די מעכטיקסטע וועלט-רעגולאַטאָרן ?...

זאַלבעזיבן פאַרנעמען מיר שטענדיק אַ טישל אין עסצימער: אַ טעאַטער-דירעקטאָר אין אַ גרויסער דייטשער שטאָט, אַן ענגלישער מעדיצין-דאָקטאָר, אַן אונגאַרישער ספּאָרטסמען פון אָריגינעלן ציגאַנער-טיפּ, צוויי טשעכן, דער אַסימילירטער וואַרשעווער אַדוואָקאַט און איך.

ווען מען זאָל דאָ, ביי דעם טישל, דאַרפן אונטערשרייבן טראַקטאַטן און אַנטשעדיקונגס-אָפּמאַכן, — וואָלט עס צוגעגאַנגען זייער שנעל: אַ מיליאַרד אַרויף, אַ מיליאַרד אַראָפּ, ד י ר אַ קאָנצעסיע, מ י ר אַ קאָנצעסיע, — אַבי רויק, אַבי שלום. „געוואַלד, אייראָפּע, ווו ביסטו פאַרקראָכן אין פיינטשאַפט און צעטיילונג!“ — דאָס איז די שטימונג, וועלכע הערשט ביי אונזער טישל, ווו, צופעליקערווייז, האָבן נאָך מיט צען יאָר צוריק אַלע אָנטיילנעמער געטראָגן זעקס אוניפאָרמען פון פאַרשידענע אַרמעען...

און אַזוי ביים שכנותדיקן טיש, און אַנטקעגן און אַרום. נעכטן איז אפילו פאָרגעקומען אַ שפּראַכן-אינצידענט, וועלכער האָט מיר אַזוי דערמאָנט מיין ליבע היים: ווען דער „ספּיקער“ האָט אָנגעהויבן ערקלערן דאָס פּראָגראַם פון טאָג אין דער דייטשער שפּראַך — האָט אַ גרופּע איטאַליענער איבערגעריסן מיט צווישנרופן: „איטאַליעניש“ און אַ צווייטע גרופּע: „ענגליש“, איז אָבער דער ספּיקער אַ כוואַט אַ יינגפּאָרט נישט לאַנג געשמדט — און גלייך זיך איבערזעצט אַליין אין אַנדערע שפּראַכן, אַרויסרופנדיק אַלגעמיינע אַפּלאָדיסמענטן.

און אַזוי ווי מיר וועלן צווישן אַנדערע אויך באַזוכן ארץ-ישראל, — פרעגט מען זיך ביי מיר נאָך איינצלהייטן פון מיין באַזוך דאָרט מיט אַפּאָר יאָר צוריק,—מען דריקט אויס סימפּאַטיע פאַרן ציוניסטישן געדאַנק, מען טרינקט פאַרן געזונט פון ענגלישן דאָקטאָר, וועלכער איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק אין דער באַלפור-דעקלאַראַציע.

דער דזשענטלמענישער און אָריגינעלער אונגאַרישער ציגיינער, וועלכער האָט זיך נאָך נעכטן באַרימט פאַר די שיף-דאַמען, אַז איינער פון זיינע עלטער-זיידעס איז געווען אַ ציגיינער-באַראָן פון אונגאַרישן אַדל (היפּ! היפּ!), פאַרגעסט איצט אָן דער גאַנצער מעשה און נעמט אַרויס אַ בריוו פון זיינעם אַ קוזין, וועלכער וווינט אין ארץ-

ישראל און שרייבט אים דעם אַדרעס אין העברעיִשן. איך גיב אַ קוק און לעז איבער הויך: „קבוצה בית-אלפא בשביל שלמה"... ווען דער „ציגיינער-באַראָן" כאַפּט זיך, וואָס ער האָט אָפּגעטון, ווייזנדיק מיר דעם אַדרעס פון זיין קוזין בפני כל עם ועדה,—איז שוין צו שפּעט. אָבער די שטימונג פון די מיטעסער-קריסטן בייט זיך נישט. — און אפשר וועט מען מיר אין איניקע טעג אַרום ווייזן נאָך אַפּאָר אויפ-קלערנדע אַדרעסן?

אינקאָגניטאָ מיט אונז אויפן שיף פאָרט דער באַוווּסטער מוזי-קער און אָפּערעטן-שעפער ל. פ. פון ווין. איר האָט אַלע מיט אַ צענ-טליק יאָר צוריק געקוויקט זיך מיט זיין מוזיק, געקאַנט אויסווייניק די צויבערנדע מעלאָדיעס. נאָך איצט זינגט מען די לידלעך אין דער גאַנצער וועלט. ער איז שוין אַלט, איבער זיבעציק, און איינגעבויגן, דער אַלטער לייב. איך דערקען אים אָבער פון אונזער רייזע, וועל-כע מיר האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט אין נאָרד-אַפריקע מיט צוויי יאָר צוריק. דאַן איז ער געפאָרן אין דער באַגלייטונג פון זיין יונגער פרוי, וועלכע איז געווען די שיינהייטס-קעניגין פון ווין. — איצט איז זי מיט אים נישטאָ.

איך פרעג, צווישן אַנדערע, נישט דרייסט און דיסקרעט: „דוכט זיך, מאַעסטראָ, איר זענט פאַר צוויי יאָרן געווען אין געזעלשאַפט פון...״—ער רייסט מיר אָבער איבער: „ניין, מיין פריינד, אויך דאַן ווי איצט בין איך געווען איינזאַם!". אַ טראַגישער טאָן פון אַ לייב, וואָס האָט זיינע ציין פאַרלוירן.

אויך ער טרוימט שטיל פון ארץ-ישראל, פון כותל-מערבי...

יאָ, ווען מען איז אַלט זיבעציק יאָר און מען איז אַמאָל אַ ייד געווען און מען איז איינזאַם, און מען הויבט אָן פאַרגעסן ווערן, — קלינגען שוין נייע מעלאָדיעס אין די אַלטע אויערן...

* *

*

ניין אַזייגער פרי, אַכטונג! אין אַ האַלבער שעה אַרום לאַנדן מיר אין פאָרט דוראַצאָ פון קליינעם עקזאָטישן קעניגרייך אַלבאַניען.

ס'איז צו באַוווּנד'רן ווי ווייניק מען ווייסט אין אייראָפּע אי-בער דעם דאָזיקן קליינינקן פאַסטעכער-לאַנד, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו טערקיי און איז באַוווינט פון אַ האַלב-ווילדער באַפעלקערונג פון

אַ קנאַפּן מיליאָן. וועלכע געהערט אַזש צו דריי רעליגיעס: מחמדאַ־נער, קאַטוילישע און פּראַוואָסלאַוויע. און נישט קוקנדיק אויף דעם, קאָנען זיך דאָרט אונטערשרייבן נאָר אויסדערוויילטע.

איר געדענקט דעם דייטשן אָפּערעטן־פּרינץ וויד, וועלכן מען האָט האַרט פאַרן קריג געמאַכט פאַרן אַלבאַנישן מלך?

ער האָט געוווינט אין דוראַצצאָ און דעריבער פלעגן אים די רוסישע צייטונגען רופן „פּרינץ דוראַצקי" און די פראַנצויזישע: „דער פּוסטער פּרינץ" (אַ שפּיל פון ווערטער: וויד — פּוסטער).

און בעתן קריג האָט מען זיין פּאַלאַץ צעשאָסן, זיין סוויטע צעטריבן און ער אַליין איז ערגעץ אין גלות געשטאָרבן.

נאָכן קריג איז אַלבאַניען אויפגעריכט געוואָרן אַדאַנק דעם אידעאַל פון פעלקער־זעלבסבאַשטימונג, אָבער קיין גרויסן פּראָגרעס האָט מען ווידער נישט געמאַכט: מען האָט אַוועקגעזעצט אַ פּרעזידענט פאַלעראָן, וועלכן ס'האָבן געשטיצט די יוגאָסלאַווער; איז אָבער פאַר אַפּאָר יאָרן פאָרגעקומען אַ קליינקע רעוואָלוציע און פּרעזידענט איז געוואָרן דער ענערגישער אַכמעט־זאָגו, אַן אַלבאַנער, געשטיצט פון איטאַליען.

אָבער אויף מזרח האָט מען ליב פּאָרם און פּאַראַד,—האָט זיך פאַראַיאָרן אַכמעט־זאַגו ערקלערט פאַר קעניג, אָנגעטון אַ גלענצנדן אוניפאָרם, צונויפגעזאַמלט אַ קעניגלעכע סוויטע און געהערשט מיט אַ שטאַרקער האַנט. פון דערפאַר טיראַנאַ לעבן דוראַצצאָ האָט מען די הויפּטשטאָט געמאַכט, אויסגעבויט מיניאַטור־געביידעס פאַרן פּאַרלאַמענט, פאַר די מיניסטעריומס, פאַר די אַמבאַסאַדעס. אין דוראַצצאָ, ווו ס'איז נישט לאַנג גליקלעכערווייז פאָרגעקומען אַן ערד־ציטערניש, וועלכע האָט צעבראָכן די ליימענע אַלטע הייזלעך, — בויט מען אַ הויפּט־גאַס אויפן אייראָפּעישן שניט, מען פאַרייניקט טיראַנאַ מיט אַ טראַמוויי און על־כּולם—שאַפט מען אַן אַרמעע. ענערגיש איז דער קעניג אַכמעט־זאַגו דער ערשטער, דער הערשער פון אַ מיליאָן פּאַסטעכער אין שפּאַ־סענע פעלצלעך, ווייסע פּעסקעס און אַ קייט פון ווילדע בערג פון דוראַצצאָ ביז סקוטאַרי.

2

איך האָב באַשלאָסן אָפּצושטאַטן אַ וויזיט אין דער זומערדיקער רעזידענץ, וועלכע געפינט זיך איצט ביים ברעג פון ים, אייניקע קילאָמעטער הינטער דוראַצצאָ.

ס'איז אָבער לייכט צו זאָגן: באַשלאָסן. ווי אַזוי? אַז אַלבאַניש קען איך נישט, קיין באַקאַנטשאַפט אין די הויף־ספערן האָב איך נישט, און מיין איינציקן דאָקומענט, — די דיפּלאָמאַטישע וויזע אויפן אויס־לענדישן פּאַס, — האָב איך פאַרגעסן אויפן שיף.

גיט מען זיך אָבער אַן עצה, ווי שטענדיק הויב איך אָן זוכן יידן. איך האָב אַזוי געקלערט: אין דוראַצצאָ וווינען ביז צען טויזנט איינוווינער, — ווי שייך צו זאָגן, עס זאָל זיך דאָרט נישט געפינען קיין מנין יידן?

גיי איך אַריין צו אַ זייגערמאַכער, וועלכער הייסט אויפן שילד: לאַזאַר קאָקאָטשי, — עפּעס האַלב יידיש, פּאָלאָווינע טערקיש...

איך הויב אָן צו רעדן אויף אַלע שפּראַכן, וואָס איך קען גאַנץ אָדער האַלב. קאָקאָטשי, אַ הויכער פאַרשוין אין אַ ווייסער פעסקע, מאַכט מיט די ליפּן און זאָגט נאָר צוויי ווערטער אויף איטאַליעניש: „נאָן קאַפּיסקאָ”. מיין איך דאָך, אַז ער פאַרשטייט איטאַליעניש,—הויב איך אָן אַרויסלעגן מיין גאַנצן זאַפּאַס איטאַליענישע ווערטער. זאָגט ער אָבער ווייטער: „נאָן קאַפּיסקאָ”. האָב איך מיך אָנגעשטויסן, אַז דער פּשט דערפון איז: איך פאַרשטיי נישט, אַלבאַניש בעט ער מיך רעדן...

פּרוביר איך זאָגן: „ראַבען, סינאַגאָגאַ, יאַהודי”,—מאַכט ער מיטן קאָפּ און מיט די הענט און מיט דער צעוואָרפענער גרויער באָרד: „נישטאָ, נישט קיין ראַבען, נישט קיין סינאַגאָגאַ, נישט קיין יאַהודי!”

זע איך ס'איז שלעכט, פּרוביר איך אַ לעצט מיטל: „רוסאָ”, ד. ה. אפשר איז פאַראַן אַ רוס? ווערט ער פרייליך, לעבעדיק און הויבט אָן שאָקלען מיטן קאָפּ, יאָ! „קאַפּיטאַנאָ, אָפּיצעראָ, רוסאָ!” פאַראַן, הייסט עס, רוסישע אָפיצירן.

ווערט מיר שוין לייכטער אויפן האַרצן: גיב נאָר אַהער אַ רוס, וועלן מיר זיך שוין אַן עצה געבן!

נעמט ער מיך פאַרן האַנט, פירט אַרום אַ לענגערע צייט אי־בער די אָנגעגליטע פון דער זון און מיט בייסענדן שטויב פאַרשאָ־טענע גאַסן, ביז מיר קומען צו אַ ווייסער קאַזאַרמע. אַנטקעגן אונז גיבן זיך אַ שיט אַרויס טונקעלע סאָלדאַטן אין עקזאָטישע גרינע אוי־ניפאָרמען. קאָקאָטשי הייסט מיך פירן צום קאַפּיטאַן. עפּעס ווילן זיי פון אָנהויב נישט פּאָלגן, אָבער נאָך אַ ענערגישער ווענדונג אין אַ שפּראַך, וועלכע זיי פאַרשטייען נישט, — הויב איך זיי אָן צו

דער אלבאנישער הויף-מיניסטער
און דער מחבר.

אין אטען ביים טעמפל פון וועסטא.

אימפּאָנירן; איבערהויפּט קוקט מען אויף מיין גרויסן קאָלאָניען-הוט און קליינעם קינעמאַטאָגראַפישן אַפּאַראַט, וועלכן איך לאָז נישט אַרויס פון האַנט...

איצט פירט מיך שוין אַן אַלבאַנישער זעלנער. מיר קלעטערן אַרויף אויף אַ בערגל, אויבן זענען אויסגעשטעלט ווייסע פּאַלאַטקעס פון אַ מיליטער-לאַגער. אַביסל נידעריקער — אַ שיין ווייס הייזל, ווו ס'וווינט דער אָפיציר. אויף דער טיר אַ וויזיט-קאַרטע: „מיכאַאיל סער-גייעוויטש קראַסענסקי", קאַפּיטאַן און גאַרניזאָן-קאָמאַנדיר.

איך מוז מודה זיין, אַז די דאָזיקע וויזיט-קאַרטע, דאָ אין ווייטן, האַלב-ווילדן אַלבאַניען, ווו ס'זענען נישטאָ קיין באַנען, ווו אַ גרויסע שיף קומט-אָן איינמאָל אין דריי מאָנאַטן, — האָט מיך שטאַרק גערירט. אָט איז ער דער גרויסער טראַגישער רוסישער גלות, וועלכער האָט צעשליידערט אויף זיבן ימען און זיבעציק לענדער מיליאָנען רוסן, אָן אַ היים, אָן אַ פאָטערלאַנד, איינזאַמע, ווייטע. פרעמדע געטער דינט מען, פרעמדע וויינגערטנער היט מען, און דער אייגענער וויינגאָרטן?...

נישט איך, דער ייד, וועלכער ווייסט דעם טעם פון גלות, דאַרף איצט שאָדן-פרייד האָבן; איך פאַרשטיי שוין און פיל שוין מיט דעם קאַפּיטאַן קראַסענסקי, נאָך איידער איך זע אים פאַר די אויגן. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָב איך מיר געטראַכט: ווי אַזוי וועט ער מיך אָננעמען, דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער רוסיש-אַלבאַני-שער אָפיציר, ווען ער וועט אין מיר דערקענען דעם ייד, — ער, דער ווייס-גוואַרדייער, וואָס האָלט מסתּמא פאַר דער סיבה פון זיין גלות טראָצקין — נו, און מיך, אויך...

דערווייל אָבער קלינגט דער זעלנער און אַ צווייטער זעלנער עפנט די טיר און גייט מעלדן דעם קאָמאַנדיר.

מיין שיפס-חבר, דער וואַרשעווער אַדוואָקאַט, — איז אויך אַביסל נערוועז. ער זאָגט אפילו אַרויס אַ שטיקל ספק, צי האָבן מיר איבער-הויפּט געדאַרפט קריכן אין צענטער פון אַלבאַנישן לאַגער, אַליין, אָן שוץ און באַקאַנטשאַפט און נאָך אַריינפאַלן צו אַן אומבאַקאַנטן אָפיציר.

אָבער אויף די טרעפּ, אויבן, באַווייזט זיך אַ הויכע, שלאַנקע פיגור אין אַ גרינעם אָפיצירן-אַנצוג און קלינגענדיק מיט די שפּאָרן באַ-גריסט ער אונז מיליטעריש. מיר ענטפערן און באַגריסן אים אויף רוסיש. זיין אָפּגעברענט שוואַרץ געזיכט דריקט אויס פאַרווונדערונג, און דאַן גיט ער אַ ברייטן שמייכל און לאַדט אונז איין צו זיך אין

שטוב. ער איז קענטלעך איבעררעשט, געריירט, ווייסט נישט וואָס פריער צו פאַרלייגן. מיר באַקענען זיך און ווערן גלייך היימיש.

ער גייט באַשטעלן טיי און מיר באַטראַכטן דאַן די פאָטאָגראַפיעס אויף די ווענט: אַ גרויס בילד פון זיין ג י י ע ם הערשער קעניג אַכמעט-זאָגו אויבן און אונטן אַ שיינע פאָטאָגראַפיע פון צאַר ניקאָליי דעם צווייטן און זיין זון... אַסך בילדער פון מיליטער-לייט אין עקזאָטישע אוניפאָרמען און נאָך אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יונגן גוואַרדיע-קאָרנעט פון דער צאַרישער אַרמעע: אונזער באַלעבאָס אין פעטערבורג. דאָס איז אייגנטלעך די גאַנצע געשיכטע און איבערלעבונגען און איבערצייגונגען פון קאַפּיטאַן קראַסענסקי, — מיר דאַרפן שוין קיין סך מער נישט פרעגן.

שפּעטער דערציילט ער אונז וועגן זיין חתונה מיט אַן אַלבאַנערין, וועגן צוויי קינדערלעך, וועלכע ווערן דערצויגן אין אַלבאַנישן גייסט, וועגן אַ בלוט- און אַ דערנער-וועג, וועלכן מען האָט געדאַרפט דורכמאַכן ביז מען האָט דערגרייכט די הויכע שטעלע פון דוראַצצער שטאָט-קאָמענדאַנט.

מיר ווילן גיין צום קעניג, יאָ, דער קאַפּיטאַן וועט אונז העלפן, אָבער דוכט זיך, אַז דער קעניג איז קראַנק, איבריקנס וועלן מיר זען.

ער טוט זיך שנעל אָן און אין זיין באַגלייטונג מאַכן מיר אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט און פאָרט. בעתן שפּאַציר זעט מען קלאָר ווי דיסציפּלינירט און אונטערטעניק די באַפעלקערונג באַציט זיך צו דעם דאָזיקן רוסישן קאָמענדאַנט, — עס דערמאָנט מיר אַ שפּאַציר מיט אַ פּאָליצמייסטער ערגעץ אין אַ רוסיש שטעטל פאַרן קריג...

אונזער קאַפּיטאַן פאַרייניקט זיך טעלעפאָניש מיטן קעניגלעכן הויף און מעלדעט וועגן דעם, אַז אַ זשורנאַליסט, וועלכן ע ר ק ע ן, וויל קומען אין הויף, — צי קאָן ער אים מיטברענגען?

לאַנג דויערט די קלינגעריי אין פאַרשידענע אינסטאַנצן, ביז ענדלעך ער באַקומט די ערלויבעניש מיט אונז צו קומען. מיר פאָרן אין אויטאָמאָביל פון שטאָט-קאָמאַנדע מיט אַ פּאָליציאַנט ביים לענקער, און דאָך ווערן מיר פיר מאָל פאַרהאַלטן פון פּאָסטנס, וועלכע פאָדערן דעם „פּאַראָל“.

דער וועג ליגט האַרט ביים ים און איז אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין אַ מאַלערישן מיליטער-לאַגער פון ווייסע פּאַלאַטקעס. די גלענצנדע אַלבאַנער קאַוואַלעריסטן מאַכן איבונגען און אין איין אָרט זאָגאַר

הויבט זיך אויף אַ מיליטערישער אַעראָפּלאַן.

ענדלעך שטייגן מיר אויס פון אויטאָ און אַ פּלאַט-אָפיציר, באַגריסנדיק אונז זייער פריינטלעך, פאַרבייט דעם קאַפּיטאַן, וועלכער מוז זיך אומקערן צו זיין באַטאַליאָן אין דוראַצצאָ.

מיר זעגענען זיך מיט קראַסענסקין, דאַנקענדיק פאַר זיין גאַסטפריינטשאַפט. דער קאַפּיטאַן קוקט אונז אָן אַ ווײַלע און דאַן זאָגט ער שטיל, אַקצענטירנדיק יעדן וואָרט: „ווי גוט אייך איז, איר וועט אין אַפּאָר וואָכן אַרום צוריקקומען אַהיים; וועל איך דאָס אָבער נאָכאַמאָל דערלעבן?" — אַ ים צער אין די אויגן, אין די ווינקלען פון אָפּגעברענטן געזיכט.

אונזער נייער פירער הייסט אונז וואַרטן ביי אַ גרויסן שטרויענעם פּאַווילאָן און זאָגט אונז אָן, אַז די צוויי הערן, וועלכע מיר וועלן באַלד זען, זענען דער הויף-מיניסטער און דער קריגס-מיניסטער פון אַלבאַניען. מיר דאַרפן זיי רופן „עקסעלענץ" און זיך טיף פאַרנייגן לויטן צערמאָניאַל. באַלד דערויף עפנט זיך די טיר און אַ דיקער טונקל-הויטיקער הער, ציוויל געקליידט, גייט אונז אַנטקעגן און שטעלט זיך פאָר אַלס הויף-מיניסטער פון אַלבאַנישן קעניג, — פירשט *עגרעם ליבהאָווע*, הינטער אים דער קריגס-מיניסטער, אַ הויכער אָפיציר אין ווייסן געקליידט מיט אַ פראַנצויזיש בערדל מיט גאָלדענע אַקסלבאַנטן; דאָס איז גענעראַל *גויאַרדי*, אַ געוועזענער איטאַליענישער פּולקאָווניק.

מען דערלאַנגט טיי מיט ביסקוויטן און די באַקאַנטע אַלבאַנישע פּאַפּיראָסן, און עס אַנטוויקלט זיך אַ לעבהאַפטער שמועס אין פראַנצויזישער שפּראַך, וועלכע דער הויף-מיניסטער באַהערשט גלענצנד און דער קריגס-מיניסטער זייער שוואַך. דער הויף-מיניסטער אַנטשולדיקט זיך, וואָס מיר קאָנען איצט נישט אַריינגיין צום קעניג, וועלכער שלאָפט נאָך מיטאָג. ער וועט עס אונז גערן מאַכן, אויב מיר וועלן בלייבן מאָרגן. אַדרבא, זאָל טאַקע די וועלט וויסן, אַז דער קעניג אַכטעט די פרעסע און האַלט זיך נישט שטאָלץ.

איך האָב אפילו שטאַרק געוואָלט רעדן מיטן קעניג, ס'וואָלט אָבער באמת געווען אַן עוולה שיקן דעם הויף-מיניסטער אויפוועקן זיין מאַיעסטעט...

און אפשר שלאָפט גאָרנישט דער קעניג, נאָר ער איז אַלץ נאָך נישט צו זיך געקומען נאָך דער שווערער מאָגן-קראַנקייט, וואָס ער

האָט נאָר-וואָס איבערגעלעבט און וועגן וועלכער די צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט האָבן געשריבן, דאָס זי איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכדעם, וואָס מען האָט אין זופּ אַרייַנגעוואָרפן אָנשטאָט פעפער אַ פיל שטאַרקערן און ווירקנדערן געווירץ... יאָ, שווער איז די פרנסה פון אַ קעניג אין אַלבאַניען.

דער הויף-מיניסטער זאָגט מיר צו גלייך אַרויסשיקן דעם קעניגס בילד מיט אַן אייגנהענטיקער באַגריסונג פאַר די לעזער.

שפּעטער מאַכט מען פון אונז אַ פאָטאָגראַפישע אויפנאַמע צוזאַמען מיטן מיניסטער און אין זעלבן אויטאָמאָביל ברענגט מען אונז צום שיף. אין אַ האַלבע שעה אַרום באַקום איך אויפן שיף די געמיינזאַמע פאָטאָגראַפיע מיט אַ וויזיט-קאַרטע פון הויף-מיניסטער.

מיר זעגענען די שטיינערנע פעלזן פון אַלבאַניען, די ווייטע, אין די בערג-פאַרוואָרפענע הונדערטער טויזנטער פאַסטעכער. מיר האָבן געזען, אַז דאָס לאַנד ווערט געפירט איצט מיט אַן אייזערנער האַנט פון אייראָפּעיִש-געבילדעטע מענטשן, וועלכע ווילן עס אויפלעבן און ציוויליזאַציע איינפירן.

קעמאַל-פאַשאַ אין טערקיי באַווייזט עס גלענצנד. צי וועט עס באַווייזן זיין מאַיעסטעט אַכמעט-זאָגו דער ערשטער?

II

גריכנלאַנד

אַטען, די הויפּטשטאָט פון גריכנלאַנד, פאַרמאָגט אפילו אַן אונטערערדישע אייזנבאַן-מעטראָ, פאַרמאָגט איבער דריי הונדערט טויזנט איינוווינער, מערסטנטיילס מיט קרומע נעזער און אויגן, וועלכע זענען ווי מיט בוימל באַשמירט. אַטען איז פאַרטרונקען אין זון און אויך אין שטויב, נישט קוקנדיק אויף די גלענצנדע אַספאַלטירטע גאַסן. אָבער ווער קוקט זיך אויף דעם אַרום אין די ערשטע מינוטן פון אָנקומען? אַלע אויגן זענען געווענדט צום הויכן באַרג, צום אַקראָפּאָליס, ווו שוין מיט 2400 יאָר צוריק זענען מאָנומענטאַלע טעמפּלען פאַר די אַלמעכטיקע געטער אויפגעשטעלט געוואָרן, זאַמל-פּלעצער און טעאַטערן פאַרן דעמאָס (פאָלק) איינגעאָרדנט געוואָרן, טריבונען פאַר די גריכישע חכמים און הערשער, און טורמעס — פאַר די ווידערשפּעניקע.

אונטער דער ברענענדער דרום-זון קריכן מיר אַרויף צו די אוראַלטע טעמפּלען פון אַלמעכטיקן „אויבער-גאָט” זעוס, צום סעפּעראַט-טעמפּל פון זיין הימלישער פריינדין די געטין זיקאַ.

מיר גייען אַריין אין שטיינערנעם אַמפּיטעאַטער, ווו מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק פלעגן פינף טויזנט אַלטגריכן באַוווּנדערן די ווונדערבאַרע טראַגעדיעס פון זייערע געניאַלע דראַמאַטורגן.

און דאָ ביי דער זייט שטייט דער וועסטאַ-טעמפּל, ווו מען האָט די געטער געדינט גאַנץ אייגנאַרטיק-אינטים, אָט אַזוי, צום ביישפּיל, ווי אין אַ פּאָליצייִש-פאַרווערטן געהיימען ליבע-סאַלאָן פון אונזערע גרויסע שטעט...

און גיט נאָר אַ וואָרף אַ בליק פון דאָזיקן הויכן באַרג אויף דער אונטערליגנדער נ י י ע ר שטאָט און די גאַסן, וואָס זעען אויס ווי שמאָלע פּאַסן, און אויף די טראַמווייען, וועלכע מאַכן אַן איינדרוק פון שפּילצייג, — וועט איר פאַרשטיין, פאַרוואָס זענען די אַמאָליקע איינוווינער פון אַקראָפּאָליס אַזוי שטאָלץ געווען מיט זיך און מיט זייערע געטער: ווייט העכער איבער דער געוויינלעכער מענטשן-פלע-כע דאַרף מען זיך אויף דעם באַרג פילן.

און אָט ווייזט מען פון ווייטן די איבערלעבענישן פון געפענ-געניש, ווו סאָקראַטעס האָט זיין לעבן געענדיקט. און אָט שטייען ביי דער זייט די רוינען פון דער אַמאָליקער אַקאַדעמיע, וועלכע האָט דער וועלט די גריכישע פילאָזאָפיע געשענקט.

זיילן מאַרמאָרנע, טויזנטער זיילן פון פאַרשידענע קונסט-סטילן, מאַסיווע מיט איידלסטע פאַרבן-ניואַנסן, זאָגן עדות וועגן גרויסן שטאָלצן פאָלק, וואָס האָט אויף דעם באַרג געוווינט; דאָס איז געווען אַ מעכ-טיקע דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געהערט רעדן דעמאָסטענסן, גע-בויגן זיך אונטער דער בייסנדער סאַטירע פון דיאָגענעס, געשענקט איר צוטרוי די געזעצגעבער דראַקאָן און סאָלאָן, — אַ דעמאָקראַטיע, וועלכע איז אָבער שפּעטער געבראָכן געוואָרן אונטערן שווערן פויסט פון באַרבאַרישע הערשער.

אַ פעלקער-צעמישונג איז דאָ געוואָרן, צענטליקער ראַסן און שטאַמען האָבן זיך דאָ געקרייצט און אַ נייעם ל ע וו אַ נ ט י נ ע ר ט י פּ באַשאַפן.

די אַנטיקן-זיילן זענען געבליבן, די אַ ל ט ע ג ר י כ ן אָבער קאָ-נען בשום אופן נישט אָנערקענען די איינוווינער פון היינטיקן גריכנ-לאַנד פאַר די אייניקלעך פון די קלאַסיש-געטאָקטע אַמאָליקע אַטענער. ס'איז געגנוג צוצוקוקן זיך צו דער מאָדערנער שטאָט אונטן, צו די געזיכטס-צוגן, וועלכע זענען אַזוי ווייט פון אַלטן טיפּ, וועלכער איז אין מאַרמאָר פאַר דער אייביקייט געבליבן, — כדי זיך איבערצוצייגן אין דעם.

* *
*

די זון, דער קלימאַט מאַכט פויל, און הגם ס'איז איצט האַל-בער טאָג, זענען די קאַפע-הייזער פאַרפולט מיט מענטשן, וועלכע

רעדן צווישן זיך לעבהאַפט און מאַכֿן מיט די הענט נישט ערגער ווי בײַ אונז, — מער נישט, אַלץ קאָסט דאָ אַ העלפט געלט, זיצט מען און מען קיבעצט, ווייל וואָס צו טון איז סײַ־ווי נישטאָ. מען מעקלט און מען האַנדלט, מען מאַכֿט לופט-געשעפטן און אַממערסטן רעדט מען פון פּאָליטיק.

פון וואַנען ווייס איך דאָס, אַז גריכֿיש פאַרשטיי איך נישט, נישט די אַלטע שפּראַך פון האָמערן און נישט די נײַע פון די פלינקע סוחרימלעך?

איז אָבער די מעשה, וואָס בײַ אַ דערבײַיקן טישל האָט אַ הויכֿער, שוין גרויער מאַן, הערנדיק רעדן פּויליש, געווענדט זיך צו אונז מיט דער פראַגע, צי פאַרשטייען מיר רוסיש. ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז דער היינטיקער אַטאַשע פון יוגאָסלאַוויען אין גריכֿנלאַנד. אַמאָל איז ער געווען אויף דער זעלבער שטעלע אין רוסלאַנד. ער האָט אויך ווייניק וואָס צו טון און איז צופרידן מיט דער געלעגנהייט אַביסל זיך דורכֿצושמועסן. דאָס האָט מען דאָ ליב בײַ אַ טעפּעלע קאַווע מיט פיר גלעזער קאַלט וואַסער.

אונזער יוגאָסלאַוועו׳ האָט נישט קיין הויכֿע מיינונג איבער דער פּאָליטישער שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם גריך.

איר זעט, — זאָגט ער, — דעם גאַנצן עולם, — היינט זענען זיי הייסע רעפּובליקאַנער; גאַנץ גריכֿנלאַנד האָט געשיקט אין פאַרלאַמענט נאָר 20 מאָנאַרכֿיסטן אויף 280 דעפּוטאַטן, אָבער זאָל נאָר געבן אַ בלאָז אַן אַנדער ווינטל, וועט זיך די לאַגע פאַרשטעלן ריכֿטיק פאַרקערט. נאָר-וואָס האָט מען אַרויסגעלאָזט פון טורמע דעם געוועזענעם פּרעמיער פאַנגאַלאָס, וועלכֿער איז נאָך מיט אַ יאָר צוריק געווען אַזוי באַליבט, — און זאָל אייך נישט וווּנדערן, אויב אין אַ יאָר אַרום וועט פאַנגאַלאָסעס אָרט אין געפענגעניש פאַרנעמען אַן אַנדער פּרעמיער. מען זאָגט זאָגאַר, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ ספּעציעלער פּרעמיערן-קאַמער מיט אַלע באַקוועמלעכֿקייטן...

פון קאַפעהויז אַרויסגייענדיק מערקן מיר אַ שילד אין רוסיש און גריכֿיש: „רוסישער באַר".

מיר גייען דאָרט אַרײַן. אַ טיפּיש גרויסשטעטישער באַר מיט קאַלטע און הייסע שפּייזן באַדעקט מיט טעלער און באַלייגט מיט מחנות פליגן.

בײַ דער קאַסע אַ דיקער רוס מיט אַן אָפענעם שמייכלענדן

געזיכט, מיר גיבן זיך אָפּ דעם ברייטן שלום-עליכם. ער איז אויך נישט דעם גאַנצן לעבן געווען אַ רעסטאָראַטאָר, סך־הכּל איז ער אין קרים ביי ווראַנגלען געווען שעף פון מיליטער-געריכט, איצט מאַכט ער אַנדערע... געריכטן, אָבער ס'מאַכט נישט אויס: ס'לעבט זיך גאָט צו דאַנקען נישט שלעכט. זיי זענען דאָ אייניקע הונדערט רוסן, מערסטנטיילס געוועזענע ווייסע אָפיצירן און זייערע פאַמיליעס, וועלכע האָבן נאָכן גרויסן צוזאַמענברוך אויך צו די גריכישע ברעגעס צוגעשוואומען.

ביים טיש באַדינט אַ רוסישע יונגע דאַמע אַ קעלנערין. ס'איז גענוג אַ קוק צו טון אויף אירע הענט מיט די לאַנגע פינגער, כּדי זיך צו איבערצייגן, אַז אויך איר האָט דער גורל באַשטימט פאַר עפּעס אַנדערש, ווי באַדינען אין אַ שמוציקן באַר נישט קיין איבעריק ציכטיקע געסט.

אַ קורצער שמועס: אַ טאָכטער פון אַ קובאַנער מיליטער־דאָקטאָר, דער פאָטער געשטאָרבן אויפן וועג קרים — קאָנסטאַנטינאָפּאָל, — דאָס יונגע מיידל וואַלגערט זיך, ווערט טענצערין אין שאַנכאַן, גייט דורך אַ גהינום...

„אַך, מיינע פריינט, איצט איז מיר שוין גוט, איך פאַרדין אַן ערלעך שטיקל ברויט"...

טרערן שטייען אין די פאַרלאָשענע אָבער נאָך שיינע אויגן.—גלות!

די אייניקע רוסישע יידן, וועלכע זענען דאָ פאַרוואָגלט געוואָרן, זענען גאַנץ גוט איינגעאָרדנט, אָבער פאַרגרעבט און ווייט פון יידישקייט.

ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז קיינער פון זיי האָט מיר נישט געקאָנט זאָגן, צי איז דאָ פאַראַן אַ סינאַגאָגע, אַ רב אָדער איבער־הויפּט יידן.

די רוסן האָבן כאָטש אַ געמיינזאַמען קלוב, — די רוסישע יידן אָבער טרעפן זיך צוזאַמען אָדער אויף דער בערזע, אָדער אין די נאַכט־קאַבאַרעטן.

* *
*

כ'האָב אָבער קיין רו נישט געפונען ביז איך האָב נישט אויפגעקלערט איינעם פון די פאַקטן, מיט וועלכע הייניקע גריכנלאַנד

קאָן שטאָלצירן און וועלכע זענען זייער באַלערנד, איבערהויפּט פאַר אונז יידן. דאָס איז די פראַגע, ווי אַזוי האָט מען איינגעאָרדנט דעם מיליאָן גריכן, וועלכע האָבן עמיגרירט פון טערקיי און ווי אַזוי איז פאָרגעקומען די איבערזידלונג פון אַ מיליאָן טערקן, וועלכע האָבן עמיגרירט פון גריכנלאַנד.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געזוכט אַ מענטשן, וועלכער זאָל דאָס מיר ערקלערן. איך בין זאָגאַר צוליב דעם געווען אין אַן אַמט אין אַ רעדאַקציע, אָבער אין ערגיץ האָט מען נישט פאַרשטאַנען קיין אַנדער שפּראַך אויסער גריכיש.

ווען איך האָב שוין פאַרלוירן די האָפענונג עפּעס זיך צו דערוויסן, איז מיר געקומען צו הילף אַ צופאַל: אין אָוונט זענען מיר געזעסן אין גרויסן גאָרטן „זאַפּיאָן", וועלכער איז איינגעאָרדנט מיטן גרעסטן לוקסוס און וו מען קאָן פאַר אונזערס אַ זלאָטע אויסטרינקען גוטן ביר און הערן דערצו מוזיק און אַ וואַריעטע־פאָרשטעלונג. דער גאָרטן איז געווען פול און ס'איז מיר איינגעפאַלן פרעגן דעם קעלנער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען פראַנצויזיש, אויב דאָ געפינט זיך נישט עפּעס אַ זשורנאַליסט אָדער אַ מלוכה־באַאַמטער, מיט וועלכן איך וואָלט געוואָלט זיך דורכרעדן אין פראַנצויזיש אָדער דייטש. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז דער קעלנער צו מיר צוגעגאַנגען מיט אַ הער, וועלכן ער האָט פאָרגעשטעלט אַלס באַאַמטן פון יוסטיץ־מיניסטעריום.

דער באַאַמטער האָט גערעדט פליסיק פראַנצויזיש און איז גראָד אַליין איינער פון די אַרויסגעטריבענע דורך דער טערקישער רעגירונג —גריכן.

דאָס איז געווען גאָרנישט לאַנג,—אין 1923 יאָר, ווען די גריכן האָבן געוואָלט צונעמען ביי די טערקן אַנאַטאָליען און נאָך אַפּאָר פּראָווינצן אַ צולאָג. פון אָנפאַנג איז דאָס געגאַנגען זייער גוט. מען איז צוגעגאַנגען אַזש ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דערנאָך האָט זיך דאָס רעדל אַ דריי געטון און קעמאַל־פּאַשאַ האָט צעבראָכן די גריכישע אַרמעע, אַוועקגעיאָגט איר אַזש ביז אין טיפן לאַנד אַריין און שפּעטער געזאָגט: „איר ווילט אונזער אַנאַטאָליען, ווייל דאָרט וווינען מער ווי אַ מיליאָן גריכן; איך וועל דאָס אָבער מאַכן אַנדערש: אַנאַטאָליען וועל איך לאָזן פאַר טערקיי און אייער מיליאָן גריכן קאָנט

איר זיך צונעמען, — עסט זיי געזונטערהייט און זאָל אייך וווּיל באַקומען.

און אפשר ווילט איר די גריכן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון אַנגאָראַ, — נאַט אייך זיי צוריק און לאָז אייך זיין צו געזונט. ער האָט זיי, הייסט דאָס, אָפּגעטון אויף טערקיש, אַנגעהויבן יאָגן די טערקישע גריכן אין זייער אַלטן פאַטערלאַנד.

איז וואָס טוט גריכנלאַנד? פאַרמאָגט זי אויך כמעט אַ מיליאָן טערקן און מאַקעדאָניער, האָט זי אויך געענטפערט מיטן זעלבן פּסוק און גענומען יאָגן זיי אין טערקיי.

דאָס איז אַלץ פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן — מיר האָבן אַלע וועגן דעם געלעזן אין די צייטונגען, אָבער קיינער פון אונז האָט קיין באַגריף נישט געהאַט פון דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט דאָ אויסגעבראָכן. איבערטראָגן צוויי מיליאָן מענטשן פון איין אָרט אין דעם צווייטן, — דאָס איז אַ זאַך, וועלכע קומט פאָר זעלטן אין דער געשיכטע.

אָבער דער פּרווו האָט זיך נישט שלעכט איינגעגעבן. ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ איבערזידלונגס-מיניסטעריום און אַן אַמעריקאַנער הילפס־קאָמיטעט.

אין די הייזער פון די טערקן אין מאַקעדאָניען האָבן זיך באַזעצט און שטיצע באַקומען די אַנגעלאָפענע גריכן. דאָס זעלבע אין אַנאַטאָליען האָבן געטון די טערקן.

די רעגירונג מיט דער הילף פון אַמעריקע און אַן אינערלעכע הלוואה האָט געגעבן ערד און מכשירים זי צו באַאַרבעטן.

פאַר דער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט מען געבויט הייזלעך, קליינע אָבער באַקוועמע אין אַ ריי געגנדן.

איך האָב געזען די דאָזיקע נייע שטאָט, וועלכע ציט זיך פון פּאָרט פּירעוס ביז אַטען אויף אייניקע קילאָמעטער און אינגאַנצן באַוווינט מיט קרוב הונדערט טויזנט געוועזענע גריכישע היימלאָזע.

די איבערזידלונג דויערט שוין זעקס יאָר, — זי איז נאָך נישט געענדיקט, אָבער אויך אין אַלטן גריכנלאַנד האָט מען געבויט טעמפּלען פאַר די געטער פון אָלימפּ און מיט דעם שטאָלצירט די מענטשהייט. — מעג היינטיקע גריכנלאַנד שטאָלצירן מיטן גרויסן מענטשלעכן ווערק פון רחמנות און ברידער־ליבע, וועלכע וועט אין דער געשיכטע בלייבן אויף אייביק.

אַ קליין שיפל האָט אונז שפעט אין דער נאַכט געטראָגן פון האַפן פאַלעראָן צו דער שיף „פרעזידענט ווילסאָן“, ווו מיר וווינען.

די לבנה האָט באַלויכטן דעם פאַרכישופטן באַרג אַקראָפּאָליס, ווו מיט דער געניאַלסטער קונסט זענען געבויט געוואָרן די טעמפּלען פון געצנדינעריי.

אַזוי פיל געטער, אַזוי פיל קולטן, — קאַלטע מאַרמאָר אָן נשמה, אָן לעבן.

מיר האָבן אפילו קיין איין קאָלאָן דער וועלט נישט געלאָזן, קיין איין טעמפּל פון פאַר צוויי טויזנט יאָר איז נישטאָ אין אונזער באַזיץ, — אָבער אַ קאָלאָן פון פייער, אַן עמוד האש, דער מענטש־הייט אָוועקגעשענקט...

פרעגט נישט, פאַרוואָס איך האָב מיך גאַנץ קאַלט מיטן אָלימפּו־לאַנד געזעגנט...

III

זוניקע אינזלען

אין דער ערד-וויסנשאַפט עקזיסטירט אַ שטאַרק באַגרינדעטע היפּאָטעזע, אַז דאָרט, ווו ס'געפינט זיך איצט דער מיטללענדישער ים, איז מיט הונדערטער טויזנטער יאָרן צוריק געווען אַ בליענדע יבשה, מיט שטעט פון אַ גאָר הויכער קולטור, מיט אַ פולסירנדן מענטשלעכן לעבן. אַ ריי ערד-ציטערנישן און שפּעטער דער מבול האָבן אָפּגעשווענקט די אַמאָליקע וועלט און פאַרביטן איר מיטן אומפאַרגלייכלעכן גרין-בלוילעכן שפּיגל פון מיטללענדישן ים („ים-הגדול" אָדער „ים-התיכון" אין אונזער אַלטער ליטעראַטור). ס'זענען אָבער אינמיטן ים געבליבן צעשאָטן אַ ריי אינזלען, וועלכע באָדן זיך אין זון און רייכע נאַטור-דעקאָראַציעס, — און אין דער היינטיקער תקופה פון אונזער וועלט, אָנהויבנדיק פון טיפן אַלטערטום און ענדיקנדיק מיט דער נייעסטער געשיכטע, האָבן די אינזלען געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע.

האַרט ביים גיבראַלטאַר ליגן די באַלעאַרן-אינזלען, וועלכע געהערן צו שפּאַניע און זענען באַוואָקסן מיט די פּרעכטיקסטע און געדיכטסטע פּאַלמען-וועלדער, וועלכע קענען מיט זייער רייץ קאָנקורירן נאָר מיט די גראַציעזע און ווי פּאַלמען וווקסיקע טעכטער פון דער אינזל-הויפּטשטאָט אַליקאַנטע.

און אינמיטן ים קעניגט ענגלאַנדס געפּאַנצערטע פּויסט — דער אינזל מאַלטע — מיט זיין אָריגינעלער, האַלב-אַפריקאַנישער באַפעלקערונג, — אין אַ ראַם פון גרויזאַמע קריגס-שיפן איינגעפּאַסט. און עטוואָס צפונדיקער שימערט מיט איר שיינקייט, מיט אירע

וואָלקאַנען און—וואָלקאַנישע טעמפּעראַמענטן איטאַליענס דימענט — סי־ציליען, דער אינזל פון פאַרגליווערטע אין פּאַמעראַנצן זונען־שטראַלן און פון בלאָנדע ברונעטינס מיט אַליוון־אויגן.

נאָך מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָב איך אויף מיינער אַ רייזע באַזוכט דעם דאָזיקן מערב-טייל פון מיטללענדישן ים און טיף אין נשמה אַריינגעזאַפּט דעם צאַרטן ריח פון מירטן, באַנאַנען און אַלטערטום.

דאָס מאָל האָט מיך אונזער שיף געטראָגן איבער די מזרח-טיילן פון דעם ים, דאָרט, ווו עס קעניגן די אינזלען ראָדאָס, ציפּערן און קאָרפו, וועלכע זענען שטאַרק איינגעקריצט אין אונזער יידישער מער־טירער-געשיכטע.

אַזוי אָבער ווי אונזער שיף איז אַן איטאַליענישע און איטאַליע וויל זיך אַרויסווייזן אַלס אַ מער טיכטיקערע קאָלאָניזאַטאָרישע מלוכה ווי ענגלאַנד, — האָט מען געוואָלט אונזער באַזוך פון די דערמאָנטע אינזלען פאַרוואַנדלען אין אַ פּראָפּאַגאַנדע־עקציע פאַר מוסאָליניס מלוכה: דער אינזל ראָדאָס, אויף וועלכן עס פלאַטערט די איטאַליע־נישע פאָן, האָט מען איינגעטיילט אַ גאַנצן טאָג, און פאַר ציפּערן, וועלכע געהערט צו ענגלאַנד, און קאָרפו (גריכנלאַנד) האָט מען גע־געבן נאָר צו פּאָר שעה און אגב געוויזן זיי נישט פון אינטערע־סאַנטן טייל.

אייגנטלעך האָב איך, אַלס ייד, געדאַרפט מורא האָבן פאַר ראָדאָס...

דאָס איז דאָך געווען די פעסטונג פון די מיטלאַלטערלעכע קרייץ-צוגן; דאָ האָבן זיי דריי הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד געהערשט, גע־בויט זייערע פעסטונגען, וועלכע זענען נאָך גאַנץ און אומבאַרירלעך געבליבן ביזן היינטיקן טאָג; דאָ האָט געבושעוועט דער ווילדסטער האַס צו דער יידישער און מוזולמענישער וועלט.

און אין יענער צייט איז טאַקע אַרויס אַ געזעץ: „קיין פוס פון קיין יידן טאָר זיך נישט געפינען אויפן אינזל; אויב אפילו אַ שיף וועט זיך צעברעכן ביי די ברעגעס און אַ ייד וועט וועלן צושווימען און ראַטעווען זיך,—זאָל מען אים גלייך צוריקוואַרפן אין וואַסער".

און דאָך האָט מען אונזער שיף, אויף וועלכע ס'האָט זיך גע־פונען אונטער פאַרשידענע פּאַספּאָרטן אַ שפּאָר ביסל יידן — גאַנץ פריי אויפגענומען, — מיט מוזיק און דעלעגאַציעס. אַ שנור אויטאָ־

מאָבילן און צוויי־פערדיקע קאַרעטעס האָבן אָפּגעוואַרט אַלע פּאַסאַ־זשירן, כּדי צו ווייזן די גלענצנדע רעזולטאַטן פון דער איטאַליע־נישער הערשאַפט.

מען דאַרף דאָך געדענקען, אַז איטאַליען האָט דאָס אינזל צו־געכאַפּט ביים פאַרחלומטן טערק אינגאַנצן אין 1912 יאָר, בעת ער האָט זיך געשלאָגן מיט די שכנים (און ווען האָט זיך דער טערק נישט געשלאָגן?), און דעריבער גייט איר אין לעבן אויספּיינען זיך פאַר דער וועלט און ווייזן, וואָס זי האָט מיטן צוגעלקחנטן ביינדל געמאַכט.

און אין דער אמתן האָט מען דאָ אַריינגעלייגט אַסך אַרבעט און קולטור, און דעם היסטאָרישן אינזל מיט זיינע אוראַלטע מויערן און מאָלעריש־געקליידטע באַפעלקערונג פאַרוואַנדלט אין אַ באָמבאָנ־יערקע, אויף וועלכע ס׳קען זיך ערלויבן אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט נאָר איין אינזל, ענגלאַנד אָבער וואָלט ביי אַזאַ לוקסוס גאַנץ שנעל באַנקראָטירט.

* *
*

איך לאָז איבער די אויטאָמאָבילן און די קאַרעטעס, וועלכע קרעמפּירן שטענדיק דעם פרייען רייזנדן, און לאָז זיך אַריין אין די טיפענישן פון שטאָט אין דער ריכטונג צום יידן־קוואַרטאַל.

יאָ! נישט קוקנדיק אויפן געבראַכטן שטרענגן געזעץ פון מיטל־אַלטער, באַוווינט דעם אינזל אַ בליענדע יידישע באַפעלקערונג פון אַ מאַן פיר טויזנט, וועלכע בילדעט אַ פינף פּראָצענט פון אַלע אָרטי־קע איינוווינער — גריכן, טערקן און אַביסל איטאַליענער — באַאַמטע.

ס׳איז שוין אָוונט און מיט גרויס שוועריקייטן אָריענטיר איך זיך אין די פאַרדרייטע שטיינערנע זעק, וועלכע טראָגן דאָ דעם נאָ־מען גאַסן. אויף אַ ווינקל, לעבן אַ סקווער, שטייט אַ לעמאָניאַד־פאַרקויפער אין אַ טערקישן פעז און אַ בונטן כאַלאַט. צו אים ווענד איך זיך מיט דער פראַגע: „ווו וווינט דער הויפּט־רב?" איך האָב די פראַגע געשטעלט אין אַ שלעכטן איטאַליעניש, אָבער דער „טערק" ענטפערט מיר גלייך אויף העברעיש: „היהודי אתה? נלכה יחד אל רבינו" (אַ ייד ביסטו? לאָמיר צוזאַמען גיין צו אונזער רב). ס׳האָט זיך אים, ווייזט אויס, אויסגעדוכט, אַז איך קווענקל זיך און וויל זיך נישט לאָזן ביינאַכט אויף אַ פרעמדן אינזל מיט אַ צופעליקן „טערק",

מעג ער אפילו רעדן העברעיש.— עפּנט ער שנעל אויף דעם כאַלאַט און ווייזט מיר אַ טלית־קטן מיט ציצית פון העלע פאַסן. דאָס האָט מיר איבערצייגט און איך לאָז זיך פירן פון לעמאָניאַדן־פאַרקויפער אין טלית-קטן.

מיר געפינען זיך שנעל אין יידישן קוואַרטאַל, ווו נישט קוקנ־דיק אויף דער שפּעטער שעה זענען נאָך אַלע געשעפטן אָפן און אויפן גאַס זיצן די באַלעבאַטים, אַלע כמעט אין טערקישע פעזן אויף די קעפּ און אין מזרח־קליידונג. אויף יעדער טריט און שריט טישלעך מיט פאַרשידענע וואַלוטע, דאָס טוישן געלט איז ביי די יידן דאָ אַ נעבן־באַשעפטיקונג צו זייערע פאַכן. קראָמען פון מאַנופאַקטור־סחורות, פון גאַלאַנטעריי. פון אויבסט — אַזוי ווי ערגעץ אין פּיאַ־סעטשנע, אָדער קראַסניסטאַוו. מער נישט סחורה איז פאַראַן מער און די יידן זענען אַנדערש געקליידט און רעדן אויף אַ רייע פון פרעמ־דע שפראַכן. אַלע אָבער פאַרשטייען און רעדן העברעיש. באַכמער איז דאָס אַרויסצוזען ביי די קינדער, וועלכע גייען שוין אייראָפּעיש געקליידט, באַזונדערס אינדערפרי די איטאַליענישע שול און נאָכמיטאָג די העברעישע מיט אַ גרויסן רעליגיעזן פּראָגראַם.

אויפן וועג צום רב ווערן מיר וואַרעם באַגריסט פון אונזערע ברידער און באַגלייט פון צענטליקער קינדער דערגייען מיר ביז צו אַ צווייטשטאָקיקער ציטליקער געביידע, ווו פון אַסך יאָרן וווינען די הויפּט־רבנים פון ראָדאָס.

איך דאַרף באַמערקן, אַז מיט מיר צוזאַמען געפינט זיך אויסער מיין יידישער חבר, — אַ וואַרשעווער אַדוואָקאַט, — אויך אַ פּוילישער דאָקטאָר פון בידגאָשטש — באַקאַנט דאָרט אַלס נישט־איבריק יידנ־פריינטלעך. אָבער ווי נאָר ער דערהערט, אַז מיר לאָזן זיך ערגעץ אין אַ „יידישער” עקסקורסיע, לאָזט ער אונז שוין נישט אָפּ: ער זאָגט, אַז עס פאַרכאַפּט די עקזאָטישקייט פון יידישן מזרח און ס׳דוכט זיך אים, אַז ער בייט זיינע איבערצייגונגען...

מיר גייען שטיל אַרויף אויף די שטיינערנע טרעפּ און מען פירט אונז אַריין אין אַ וואַרטע־צימער אויסגעהאָנגען מיט פּערסישע דיוואַנען און מיט אַ שטיינערנער פּאָדלאָגע פון רייכן מאָזאַיק. אויף די ווענט אַ גאַלעריע פּאָרטרעטן פון וווּנדערבאַר שיינע יידישע זקנים אין מזרח־טראַכט, מיט אָרדנס אויפן ברוסט; ווי מיר דערוויסן זיך

שפּעטער, זענען דאָס די עלטערן און אור־עלטערן פון אונזער רב וועלכער איז שוין דער פינפטער רב פון ראַדאָס לויט דער גליי־כער ליניע.

צו אונז גייט אַרויס אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן און אין אַ ריי־נעם פראַנצויזיש ערקלערט זי אונז, אַז דער רב וועט באַלד קומען.

עס דויערט נישט קיין פינף מינוט און אין טיר באַווייזט זיך אַ פיגור, וועלכע מיר וואָלטן געהאַלטן פאַר אַן ערשיינונג פון אַן אַנדער וועלט, ווען נישט דאָס געפיל פון ווירקלעכקייט: אַ הויכער אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער זילבערנער באָרד, אפשר פון אַ יאָר נייג־ציק, אָנגעטון אין אַ זילבערנער היטל, ווי עס טראָגן די פּראַ־וואָסלאַווגע מיטראָפּאָליטן, אין אַ לאַנגן כאַלאַט פון זילבערנער לאַמע מיט וועלכן עס גיסן זיך כמעט צונויף די זילבער־פעדעם פון דער ווייסער באָרד. אַ ווייכער קוק פון אַ תלמיד־חכם דרינגט דורך אונזער גרופּע; ער הויבט אויף די הענט איבער אונזער קאָפּ צו אַ ברכה... דער ערשטער בויגט זיך איין און גיט דעם רב אַ קוש אין האַנט דער בידגאָשטשער פּוילישער דאָקטאָר, נאָכדעם טוען מיר אויך דאָס זעלבע.

דער רב, ר' אליהו ישראל, רעדט, פאַרשטייט זיך, אַ גוטן העב־רעיש. כדי אָבער דאָס געשפּרעך זאָל זיין אַן אַלגעמיינס, גייט ער גלייך איבער אויף פראַנצויזיש. ער דערציילט אונז וועגן זיין עדה, איר מאַטעריעלער און גייסטיקער לאַגע. אין אַלגעמיין איז ער צופרידן, יידן האָבן דאָ פרנסה בריווח, ווערן פּאָליטיש שטאַרק גע־שטיצט פון די איטאַליענער, וועלכע שפּילן זיי אַביסל אויס קעגן די טערקן און גריכן. די יוגנט לערנט זיך געשמאַק איטאַליעניש, גרי־כיש, פראַנצויזיש און העברעיש. דערצו רעדט מען צווישן זיך שפּאַניאָליש...

דער רב לאָזט זיך שפּעטער אַריין מיט אונזער פּוילישן דאָק־טאָר אין אַ ויכוח איבער רעליגיע און דערווייל געניסן מיר פון גע־שמאַקע איינגעמאַכטס מיט עקזאָטישע פרוכטן, וועלכע ס'טיילט אונז גאַסטפריינטלעך די רביצין.

מיר פאָטאָגראַפירן זיך צוזאַמען מיטן רב און באַגלייט פון זיי־נע ברכות לאָזן מיר זיך ווייטער אין וועג.

קאָנסטאַנטינאָפּאָל — איאַ־סאָפיאַ־מעטשעט.

IV

דאַרדאַנעלן

דער שמאָלער פּאַס וואַסער צווישן די שטיינערנע פעלזן, וואָס ציט זיך פון מיטללענדישן ים אין מאַרמוס ים אַריין, פאַרמאָגט אפשר נישט אַזוי פיל וואַסער ווי דאָס בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן פאַר זיין באַזיץ און משך פון יאָרהונדערטער.

ס׳האָט אויף אים געשליפן די ציין רוסלאַנד, ווען די ציין זענען נאָך גאַנץ געווען, ווען די אַפּעטיטן האָבן נאָך געשפּילט; ס׳האָט זיך צו אים געריסן ענגלאַנד, וועלכע האָט נישט געקאָנט פאַרגינען, אַז דער „קראַנקער מענטש״ — טערקיי — זאָל פאַרמאָגן כאָטש איין געזונט גליד.

טערקיי האָט אָבער פעסט געהאַלטן דעם דאָזיקן שליסל פון איר מלוכה און זעלבסשטענדיקייט, און אָפּגייענדיק מיט בלוט אין דער לעצטער אַגאָניע פון קראַמפּן, האָט זי דאָך דעם דאָזיקן טייערסטן דימענט אירן נישט אַרויסגעלאָזן.

אין אַ שיינער לבנה-נאַכט האָט אונזער „פּרעזידענט ווילסאָן״ איינגעשניטן זיך אין שמאָלן דאַרדאַנעלן-איינגאַנג.

אַלץ איז געווען אויפן דעק, צוגעשמידט צו דער אומפאַרגלייכלעכער פּאַנאָראַמע, וועלכע ענדיקט זיך פאַרן אויג און אַנטוויקלט זיך אַלץ ווייטער. ווי אַ גוטער פילם. דאָס מאָל רעזשיסירט פון איר מאַיעסטעט די נאַטור.

ס׳באַווייזט זיך אויפן ים אַ קליין מאָטאָר-שיפל מיט אַ רויטן לאַמטערן; אונזער שווימענדער גיגאַנט ווערט אָפּגעשטעלט אינמיטן ים דורך דער סאַניטאַרער און גרענעץ-פּאָליציי.

אויפן באָרט כאַפּן זיך אַרויף די טערקישע קאַראַנטין-באַאַמטע און זשאַנדאַרמען-אָפּיצירן.

עפּעס איז נישט לאַנג צוריק אויף אַ דורכגייענדן שיף געווען אַ פּעסט-צופאַל און מען איז בודק מער ווי אַלעמאָל דעם סאַניטאַרן צושטאַנד פון שיף, מורא האָבנדיק דורכצולאָזן דעם שוידערלעכן שונא.

און די זשאַנדאַרמען-אָפּיצירן האָבן ווייטער מורא פאַר דער פּאָליטישער פּעסט, וועלכע מען קען אַדורכשמוגלען אין די דיקטאַטור-גרענעצן פון דער אָטאָמאַנישער רעפּובליק, — קאָנטראָלירט מען דעריבער מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט די פּעסער און וויזעס פון די פּאַסאַזשירן.

די „נייע" טערקיי איז זייער קאַרג אויף וויזעס, האָט נישט קיין צוטרוי צו פרעמדע, — נאָך פיל מער ווי די אימפּעריע פון אַבדול האַמיד.

פאַראַן מלוכות, וועמענס פּעסער מען אָנערקענט איבערהויפּט נישט און מען דאַרף האָבן אַ באַזונדער זכות-אבות צו באַקומען די טערקישע וויזע. אונזערע פּוילישע פּעסער זענען אין דער ערשטער ריי אָנגענומען פאַר פּסול, און ווען נישט דאָס, וואָס מיר האָבן באַקומען די וויזע אין וואַרשעווער טערקישער געזאַנדשאַפט, — ווער ווייסט, צי מיר וואָלטן זוכה געווען צו באַטרעטן די „באַפרייטע ערד" פון דער רעפּובליקאַנישער טערקיי.

אַ גאַנצע נאַכט זיצן די זשאַנדאַרמען מיט אונזערע שיפס-אָפּיצירן און שטעמפּלען די דאָקומענטן.

מיר אָבער מאַכן זיך פון דעם גאָרנישט און שטייען דערווייל אויפן דעק פון שיף, וועלכע האָט באַקומען די דערלויבעניש צו רירן פון אָרט.

מיר פאָרן פאַרביי גאַליפּאָלי, וועלכע באַווייזט זיך אין אַ קראַנץ פון טויזנטער עלעקטרישע פייערלעך.

גאַליפּאָלי...

שטייען די ענגלענדער מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און זענען מזכיר נשמות די שענסטע זייערע שיפן, וועלכע זענען דאָ אומגעקומען אין וועלט-קריג, וועלנדיק שטורמען דעם דאַרדאַנעלן-דורכגאַנג, — גרויסע דרעדנאָוטן, טויזנטער מאַטראָסן, די בלום פון ענגלישן פלאָט איז איינגעזונקען געוואָרן אין די דאָזיקע טונקעלע וואַסערן, וועלכע מיר

אָרן פֿאַרבײַ, אַ ברייטער פּאַס פֿון דער פֿולער לבֿנה באַשײַנט דעם ים אין דעם דאָזיקן שרעקלעכן אָרט.

און די דײַטשן ווידער דערמאָנען זיך אין די העלדישע טאַטן פֿון „עמדען“ און „ברעסלוי“, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די אונטערוואַסערשיפֿלעך געראַטעוועט דעם פֿאַרבינדטן טערק פֿון אונטערגאַנג.

און בײַ מיר, דעם ייִד, רופֿט אַרויס גאַליפּאָלי דעם זכרון פֿון ייִדישן לעגיאָן, וועלכער האָט דאָ אַזוי טרויעריק געטיילט דעם שיקזאַל פֿון דער ענגלישער דעסאַנט-אַרמעע און מיטן פֿאַרגאָסענעם בלוט אַ וועג צו אַ נײַעם ארץ-ישׂראל דורכגעשווענקט...

ס׳שווײַגן איצט די מעכטיקע האַרמאַטן, וועלכע זענען דאָ פֿאַרבאַהאַלטן אין די פֿאַלדן פֿון די בערג; שטום זענען די געהיימנישפֿולע פֿאָרטן, וועלכע שיצן נאָך איצט דעם שמאָלן ים-דורכגאַנג, וווּ ס׳רופֿן צו זײַן לעגענדעס: דאַרדאַנעלן.

שטיל באַוועגט זיך די שיף און אַלץ נײַע וואַקסן אויס ווײַטע פֿײַערלעך און יעדעס מאָל פֿײַפֿט אַזוי יאָמערלעך די סירענע, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָרנט פֿאַר די געפֿאַרן, וועלכע רוען דאָ. אַזוי ווי זי וואָלט זיך איבערגערעדט מיט די ווײַטע, ווײַטע ים-לאַמטערנעס, וועלכע ווײַזן איר דעם ריכטיקן וועג.

גאַנץ פֿרי אין אַ העלן מזרח-פֿרימאָרגן קומען מיר צו דעם כּישופֿדיק שײנעם באָספֿאָר, אַרום וועלכן ס׳האָט זיך צעלייגט מיט אירע טירקיזנטער מינאַרעטן, ווײַסע פּאַלאַצן, גרינע קיפּאַריסן-וועלדער — די אַלטע ביזאַנטישע וועלט-שטאָט — קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

V

קאָנסטאַנטינאָפּאָל

אונזער שיף רוט ביי דער בארימטער גאַלאַטע-בריק, וועלכע פאַרייניקט דעם איירא̇פּעיִשן פערטל פּערא מיט דעם טערקישן סטאַמ-בול. דאָ קאָכט און ווימלט פון טויזנטער דורכגייער, אויטאָמאָבילן, פורן און געשרייען פון די פּאָרט־אַרבעטער, וועלכע דערגייען ביז אין הימל אריין.

פון שיף גייען מיר אַראָפּ אַ פאַרשידנפאַרביקע פּעלקער־גרופּע, וועלכע האָט באַוויזן אין משך פון דער איצטיקער רייזע פּריינט-שאַפט צו שליסן.

דער קרימינאַל־קאָמיסאַר פון דער בערלינער פּאָליציי, וועלכער איז אונזער שטענדיקער באַגלייטער, וואָרנט אונז, אַז מיר זאָלן זיין פאָרזיכטיק פון דעם דאָזיקן המון, וועלכער קוועטשט אונז פון אַלע זייטן, — אָבער ס׳דויערט נישט קיין מינוט און אונזער קאָמיסאַר, וועלכער איז גלייכצייטיק דער פּרעזידענט פון פּאָליציי־פאַרבאַנד אין דייטשלאַנד, לאָזט אַרויס אַ געשריי... וואָס איז? ער שילט און שטורעמט, ס׳איז פּשוט דעם מענטשן נישט צו דערקענען.

זיין גאָלדן קייטעלע מיטן ציפער „13“, וועלכעס איז אונז אַזוי געפעלן געווען, דאָס קייטעלע מיטן גאָלדענעם בלייפעדער זע-נען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון קאָמיסאַרס אויבערשטער קעשענע...

אַזאַ סקאַנדאַל, אַזאַ אומדערהערטע געשיכטע!...

מיר כאַפּן זיך אַלע ביי אונזערע קעשענעס: „גאָט צו דאַנקען

גאַנץ"; נאָך נישט באַוויזן צו באַגנבענען, אָבער אונזער אָרעמער בערלינער קאָמיסאַר, דער דאָזיקער שערלאָק האָלמס פֿון דער דייטשער פּאָליציי, וועט שוין שטענדיק געדענקען די פֿלינקע גנבימלעך פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

דערבײַ אָבער באַקומען מיר, די צוויי „פּאָליאַקן" פֿון דער גרופּע, אַ קאָמפּלימענט: „און פֿונדעסטוועגן זענען אײַערע וואַרשעווער גנבים נאָך פֿלינקער: זיי קאָנען אפילו דעם קאָפּ אַראָפּגנבענען, אויב מען האַלט אים נישט גוט צו...".

מילא, נישטאָ דאָס קייטעלע מיטן „13". ווערן מיר שוין פֿאָרזיכטיקער און לאָזן זיך מיטן שטראָם צו דעם טערקישן שטאָטטייל סטאַמבול.

בײַם דורכגיין די בריק שטייען באַאַמטע און קאַסירן איין בריק-אָפּצאָל; אונז נאַרט מען ווידער אָפּ און מען נעמט אַ גאַנצן אָנשטאָט אַ האַלבן פּיאַסטער.

מיר לאָזן זיך אַלע צו דער נאָענטער פּאָסט-אָפּטיילונג, כּדי אַוועקצושיקן די בריוו פֿון ווייטן וועג אײַגענע און באַקאַנטע. יעדער פֿון אונז האַלט אַ צענטליק בריוו און פּאָסט-קאַרטן, און די טערקישע באַאַמטע זיצן פֿאַרשלאָפֿן און פֿאַרקויפֿן לאַנגזאַם די פּאָסט-מאַרקעס. אַז מיר גייען אַרויס פֿון פּאָסט-ביוראָ און ציילן איבער די מאַרקעס אויף די בריוו מיט דעם ביסל קופּערנעם רעשט, וואָס מיר האָבן באַקומען, ווײַזט זיך אַרויס, אַז מען האָט אונז ווידער באַגנבעט: גענומען טאָפּלט ווי ס'קומט.

מיר גייען צוריק און שרײַען חי־וקים יעדער אין זײַן שפּראַך; די פֿאַרשלאָפֿענע באַאַמטע אָבער מאַכן פֿון דעם גאָרנישט, רעדן אויף טערקיש, שאָקלען מיטן קאָפּ און מיר גייען נעבעך אַוועק מיט באַליידיקטע געפֿילן.

זיי געגריסט, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די אַלט-ביזאַנטישע „צאַרגראַד", מיט די זיטן פֿון גנבים!...

ווו איז אַהינגעקומען די רויטע פֿעסקע, דער שוואַרצער שלייער אויפֿן פּנים פֿון די פֿרויען, דער גאַנצער אָריענטאַלישער עלט-טערקישער קאָלאָריט, וועלכער איז אַזוי אײַנגעזאַפּט אין אונזער פֿאַנטאַזיע.

אפילו קיין שפּור נישטאָ!

אַלע מיט קאַפּעלושן אָדער מיט היטלען אויף די קעפּ אייראָ-

פּעיש געקליידט, — די פרויען אין קורצינקע קליידלעך, נאָך קור־צער ווי בײַ אונז, מיט ליפּן שרעקלעך אָפּגעפאַרבט, און אויגן מיט קויל אונטערגעשמירטע און מיט יענעם בּיליקן פּודער פאַרפּודערט, וואָס פּילט אָן מיט זיין ריח אין אַ פרייטאָג־צונאַכטס די אַלעען אין די שטעטישע גאָרטנס.

מיר רייבן זיך די אויגן און קוקן אויף די שילדן: אַלע מיט לאַטייניש שריפט, קיין סימן נישטאָ פון יענעם טערקישן אלף-בית, וואָס קוקט אויס ווי ווערעמדיקע אַרבעס; אמת, מען קאָן איצט גאָר־נישט פאַרשטיין פון די „סירקעדזשעס" מיט די „פּעטעטדזשעס", אָבער לעזן ווייניקסטנס קאָן מען.

אָבער דאָס אַלץ האָט געמאַכט אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָר דער אַלמעכטיקער אַליינהערשער פון נייעם טערקיי, דער העלד פון די יונגע און פלוכט פון די אַלטע — דער איצטיקער פּרעזידענט און מאַרשאַל — קעמאַל־פּאַשאַ.

אונז איז אַ שאָד דער אַראָפּגעריסענער שלייער פון דער פאַר־מלחמהדיקער טערקיי, דער שלייער, וועלכער פלעגט איר צוגעבן אַזויפיל עקזאָטישקייט, — איז נישט נויטיק געווען לענגער איינצו־האַלטן די פּעסקע און דאַמען־שלייער, און די בעסטע ראיה דערצו איז די לייכטקייט, מיט וועלכער זיי זענען אַוועקגעוואָרפן געוואָרן און אָפּגעטראָטן זייער אָרט דעם הוט און די שמינקע.

אונטן, אין טערקישן שטאָט־טייל, וווּ אין משך פון יאָרהונדער־טער זענען דורך די גלויביקע סולטאַנען פון גאָטס-גענאַדע טעמפּלען-מעטשעטן פאַרן הייליקן נביא געבויט געוואָרן, נישט ווייט פון דער הייליקער אַיאַ־סאָפּיאַ, איבער וועלכע ס׳איז שוין נישט איינמאָל גע־פירט געוואָרן קריג מיט דער קריסטלעכער וועלט, וואָס האָט דווקא צוריק געוואָלט אַוועקשטעלן דעם צלם אויפן דאָזיקן אַרכיטעקטאָנישן וווּנדער פון אַלע צייטן, — אונטן געפינט זיך דער פּאַלאַץ פון די סולטאַנען „סאַראַי־קיאָסק".

די סולטאַנען זענען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן און זייערע אומ־צייליקע אייניקלעך, אויב זיי לעבן נאָך, שפּילן אַלס מוזיקער אין פאַרשידענע קאַבאַרעטן, אָדער וואַלגערן זיך אין אָרעמקייט אין די אייראָפּעישע צענטערן, — דער פּאַלאַץ אָבער מיט די מוזייען אַרום איז נאָך איצט אַ צוציונגס־אָרט פאַר אייגענע און פרעמדע.

אַרום די הענגנדיקע טעראַסן פון דער באָספאָר־פּאַנאָראַמע, —

האָט יעדער סולטאַן געבויט פאַר זיך אַ זומער־פּאַוויליאָן, באַצירט מיט די טייערסטע מעבל, טעפּיכער און בילדער. צוזאַמען געפינט זיך אין סאַראַי-פּאַלאַץ אַ צענטליק אַזעלכע פּאַוויליאָנען פון פאַרשי־דענע סולטאַנען, דאָרט געפינט זיך אויך די שאַץ־קאַמער פון די סולטאַנס, וועלכע מען עפנט פון צייט צו צייט מיט גרויס פּאַראַד און מען ווייזט פאַר די געסט די טויזנטער פינקלדיקע בריליאַנטן. אפיקורסים זאָגן אפילו, — און איך אויך בתוכם,—דאָס די בריליאַנטן זענען פון דעם מין, וואָס מען פאַרקויפט בחצי־חנם ביים זאַקסישן גאָרטן, — און אַז די אמתע שטיינער זענען שוין לאַנג פאַרתכלעוועט געוואָרן, אָבער דערוויל באַקוקט מען די „רייכטימער” און מען האָט הנאה.

די שענסטע דימענטן אָבער, וואָס די סולטאַנס האָבן פאַר־מאָגט, זענען געזאַמלט געווען נישט אין שאַץ־קאַמער, נאָר אין דער גרויסער האַרעם־געביידע, וואָס געפינט זיך אין צענטער פון „סאַראַי”.

נישט אַזוי לייכט איז אונז אָנגעקומען צו קריגן די ערלויבע־ניש צו באַזוכן דעם געוועזענעם און איצט ליידיקן סולטאַן־האַרעם.

ווען נישט דאָס, וואָס מיט אונז איז געווען אַ קאַפּיטאַן פון איטאַליענישן קריגספלאָט, וואָלט אונז דער דירעקטאָר געוויס נישט אַריינגעלאָזן.

אָבער ענדלעך גיט מען אונז אַ ס ר י ס, יאָ, אַן אמתן, עמע־ריטירטן סריס פון די „סריסי הסולטאַן”, מיט אַ קיילעכדיקן פרויען־געזיכט, פאַרלאָשענע אויגן און העסלעכן גאַנג, — און ער, דער אַל־טער קענער, פירט אונז אין די האַרעם-אַפּאַרטאַמענטן.

מען דאַרף אויך באַטאָנען, אַז איצט איז אויסהאַלטן אַ האַרעם פאַרווערט, און אַ באַלעבאַטישער טערק האָט לויטן געזעץ דאָס רעכט בסך־הכל אויף פ י ר ווייבער, איז טאַקע געוואָרן אַ בהלה ביי אַלע אָנשטענדיקע און רייכע אָטאָמאַנישע בירגער: נ אָ ר פיר ווייבער?! ס'איז דאָך פּשוט אַ וועלט־סקאַנדאַל, אַ בושה פאַר מענטשן!...

מען האָט פונאַנדערגעלאָזן דאָס ביסל ווייבער, און מען האָט אָנגעהויבן פירן אַ באַשיידן לעבן מיט עפּעס אַ 4-3 באַשערטע.

און אַז מען קומט אַריין אין געוועזענעם סולטאַן־האַרעם זעט מען ערשט, ווי גרויס דער בראַך איז געוואָרן: צענטליקער צימערן, שטאָק אויף שטאָק, איינגעאָרדנט מיטן גרעסטן קאָמפאָרט. אַרום די

וועגט מיט זיידנס געדעקטע קאַנאַפּעס פון פאַרשידענע קאָלירן, טייערע שפּיגלען, — טאַבּורעטן אויף רויכערן, פּאָטעלן ביי יעדן צימער פּאַר זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט, ווען ער פלעגט באַוויליקן קומען מיט אַ באַזוך; צימערן מיט באַסיינען, ווו די ווייבער פלעגן זיך באָדן פאַר זייער הערשער; צימערן קלענערע און אינטימערע...

פון די פענצטער עפנט זיך אַ ברייטער אויסזיכט אויף דעם ים-אויסגוס, מער נישט זיי זענען אַביסל פאַרקראַטעט, — נו, איז וואָס, שטערט דען דאָס דעם עסטעטישן אויסזען פון פּאַלאַץ?

אונטן אַ גאַנצע געביידע פאַר די אַזוי זיכערע ווייבער-שומרים, די סריסים (עוונוכן). מען מעג אָנקוקן די דאָזיקע קאַזעמאַטן פון די ליבע-היטער אום צו פאַרשטיין, אַז מען האָט מן הסתם געהאַט דעם אייגענעם צוטרוי, ווי צו די 500 ווייבער און קעבס-ווייבער אויבן אין פּאַלאַץ.

ס י ר י ע ן

I

דמשק

1

צו די ווייניקע שטעט פון דער וועלט, וואָס רעגן די פאַנטאַזיע, וועקן די נייגיריקייט פון ציען צו זיך מיט זייער רעטזלהאַפטיקייט, — געהערט בלי-ספק דמשק.

אַ שלייער פון ריין מזרחישן כישוף הילט אַרום דמשק אין אונזער פאָרשטעלונג, — און איך בין דעריבער געווען זייער געשפּאַנט דעם דאָזיקן שלייער אויפצוהויבן און זיך מיט דער שטאָט צו באַקענען.

מיר פאַרלאָזן פון ביירוט אויף אייניקע טעג אונזער שיף און נאָר אויבערפלעכלעך וואַרפן מיר אַ בליק אויף דער דאָזיקער גרויסער פּאָרט-שטאָט, וועלכע די פראַנצויזן פאַרוואַנדלען שנעל אין אַן ערשטקלאַסיקן האַפן, וואָס וועט מיט אירע אינסטיטוציעס און געביידעס געוויס אין אַפּאָר יאָר אַרום נישט אָפּשטיין פון ענלעכע אַזעלכע פראַנצויזישע קאָלאָניאַל-האַפנס אין אַלזשיר אָדער מאַראָקאָ.

לויט דעם ווי גאַנצע קוואַרטאַלן אַלטע און ענגע ווערן צעוואָרפן, כדי אויף זייער אָרט זאָלן אויסוואַקסן נייע באַקוועמע הייזער, — קאָן מען זיך לייכט איבערצייגן, אַז די פראַנצויזן ווילן זיך דאָ איינבירגערן אויף גאַנץ לאַנג, אַריינגעמען דעם סירישן מאַנדאַט אין פעסטע הענט, און אַלנפאַלס האַלטן אים נישט קירצער, ווי די ענגלענדער דעם שכנישן מאַנדאַט — פּאַלעסטינע.

נאָר ביירוט האָט דעם כאַראַקטער פון יעדער האַפן-שטאָט מיט דער געמישטער באַפעלקערונג, גאַסן פול מיטן לעוואַנטינער המון-קוואַרטאַלן, וועלכע זענען באַשטימט צו באַפרידיקן די שיכּרות און

ליבעס-באַדערפעניששן פון די פאַרשידנשפּראַכיקע און פאַרשידנפאַרביקע מאַטראָסן, וועלכע רוען דאָ איייניקע שעה אָדער אייניקע טעג.

אונזער ציל איז אָבער די הויפּטשטאָט פון סיריען — דמשק, וועלכע ליגט טיף אין לאַנד, אַ האַלבן טאָג רייזע מיט דער באַן. אָדער אַ 5-4 שעה מיטן אויטאָמאָביל.

לאַנג קלויבן מיר אויס אַן אַנטשפּרעכנדן שאָפער, וועלכער זאָל זיין געניג אינטעליגענט אויף געבן די נויטיקע ערקלערונגען, ווי אויך אַן אויטאָמאָביל, וואָס זאָל זיין גענוג שטאַרק און אויסהאַלטן די רייזע איבער די בערג און טאָלן פון לבנון און סיריען.

צוויי יידן און צוויי קריסטן זענען מיר, אָבער מען האָט זיך שוין גוט צוזאַמענגעלעבט און מען איז אַנטשלאָסן וואָס מער איינדרוקן און באַגעגענישן זוכן און לערנען.

אָט הויבן מיר זיך אויף לאַנגזאַם מיט אונזער גלענצנדן „קאַדיללאַק" אויף די בערג אַרום ביירוט און עס אַנטדעקט זיך פאַר אונז די פּאַנאָראַמע פון גאַנצן ים-אויסגוס פון איין זייט, פון לבנון מיט זיינע שפּיצן, וואָס וויקלען זיך ווי אַ שלאַנג אַרום דעם מיט שניי-באַדעקטן חרמון און פון ווייטן, ווייטן מדבר אונטן.

מיר פאָרן איבער אַן אַספאַלט-שאָסע, וואָס נישט יעדער אייראָפּעיש לאַנד פאַרמאָגט עס, — אַ שאָסע, וואָס ציט זיך הונדערטער קילאָמעטער ווייט ביזן מדבר-זאַמד, ווו ס'הויבט זיך אָן דער וועג אין באַגדאַד און פּערסיען.

די היץ איז אומבאַשרייבלעך. מיר וואַרפן שנעל אַראָפּ די רעקלעך און בלייבן נאָר אין די אויבערשטע העמדער, מער נישט, אויפן קאָפּ לאָזן מיר די ווייסע טראָפּיקאַל-היטן, וועלכע מען מוז די גאַנצע צייט אָפּהיטן, כדי נישט כאַפּן אַ זונען-שלאָג.

אונזער שאָפער שמייכלט. באַלד — זאָגט ער — וועט איר זוכן אַ שטיקל פוטער, זיך אָנצוואַרעמען, — זאָלן מיר נאָר אויפהויבן זיך העכער ווי טויזנט מעטער איבער דעם ים-פלאַך.

און דער אַספאַלט-שאָסע שלענגלט זיך און אויף אים גליטשט זיך אונזער איינזאַמער אויטאָמאָביל און עס דוכט זיך, אַז אָט רייסט ער זיך אָפּ פון די מוראדיקע בערג-זיגזאַגן און פאַלט אַראָפּ אין אָפּגרונט, ווי אַ שטיינדל, ווי אַ שטויב.

מיר פאָרן איבער די היסטאָרישע לבנון-בערג, די, וועלכע האָבן געזען די וואַנדערונגען פון די יידן אין די צייטן פון אברהם אבינו,

געטוליעט אין זיך דעם אַנטלויפנדן אליהו הנביא, איבער זיי האָט מען געפירט די קאַראַוואַנען מיטן טייערן האָלץ פאַרן בית-המקדש פון שלמהן...

אויך איצט ציצן זיך לאַנגע, לאַנגע קעמל-קאַראַוואַנען מיט בעדוינער און דאָס שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ קאָנטראַסט מיטן סאַפּנדן אויטאָמאָביל און שפּיגל-אַספאַלט פון שאָסע.

קאָנטראַסטן... דריי טויזנט יאָר צוריק און דער צוואָנציקסטער יאָרהונדערט גייען דאָ האַנט ביי האַנט, האַרמאָניזירן מיט זיך און ערגענצן איינער דעם צווייטן.

אין אַ ווילדן גאַלאָפּ אויף פולבלוטיקע אַראַבישע פערד טראָגן זיך אין ווייסן איינגעוויקלט רייטער, מיט שוואַרצע בערד און פייערדיקע אויגן, — העלדישע רייטער פון קאַמף און שלום.

אונזער שאָפער איז אַ סיריער, וועלכער האָט אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה, ער באַציט זיך דעריבער מיט אַ געפיל פון שפּאָט אָדער שנאה צו זיינע געוועזענע מוזולמענישע ברידער.

איבערהויפּט האַלט ער נישט פון די דרוזן, וועלכע זענען לויט זיין מיינונג פאַלש און פאַררעטעריש.

„אַז ס'וועט זיך צעברעכן אונזער אויטאָמאָביל, — זאָגט ער, — און מיר וועלן גענייטיקט זיין צו זוכן אַ נאַכטלעגער אויפן וועג, — וועלן אונז גלייך פריינטלעך אויפנעמען די דרוזן און בעדוינער. אָבער אויב דער בעדוינער וועט אונז געבן אַ מאָלצייט און שפּעטער איינדעקן אויפן געלעגער, וועט דער דרוז אונז געבן אַ מאָלצייט און שפּעטער — קוילענען אויפן געלעגער"...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, הייסן מיר דעם שאָפער זיין מער פאָרזיכטיק מיט דער מאַשין, ווייל מיר ווילן גענטיקן אין דמשק און האָבן אפילו אין זינען נישט צו מאַכן דעם פאָרגעלייגטן פּרווו מיטן בעדוינער אָדער דרוז.

און דערווייל הויבן מיר זיך אויף אַלץ העכער און אַ שאַרפער באַרג-ווינט בלאָזט פון דעם מיטן שניי-באַדעקטן חרמון. עס ווערט קילער און קילער און מען כאַפּט אויף זיך אַרויף וואָס מען קאָן נאָר, כדי זיך צו שיצן פון קעלט.

פון אַ באַרג-ווינקל וואַקסט פלוצלינג אויס אַ פיגור פון אַ סירישן פּאָליציאַנט, וועלכער פאָדערט אונז אויף אָפּצושטעלן זיך, און באַפאַלט דעם שאָפער מיט גרעסטע זילזולים פאַר שנעל פאָרן. דער שאָפער

פאַרענטפערט זיך, אָבער דער פּאָליציאַנט שטעלט זיך אַוועק ביים רו־דער און פאָדערט אויף צוריקצוקערן זיך אונטן צום נאָענטסטן פּאָליציי־פּאָסטן, ווו ער וועט צוזאַמענשטעלן אַ פּראָטאָקאָל און דאַן וועט מען שוין זעען.

אַזאַ נאַר איז אונזער שאָפער אָבער נישט, און נישט שעמענדיק זיך פאַר אונז, נעמט ער אַרויס אַ באַנקנאָט פון צוואַנציק פראַנק און שטעקט אַריין אין יד דעם שוואַרצן פּאָליציאַנט, — יענער באַרויקט זיך גלייך און לייגט פאַר זאָגאַר פּאַפּיראָסן דעם שאָפער און די פּאַסאַזשירן...

„אַ געוויינלעכע זאַך דאָ ביי אונז: די פּאָליציי באַקומט צו ווייניק געהאַלט, — מוז זי אַביסל צואַרבעטן". מיר לאָזן זיך ווידער אַראָפּ אין אַ טאָל און די היץ שטיקט מיט דער גאַנצער קראַפט.

אין אַ קליינער אַראַבישער קרעטשמע ביי דעם ברעג פון אַ שטורעמ־דיקן וואַסערפאַל, צווישן קיפּאַריסן־ און אָראַנזשן־בוימער, — רוען מיר זיך אַביסל אָפּ. פון קוואַל טרינקט מען אָן די קעמלען, ס'קומען אויף אייזעלעך בערג־איינוווינער, מען וואַרפט זיך אויף די קני מיטן פנים צו מזרח און מען געזעגנט די אַוועקגייענדע זון מיט אַ מנחה.

מיר, פיר אייראָפּעער, אין דאָזיקן פרעמדן אַזיאַטישן ים,—פילן זיך אַביסל איינזאַם, אַזוי ווי אָפּגעריסן פון אַ ווייטער סביבה. עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועט מען זיך מיט אונז אָפּרעכענען פאַר די אויטאָמאָבילן, פאַר די שאָסעען, פאַרן גאַנצן גערודער, וועלכן מיר האָבן אַריינגעטראָגן אין אוראַלטן לעבן פון לבנון און חרמון.

נאָר, ניין! מען איז צו אונז גלייכגילטיק, מען קוקט זיך אפילו נישט אַרום, דערוויל, — ביז ס'וועט קומען נאָכאַמאָל דער רוף פון די הערשער, און דרוזן און בעדוינער וועלן זיך אַרויפכאַפּן אויף זייערע פייערדיקע פערד און ווידער צעפלאַקערן די הייליקע, אייביקע מלחמה צווישן דעם מדבר און זיינע ציוויליזאַטאָרן.

ערשט מיט איניקע יאָר צוריק האָט זי זיך געענדיקט, אין טייכן בלוט האָבן די פראַנצויזן דערטרונקען זייער אויפשטאַנד,—אָבער ווער ווייסט, וואָס עס בויערט שוין ווידער דער געהיימנישפולער מדבר.

* *
*

מיר פאָרן אַריין אין אַ לאַנגע אַלעע פון צעדערבוימער און קיפּאַריסן.

פון ווייטן פינקלט שוין אין טויזנטער פייערן דמשק; ווי אין אַ מעשה פון „טויזנט און איין נאַכט“, וויקלען זיך פונאַנדער די ווייסע מינאַרעטן פון סולימאַן-מעטשעט, די שטראָמענדע המונים פון אַלע זייטן אין רויטע פעסקעס אָדער אין ווייסע „טשאַלמעס“, צי אין שוואַרצע קליידער און מיט באַדעקטע פנימער פרויען מיט קינדער אויף די פלייצעס; לאַנגע טעראַסן פון קאַפע-הייזער, ווו אויף די דעכער און וועראַנדעס זענען צוזעצט אָדער האַלב-ליגן פוילע אין ווייסן-געקליידטע שוואַרצע און בראָנזענע סיריער און ציען אין זיך פון די מעטער-לאַנגער שנורן דעם זיס-ביטערן נאַרגיל.

2

דמשק אין אָוונט

די גרויסע דריי-הונדערט-טויזנט-קעפּיקע שטאָט מיט איר הויפּט-באַפעלקערונג, וואָס באַשטייט פון סיריער, —קריסטלעכע און מחמדאַנישע, — ספרדישע יידן, בעדווינער און דרוזן, אָטעמט אָפּ טיף נאָך דעם שווערן, הייסן, זומערדיקן טאָג, וועלכער גליט ווי אַ קאַלך-אויוון.

אַלץ איז אויף דער גאַס, יעדער פון זיין קוואַרטאַל, די מענער אין די קאַפע-הייזער. די פרויען אויף די בריקלעך פון די הויפן. לאַמטערנעס פון פאַרשידענע קאָלירן גיבן אַ שטיקל באַגריף פאַרן פרעמדן דורכגייער איבער דער מאָראַלישער הויך פון די פאַרמאַכטע לאָקאַלן פון וועלכע עס טראָגן זיך טענער פון אַן אייגנאַרטיקער מוזיק.

גאַנץ ווייניק איז פאַראַן מאָדערנע געביידעס לויט אונזער באַגריף, אָבער זייער פיל ווייסע אין אָריענטאַלישן סטיל פאַלאַצלעך, מיט אינערלעכע הויפן, ווו עס שפּריצן פאָנטאַנען און אונטער ציטריבען און אָלעאַנדרען זיצט די גאַנצע פאַמיליע ביים אָוונט-ברויט.

ווי אַ דיסאָנאַנס רייסן זיך אַריין אויף דעם דאָזיקן הינטערגרונט די שרייענדע פייערן פון די קינאָס, ווו מען גיט בילדער, וואָס מיר האָבן שוין געזען מיט יאָרן צוריק.

ביים אַריינגאַנג אין די קינאָס און אין די פאַרמאַכטע לאָקאַלן מיט די לאַמטערנעס דרענגען זיך גרופּעס פון פעך-שוואַרצע סאָלדאַטן אין רויטע אוניפאָרמעס, — דאָס קאָלאָניאַלע פראַנצויזישע מיליטער, —מיט זיי היינטמאָדישע מחמדאַנער שוין קורץ-געקליידט, אָבער מיט

פעסקעס אויף די קעפּ, די טאַטעס פון די דאָזיקע אפּיקורסים זענען נאָך איינגעהילט אין לאַנגע „אַבאַיעס", טראָגן קליידלעך אָנשטאָט הויזן און ווייסע לאַנגע טיכער אָנשטאָט די קאָפּ־פעסקעס, — די יוגנט אָבער מאָדערניזירט זיך און קוויקט זיך מיט טשאַפּלינען, אָדער מיט די וויס־שוואַרצע שקלאַפינען פון „ליבע־קוואַרטאַל".

אין די דאָזיקע ענגע, שמוציקע גאַסן, וווּ פאַר יעדן הויז הענגט אַ רויטע לאַמטערנע און פאַר די אָפענע טירן זיצט אַן אמתער פרויען־אינטערנאַציאָנאַל פון טיפן מזרח און פון איראָפּע, פולסירט אַ גאַנץ אייגנאַרטיק לעבן פון פריילעכקייט און אויסגעלאַסנקייט.

מען קאָן פאַרטויבט ווערן פון די צענטליקער גראַמאָפאָנען, וועלכע גרילצן די „ראָמאַנע", אָדער חזנישע שטיק פון אַן אַראַבישן זינגער, וועלכער ציקלט זיך מיט אַ גאָרגל־שטימע. און מיט דער דאָזיקער „מוזיק" מישן זיך צונויף די קולות פון די פרויען, אָפּט־מאָל קינדיש־יונגע און בילד־שיינע, אָבער מערסטנטיילס אַלטע און אָפּגעבלאַקעוועטע שטימען, וועלכע רופן „געסט" אויף אַלע מעגלעכע שפּראַכן.

און אַזוי ווי אַן איראָניע פון גורל געפינט זיך אין ענדע פון דאָזיקן קוואַרטאַל איינע פון די גרעסטע קריסטלעכע הייליקייטן; דאָס פענצטער פון דער טורמע, פון וועלכן, לויט דער לעגענדע, ס'איז אַרויסגעפלויגן אין הימל אַריין אַפּאָסטאָל פּאַוועל, און ער האָט זיך געראַטעוועט אין דמשק, נאָך דער קרייצונג פון נוצרי.

* *
*

אָבער אַ האָטעל האָבן מיר נאָך אַלץ נישט, ס'איז פאַראַן, אמת, אין דמשק אַן איראָפּעיש־איינגעאָרדנט גאַסטהויז, — מוז מען דאָרט פאַר איין טאָג ווינען און דווקא מיט עסן צאָלן אַזוי פיל, ווי אין אַ איראָפּעישן האָטעל.

זוכן מיר איבער די גאַסן עפּעס אַן אַכסניא, וווּ מען זאָל קענען די נאַכט איבערנעכטיקן און נישט אויפגעגעסן ווערן פון קליינע חיות.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי אַ שילד, וועלכע איז אפילו נישט איבערזעצט מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן, אָבער אַזוי ווי אויף אים איז אויסגעמאָלט אַ בעט מיט אַ שאַפע און ביים אַריינגאַנג אַ צניעותדיק

בלוי לעמפּל, פאַרשטייען מיר, אַז מיר האָבן צו טון מיט אַ באַלע־באַטישן אַראַבישן האָטעל.

מילא, ווי אַזוי מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, ווייסט איין גאָט. מיר האָבן געשריען און געדונגען זיך אויף די פינגער, זיי נאָך הע־כער, און געוויזן געלט, — בקיצור, מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין אונזערע צוויי גאָר־נישקשהדיקע צימערן, וווּ די בעטן זענען אַרומגערינגלט מיט אַ דיקע מאַרלע, און מען לייגט זיך אַריין ווי אין אַ טרומנע, כדי די מאָסקיטן זאָלן נישט קענען צוקומען.

אָבער שלאָפן האָבן מיר דאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט. איר דאַרפט וויסן, אַז אין סיריען זענען פאַרהייליקט צוויי מינים חיות: קעץ און וואַנצן. די קעץ זענען דאָ דיקע, פעטע, געלע, ווילן נישט עסן קיין מייז, און מען שפּייזט זיי ווי בני־יחידים מיט גע־שמאַקע זאַכן. די וואַנצן האָבן גאָר אַ גן־עדן—מען גיט זיי מענטשן־פלייש פון פאַרשידענעם קאָליר.

אין אַן ערגערער לאַגע געפינען זיך הינט און פערד: פון זיי מאַכט מען אין די רעסטאָראַנען אַ שניצל אָדער ביפשטעקס און מען פאַרקויפט דאָס פאַר גוט געלט די אייראָפּעער.

האָבן אונטער אונזער פענצטער אַ גאַנצע נאַכט געמיאַוקעט כאָפּ־טעס פאַרליבטע קעץ און אונזערע לייבער זענען געוואָרן רויב־פלייש פון זייערע קלענערע קאָלעגן.

אויסער דעם האָט אונז אַ גאַנצע נאַכט צוגעשפּילט אַן „אָר־קעסטער" אונטן אין רעסטאָראַן, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ גרוי־סער פּויק און אַ וויינענדיקער פלייט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר גע־הערט ניגונים, וועלכע זענען אַזוי ענלעך צו באַזעצן אַ כלה...

מילא, די „הייליקע" קעץ האָבן מיר צעיאָגט, מאַכנדיק אַ גוואַלד פון פענצטער, אָבער די חתונה־ניגונים האָבן נישט אויפגעהערט ביז די גליענדע זון האָט גלייך פון פאַרטאָג אָן נישט באַלויכטן דמשק און אַוועקגעטריבן דעם שלאָף פון אונזערע אויגן.

II

צורישן יידן

א

I

ווען מען גייט אַריין אין די ריין־מוזולמענישע קוואַרטאַלן פון דמשק, ווען מען גייט דורך די לאַנגע, לאַנגע „באַזאַרן”, וועלכע ווענען פשוט פאַרשאָטן מיט קערב פון פאַרשידענע פירות: ווייַנטרויבן, מאַרעלן, עפל, באַרנעס, באַנאַנען, ציטרינען, פייגן גרינע, הויבט מען זיך אָן נאָכפרעגן, וווּ איז דער יידישער קוואַרטאַל.

אויב איר האָט גליק און מען פאַרשטייט אייך, ווייזט מען אָן מיט אַ שמוציקן פינגער פאָרויס און מען גיט צו שרייענדיק: „האַבאַד אַל יאַהוד”, דאָרט, הייסט דאָס, איז דאָס יידישע פערטל.

גייט איר ווייטער און זענט שוין אין די גאַסן, וווּ ס׳דאַרף זיין דאָס יידישע פערטל און איר זעט נאָך „באַזאַרן” מיט פירות פאַרשאָטן און מיט פאַרשידענע בשמים, און איר זעט נאָך אַלץ מענטשן אין רויטע פעסקעס און לאַנגע ווייסע „אַבאַיעס”, וועלכע שרייען אַראַביש.

פרעגט איר ביי אַזאַ איינעם: „האַבאַד אַל יאַהוד?” ענטפערט ער אייך מיט אַלע חושים, אַז יאָ, איר זענט דאָך אין יידישן קוואַרטאַל! קוקט איר זיך אַרום פאַרוווּנדערט אויפן טומלדיקן המון „אַראַבער” אין זייער מזרח־טראַכט, אויף די אייזלען און קעמלען, וועלכע ווערן אָנגעטריבן פון אַזעלכע „אַראַבער”, און איר פרעגט נישט דרייסט: „היהודי אתה?” (ביסטו אַ ייד?), ענטפערט דער „אַראַבער” מיט שמחה: „כן, כן, יהודי! ואתה?” (יאָ, יאָ, אַ ייד! און דו?)

וואָס ווייטער איז, פאַרשטייט איר שוין אַליין; ס׳ווייזט זיך

אַרויס, אַז שוין 15 מינוט שפּאַצירן מיר אין יידישע גאַסן, באַקוקן די טיפּן, הערן דעם טומל, און אַז דאָס אַלץ זענען יידן, פון וועלכע כמעט יעדער פאַרשטייט נישקשהדיק העברעיש און זי איז טאַקע די איינציקע שפּראַך, אויף וועלכע מיר קאָנען זיך דאַן צונויפרעדן.

פרעגט מען זיך ביי זיי אויף אַ רב, אויף אַ שול, ווערט אַ צונויפגעלויף פון אַלטע און יונגע, יעדער וויל פריער פירן, פריער ווייזן, יעדער שטעקט „שלום" און עפּעס אַלע זענען אַזוי גערירט, וואָס די דאָזיקע פאָר אייראָפּעער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אייגענע, פאַר ברידער. און אויך מיר האָבן דעם זעלבן געפיל, ווי ס'וואָלט פלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן דער אונטערשיד פון די טויזנטער יאָרן, וואָס טיילט אונז אָפּ אויף אונזערע באַזונדערע גלות-וועגן, ווען דער שיקזאַל האָט געיאָגט די צעבראָכענע טיילן פון יידישן מלוכה-שיף אויף אַנדערע ימים, אָבער דורך דער אייגענער לייטערונג פון יסורים און אינקוויזיציעס...

זייט זשע מיר מוחל דאָס ביסל סענטימענטאַליטעט, וואָס מען האָט, ווען מען טרעפט זיך מיט אַ ברודער נאָך אַ „טויזנטיעריקער" אָפּוועזנהייט!

אַ קליין ייִנגעלע, אַ שילער פון דער „אַליאַנס"-שולע, פירט אונז צום שול-דירעקטאָר, „וועלכער איז אַזאַ געבילדעטער און קלוגער און וועט שוין וויסן, ווי אַזוי אונז געבן די נויטיקע דערקלערונגען".

איך דערמאָן זיך די מאמרי חז״ל וועגן די פראַגעס, וואָס די גריכן פלעגן שטעלן, וועלנדיק וויסן, צי יידן זענען אַ קלוג פאָלק; זיי האָבן געפרעגט די ערשטע בעסטע באַגעגנטע קינדער פון ירושלים און לויט זייערע גלענצנדע תשובות, האָט מען געמאַכט די אויספירונגען

איך טו זיי נאָך און צערעד זיך מיטן ייִנגעלע. דער צוועלפיאָריקער שילער פון „אַליאַנס", וועלכער באַזוכט אַ קלאַס, וואָס איז ענלעך צום פערטן קלאַס פון אונזער אַ פאָלקס-שולע, — רעדט פריי העברעיש, נאָך בעסער, פאַרשטייט זיך, פראַנצויזיש, וועלכע איז די שפּראַך פון די אַלגעמיינע לימודים.

אָבער אין שטוב רעדט מען עספּאַניאָליש, דאָס איז דאָך זיין מוטער-שפּראַך און אין גאַס רעדט מען דאָך אַראַביש, דאָס איז דאָך די פאַרקערס-שפּראַך מיט די שכנים...

אָבער חוץ דעם איז דאָס אַ קלוג נפשל, וועלכער ווייסט טאַקע

נישט געגנוי, ווו פוילן איז, („דאַכט זיך, לויט דער מאַפּע, ערגעץ הינטער פראַנקרייך"...). אָבער דערפאַר ווייסט ער, וויפל יידן ס'זענען פאַראַן אין דמשק, וויפל אין ארץ־ישראל, ווער איז געווען ד"ר הערצל און ווער זענען די קלאַסיקער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

דער פאָטער — אַ גאָלדשמיד, רעדט גוט העברעיש, די מוטער נישט, אָבער די שוועסטערלעך יאָ...

„אַז ער וועט אַלט ווערן 15 יאָר, וועט ער באַזוכן ארץ־ישראל. ס'איז דאָך גאָרנישט אַזוי ווייט: 2 טאָג גאַנג איבערן לבנון. באַמערקט: דאָס יינגעלע פּאָרט נישט אין ארץ־ישראל, נאָר גייט. ער דאַוונט יעדן טאָג, דער פאָטער אָבער נישט: „דאַוונט נאָר שבת, ווען דאָס געשעפט איז פאַרמאַכט, ווייל אינמיטן וואָך דאַרף מען דאָך אַזוי פיל האָרעווען איבער דער פרנסה".

פירט מיך צו דאָס יינגעלע צו אַ שיינעם ווייסן בנין, פונוואַנען ס'טראָגט זיך דער אַזוי באַקאַנטער פריילעכער טומל פון דער טייערער „קינדער־כאַלאַסטרע", וועלכער איז שטענדיק אייגנאַרטיק און דאָך אַלגעמיין פאַר אַלעמען.

אין שיינעם, מיט מאַרמאָר געפלאַסטערטן הויף פון דער שול „שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך", נאָר נישט אין „קאַפּאָטקעלעך", נאָר אין שוואַרצע... קליידעלעך, אַנדערע מיט היטעלעך פון מזרח־שניט, אַנדערע מיט בלויזע קעפּעלעך.

אייניקע הונדערט שוואַרץ־אויגיקע, בראָנז־הויטיקע לוסטיקע און לעבעדיקע „יידעלעך"...

ניין! נישט נאָר „יידעלעך", ווייל אין דער יידישער שול לערנען אויך אַפּאָר צענטליק אַראַבישע קינדער, נאָר דאָס געניטסטע אויג וועט זיי דאָך נישט אונטערשיידן די אַזוי צוזאַמענגעלעבטע אין איין לעבנס־שטייגער און קלימאַט־באַדינגונגען קינדער פון ווייטן דמשק.

מיר ווערן מיט פרייד אָנגענומען פון לערער־קאָלעגיום, אַלע פראַנצויזיש־קולטיווירטע מזרח־יידן, דער דירעקטאָר איז אַפילו פון פוילישער אָפּשטאַמונג, — ה' זילבערשטיין פון לעמבערג, — אָבער ער איז שוין געבוירן אין דמשק פון עלטערן, וואָס האָבן עמיגרירט פון גאַליציען.

„זעט איר די יינגעלעך פון דער שול, ווי אויך די מיידעלעך און יינגלעך פון די אַנדערע דריי דמשקער פאָלקס־שולן, צוזאַמען

2000 קינדער; — עס וואַקסן פון זיי גוטע, טרייע יידן. מען נעמט זיי שוין אַרויס פון אַראַבער גלות-ים, פון דער קליידונגס-אַסימילאַציע און מען מאַכט זיי פאַר געזונט-דענקענדע מענטשן און יידן".

דאָס הויז, ווו די שולע געפינט זיך, איז שוין אַלט אייניקע הונדערט יאָר און איז געבויט אין מויריטאַנישן סטיל מיט פיל מאָזאַיק אויף די ווענט, מיט אַ גאָרטן און פאָנטאַן, מיט קלאַסן אָן טירן, וועלכע גייען אַלע אַרויס אין אינערלעכן צענטראַלן גאָרטן; דאָ איז דאָך קיינמאָל נישט קאַלט, — קאָן מען זיך דערלויבן אויף אַ שטענדיקע דורכלופטערונג.

ווען די לימודים הויבן זיך אָן, באַזוכן מיר אייניקע קלאַסן. הערן זיך צו צו די לעקציעס פון העברעיש, אַראַביש א.ד.גל.

עס הערשט אַ גלענצנדע דיסציפלין צווישן די קינדער, נישט ערגער, אויב נישט בעסער, ווי אין אונזערע שולן. מיר וועגענען זיך מיט דער שולע און מיט די קינדער, וועלכע האָבן אונז — נאָך נעכטן ווייטע און פרעמדע — אויסגעוויזן איצט, ווי קרובים און אייגענע.

2

אַלט טויזנט יידן וווינען איצט אין דמשק, כמעט אַ העלפט, ווי פאַרן קריג. די שווערע באַדינגונגען פון מלחמה אין דאָזיקן געגנט, די אוממעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט האָבן אַרויסגעטריבן די יוגנט אין אַלע וועלט-טיילן און מיט דעם פאַרקלענערט די יידישע באַפעלקערונג.

אַ גרויסער טייל פון דמשקער יידן זענען באַשעפטיקט ביי דער קופער- און זילבער- האַנט-אינדוסטריע, וועלכע איז אַ יידישע ספעציאַליטעט און אין דער גאַנצער וועלט באַוווּסט אַלס די פיינסטע דמשקער אויסאַרבעטונגען (טאַצן, לאָמפן, שרייב-געצייג, זילבער-אַזשור-אַרבעט א.ד.גל.).

מער ווי אַ העלפט יידן לעבן פון פעדלעריי איבער די צאָלרייכע אַראַבישע דערפער, ווו זיי זענען באַקאַנט פאַר ביליקסטע פאַרמיטלער און ווערן דאָרט דעריבער גערן געזען. אַרום 15 פראָצ. זענען שניידער, שוסטער און אַנדערע בעלי-מלאכות, אַ 15 פראָצ. גרויסע סוחרים און אַ 10 פראָצ. אַרבעטנדע אינטעליגענץ.

עקאָנאָמיש — נישט שלעכט: מען אַרבעט שווער און אַסן, אָבער אַלע פאַרדינען און מאַכן אַ לעבן.

די באַציונגען מיט די שכנים: זייער גוטע מיט די מחמדאַנער, ערגערע מיט די סירישע קריסטן, אָבער אויך דעם אַזוי צו זאָגן געזעלשאַפטלעכן לייטער פאַרנעמען יידן די העכערע שטופן און מען אַכטעט זיי.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די בלוט-בילבולים, וועלכע ציען זיך נאָך פון די צייטן, ווען משה מאָנטעפיאָרי האָט געמוזט פאָרן ראַטעווען די יידישע באַפעלקערונג פון אונטערגאַנג. יעדעס יאָר כמעט אַ נייער בלוט-בילבול, מייסטנטיילס מצד די קריסטן, — אָבער עס ענדיקט זיך שטענדיק מיט פאַרמשפּטן די בילבול-מאַכער: אין דער הינזיכט זענען די פּראַנצויזן פּולשטענדיק שטרענג און אין אָרדענונג.

אין אַלגעמיין זענען די יידן צוגעבונדן צום לאַנד, פילן זיך דאָ פריי און בילדן אַ רעליגיעז און נ אַ צ י אָ נ אַ ל געשלאָסענע איינהייט...

די יידישע פרוי אַרבעט שווער, פאַרנעמט אַ נידריקערן אָרט אין פאַמיליען-לעבן, ווי איבערהויפּט אין מזרח, און אונטערשיידט זיך פון דער אַראַבישער פרוי מיטן נישט-באַדעקטן געזיכט און מיט די וואונדער-שיינע אויגן און ברעמען.

די יידישע טעכטער, צניעותדיקע, בילד-שיינע מזרח-טיפּן, באַקומען מערסטנטיילס אַן אייראָפּעישע בילדונג און שטייען מיט איינקע יאָרהונדערט פאָרויס, ווי זייערע אַראַבישע נאָענטע שכנות, אָפּגעשלאָסענע אין שטוב, האַרעם, און אונטער דעם שוואַרצן דעקטוך.

* *

*

מען פירט אונז ווייזן אַ באַדייטנדע יידישע פאַבריק פון מזרח-אויסאַרבעטונגען, וועלכע געהערט צו האַססיין עט קאָמפּ. אַ יידישע פאַבריק. מען מאַכט דאָ קופערנע, זילבערנע און גאָלדענע שטוב-זאַכן און צירונג; טייערע דמשקער טעפּלעך, — שענערע נאָך ווי פּערסישע, — און וואָס דערגייען ביז טויזנט פונט שטערלינג אַ שטיק, מעבל-אויסאַרבעטונגען פון רויטן האָלץ מיט פּערלמוטער א.ד.גל.

די פאַבריק באַשעפטיקט הונדערטער אַרבעטער, כמעט בלויז יידן. אויף די הויפּט-פּלעצער פון יעדן פאַבריקס-צימער זיצן די צייכנער אויף מעטאַל, מערסטנטיילס שוין עלטערע מענטשן מיט בערד און טערקישע יאַרמולקעס; אַלע באַגריסן זיך מיט אונז פריילעך,

ווייזן די העברעישע צייכענונגען (זיי ווערן פארקויפט אין אמעריקע און ארץ-ישראל). ארום לאנגע טישן זיצן די געוויינלעכע ארבעטער און ארבעטארינס; מען שניצט האלץ, מען שניידט זילבערנע פאסן און מען שטריקט טייערע מזרח-שאלן.

אן ארבעטס-טאג פון צען שעה. עס ארבעטן קליינע קינדער, איבערהויפט אין דער טעפיך-אפטיילונג, וווּ ביים שטריקן זענען באַשעפטיקט מיידעלעך פון פינף יאר אן.

לעבן איינער אזא גרופע פארהאלטן מיר זיך: אן עלטערע פרוי האלט די צייכענונג אין האנט און דריי קלייניקע מיידעלעך ווארטן שנעל מיט די פאדעמס אויפן גרויסן הילצערנעם טאפל, אויף וועלכן ס'איז אנגעצויגן דער האלב-פארטיקער טעפיך. זיין אויסארבעטונג דויערט ארום 10 חדשים און ער איז שוין מער ווי אויף א העלפט פארטיק.

פארחושכטע קינדערלעך מאכן פלינק מיט די הענטעלעך און קוקן אונז מיט פארוווּנדערונג אן.

מיר פרעגן זיך נאך, וויפל זענען זיי אלט; ווייזט זיך ארויס: די עלטסטע 7 יאר און די יינגסטע — 5.

מיר קאנען זיך נישט איינהאלטן פון אויפרעגונג, וואס אזעלכע עופהלעך ווערן באנוצט צו פיזישע ארבעט, — און דריקן אויס אונזערע געפילן דעם זון פון פאבריקס-אייגנטימער, וועלכער ווייזט אונז די אונטערנעמונג.

„אבער דאס זענען דאך יתומות". — באקומען מיר פון אים א נאיוון און העכסט-כאראקטעריסטישן ענטפער...

און ער גיט גלייך צו: „ביי אונז איז נישטא קיין געזעץ, וואס פארווערט, אז קליינע קינדער זאלן ארבעטן. איבעריקנס זענען זיי אין פאבריק נאר 5 שעה א טאג, באקומען עסן און נאכט-לעגער, ווי אויך 2 פראנק" (40 גראשן א טאג). דער ענטפער באַרויקט אונז נישט; מיר קוקן אויף די ארעמע, קלייניקע יתומהלעך, וועלכע שטריקן כמעט א יאר דעם טעפיך, און פרעגן זיך: וואס וואלט דער רייכער לאנדאנער באשטעלער געזאגט, ווען ער וואלט געוווּסט, וואס פאר א פינגערלעך עס ארבעטן ארום דער דאזיקער באצירונג?! און אפשר ווייסט ער טאקע?..

אין א געשפרעך מיט די פירער פון „אליאנס" האב איך שפּעטער גאנץ אָפן געזאגט, אז דאס עקספּלואטירן די מינדעריעריקע

יתומות האַלטן מיר פאַר אַ פשוטן פאַרברעכן, און קיין קולטור־טעטיקייט און קיינע אייראָפעישע דעקאָראַציעס וועלן זיי נישט ראַטעווען פון דער שאַנדע.

מען האָט אונז דערקלערט, אַז מיטן ענין הויבט מען זיך אָן צו פאַרנעמען און דאָס פאַרווערן באַנוצן אין די פאַבריקן די שוצלאָזע יידישע יתומות איז אַ פראַגע פון גאָר אַ קורצער צייט.

הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען!..

אַ שטראַל ליכט אין דער דאָזיקער פינצטערקייט האָט אַריינגעטראָגן אונזער באַזוך אין דער איינציקער קאָאָפעראַטיווער פאַבריק פון מעטאַל־אויסאַרבעטונגען אין סיריען, וועלכע ווערט אָנגעפירט און די אַרבעט ווערט געמאַכט אויסשליסלעך דורך די מיטגלידער — יידישע זילבער־ און גאָלד־מייסטערס. קיין סימן נישט פון קינדער־עקספּלואַטאַציע.

אַ גייסט פון איינִיקייט, פון צוזאַמענגעבונדנקייט, פון קאָאָפעראַציע. אויסאַרבעטונגען, פון וועלכע אַ גרויסער טייל האָבן אַן אמת־קינסטלערישן ווערט און מען אַרבעט אויף באַשטעלונגען פון ענגלישע און אַמעריקאַנישע פירמעס.

דער קאָאָפעראַטיוו־פּרעזעס, וועלכער גיט זיינע דערקלערונגען אין ספרדישן העברעיש, ווערט גאָר מונטער, ווען איך דערצייל אים, אַז אויך איך האָב אַ שטיקל שייכות מיט קאָאָפעראַציע און אַז איך קאָן אים איבערגעבן דעם וואַרעמסטן גרוס און הצלחה־ווונש פון וויטן פוילן — אים, דעם פירער פון אַ קאָאָפעראַטיוון פאַרפאָסט אין דמשק.

* *
*

... ס׳טראָגט אונז דער אויטאָמאָביל וויט פון דמשק, טיף אין לאַנד אַריין, ווו ס׳זענען שוין נישטאָ אַזעלכע גלענצנדע שאָסעען. מיר פאָרן צו בעלבעק, ד. ה. די שטאָט פון אָפּגאָט בעל און עשתרות, צוליב וועלכע מיר האָבן אין די ביבלישע צייטן געהאַט אַזוי פיל אויסצושטיין.

דאָ געפינט זיך דער עלטסטער טעמפל אין דער וועלט פון די „געטער״ יופיטער און באַקכוס, אַ טעמפל נאָך שענער ווי אויפן אַקראָפּאָליס אין גריכנלאַנד.

די גאַנצקייט, אין וועלכן ער איז געבליבן ביז אונזער עפּאָכע,

די מאַרמאָר-זיילן און גראַניט-שטיינער, וואָס האַלטן זיי אונטער, — זענען אַזוי ווי די פּיראַמידן, — נאָך ביז היינט אַ רעטעניש פאַר די אַרכיטעקטן.

אָבער נאָך אַ גרעסערע רעטעניש איז דאָס צאַפּלדיקע יידישע לעבנס-פעיקייט און שטאַנדהאַפטיקייט, וועלכע האָט באַוויזן צו דערטראָגן אין די דאָזיקע אַזעלכע ווייטע מקומות, — אין אַראַבישן ים, אונטער אַראַבישער קליידונג און הערשאַפט, — דאָס יידיש האַרץ, די אַלטע העברעישע שפּראַך און אַ שטאַרקן ווילן צו דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

* *
*

אַ לעצטער בליק אויף די שפּיצן פון לבנון, אַ לעצטער קוק אויפן שניי-באַדעקטן חרמון — און מיר זענען ווידער אונטן, אין קאָכעדיקן ביירוט, וועלכער קילט זיך ביי די רויקע ברעגעס פון מיטללענדישן ים.

III

די בעדויִנער

ווייט און ברייט איז דער מדבר אַרום דמשק. ער ציט זיך ביז די גרענעצן פון מעסאָפּאָטאַמיע, ווו אינמיטן ליגן צשוואַרפן די שטעט פון חלומות און מעשיות — באַגדאַד, די „שעכערעזאַדע" פון סולטאַן אַלאַדין. און עטוואָס רעכטער פירן די זאַמדן קיין פּערסיע און פון דאָרט איבער די קאַווקאַזער בערג אַזש אין אַזיאַטישן רוס-לאַנד אַריין.

נישטאָ דאָ נאָך קיין אַספאַלט, קיין שאָסעען און אויב ס'פאָרט איבער די זאַמדן אַ גוטער מדבר־אויטאָמאָביל צוויי טעג נאָכאַנאַנד אין באַגדאַד, ווייסן דער שאָפער און די פּאַסאַזשירן, אַז עס לויערן אויף זיי גרויסע געפאַרן, אַז ווען מען איז נישט געניג באַוואָפנט און דער אויטאָמאָביל ווערט קאַליע, — בלייבט מען דאָ אַמאָל גאָר לאַנג, אַזוי לאַנג, ביז דער הייסער מדבר-ווינט דעקט נישט אויף דעם זאַמד, אונטער וועלכן ס'טרוקענען די אָרעמע ביינער...

אָבער זיכערער פילן זיך די תושבים פון מדבר — די בעדוינער אויף זייערע קעמלען, וואָס ווערן נישט קאַליע, וואָס דאַרפן נישט קיין וואַסער און קיין בענזין און וואַנדערן פון אָאַזיס ביז אָאַזיס, ווו זיי קילן זיך אַביסל אָפּ אין שאָטן פון די פּאַלמען-ביימער.

פריי לעבן די בעדוינער אין מדבר, פאַרמאָגן גוטע קעמלען, אַמאָל אויך, — דאָרט ווו ס'גרינט אַביסל, — סטאַדעס „וואָלענע" שעפסן, און אַמאָל אויך האָדעוועט מען פייערדיקע אַראַבישע פערד.

מען לעבט פון רויב. מען קומט ווי ס'איז דידך: „איין פאָ-טער איז אַללאַ, — איין נביא איז מחמד", — און צו וואָס דאַרף מען דען מער?

פאַרמאָגן די בעדוינער עלטסטע שייכן, וועלכע פירן זיי אָן, משפּטן בעת סיכסוכים, לערנען צו לעבן און צו קעמפן. און איבער אַלע שייכן פון דמשק ביז באַגדאַד און ביז צו גרענעצן פון פּערסיע איז פאַראַן אַן עלטסטער, אַ מין דינאַסטיע, וואָס גייט אַריבער פון טאַטן צום זון.

און דער דאָזיקער פירשט פון די בעדוינער הייסט נורי־שאַלעם, און ווען ער איז נישט אין מדבר מיט זיינע אונטערטאַנען, וווינט ער אין אַ פּאַלאַץ אונטער דמשק.

האָבן מיר טאַקע געוואָלט זיך זען מיט אים אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ.

ס'האָט אונז אויסגעלאַכט אונזער באַלעבאָס פון האָטעל, אַן אַלטער דמשקער אַראַבער; ס'האָט געצוקט סקעפּטיש מיט די אַקסלען, וואַרפנדיק מיט דעם קאָפּ אויבן, אונזער שאָפער.

„דער שייך איז אַלט, ער וועט אייך נישט אָננעמען און איבערהויפּט דאַרף מען נישט גיין אין די פאַרמאַכטע טויערן פון זיין פּאַלאַץ".

אָבער וואָס מער מען האָט אונז אָפּגערעדט, — אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן אונזער באַגער צו זען אַן עכטן בעדוינער שייך, וועלכער איז אַזוי געהיימנישפול אפילו פאַר זיינע מיטבירגער אין דמשק.

מיר הייסן דעריבער אונזער שאָפער פירן אונז צום זיץ־אָרט פון שייך.

יעדער פון אונז פיר איז אַ פּרעסע־פאָרשטייער, ווייסן אַביסל די מנהגים און זיטן פון מזרח, און מיר האָפן, אַז קיין גרויסע פעלערן וועלן מיר נישט מאַכן.

אין אויטאָמאָביל חזרן מיר איין איינער מיטן אַנדערן דעם מזרח־עטיקעט אין אַ קעניגלעכן אָדער פירשטלעכן הויף:

„אויפהויבן זיך פון אָרט, ווען דער שייך וועט אַריינגיין; וואַרטן ביז ער וועט מאַכן אייניקע שריט פאָרויס; טרינקען, וואָס ער וועט פאָרלייגן; צולייגן די האַנט צום האַרץ און שטערן ביים באַגריסן זיך און געזעגענען; נישט פרעגן, חס־וחלילה, וואָס מאַכט עפּעס זיין ווייב אָדער זיינע ווייבער; נישט פרעגן ווי אַלט ער איז און צי האָט ער טעכטער" א.אַז.וו.

„טאַטע זיסער! מאַך אַזוי, אַז דיינע יידישע און קריסטלעכע פיר קנעכט זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן ביים גרייסן בעדוינער און

זאָלן גאַנצינקערהייט דערטראָגן זייער ביסל ביינער צוריק אין איי-ראָפּע, צום ווייב און קינד״...

אַזוי האָבן מיר שטיל געבעטן, ווען דער אויטאָ האָט זיך אָפּ־געשטעלט ביי אַ ווייסע געביידע, מיט אַ געשלאָסענעם טויער און אויסערלעכע פענצטער, ווו צוויי שוואַרצע בעדוינער, אינגאַנצן איינ-געוויקלט אין ווייסע אַבאַיעס מיט שוואַרצע פּאַסן, ווי טליתים, און מיט לאַנגע ביקסן אין די הענט האָבן געהאַלטן וואַך.

מיר שטייגן אויס אַלע פיר אין ווייסן געקליידט מיט ענג-לישע טראָפּיקאַל-העלמען אויף די קעפּ און בעטן אונזער שאָפער זאָגן, אַז מען זאָל עפענען דעם טויער, ווייל מיר ווילן זיך זען מיטן גרויסן שייך און שפּעטער דאָס באַשרייבן אין די צייטונגען.

די בעדוינער ציען זיך אויס, ווי גרויס זיי זענען, קוקן אונז אָן און פאַרשטייען גאָרנישט, וואָס אונזער איבערזעצער וויל.

דאַן קלינגען מיר דרייסט אָן אין טויער און די טיר עפנט אַ בעדוינער, אינגאַנצן אַ שוואַרצער, און אים ערקלערט מען, וואָס מיר ווילן. ער פאַרשטייט שוין יאָ — און מען לאָזט אונז אַריין.

מיר דערלאַנגען אַלע אונזערע קאָרעספּאָנדענטן־קאַרטן, דער וועכטער פאַרשווינדט און מיט אונז בלייבן אויף דער וואַך די צוויי בעדוינער.

ער קומט גלייך צוריק און דורך אַן אינערלעכן גאָרטן פירט ער אונז אַריין אין אַ גרויסן וואַרטע־זאַל, ווו אַרום די ווענט ציען זיך נידעריקע ווייכע דיוואַנען מיט קישעלעך און ביים אַריינגאַנג שטייען ווידער צוויי גוט באַוואָפנטע בעדוינער. מיר שטייען און וואַרטן. אונזער שאָפער ווערט פון אונז אָפּגעטיילט און בלייבט אין הויף.

מיר בלייבן שטיין אינמיטן זאַל

שטיל, כמעט אומבאַמערקטערהייט גליטשט זיך אַריין אין וואַרטע־זאַל אַ 6-5 באַוואָפנטע בעדוינער מיט שוואַרצע בערד און רעוואָלווערן ביים פּאַס און מיט זיי אויך אַ שוואַרצער מיליטער־מאַן אין אַ רויטן מונדיר מיט אַסך מלחמה־מעדאַלן.

זיי באַגריסן אונז, צולייגנדיק די האַנט צום האַרץ און שטערן. מיר באַגריסן אויך אויפן זעלבן אופן, בלייבנדיק שטיין איינע קעגן די אַנדערע.

דאַן נעמט איינער פון די בעדוינער אַ גרויסע פאַרגילדטע

קרוג, זעצט זיך אַוועק בײַ אַ קלײן טישעלע, קאַכט אויף קויל אַ ביסל קאַווע, גיסט עס אַרײַן אין אַ פּאַרפּאָר־טעפּל — און טראָגט צו יעדן פֿון אונדז אַ זופּ טון, אַלעמען פֿון אײן טעפּעלע, — אונדז און די בעדוינער, וואָס שטײען קעגן אונדז.

עפּעס ווערט אונדז נישט אָנגענעם. עס וועקט זיך אויף אַ חשד, צי דאַרף מען טרינקען די קאַווע, אָבער מיר דערמאָנען זיך דעם אָפּגערעדטן צערעמאָניאַל און יעדער גיט אַ זופּ; שטאַרקע ביטערע אָבער געשמאַקע קאַווע.

די גאַנצע צײַט האָט מען קײן וואָרט נישט אויסגערעדט און די סצענע איז פֿאָרגעקומען ערנסט און אויף שטום־לשון.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן אָפּגעזופּט די קאַווע, ווענדט זיך אײנער פֿון די בעדוינער צו אונדז אויף דײַטש און לאַדט אײַן זיך צו זעצן אויף די דיוואַנען.

די ווענדונג אויף אַן אײראָפּעישער שפּראַך איבעראַשט אונדז אַביסל, אָבער מיר זעצן זיך אויס אײנער קעגן צווײטן; אַנטקעגן אונדז אויפֿן דיוואַן זעצן זיך אויס אַלע בעדוינער, אויסער דעם מי־ליטערמאַן אין די מעדאַלן.

יעדן פֿון אונדז טראָגט מען צו צווײ ווײכע קישעלעך און מען לײגט פֿאַר זיך אָנשפּאַרן. מסובים, איז מסובים. — מיר שפּאַרן זיך אָן.

בײַ אונזערע קני, די פֿיס אונטער זיך, זעצט זיך אַוועק דער איבערזעצער (דראַגאָמאַן) און פֿרעגט:

„וואָס אײגנטלעך ווילט איר? דעם שײך קאָן מען נישט זען: ער שלאָפֿט".

זענען מיר נישט קײן קלײנע עקשנים און ענטפֿערן:

„מיר זענען געקומען פֿון גאַנץ ווײַט, כּדי צו פֿרעגן, וואָס מאַכט דער שײך; אויב ער שלאָפֿט, וועלן מיר וואַרטן ביז ער וועט זיך אויפֿכאַפּן!"

דער דראַגאָמאַן לעזט נאָכאַמאָל איבער אונזערע דאָקומענטן און ווערט פֿאַרשווונדן.

מיר וואַרטן.

פּלוצלינג באַווײַזט זיך אין גאָרטן אַ הויכע פֿיגור, אײַנגעוויקלט אין שוואַרץ־ווײַסן בעדוינער־טלית פֿון קאָפּ ביז די פֿיס; מען זעט מער נישט אַרויס ווי אַ בראָנזן געזיכט און אַ קלײן שוואַרץ בערדל.

די בעדוינער גיבן זיך אַ הויב פון אָרט און ווערן פאַרגלי-ווערט; מיר טוען נאָך זייער ביישפּיל; אַנטקעגן שטייט דער שייך און באַגריסט אונז.

דאַן זעצט ער זיך אַוועק און מיר אויך; די סוויטע בלייבט שטיין. מען טראָגט ווייטער צו די קאַווע מיטן זעלבן צערעמאָניאַל און מיר טרינקען יעדער אַ זופּ.

ביי די פיס אונזערע זעצט זיך דער דראַגאָמאַן און עס אַנט-וויקלט זיך אַ געשפּרעך. מיר דערוויסן זיך, אַז דער שייך איז גאָט צו דאַנקען געזונט, אַז ער איז אַ הערשער פון עטלעכע און צוואַנציק טויזנט קעמלען (ד. ה. בעדוינער), אַז זיינעביידע זין זענען שוין געהרגעט געוואָרן אין מלחמות און מיט דעם מיליטער אין מדבר פירט איצט אָן זיין אייניקל, וועלכער איז אַלט איינצע צוואַנציק יאָר.

איך פאַרגעס דעם צערעמאָניאַל און גיב אַ פרעג: „און ווי אַלט איז איצט דער הערשער?״, באַלד אָבער בייס איך מיר אָפּ די צונג און בעט דעם דראַגאָמאַן די פראַגע נישט איבערזעצן. דער דראַגאָמאַן אָבער איז ליבעסווירדיק און דערקלערט אונז, אַז דער שייך איז אַלט פון זיבעציק ביז ניינציק יאָר (אויסגערעכנט!) און די באָרד פאַרבט ער. דעריבער זעט ער אויס יונג... אַ נס, וואָס דער שייך האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען די ווערטער פון זיין טרייען אי-בערזעצער!

„און וואָס הערט זיך עפּעס אין מדבר?״

„איצט איז שוין רויק, אָבער צוריק מיט פיר מאָנאַטן האָב איך געפירט מלחמה מיטן שייך דווקא פון מעסאָפּאָטאַמיע, וועלכער האָט פאַרכאַפּט אייניקע אונזערע ברונעמער... ס'האָט געדויערט אייניקע וואָכן ביז מיר האָבן זיין חיל צעבראָכן, — דאַן בין איך אַליין גע-ווען אין מדבר״.

די שוואַרצע אויסגעדאַרטע הענט פון שייך הויבן זיך אָן לעב-האַפט צו באַוועגן, און מען זעט, אַז פון די דאָזיקע טרוקענע פינ-גער, — וועט שוין קיינער טרוקן נישט אַרויסגיין...

„און ווי זענען אייערע באַציונגען מיט פראַנקרייך?״

„אָ, איצט זייער גוטע! מיר שטיצן איינער דעם צווייטן... נישט לאַנג האָב איך באַקומען דעם אָרדן פון „ערן-לעגיאָן״.

דער דייטשער זשורנאַליסט כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ פראַגע:

„און ווו איז אייער גאַנצע פאַמיליע?...‟ דאָנער־וועטער! ער באַקומט אַ קניפּ אין פוס פון זיין חבר און אַ וווּנק צום דראַגאָמאַן נישט איבערזעצן.

דער שייך באַקומט פון די בעדוּינער פיר טויזנט גאָלד־פונט אַ יאָר געהאַלט (העכער 20 טויזנט דאָלאַר), אויסער דעם אַ שטיצע פון דער פראַנצויזישער רעגירונג.

מיר בעטן אַן ערלויבעניש אָנצוקוקן דעם פּאַלאַץ. דער שייך קווענקלט זיך אַביסל און נאָכהער ערלויבט ער, בלייבנדיק אַליין אונטן אין גאָרטן.

דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ שפּאַציר. מיר האָבן זיך געפילט, ווי אַרעסטירט אונטער אַ שטאַרקער וואַך.

ענג אַרום אונז זענען געגאַנגען די באַוואָפנטע בעדוּינער מיט די פינצטערע בליקן, נאָר דער דראַגאָמאַן איז געבליבן אייראָפּעיש העפלעך.

מען ווייזט אונז דעם זיצונגס־צימער פון אַלע אונטערטעניקע שייכן: טייערע פּערסישע טעפּיכער און אַ צוואַנציק ווייסע פאָטעלן. דעם שלאָפצימער פון שייך: אינמיטן זאָל אַ בעט אונטער אַ פּאַר־מאַכטן באַלדאַכין און ביקסן אין אַלע ווינקעלעך. איך דערמאָן זיך: „...מטתו שלשלמה... ששים גיבורים סביב לה...‟

און ביקסן זענען אומעטום, אפילו אין באָדצימער, וועלכער איז איינגעאָרדנט ווי אַ באַסיין אויפן מזרח־שטייגער.

ווען מיין וואַרשעווער חבר פּרובירט נישט ווילנדיק אַריינגיין אין אַ זייטיקן צימער, וואַקסט פּלוצלינג אויס ביי דער טיר אַ שוואַרצע פיגור אין בעדוּינער־טלית און פאַרשטעלט שווייגנדיק דעם וועג...

ווידער זענען מיר אין גאָרטן, ווו דער שייך זיצט און וואַרט רויקביים פאָנטאַן.

מיר געמען זיך אַן מוט און בעטן ערלויבן מאַכן אַ פאָטאָ־גראַפיע.

דער דראַגאָמאַן ערקלערט, אַז דאָס איינציקע מאָל, ווען דער שייך האָט דאָס ערלויבט, איז געווען מיט אַ יאָר צוריק אַן אַמע־ריקאַנער זשורנאַליסטין. מיר בעטן שטאַרקער, — און דאַן באַקומען מיר אַן ערלויבעניש.

מיר מאַכן אַ פאָטאָגראַפיע צוזאַמען מיטן שייך און זיין סוויטע

און מיט אַ קליינעם פאַטע־אַפּאַראַט זאָגאַר אַ פילם-אויפנאַמע.

די אוידיענץ איז געענדיקט. אַלע הויבן זיך אויף און מיטן גאַנצן צערעמאָניאַל טיף פאַרבויגנדיק זיך פאַר דעם הערשער און זיין סוויטע, גייען מיר הינטער זיך אין טויער, ווו ס'וואַרט שוין אויף אונז אונזער אויטאָמאָביל.

אין דמשק:

צו גאַסט ביים שייך.

אויפן אינזל ראָדאָס:

דער הויפט־רב און דער מחבר

פ ו י ל ן

די שטאָט מיר און איר ישיבה

שטעט, ווי מענטשן, האָבן זייער מזל, זייער פרילינגס-פעריאָד און אויך די נודנע עלטערע יאָרן, וועלכע קוהלת רופט אָן „יאָרן אָן אינטערעס און טעם", יאָרן פון אַפּאַטיע און פאַרגעסנהייט.

ביישפּילן קאָן מען ברענגען אומצאָליקע, נאָר אין איצטיקן פאַל וועל איך זיך באַגרענעצן מיט דער שטאָט מיר, וועלכע ליגט אַ 15 קילאָמעטער פון דער אייזנבאַן-סטאַציע האָראָדזיי נישט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ.

מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק איז די שטאָט מיר געווען אַ קאָכעדיקער האַנדלס-צענטער, ווו ס'פלעגן פאָרקומען גרויסע ירידים מיט אָנגעפּאָרענע פון גאַנץ ליטע סוחרים.

די שטאָט איז געלעגן אויפן טראַקט פון פוילן און אייראָפּע קיין מאָסקווע. דורך איר פלעגן פאָרן די אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס און אויך געשלעפּט זיך מיט פורן טראַנספּאָרטן מיט פאַרשידענע סחורות.

די ערד, הייזער, פויערן און יידן האָבן געהערט צו דער לי-בעראַלער גרויס-ליטווישער פירשטן-פאַמיליע ראַדזיוויל, וועלכע, — ווי אַ יידישער מעמואַרן-שרייבער פון 17-טן יאָרהונדערט דריקט זיך אויס, — האָט פאַרוואַלטעט מיט זיי „מיט ליבע און חכמה".

אין שטאָט זענען געווען ספּעציעלע יידישע געריכטן, וועלכע פלעגן דערליידיקן אַלערליי סיכסוכים צווישן די אָרטיקע און אָנגעפּאָ-רענע יידן, און די מאַכט פלעגט מיטהעלפן דער אויספירונג פון די יידישע פסק-דינים.

און נישט נאָר מסחר האָט אין שטאָט געבליט, נאָר אויך תורה,

און נאָך ביזן היינטיקן טאָג געפינט זיך אויפן שטעמפּל פון דער קהילה די שטאָלצע אויפשריפט: „מיר עיר התורה".

עס זענען אָבער געקומען אַנדערע צייטן; די באַנען האָבן גע־ביטן דעם מאַרשרוט פון סחורות און רייזנדער; די שטאָט מיר איז געבליבן אָן אַ זייט פון דער גרויסער וועלט, ס'האָבן אויפגעהערט די רוישיקע ירידים, אויך זענען אַוועק אין דער געשיכטע די יידישע געריכטן צוזאַמען מיטן ליטווישן ועד, וואָס האָט אייניקע מאָל אָפּגע־האַלטן זיינע זיצונגען אין מיר, און די שטאָט וואָלט אינגאַנצן פאַר־געסן געוואָרן, ווען נישט די גרויסע ישיבה, וועלכע איז געגרינ־דעט געוואָרן מיט הונדערט און צוועלף יאָר צוריק, גלייך נאָכן דורכ־מאַרש פון דער צעבראָכענער פראַנצויזישער אַרמעע פון מאָסקווע צוריק קיין פראַנקרייך.

* *

*

מירער ישיבה... שוין מער ווי הונדערט יאָר ציען זיך צו איר יידישע קינדער פון פאַרשידענע נאָענטע און ווייטע געגנטן, און ביי אַלע שטורמען און אויפשטאַנדן, מלחמות און רעוואָלוציעס איז זי דאָך געבליבן אַ טרייע דערציערין פון צענטליקער דורות רבנים, לומדים און טראַדיציאָנעלע באַלעבאַטישע יידן.

איך מוז זיך מודה זיין: דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך איבערגעטראָטן די שוועל פון אַ ישיבה. מיינע באַגריפן וועגן איר האָב איך אין אַ געוויסער מאָס באַקומען פון מאַפּון און סמאָ־לענסקין, באָגראָוון און פראַנצאָזן... ווי איר זעט, נישט גאָר אָביעק־טיווע שילדערער פון ישיבה־לעבן, וואָס איז, איבעריקנס, געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַר דער שטורעמדיקער השכלה־תקופה, וועלכע האָט אין דער ישיבה געזען איר ערגסטן שונא...

איך האָב דערוואַרט צו זען אַ שמוציקן בנין מיט אַן אומגע־לומפּערט שרייענדן עולם באַוואָקסענע יונגעלייט, וואָס שאָקלען זיך אין ווילדע העוויות, און צוזאַמען גענומען שאַפט עס אַן אָפּשטויסנד בילד פאַר יעדן קולטורעלן מענטשן, — אָבער איך האָב זיך אַביסל אַנטוישט אין מיינע אייגענע דערוואַרטונגען.

דער בנין אַליין איז אַפילו אַ הילצערנער, אָבער זייער אַ גרוי־סער מיט פענצטער פון דריי זייטן, ענלעך צו אַ געוויינלעכער שול.

געביידע. אַרום הונדערט קורץ-געקליידטע יונגעלייט זיצן גרופּנווייז ביי שטענדערס מיט ספרים און פירן צווישן זיך אַ לעבהאַפטן שמועס, אמת, מיט טעמפּעראַמענט, אָבער די זשעסטיקולאַציע און די גאַנצע האַלטונג ביים לערנען ווייזן אַרויס אַ געוויסע קולטור און דיסציפּלין; איין גרופּע פּאַרטויבט נישט מיט אירע קולות די אַנדערע און דאָס אַלגעמיינע בילד ביים לערנען איז נישט ערגער ווי אין אַ סעמינאַר פון רוימישן רעכט ערגעץ אין אַן אַלטער דייטשער אוניווערזיטעט... און ווען נישט די קאַפּעלושן, וועלכע די בחורים טראָגן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, לויט זייער אויסערלעכן אויסזען, אַז דאָס זענען סטודענטן פון איינער פון די הויכשולן—אַזוי פיל אינטעליגענץ איז אויסגעדריקט אויף די פּנימער! זיי לערנען איצט די שווערע מסכתא „יבמות", און ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס די גאַנצע ישיבה איז אַזוי אָנגעשטרענגט... אויך אין די ציוויל-קאָדעקסן פון אונזער צייט איז דאָס קאַפּיטל פון פאַמיליען-רעכט נישט אַזוי לייכט צו פאַרדייען, און אונזערע ישיבה-לייט האָבן נאָך צו טון מיט אַ צענטליק מפרשים...

* *
*

די 130 ישיבה-בחורים, אין עלטער פון ניינצן ביז פינף און צוואַנציק יאָר, געהערן צו די פאַרשידנסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, אָנהויבנדיק פון די קינדער פון איינעם פון די גרעסטע לאָדזשער פאַבריקאַנטן און ענדיקנדיק מיט די בני-העניים, וואָס די תורה איז דאָך אייגנטלעך זייער פּריווילעגיע.

אָט זיצט אַ שיינער ברונעט, וואָס זיין פאָטער איז אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער וואַרשעווער עקספּאָרט-פירמע, און באַהאַנדלט אַ פאַרפלאָנטערטן ענין ביי דער אָפענער גמרא מיט אַ זון פון אַ באַקאַנטן ביאַליסטאָקער פאַרב-סוחר... אין אַן אַנדער ווינקל זע איך אַ קלאַסיש-געשניצט געזיכט מיט לאַנגע מזרח-ברעמען פון אַן עלוי, וועלכער איז מסביר זיינע חברים אַ שווערע הלכה, און אין דער האַלטונג פון דער גאַנצער גרופּע באַמערקט זיך אַזאַ פאַרטיפונג אין דעם באַהאַנדלטן ענין, אַזאַ אָפּגעזונדערטקייט פון אַלץ, וואָס האָט נישט מיט איר קיין שייכות, אַז איך הויב זיך אָן אַביסל צו שעמען מיט אונזער מאַטעריאַליסטישער וועלט...

איינמאָל אין וואָך זאָגט דער משגיח ר' ירוחם (נישט דער

ראש־ישיבה, וועלכער איז דאָ דער הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר) דעם „שיעור״, און יעדן טאָג אין משך פון וויניקסטנס אַכט־צען שעה ווערט דאָס אַלץ דורכגעשטודירט און דורכגעפּילפּולט פון די בחורים. קיין אַנדערע לימודים אויסער תּלמוד און פּוסקים ווערן דאָ נישט געלערנט, נאָר פּאָר מנחה ווערט אַ האַלבע שעה געלערנט אַביסל מוסר־ספרים. די ישיבה אין מיר איז נישט קיין מוסר־ישיבה, ווי די נאָוואָגרודקער, למשל, און די שיטה פון לערנען איז אַ „פּאָזיטיוויסטיש־רעאַליסטישע״ (פּשט און פּילפּול).

מיט אַ יאָר זעכציק־זיבעציק צוריק איז אויך דאָ געווען אַ גרופּע פון „מקובלים״, אַסקעטן און מיסטיקער, וועלכע האָט געזוכט דעם אמת דורך מאַכן אַ תּל „פון חומר״, פון קערפּער; מען פלעגט זיך גאָלן די קעפּ און שטייענדיק מיט נאַקעטע פיס אויף אַרבעס, אויס־גיסן די נשמה אין אַ שטילן געזאַנג פון תּפילות; אויך פלעגט מען זיך באָדן אין דורכגעבראָכענע אייז־לעכער, מאָנאַטן־לאַנג שווייגן אָדער אָפּוויינען אַ גאַנצן טאָג, קלאָגנדיק אויף גלות־השכינה...

איצט אָבער איז פון דעם אַפילו קיין זכר אין דער מירער ישיבה נישט געבליבן און די מוסר־ספרים זענען דאָ נאָר אַ „דעסערט״, אָבער נישט דער עיקר.

* *
*

ווי לעבן די בחורים? אַלע אָן אויסנאַם וווינען אין פּריוואַטע הייזער. די פּאַרמעגלעכערע צאָלן פון אייגענע מיטלען; די געדריקטע באַקומען אַ שטענדיקע געלט־שטיצע (אַרום צען־פופצן דאָלאַר אַ חודש), וועלכע ווערט זיי רעגולער אויסגעצאָלט דורכן ראש־ישיבה, ביז נישט לאַנג האָט די ישיבה געהאַט אַן אַמעריקאַנער מעצענאַט, וועלכער פלעגט צושיקן קרוב טויזנט דאָלאַר אַ חודש און כמעט געדעקט דעם בודזשעט, איצט אָבער איז ער, ווייזט אויס, מיד געוואָרן צו שיקן און די ישיבה לעבט טאַקע איבער אַ פינאַנסיעלן קריזיס. ר׳ אליעזר יהודה אָבער, דער ראש־ישיבה, פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך: אויב נישט די אַמעריקאַנער, וועלן געבן די פּוילישע יידן. אַ ישיבה, וואָס עקזיסטירט איבער הונדערט יאָר, וועט צוליב מאַנגל אין געלט־מיטלען נישט פאַרמאַכט ווערן...

ווי ווייט ס׳איז גרויס געווען די שטרעבונג צום אַלטן ישיבה־

קוואַל, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס בעת די באָלשעוויסטישע רדיפות האָבן זיך בחורים פון דרום-רוסלאַנד אויף דעכער פון וואַגאָנען, אָן געלט און אָן דאָקומענטן, מיט אמתער סכנת-נפשות געריסן דורך אַלע פראָנטן צוריק צו זייער מירער ישיבה...

דער טיפּ פון ישיבה-בחור, וואָס עסט טעג, איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

איר געדענקט דאָך אים, מן-הסתּם, דעם אויסגעדאַרטן, פאַרמאָ-רעטן יונגנמאַן, וואָס האָט געגעסן אַ „דינסטיק" אָדער אַ „פרייטיק", און שעמעוודיק פלעגט ער זיך אַריינגנבענען אין שטוב, אָפּעסן שווייגנדיק דעם מאָלצייט, וואָס די באָבע פלעגט מיט צאַרטקייט אים דערלאַנגען און שטיל אָפּבענטשנדיק פלעגט ער אומבאַמערקטערהייט פאַרשווינדן.

די מנהיגי הישיבה האַלטן, און מיט רעכט, דאָס „עסן טעג" פאַר אַ בזיון התּורה, און נעמענדיק די דאגות הפּרנסה אויף זיך, האָבן זיי פאַרוואַנדלט דעם ישיבה-בחור אין אַ סטיפּענדיאַנט.

איך האָב געפרעגט אייניקע ישיבה-לייט וועגן זייערע פּער-ספּעקטיוון, וועגן תּכלית. אינדעראמתן, אָפּלערנענדיק זעקס-זיבן אָדער צען יאָר, גיט די ישיבה גאָרנישט אין זין פון תּכלית, אויסער די מעגלעכקייט צו באַקומען סמיכות אויף רבנות. צווישן די ישיבה-בחורים קוקט מען אָבער מיט אַ שמייכל אויף די חברים, וואָס כאַפּן אַ קוק אין דעם יורה-דעה; ביי זיי איז דאָס אַ סימן, אַז מען קלערט שוין וועגן אַ שידוך און וועגן כּסא-הרבנות...

— וואָס איז דאָך אייער ציל?

— אָט, גאָרנישט.

סוחרישע קינדער וועלן פאָרן צו די טאַטעס און אויך ווערן סוחרים. און די איבעריקע? — „ווי עס איז וועט מען זיך שוין איינ-אָרדענען. צו וואָס צו פיל זיך אַריינטראַכטן".

אָט די זאָרגלאָזיקייט, דאָס נישט טראַכטן וועגן אַ תּכלית, וועגן עפּעס אַ פּראָדוקטיוון צוועק אין לעבן, אויסער דאָס „שטענדיקע וואַ-רעמען זיך אין ליכט פון דער תּורה", איז איינער פון די כאַראַקטע-ריסטישע שטריכן פון ישיבה-לעבן.

אַז מען קומט שוין קרוב צו שלשים, און אין ישיבה איז מען דאָך געבליבן, הערט מען אויף שערן די באָרד, דאָס גאַנצע פּנים באַקומט אַ רבנישן אויסזען; מען האָט חתונה, און מיט ווייב און

קינד בלייבט מען אין מיר און מען לערנט ווייטער, אַזוי ווי פאַראַ־יאָרן, פאַר צען יאָרן...

ס'איז שוין נישטאָ דער גביר אָדער רייכער ישובניק, וואָס קומט אין דער ישיבה אויסקלויבן פאַר זיך אַ „גוטן" בחור פאַר אַן איידעם; עס פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַ קליינשטעטלדיקער רב, וועלכער זוכט אַ שידוך פאַר אַ טאָכטער; אַמאָל גיט זיך איין אַ ישיבה־עלוי צו באַקומען אַ רבנות־שטעלע אין אַ קליין שטעטל, אָבער דאָס געהערט צו די אויסנאַמען.

ס'איז שוין אויך נישטאָ די מורא פאַר וועלט־בילדונג; אין דער פרייער צייט לערנט מען פויליש; מען האָט אַ ידיעה אין דער וועלט־ליטעראַטור; ווער רעדט נאָך וועגן דער טעגלעכער פרעסע — אין איר איז מען קלאָר ווי אין „אשרי", אָבער צו אַלץ, אויסער דער ישיבה, באַציט מען זיך מיט אַ ביטול־שמייכל, אָן גרויסער התלהבות...

* *
*

ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, איז דאָס שטעטל מיר אַליין גאַנץ גלייכגילטיק צו איר ישיבה. און אויב ס'זענען פאַראַן עלטערן, וואָס שיקן זייערע זין לערנען, פאָרן יענע אין וואָלאָזשין, אין שעד־לעץ, און אין דער זעלבער צייט שיקן וואָלאָזשינער יידן זייערע זין אין מיר...

אַ שטילער אומעט בלאָזט פון די טונקעלע הילצערנע הייזלעך אין שטעטל; אין דער צייט פון דער מלחמה איז די אַמאָליקע שטאָל־צע „מיר עיר התורה" אַביסל פאַרגרעבט געוואָרן; ס'איז קיין וואונדער נישט: די גאַנצע צייט זיך געפונען אויפן סאַמע פראָנט; געראַבירט געוואָרן פון דריי אַרמעען; געצויגן חיונה פון אָרעמען שמוגל — איז ממילא געקומען צו אַ ירידה.

דאָך האָט די יוגנט פאַר זיך געשאַפן אַ ביבליאָטעק פון אַ שיינע פאַר הונדערט ביכער און עס זענען שוין אַפילו פאַראַן אַ פאָר היץ־קעפ, וועלכע קלערן וועגן אַוועקשטעלן אַן אַנטענע אויף איינעם פון די דעכער און הערן ראַדיאָ־קאָנצערטן... פאַרוואָס טאַקע נישט? דערווייל אָבער קומען נאָך פאַר די חתונות לעבן דער אַלטער שול און חתן־כלה ווערן געפירט איבער דער גאַס, יעדער באַזונדער מיט מוזיק, אין באַגלייטונג פון מחותנים און מחותנתטעס... ביז מיט

אייניקע יאָרן צוריק פלעגט נאָך דער שמש פאַר דער חופה אָנקלאַפּן אין די טירן פון דער שול דריי מאָל, כדי צו פאַרטרייבן פון דאָרט די שדים; נאָך די איבערגעלעבטע מלחמה־יאָרן און פּאָגראָמען אָבער האָט אויפגעהערט די מורא פאַר שדים, און די חתונה־צערעמאָניע קומט שוין פאַר אָן פריערדיקן אָנקלאַפּן.

1925

ביים פירשט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי

נישט ווייט פון דער שטאָט מיר אין דער ריכטונג פון ניעס־וויזש צו שטייט אַ האַלב־רוינירטער שלאָס, געבויט ווי אַ פעסטונג, און ביי זיינע פיר זייטן הויבן זיך אויף פיל־שטאָקיקע טורעמס אין האַלב־גאָטישן סטיל. אַזעלכע שלעסער טרעפט מען אָפט אין פלאַנדריע, אין וועסטפאַליע. און שוין דאָס אויסערלעכע אויסזעען זייערע דערציילט גרייז־גרויע מעשהלעך וועגן אַלטע צייטן, ווען ס'איז נאָך אפילו קיין פולווער אויף דער וועלט נישט געווען און די איינוווינער פון שלאָס פלעגן קעמפן קעגן אָנפאַלנדן שונא מיט שווערע שטיינער דורך די פינצטערע לעכער פון די טורעמס, אָדער מיט הייסע סמאָלע, וועלכע פלעגט דורך די דאָזיקע פענצטער געגאָסן ווערן...

מער ווי פינף הונדערט יאָר צוריק איז דער שלאָס געבויט געוואָרן דורך דעם סלאַוויש־רוסישן פירשט סוויאַטאָפּאָלק, וועלכער ציט זיין יחוס אַזש פון ערשטן גרויספירשט פון רוסלאַנד, ריוריק. דאַמאָלס האָט זיך דער שלאָס געפונען אויף דער סאַמע גרענעץ פון ליטע מיט רוסלאַנד און געהאַט אויסצושטיין ווילדע אָנפאַלן מצד טאַטאַרן, שוועדן און פויליש מיליטער. זיינע שטיינערנע ווענט זאָגן עדות וועגן בלוטיקע דועלן, וועלכע זענען פאָרגעקומען ביי די סאַדזעווקעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די פאַרריגלטע טויערן פון די אַלטע טו־רעמס, און ווי איז געווען די איינוווינער פון שלאָס, ווען די דאָזי־קע טויערן פלעגן דורכגעבראָכן ווערן דורך די זיגער!...

דאָס לעצטע מאָל האָט דעם שלאָס צעשטערט נאַפּאָלעאָנס אַר־מעע אויף איר צוריקמאַרש קיין פראַנקרייך. נאַפּאָלעאָנס ברודער,

„דער קעניג פון וועסטפאַליע", האָט דאָרט איבערגענעכטיקט און אויף מאָרגן האָבן רויטע פייער־שלאַנגען אַרומגעכאַפּט די פאַרגילדטע זיילן פון פּאַלאַץ און אַלץ איז אַוועק מיטן רויך, אויסער, פאַרשטייט זיך, די שטיינערנע ווענט און די טורעמס, וועלכע זענען געבליבן אומבאַרירט און הערשן נאָך עד היום איבער דער גאַנצער אומגעגנט, אַנוואַרפנדיק אַ שרעק אויף אַבערגלויבישע מענטשן אין די פינצטערע און לאַנגע ווינטער־נעכט.

די פירשטן סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי (די צווייטע העלפט פון דעם נאָמען איז צוגעגעבן געוואָרן צוליב דער שטאָט מיר, וועלכע איז איבערגעגאַנגען אין זייער באַזיץ) האָבן אין רוסלאַנד געקויפט נייע גיטער, געמאַכט גלענצנדע קאַריערעס, געווען מקורבים צום קייזערלעכן הויף. איינעם פון זיי געדענקען מיר אַלע גאַנץ גוט: דאָס איז דער מיניסטער סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, וועלכער האָט זיך אַ שם געמאַכט אַלס ליבעראַל, גלייך נאָך דעם מאָרד פון פּלעווען. פון צייט צו צייט פלעגן זיי קומען וווינען אין זייער רעזידענץ. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז צו זיי געהערט נאָך ביים היינטיקן טאָג כמעט אַ האַלבער ניעסווישער פּאָוויאַט. ביי דער זייט פון די רוינען פון אַלטן שלאָס האָט מען אויסגעבויט אַ נייעם פּאַלאַץ מיט אַ וווּנדערשיינעם פּאַרק, אין וועלכן ס'געפינט זיך אַ טייך מיט די פאַרשידנסטע פיש, אַן עלעקטרישע סטאַנציע און אַ שפּירט־ברויז.

* * *

מיינער אַ באַקאַנטער דערציילט מיר וועגן אַלטן פירשט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, וואָס וווינט איינזאַם ביי זיך אין פּאַלאַץ. דער פירשט איז נאָך אַ בחור און איז אַלט זעכציק יאָר.

אַמאָל האָט ער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע: געווען אַ דיפּלאָמאַטישער פאָרשטעער פון רוסלאַנד ביי פאַרשידענע הויפן, דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנט לעבן, היינט זיך פאַרמאַכט ביי זיך אין „מאַיאָנטעק", פאַרנעמט זיך מיט ווירטשאַפט און מיט צוריק אויפשטעלן דעם רויִנירטן שלאָס, וועלכער געפינט זיך לעבן דער איצטיקער פירשטן־רעזידענץ. צוויי טורעמס זענען שוין גענצלעך רעסטאַווירט, און דער אַלטער קלויבט זיך זיינע לעצטע יאָרן ענדיקן אין די שטיינערנע ווענט פון זיינע אור־עלטערן

איך דריק אויס מיין פאַרלאַנג באַקאַנען זיך מיטן פירשט און האָבן מיט אים אַ שמועס. צופעליק געפינט זיך איינער, וואָס איז גוט באַקאַנט מיטן פירשט און וועלכער נעמט זיך אונטער די אויפגאַבע מיך פאָרצושטעלן פאַר אים.

אַ יונגער לאַקיי נעמט אונזערע וויזיט-קאַרטן און אין אַ מינוט אַרום הער איך אַ קלינגענדיקע שטימע אין פויליש: „ביטע, מיינע הערן, קומט אַריין!“ עס באַווייזט זיך גלייכצייטיק די שלאַנקע פיגור פון פירשט: אַ לאַנגע ווייסע באָרד באַשיינט דאָס אַריסטאָקראַטישע פנים, וועלכס איז אַזוי ענלעך צו די מיטלאַלטערלעכע ריטער, ווי מיר זעען דאָ אויף די בילדער פון די דייטשע און האָלענדישע מאָלער. פון זיין שמייכל איז צו זעען, אַז ער איז צופרידן אין זיין פאַרוואָרפע-נער איינזאַמקייט מיט די געסט און מיט דער מעגלעכקייט אַביסל זיך אַדורכצושמועסן.

— ווי זאָל איך מיט אייך רעדן, פירשט, רוסיש צי פויליש?

— מיר איז אַלץ איינס. איך בין דאָך אייגנטלעך אַ סלאַווישער פירשט און מיין יחוס איז אַזוי פיל אַ פוילישער, ווי אַ רוסישער, דאָך לאָמיר רעדן רוסיש...

און עס אַנטוויקלט זיך ביי אונז זייער אַן אינטערעסאַנטער געשפּרעך וועגן „אַלטע, גוטע צייטן“ און באַקאַנטע רוסישע פּערזענ-לעכקייטן.

דער פירשט איז אַמאָל געווען פּערזענלעכער פריינט פון איצטיקן ניי-געקרוינטן „צאַר“ קיריל וולאַדיראָוויטש.

אויף מיין פראַגע, צי גלויבט ער אין דער גאַנצער אונטערנע-מונג פון די ראָמאַנאָווס, ענטפערט מיר דער פירשט קורץ און שאַרף: קיריל איז אַ אידיאָט! ס'איז אַ סברא, אַז ער אַליין גלויבט נישט אין זיין צוקונפט אַלס צאַר, נאָר צו זיינע איצטיקע שלעכטע ביזנעס ווערט דאָס אים נישט שאַדן...

איך באַריר די פראַגע וועגן דעם, וואָס די אַמעריקאַנער צייַ-טונגען האָבן לעצטנס געבראַכט אַ בריוו פון פירשט וויאַזעמסקי, אַז אייגנטלעך אַלס יורש פון די ריוריקס באַטראַכט ער זיך אַלס דער געזעצלעכער פּרעטענדענט אויפן רוסישן טראָן...

דער פירשט צעלאַכט זיך:

— וואָס מיינט איר, זאָגט ער, איך האָב אַלס פירשט סוויאַטאָ-פּאָלק-מירסקי ווייניקער רעכט אויפן רוסישן טראָן, כאָטש אין דער

אמתן וואָלט מיך די מעשה נישט שלעכט פאַרווײלט, איבערהויפּט וואָלטן פון דעם נחת געהאַט מײַנע יונגע פּלימעניקעס, וועלכע זענען איצט אין פּאַריז... אויב אין רוסלאַנד וועט שוין יאָ ווערן אַ מאָנאַרכיע, וועט דאָס אַלנפאַלס זײַן פון אַ גאַנץ נײַער דינאַסטיע, וואָס האָט מיטן אַלטן רוסישן אָדל קיין שום שײַכות נישט, — נאָר ווער קלערט איצט פון אַזעלכע זאַכן?

אונזער געשפּרעך גייט אַריבער אויף זײַנע איצטיקע לעבנס-באַדינגונגען, נישט לאַנג איז בײַ אים געווען צוגאַסט דער נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדע, האָט ער אים צוגענומען אָנגעטון אין אַ שוואַרצע אַרבעטס-בלוזע... „איך האָב קיין געדולד נישט קליידן זיך אין סמאָקינגען" — דערקלערט אונז דער פירשט. דער וואָיעוואָדע האָט זיך באַליידיקט און אַוועקגעפאָרן כמעט אָן אַ „זײַ-געזונט", און דער פירשט האָט גוטמוטיק געשמייכלט אין זײַן ווייסער באָרד...

די באַציִונג זײַנע צו יידן איז שטענדיק געווען אַ פרײַנטלעכע. קיינמאָל נישט געמאַכט אין געשעפטן קיין אונטערשיד צווישן יידן און נישט-יידן. אויך איצט האָט ער אַ שותּף צו זײַן ברויז אַ באַראַנאָוויטשער ייד.

ער שטאָלצירט מיט דעם, וואָס אין זײַן מיר (די שטאָט שטייט אויפן פירשטס ערד) געפינט זיך אַזאַ באַוווּסטע ישיבה, וועלכע ער רופט: „מײַן ישיבה". איבערהויפּט האַלט דער פירשט, אַז די יידן-פרײַנטלעכקייט איז בײַ זיי אַ פאַמיליען-טראַדיציע, און מיט יסורים קוקט ער זיך צו, ווי פאַרשידענע באַאַמטע אין די דאָזיקע מקומות מאַכן ספּעציעלע שיקאַנעס פאַר יידן...

מיר געזעגענען זיך מיטן גאַסטפרײַנטלעכן באַלעבאָס, וועלכער העלפט אונז אפילו אָנטון די פוטערס, באַזייטיקנדיק דעם לאָקײ...

און אַרויסגייענדיק אויפן פאַרשנייטן וועג, וואָס פירט אין שטאָט אַרײַן, דערזען מיר פאַר זיך ווידער די פאַרפישופטע קאָנטורן פון אַלטן שלאָס, וועלכער, באַגאָסן מיט לבנה-ליכט, דערמאָנט אונז אַ מוזיקאַלישע באַלאַדע פון מיטלאַלטער.

און דער אַלטער פירשט סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי פּאַסט זיך אַזוי גוט צו זײַן דער העלד פון דער דאָזיקער באַלאַדע...

אויף די קרעסן

שלעפעריק און פּאַמעלעך דערנענטערט זיך אונזער צוג צום סטאָלבצער וואָקזאַל, די לעצטע פּוילישע סטאַציע אויפן וועג קיין מאָסקווע.

ווייסע שניי-טישטעכער פּאַרדעקן די פּאַרהאַרטעוועטע ליים-ערד, פון וועלכער ווי-נישט-ווו שטאַרצן אַרויס פאַרזשאַווערטע דראָט-צוימען אַלס אַ ליבער זיכרון פון נאָענטן עבר. קאַלט און אומעטיק איז אויפן וואָקזאַל, וועלכער איז געדיכט פאַרפּולט מיט פּאָליציי און מיליטער אין קאַסקעס.

אַ שטרענגע פּאַספּאָרטן-קאָנטראָל, — און מיר זענען אויף יענער זייט וואָקזאַל ביי די פורן אין שטאָט אַריין.

נאָך אַ קורצן אָבער ענערגישן קאַמף פאַר אייער וואַליזע, וועלכע אַ מנין בעלי-עגלה-יונגען רייסן ביי אייך און איינער ביים אַנדערן, — ווערט איר מיט כּוח אַריינגעזעצט אין איינעם פון די פורלעך.

דורכמאַכנדיק צוזאַמען מיט דער פור די פּאָר קילאָמעטער, וואָס טיילן אונז אָפּ פון דער שטאָט, דערזעען מיר די פריש-אויפגעשלאָגענע פון ברעטער און קלעצער הייזלעך, וועלכע זענען אויפגעוואָקסן אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָר אויף די חורבות פון די פאַרמלחמהדיקע מויערלעך, וועלכע זענען געווען אין סטאָלבצי.

מוראדיקע צייטן האָט געזען דאָס שטעטל; שלאַכטן, שרפות, רויבערייען און באַנדיטן-אָנפאַלן און דאָך שטייט זי ווידער אויף פון אַש און פאַרהיילט אירע ווונדן דורך די ניי-אויפגעשטעלטע הילצערנע הייזער אַלס דער העכסטער אויסדרוק פון קאָמפאָרט ביי היינטיקע באַדינגונגען.

אויך גוטע צייטן האָט סטאָלבצי, — אָדער סטויבץ, ווי יידן

רופן עס, — געזעען: דורך דעם שטעטל איז געגאַנגען דער סחורה־אויסטויש מיט רוסלאַנד, נו, — און אויך דער שמוגל... לעבעדיק איז דאַן געווען; אין גאַנצן לאַנד האָט געפלאָגט די מאַרקן־מגפה, אָבער אין סטאָלבצי, — דאָ איז די וואַלוטע געווען אַ גאָלדענע און סחורה האָט מען געקאָנט באַקומען נאָר פאַר צען־רובלדיקע שטיקלעך...

חברה בעלי־עגלות און גלאַט־ריזיקאַלישע נאַטורן האָבן געמאַכט פאַרמעגנס און געוועזענע אַלטע איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטים האָבן געקוקט און מקנא געווען; צו טון עפּעס האָט געפעלט מוט.

איצט אָבער האָבן די דאָזיקע לייכטע פאַרדינסטלעך אויפגעהערט. דעם האַנדל מיט רוסלאַנד פירט דער „וניעשטאָרג" אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, און אויב עמעצער האָט יאָ אַביסל הנאה פון די עסקים, זענען דאָס נישט די יידן. און אינדעראמתן, וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט דאָס ביי אַ טראַנספּאָרט רויער פוטער, אַז מען נעמט אַראָפּ אַפּאָר פוקסענע קראַגנס?.. און ווען מען זעט זיך אַרום אין דאַנציג אָדער לייפּציג, איז שוין לית דין ולית דיין...

ווי די מעשה איז, דאָס אויבערשטע אין שטייסל איז ווידער דער חשובער באַלעבאָס און סאָלידער סוחר, און דער שמוגל־„עקספּאָרטער" שטייט שוין ווי אַמאָל הינטער דער בימה.

* *
*

און די יידישע געשעפטן? — משטיינס געזאָגט, ווי זיי זעען אויס אין גאַנץ פּוילן, און נאָכמער אין די ווייטע, פאַריתומטע געגנטן.

אַמאָל איז דאָ געווען אַן אַנטוויקלט וואַלד־געשעפט, און אויף די לאַנגזאַמע וואַסערן פון ניעמאַן, וועלכער הויבט זיך טאַקע אָן נישט ווייט פון סטאָלבצי, איז געשווומען געהילץ אַזש קיין מעמעל און ווייטער. איצט איז אין דער בראַנזשע אַ שטילשטאַנד און עס זעט זיך נישט פאָר קיין אויפלעבונג.

זענען געבליבן די קראָמען צונויפגעפּרעסט איינע לעבן דער אַנדערער, עסן זיי זיך אויף פון קאָנקורענץ, און צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ נייע צרה אין די דאָזיקע קאַנטן: די באַאַמטע באַקומען קאָנצעסיעס און זייערע ווייבער און קרובים לערנען זיך די מלאכה פון האַנדלען, האָבנדיק גאַנגבאַרע קאָנצעסיאָנירטע אַרטיקלען, לייכט אָפּגעשפּאָרט געלט, און אויב זיי זענען באַן־באַאַמטע — אויך ביליקע

פראַכטן און נסיעות — קרעמערט זיך עפּעס גאַנץ אַנדערש...

אָט, למשל, האָט דער אייגנטימער פון אַ קאָנצעסיאָנירטער טאַבאַק-הורטאָווניע, אַ געוועזענער באַן-באַאַמטער מיט זכות-אבות, גע־קויפט אַ גוט פערדל, לאָזט זיך בויען אַ נישקשהדיק הייזל, און כאָטש ער איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריקגעקומען, במחילה, אָן תחתונים פון פויזן, שמעקן אים איצט אַזוי די קרעסן, אַז ער וועט שוין אַרויסגיין פונדאַנען ברכוש גדול. אַ יידישער סוחר קאָן, פאַרשטייט זיך, ביי היינטיקע צייטן וועגן דעם אַפילו נישט חלומען.

דאָס באַאַמטנטום איז דאָ אַן אָנגעפּאָרנס, מערסטנטיילס פון ווייטע געגנטן פון פויזן אָדער גאַליציע. אַ טייל פון זיי זענען דאָ פאַר זיך אַן אָפּקומעניש פאַר אַלטע עברות, איבער וועלכע מען האָט זיי צו־גענומען פון נזיד-עדשים פון וואַרשע, למשל, און באַשטימט אויף די קרעסן אַלס „תשובה". נאָך אַ טייל באַאַמטע זענען ספּעציעל אַהער באַשטימט געוואָרן, כּדי צו פאַרפלאַנצן דעם פּוילישן גייסט. די לעצטע איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין: אונטער דער מאַסקע פון אויסערלע־כער געהאָרכזאַמקייט פון ווייס-רוסישן פויער קאָכט ביי אים אַ פאַר־באָרגענע שנאה צו אַזאַ מין „קולטור-טרעגער".

אויף נידריקערע שטעלעס דינען אַביסל רוסישע אינטעליגענטן, מערסטנטיילס געוועזענע באַאַמטע. היינט הייסן זיי „ביאַלאָרוסן" און פאַרבייטן דעם רוסישן קמץ אויף אַ ווייס-רוסישן פּתח. זיי זענען לאָיאַל לגבי דער מאַכט, רעדן געוויינלעך אַ ווילדן, ספּעציפיש קרע־סאָווען פּויליש און האַלטן אין איין ציטערן פאַר די רעדוקציעס פון באַאַמטע, ביי וועלכע זיי זענען שטענדיק דאָס ערשטע כפּרה-הינדל.

איבערהויפּט איז אין גרענעץ-פּאַס מיט רוסלאַנד זייער כאַראַק־טעריסטיש דאָס געפיל פון חשד, די מורא פאַר שפּיאָנאַזש, דער אומ־צוטרוי איינער צום צווייטן.

ווען איר קוקט זיך צו אין די אַזויגערופענע רעסטאָראַנדלעך צו די באַזוכער, ווי זיי זיצן מערסטנטיילס פּאָרוויז ביי די טישלעך און סודען זיך, הויבט אייך אָן נאָגן אַן אומאָנגענעם געפיל פון נישט־זיכערקייט, פון וועלן אַריינדרינגען יענעם אין דער נשמה: „ווער ביסטו? אַ דעפענסיווע-אַגענט, אָדער אַ שפּיאָן?"... ס'איז קיין ספק נישט, אַז סיי די ערשטע און סיי די צווייטע דרייען זיך דאָ אונ־טער די פיס, אָבער ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ מאַסקעס זיי טראָגן און אין וועלכע קרייזן מען דאַרף זיי זוכן?..

שווער איז אויך אַריינצודרינגען אין דער נשמה פון שווייגנדיקן און פלעגמאַטישן ווייס-רוסישן פויער.

ווי איר קוקט זיי אָן, זענען זיי כמעט אַלע געקומען צוריק פון רוסלאַנד, ווו זיי האָבן מיטגעמאַכט די איבערקערענישן אין אַלע אַרמעען, אָנהויבנדיק פון ניקאָלאַיען און ענדיקנדיק מיט דער באָל-שעוויסטישער, זיי טראָגן נאָך אַפילו עד-היום די פאַרשמאָלצענע באַ-ראַשקענע היטלען, וואָס זיי האָבן באַקומען אַלס רוסישע סאָלדאַטן, און אין אַ גרויסן טייל פאַלן — אויך דעם רוסישן „שינעל".

ערד איז פאַראַן ווייניק, ברויט עסט מען נישט צו דער זאַט, און אויך ביי זיי קוועטשט מען פּאָדאַטקעס אָן רחמנות, פויערן דער-ציילן וועגן סעקוועסטראַטאָר, וואָס פירט אַוועק דאָס לעצטע פערד, נעמט צו דעם גראָען זונטיקדיקן „זשופּאַן"...

אַסך פאַראָרדענונגען ווייזן זיך פאַר זיי אויס אומפאַרשטענדלעך. עס האָט געטראָפן נישט לאַנג, למשל, אַז אַקציז-באַאַמטע זענען גע-קומען אין אַ דאָרף לעבן סטאָלבצי, און געפונענדיק, אַז די פויערן זייען טאַבאַק פאַרן אייגענעם געברויך, וואָס איז דאָ אַן איינגעבוי-רענער מנהג, האָבן זיי פאַרניכטעט די בלעטער, געטראָטן מיט די פיס די גערטנדלעך, און באַגעגענענדיק אַ ווידערשטאַנד, געשיקט נאָך פּאָליציי. די לעצטע האָט אַזוי געמאַכט אָרדענונג, אַז עס האָבן בי-טער געקרעכצט גאַנצע דערפער... מען האָט געשיקט אין שטאָט „כאָדאָקעס" שרייבן „פּאָדאַניעס" צו דער מאַכט, אָבער ס'האָט גאָר-נישט געהאָלפן.

און צו דעם קומט נאָך צו די אומגעלומפּערטע קאָלאָניזאַציע פון די „אָסאַדניקעס", צוליב וועלכע ס'איז געקומען אין סיים צו אַזעלכע שטורמישע סצענעס און צו איבעררייסן די זיצונג.

די „אָסאַדניקעס" — דאָס זענען אויסגעדינטע סאָלדאַטן פון דער פּוילישער אַרמעע, וועלכע די רעגירונג ברענגט אַראָפּ אויף די קרעסן פון פאַרשידענע געגנטן, גיט זיי אומזיסטע ערד, אַ געוויסן איינ-ווענטאַר און שטיצט זיי ווי ווייט מעגלעך, כדי זיי זאָלן זיך איינ-אָרדענען אַ ווירטשאַפט.

די ווייס-רוסישע פויערן אָבער קוקן אויף דער ערד, ווי אויף זייער אייגנס, און אויף די „אָסאַדניקעס", ווי אויף אָקופּאַנטן, און דאָס ברענגט צו אומאויפהערלעכע רייבונגען און בלוטיקע צוזאַמענשטויסן.

די אָרטיקע באַאַמטע דערציילן גוזמאות וועגן דער צאָל

באַהאַלטענער געווער אין די קרעסן-דערפער. וועגן דעם, אַז ביי יעדער צופעליקער שרפה רייסן אויף קוילן אָדער האַנט-גראַנאַטן. און ווירקלעך האָט דאָ מיט איינקע טעג צוריק בעת אַ שרפה אין אַ דערפל אויפגעריסן אַ גראַנאַט און דערהרגעט צוויי יונגע פויערן.

פיל, זייער פיל שׂכל, טאַקט און טאַלאַנט צו רעגירן דאַרף מען האָבן, כדי אַריינצוטראָגן אַ באַרויקונג אין די אָנגעשטרענגטע באַציונגען און פאַרלייכטערן די לעבנס-באַדינגונגען אין דעם דאָזיקן קאַנט, וואָס האָט זיך יאָרן-לאַנג געפונען אין פלאַקער פון דער מלחמה און דאַרף איצט מער ווי אַלץ רו און אָרדענונג.

*   *
*

און ווידער טרייסלט זיך מיין פור צווישן אומענדלעכע שניי-פעלדער און שיטערע וועלדער; איינציקע קילאָמעטער לינקס — די רוסישע גרענעץ; רעכטס — איינזאַמע פויערשע הייזלעך... אַ לאַנג-ווייליקער אומעט ליגט אויף דער גאַנצער געגנט און ווי ווייט דאָס אויג כאַפּט, זעט מען נישט קיין לעבעדיק נפש.

מיין בעל-עגלה, אַ סטאָלבצער יידישער בחור, דערבאַרעמט זיך אויף מיין איינזאַמקייט און וויל מיך מסתמא אַביסל פאַרווײַלן מיט דערציילונגען.

— איר זעט, — זאָגט ער צו מיר,—דאָס וועלדל דאָרט ביים וועג? יענע וואָך איז דאָרט פאָרגעקומען אַן אָנפאַל פון באַנדיטן אויף פורן מיט יידישע סוחרים. געווען איז דאָס צוויי אַזייגער בייטאָג, פון רוביזשעוויטשע קיין סטאָלבצי זענען געפאָרן זעקס פורן מיט יידישע קרעמערס, אויך איז געווען צווישן זיי אַ פּאָליציאַנט מיט זיין פרוי און צוויי קליינע קינדער, זענען פון אָט דעם וועלדל אַרויסגעשפרונגען אַ חברה פון אַ צענטליק באַנדיטן, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, און געהייסן די פורן זיך אָפּשטעלן. דער פורמאַן פון דער ערשטער פור האָט מיט אַלע כוחות געשמיסן דאָס פערד און געוואָלט אַנטלויפן, אָבער די קוילן פון די באַנדיטן האָבן דאָס פערד דערלייגט און אַוועקגעלייגט אויפן אָרט. די איבעריקע פורן האָבן אַפילו נישט געפּרוּווט זיך ראַטעווען און די באַנדיטן האָבן צוגענומען ביי די פּאַסאַזשירן דאָס געלט און אַנדערע קאָסטבאַרקייטן און דאַן געהייסן דעם פּאָליציאַנט מיטגיין מיט זיי אין וואַלד...

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער יאָמער פון דער אומ־גליקלעכער פרוי מיט די קינדער... אויך די יידישע פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן קושן די הענט ביי די באַנדיטן און בעטן רחמים, זיי זאָלן דעם פּאָליציאַנט לאָזן צורו...

דאַן האָט דער פירער פון דער באַנדע באַפרייט זיין קרבן, צוגעבנדיק, אַז דאָס טוט ער נאָר דעריבער, ווייל ער האָט רחמנות אויפן פּאָליציאַנטס פרוי און קינדער.

די באַנדיטן זענען רויק אַוועק מיט זייער רויב און אין סטאָלבצי איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס די גאַנצע פּאָליציי. מען האָט רעקווירירט פורן — אויך מיין בעל־עגלה איז אַריינגעצויגן געוואָרן — און מען האָט זיך געלאָזט יאָגן נאָך די באַנדיטן, נאָר ווער ? ווו ? מען איז געקומען צוריק מיטן ליידיקן.

אַזוי דערציילט מיר מיין קלוגער בעל־עגלה, כּדי עס זאָל מיר נישט זיין לאַנגווייליק...

„פון אָט דעם וועלדל — זאָגט דער בעל־עגלה — זענען די רויבער אַרויס און דאָרט זיך צוריקגעקערט"... און אפשר — קלער איך מיר — גלוסט זיך זיי ווידער אַרויסגיין און — גיי פאַרלאָז זיך אויפן באַנדיטס יושר!..

אומעטיק ווערט אויפן האַרצן, רייזנדיק איבער די מזרח־קרעסן...

1925

ווענעדיק — אין די פּינסקער זומפּן

דאַכט זיך, גאָרנישט לאַנג איז דאָס געווען: אין אַ שיינעם זומער־טאָג האָב איך זיך געשיפט אין אַ לייכטער גאָנדאָלע איבער די וואַסער־גאַסן פון דער „קעניגין פון אַדריאַטיק" איבער ווענעדיק. ארום אונז אַ פרייע געזאַנגפולע לופט, לאַכנדיקע, שטיפערישע פּנימער, ווייכע מעלאָדישע לידער, ליבע און צאַרטקייט...

און איצט — בין איך ווידער אין אַ וואַסער־שטאָט, ווייט, גאַנץ ווייט פון איטאַליע; מען דאַרף נישט צו איר קיין פּאַס און קיין וויזעס, קיין אויסלענדישע וואַלוטע און שפּראַכן־קענטעניש, דאָ גייט אָן דער זלאָטע (ווער עס האָט אים נאָר) און מיט יידיש און אַביסל ווייס־רוסיש קאָן מען זיך פאַרשטענדיקן מיט דער גאַנצער באַפעל־קערונג, מיט איין וואָרט — מיר זענען איצט אויף די ווייטע קרעסן פון אונזער רעפּובליק, דאָרט ווו עס ציט זיך דער ברייטער און לאַנגער שטח פון די באַרימטע „פּינסקער זומפּן". דאָ ביי דער זייט האָט זיך צעלייגט דער פּריפּעט: אויף איין זייט סאָוויעטישע זעלנער, אויף דער אַנדערער טונקל־גרינע אוניפאָרמען פון דער פּוילישער גרענעץ־וואַך. די גאַנצע לאַנדשאַפט — ווי ווייט דאָס אויג כאַפּט — אַ פלאַכע, מיט צעוואָרפענע בוימער באַזעצט, מיט ברייט־צעגאָסענע וואַסערן און פאַרפירערישע זומפּן, אויף וועלכע ווינטער און זומער שטייט אַ מילך־ווייסע פאַרע פון בלאָטיקע דאַמפן.

און נאָך אַביסל ווייטער. דאָרט ווו דער טייך דנאַ פאַלט אַריין אין פּריפּעט, — געדיכטע וועלדער מיט אמתע וועלף, מיט וואַלד־סוחרים און האָלץ־העקערס. מיט גרענעץ־רייזנדער אָן אויסלענדישע פּעסער און צופעליק געפונענע טויטע וואַנדערער אָן געלט און אָן דאָקומענטן...

און שטעטלעך, — יידישע שטעטלעך, — זענען דאָ צעוואָרפן צווישן די וועלדער און זומפן: לענין, מיקאַשעוויטשע, לאַכווע. קאָזשאַן־גרודעק — שטעטלעך מיט רבנים און ביבליאָטעקן, מיט יוגנט און „אָפּשפּרעכעניש"... און אַמאָל אין לאַנגע ווינטערדיקע נעכט זינגען דאָרט מאַמעס די קינדער לידלעך וועגן שטעט מיט עלעקטריש ליכט, וועגן פורן, וואָס פאָרן אָן פערד, און נאָך אַזעלכע מעשהלעך, באַצויבערנדע און ווייטע, כמעט נישט דעגרייכבאַרע...

דאָ ענדיקט זיך אויך די פּוילישע באַן-נעץ, און ווילט איר צו קאָזשאַן-גרודעק, למשל, דאַרפט איר דורכשמועסן אָט מיט דעם בעל-עגלה, וואָס נעמט זיך אויך אונטער דירעקט צושטעלן צו אייער ציל אָן אונטערשיד פון וועטער און וועג-צושטאַנד.

און מיר פאָרן... נאָר וואָס איז דאָס? מיר זעען פאַר זיך אַ שטאָט ארומגערינגלט מיט אַ טייך, די הייזער אין וואַסער, אויף די גאַסן שיפלעך; אַ גרופּע קי שווימט פּאַמעלעך צו אַ פּלויט; פון הייזער מיט שטרויענע דעכער און הילצערנע גאַניקלעך שפּרינגען אין קליינע „לאָדקעס" יידן מיט קאַפּאָטעס און יידענעס מיט פּאַרוקן. נישט אַנדערש, — נישט אַנדערש דער בעל-עגלה האָט מיר אָנגעטון אַ כישוף? אָדער זענען דאָס אפשר די פּאָלגן פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט אין די לאַנגווייליקע וואַגאָנעס פון פּאָלעסער אייזנבאַן?

נאָר איך האָב נישט קיין צייט צו טראַכטן, ווייל דער בעל-עגלה שרייט עפּעס אויף אַ מאָדנער שפּראַך, וועלכע איז ענלעך צו רוסיש, אָבער מיט יידישע ווערטער,—צו אַ באָרוועסן שייגעצל, וואָס שטייט אין אַ שיפל און פּליסקעט מיט אַ שטעקן אין וואַסער. דאָס שייגעצל כאַפּט זיך אויף, פירט צו זיין „יאַכטע" און מיט דער גרעסטער עלעגאַנץ, ווי עס פּאַסט פאַר אַ „גאָנדאָלער" פון די פינסקער זומפּן, פרעגט ער מיך, וווהין זאָל ער פאָרן.

אַזוי, נישט קיין חלום, נאָר טאַקע ווענעדיק אין אַ פּוילישער אויסגאַבע. איז דאָס אָבער אַ צופעליקע פאַרפלייצונג, אָדער אַן אָפּטע דערשיינונג? דערקלערט מיר דער פורמאַן!

— יאָר־יערלעך פון פאַר פסח און כמעט ביז שבועות גייט אַרויס די דנאַ פון די ברעגעס און באַדעקט מיט אַ טיפן שטראָמענדן וואַסער די שטעטלעך אַרום; פּאַסן זיך צו דאַן די מענטשן און רירן זיך אין שיפלעך. עס איז טאַקע ביטער, אָבער וואָס זאָל מען טון?

הייס איך מיך פירן אין מאַרק אַריין, דאָרט ווו די אַלטע שול פון

זיבעצטן־יאָרהונדערט הויבט זיך אויף העכער ווי אַלע הייזער און בויגט זיך איין מיט דער לינקער זייט אויף דער האַלב־איינגעפאַלע־נער באָד מיט לעכער אָנשטאָט פענצטער, אונזער שיפל פאָרט אַריין — — — אין פאַליש, און דאָן שטייגן מיר אויס און דורך די שווערע אויסגעשמירטע טירן גייען מיר אַריין אינעווייניק, פילנדיק מיט שמחה אונטער די פיס אַ טרוקענע הילצערנע פאָדלאָגע, אַ שיין געשניצטער אָרון־קודש מיט גרויסע ים־פערד ביי די זייטן; אַן אויס־גענייטער אויף זייד „מזרח״ מיט פאַרשידענע פיגורן און אויפשריפטן, —דאָס זענען די קונסט־אַלטערטימער פון שטעטל, וועלכע האָט נישט אויף דעם קיין מבינים.

אויף יענער זייט מאַרק איז די פאָלקס־באַנק, ווו איך דאַרף דורכפירן אַן אינספּעקציע.

מיין שיפל פאָרט ברייטלעך אַרויף אויפן בריקל פון דער באַנק־געביידע (אַ הילצערנע חורבה מיט אַ שטרויענעם דאַך...) און נאָר דורך אַ נס האָב איך זיך נישט אויסגעגליטשט אין וואַסער אַריין.

מיין „גאָנדאָלער״ הייסט זיך באַצאָלן אַ קאָלאָסאַלע סומע פון פופציק גראָשן און ווען איך גיב אים אַ זילבערנעם זלאָטי, ווערט ער אַביסל צעטומלט, כאַפּט אים אין די ציין און אַנטלויפט אָן אַ „זיי־געזונט״, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר האָב איך חרטה?

עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט; דאָרט אין דעם איטאַליע־נישן ווענעדיק שפרודלט איצט פון סעניאָרעס און סערענאַדעס, פון עלעקטרישע לאַמפּיאָנען און קלינגנדע מאַנדאָלינעס, — און דאָ,—אין ווענעדיק ביי פינסק, איז עטוואָס אומעטיקער; עס שטייען צוויי בער־דיקע יידן און האַלטן אין דער הויך בליך־לאַמפּן, כדי איך זאָל קאָנען אַריינשטייגן אין שיפל, וואָס דאַרף מיך אָפּפירן אין מיין אכסניא. אַרום איז די אמתע מצרים־פינצטערניש, וואָס דרינגט אַריין אַזש אונטערן קאָלנער. אויף אַ נאָענטן הויף קוויטשען חזירים: אָדער מען קוילעט זיי, אָדער זיי טרינקען זיך. אין אַ שמאָל וואַסער־געסל קומען אונז אַנטקעגן אויף אַ שיפל די קריסטלעכע אינטעליגענץ פון שטעטל: דער וואָיט, לערער און פאָליציי־קאָמענדאַנט; ביי זיי איז שוין נאָך קידוש און דעריבער זינגט מען גאַנץ פיין אַ כאָכאָליש זמרל. און אַז מ׳דערזעט אונזער שיפל באַגריסט מען אונז גאַנץ פריינטלעך, דערמאָנענדיק דעם יחוס פון אברהם אבינו ביז... אין

טאַטן אַריין איינשליסלעך, און אַלץ אין אַ ריינער רוסישער שפּראַך, געטאַקט און מוזיקאַליש.

* *
*

אַזוי מאָרגן פרי באַגעגנט מיך די וואַרעמע פרילינגס־זון אין דערבייִיקן שטעטל לאַבוע. דאָ האַלט זיך דער טייך „סטאַטעטשנע״ און באַנוצט זיין ענערגיע נישט אויף פאַרפלייצן אַן אומשולדיק יידיש שטעטל, נאָר אויף דרייען די רעדער פון וואַסערמיל, און ביים ברעג, צווישן בוימער שטייען ווייס־רוסישע פויערטעס מיט פלאַטשיקע נעז, אָנגעטון אין משונהדיקע בגדים, וועגן וועלכע שלום־עליכם האָט אַמאָל געזאָגט: „איז דאָס הויזן, — טאָ ווו איז דער קראָק? איז דאָס קליידער, טאָ פאַרוואָס הענגען ביי די פיס אַרבל?״. די פויערטעס כאַפּן פיש אין פאַרצויגענע נעצן; צאַפּלדיקע לעבעדיקע פיש צו זלאָטע אַ קילאָ. און פונוויטן, דאָרט, ווו די העברעיש־יידישע פאָלקסשול רע־מאָנטירט איר געביידע, דערטראָגן זיך פריילעכע יונגע קלאַנגען פון דער „התקוה״.

פאַרזיכטיק מיט די קינדער אין די פינסקער זומפּן! פון זיי איז חיים ווייצמאַן אויסגעוואָקסן!..

1926

אין דער הויפּט־שטאָט פון וואָלין

אַ קינד אין וויג וועט מסתּם פאַרשטיין, אַז די הויפּט־שטאָט פון וואָלין איז געווים לוצק, די אַלטע פּויליש-יידיש-קאַראַימישע שטאָט אויפן ברעג פון טייך סטיר.

אמת, מיינע גוטע פריינט אין קאָוועל און אין ראָוונע וועלן געווים פאַריבל האָבן אויף אַזאַ פּרסום, וואָס מען מאַכט זייער קעגנערין און קאָנקורענטין לוצק, וועלכע איז נישט גרעסער, נישט שענער און נישט געלערנטער פון זייער היימאַט־שטאָט, נאָר זי האָט בלויז זוכה געווען צו זיין דאָס זיך-אָרט פון וואָיעוואָדע. אָבער אַזוי פירט זיך שוין די וועלט. אונז ציט צו די „שטראַלן" פון מאַכט, פון גדולה, און אַז שרייבן פון וואָלין, זאָל שוין זיין פון איר אַזוי־גערופענער „הויפּט־שטאָט".

ווי איינזאַם, ווי אומעטיק פילט זיך איצט דער מענטש אין פּרעכטיקן קוריער־צוג, וואָס פאָרט פון וואַרשע אין וואָלין.

נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פלעגט מען מיט תּחנונים אויס־בעטלען אַ פּלאַץ אין קאָרידאָר ביים קאָנדוקטאָר: וואַגאָנען זענען פול געפּאַקט געווען מיט יידעלעך פון כּל המינים, סוחרים גרויסע און קליינינקע, וואָס פלעגן זיך איבערנאַכט אַריבערכאַפּן קיין וואַר־שע נאָך אַביסל סחורה; ס'האָט געקאָכט דאָן אין מסחר; יידן זע־נען געווען פאַרטון אין עולם-הזה — האָט נישט געשפּילט אַ ראָלע די פּאָר גילדן פאַר אַ באַן-בילעט, מעג זיין אפילו פון צווייטער קלאַס. היינט אָבער איז דאָס בילד אַ גאַנץ אַנדערס: עס פּוסטעווען די אויבערשטע שלאָף-פלעצער פון אַלע קלאַסן און אין די אַמאָליקע רוסישע וואַגאָנען פון קוריער־צוג איז גרוים און ברחבותדיק.

עס פאָרן מיט מיר אַ פּאָר קריסטלעכע „מאַגנאַטן", וויזן זיי

אָבער דעם קאָנדוקטאָר אָנשטאָט אַ בילעט עפּעס אַ רויטן „שיר־המעלות״, און ס׳דאַכט מיר גאָר, אָז אַ שפּאַס, אַז זיי פאָרן אַלע אויף מיין רעכענונג...

די אַמאָליקע יידישע סוחרים לעבן היינט אָפּ אַ גאַנצע וואָך מיט די פּאָר זלאָטעס, וואָס קאָסט אַ באַן־בילעט, און נאָך וואָס צו פאָרן קיין ווארשע איז אויך נישטאָ... דער קאַלטער דלות אין לאַנד הויבט אָן צו בלאָזן שוין אין די צוגן.

אַ חושכדיקע הילצערנע געביידע מיט אַ פּאָר נאַפּט־לעמפּלעך באַלויכטן — דאָס איז די באַן־סטאַציע פון לוצק.

נישט שטאַרק אימפּאָנירנדיק, אָבער מיר זענען היינט אין פּעריאָד פון שפּאָרזאַמקייט — קאָן מען דען קלערן וועגן אַ שענערע סטאַציע־געביידע?

דערפאַר אָבער איז לעבעדיק אויף דער לאַנגער יאַגעלאָנסקער גאַס, אויףביידע טראָטואַרן מאַסן שפּאַצירנדע; העל־באַלויכטענע געשעפטן, שיינע מויערן. יאָ! אויב איך האָב קיין טעות נישט, שפּאַצירן קריסטלעכע יינגלעך מיט יידישע מיידלעך, און פאַרקערט, אַלזאָ, מיר זענען דאָ טאָלעראַנט אין לוצק איינער צום צווייטן, — דאָס, זעט איר, פאַראינטערעסירט מיך.

ווייזט זיך אַרויס, אַז יידן מיט פּאָליאַקן האָבן אַ געמיינזאַמען קלוב, ווו די אינטעליגענץ פון ביידע פעלקער טרעפט זיך ביי געמיינזאַמע טישלעך און טאַנצט אונטער די קלאַנגען פון אַן עכט־יידישן „דזשאַז־באַנד״. און טאָמער איז מען אַביסל שוואַך אין פּויליש (און פונוואַנען זאָל מען טאַקע דאָ קענען פּויליש) פאַרשטענדיקט מען זיך אין... רוסיש, וועלכע ביידע צדדים באַהערשן אויסגעצייכנט.

אָבער צו די באַציונגען שטערט דאָס נישט, און דער וואָלינער וואָיעוואָדע האָט זיך אין אַ רעדע נישט לאַנג אויסגעדריקט: „די פּוילישע קולטור אויף די קרעסן גייט דורך די יידן״.

איך ווייס נישט, אמת, אויב דער קאָמפּלימענט איז אַ פאַרדינטער, — כאַראַקטעריסטיש אָבער איז ער געוויס.

אַרום זיבעצן טויזנט יידן האָט לוצק — איז זייער מאַטעריעלע לאַגע פאַרן קריג געווען אַ גאַנץ גוטע, און אויב מען האָט זיך מיט קיין זאַך ספּעציעל נישט צו באַרימען: נישט מיט תורה, נישט מיט דרך־ארץ, — אָבער אַן אָפענע האַנט האָבן לוצקער יידן געהאַט, און

צדקה האָט מען געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט.

איצט זענען קיין מעלות נישט צוגעקומען, אָבער צדקה גיט מען ווייניקער, ווייל פאַראָרעמט איז מען דאָ געוואָרן נישט ערגער ווי אין אַלע אַנדערע שטעט פון אונזער קריזיס-לאַנד.

שוואַך קלאַפּט דאָ דער געזעלשאַפטלעכער פּולס; נישטאָ קיין לעבעדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען; טויט איז אין סוחרים-פאַריין; בײַ די האַנטווערקער איז, אמת, אַביסל לעבעדיקער, נאָר דאָס איז דאָך נישט גענוג פאַר אַזאַ גרויסער שטאָט ווי לוצק.

און לוצק, דאַרפט איר וויסן, איז נישט קיין אויפגעקומענע שטאָט, נאָר אַלט גאַנצע טויזנט יאָר, און שוין מיט קנאַפּע זעקס הונדערט יאָר צוריק איז שוין דאָרט געווען אַ יידישע שול און אַ קאַראַימישע „מעדרעסע".

און אַז באָגדאַן כמעלניצקי האָט מיט אַ יאָר דריי הונדערט צו־ריק אַ הוליע געטון אין לוצק, האָט דאָס געקאָסט דאָס לעבן פון פיר טויזנט יידן און אַ פּאָר הונדערט קאַראַימער.

און אַ וווּנדערבאַרע שול באַזיצט לוצק, — איז זי איינע פון די אינטערעסאַנטסטע לויט איר אַרכיטעקטור אין גאַנץ פּוילן: זי האָט דאָס אויסזען פון אַ פעסטונגס-באַסטיאָן מיט אַ הויכן גראָען טורעם, אין וועלכן עס זענען געמאַכט געוואָרן לעכער צו... האַרמאַטן. דאָס האָט געבויט די שול זיגמונט דער דריטער, האַבנדיק דאַן אין זין סײַ די רעליגיעזע נויטן פון זיינע יידישע בירגער און סײַ — די טערקן, טאָטערן און אַנדערע מחבלים פון מזרח, וועלכע פלעגן חשק האָבן אַריבערשפּרייזן די טונקעלע וואַסערן פון סטיר, וואָס אויף זיינע ברעגעס איז די שול געבויט. מען דערציילט אפילו, אַז אַמאָ־ליקע שמשים האָבן געקאָנט מאַכן אַ „בורא מאורי האש" נישט נאָר אויף אַ הבדלה, נאָר אויך אויף האַרמאַטן.

איין זאַך אָבער קאָן איך נישט מוחל זיין די לוצקער גבאים: זיי האָבן די שול נישט געטאָרט אָפּפאַרבן. קאָן דען זיין עטוואָס מער געשמאַקלאָזער ווי אַ גלענצנדער אַלטערטימער-דענקמאָל, אָפּגע־טונקט אין קיך־פאַרב?

קיין ספּעציעל-יידישער קוואַרטאַל איז נישטאָ אין לוצק: אַ סימן, אַז מען איז קיינמאָל נישט געווען קרעמפּירט צווישן שכנים.

פון דעם ביסל קאַראַימער, וואָס זענען נאָך געווען פאַרן קריג, איז געבליבן היינט נאָר ניין נפשות. בײַ זיי האָט זיך גאָר

נישט געביטן, מיט דעם קליינעם אונטערשיד נאָר, וואָס פריער האָט מען געדינט טריי אַלס רוסישער באַאַמטער, — איצט נישט ווייניקער טריי — אַלס פוילישער. אַ טרויעריק שיקזאַל פון אַן אונטערגייענדן שטאַם פון יעוופּאַטאָריע אין קרים ביז — טראָקי אונטער ווילנע.

אויך די פּוילישע פּרעסע אין לוצק, מיטן אויסנאַם פון דער ווייניק געלעזענער „זשיטשע וואָליניאַ", שטרעבט צו אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג, און דאָס, ווייזט אויס, האָט אַ ווירקונג.

אויף דער רוסישער גרענעץ

דריי זענען מיר געווען: אַ פּראַוואָסלאַוונער פּאָפּ, אַ קאַפּיטאַן פון דער גרענעץ-וואַך און איך. דרייען מיר זיך אַרום שוין אַ שעה פיר-פינף אויף דער ראָוונער הויפּט-גאַס און דאָרט ביים ראָג פון אַ שמוציק געסל שטייען אַ פּאָר אַלטע פּאַסאַזשיר-אויטאָמאָבילן, וועלכע זאָגן שוין צו פון גאַנץ פרי אָן, אַז אָט-אָט, די מינוט, פאָרן זיי אין קאָרעץ.

דערווייל קלויבט מען פּאַסאַזשירן, אָבער אַזוי ווי מער ווי מיר דריי זענען נאָך נישטאָ, — איילט זיך נישט דער שאָפער און פאַר-ברענגט פריילעך אין אַ געזעלשאַפט פון אַפּאָר דאַמען, וואָס די באַ-לעבאָסטעס האָבן געשיקט אין מאַרק אַריין איינצוקויפן.

מיר הויבן שוין אָן צו ווערן אין כעס; דער קאַפּיטאַן דער-מאָנט דעם שאָפער עפּעס וועגן פאַרלירן די קאָנצעסיע אויף דער „יאַזדע"; דער פּאָפּ בעט אים אין גאָטס נאָמען און דערביי שילט ער דעם שאָפער אַזוי הארציק-פרום, אַז ס'רירט פּשוט ביי דער נשמה, און איך, איך זאָג צו נאָך אַפּאָר זלאָטעס אויף מיין חלק, אויב מיר וועלן טאַקע אויף אַן אמת באַלד פאָרן. מיר דאַכט זיך, אַז געהאָלפן האָט טאַקע דאָס לעצטע; דער שאָפער כאַפּט זיך אַריין נאָר אויף אַפּאָר מינוט אין דערביייִקן שענק אַריין צו מאַכן דעם לעצטן „לחיים" און מיר זעצן זיך אויס ברייטלעך אין 6-פּלאַציקן „דאָדזש", וועלכער האָט געוויס אין זיינע יוגנט-יאָרן, אין זיין פאָטער-לאַנד אַמעריקע, געזען שענערע שטעט ווי ראָוונע און שענערע פּאַסאַזשירן, ווי מיר.

די שטאָט קאָרעץ דאַרפט איר וויסן ליגט זעכציק וויאָרסט

וועג פון ראָוונע. און אַז מען זעצט זיך אַריין אין אַן אַלטן אויטאָ־מאָביל, דאַרף מען גוט מהרהר בתשובה זיין, אַז מען זאָל גלאַטיק דורכפאָרן דעם דאָזיקן מהלך און אָנקומען בשלום, אויב נישט אין צוויי שעה, — ווי דער שאָפער זאָגט צו, — איז לכל־הפחות אין פיר־פינף שעה אַרום ביי קליינע אויפטרייסלונגען און באַשעדיקונגען.

פונדעסטוועגן פרעג איך פאָרזיכטיק דעם שאָפער, איידער מיר רירן זיך פון אָרט: „צי איז דער „קאַרבאָראַטאָר" אין אָרדענונג? צי האָט ער „טרוקענע לאַטקעס", אויב עס וועלן פלאַצן די גומעס? צי האָט ער אַ זאַפּאַסנע באַטעריע, אויב דער מאָטאָר וועט קאַליע ווערן?" — די פראַגן זענען באַליידיקנדע פאַר אַזאַ סובטעל וועזן ווי אַן אָנגעטרונקענער שאָפער, אָבער איך באַקום דאָך אַ פאַרזי־כערונג, אַז אַלעס איז אין דער בעסטער אָרדענונג און מיר רירן פון אָרט.

אָט זענען שוין פאַרשוווּנדן געוואָרן די בלינדע ווענט פון דער ראָוונער טורמע; מיר לאָזן שוין הינטער זיך די דאַמפמילן און דעם נייעם בולוואַר. עס ווערט פריילעכער אויפן האַרצן צווישן די גרין־באַוואַקסענע בערגלעך, וואָס צוימען איין דעם שאָסיי; מיין שכן פון רעכטס, דער פּאָפּ, ברומט געמיטלעך עפּעס אַ מאָטיוו, וואָס, אויב איר ווילט, איז דאָס אַ תּפילה, ווילט איר, איז דאָס אַן אונ־גאַרישער „טשאַרדאַש"; דער קאַפּיטאַן פון לינקס פייפט „די ערשטע בריגאַדע" און קלאַפּט צום טאַקט מיטן פינגער, און פּלוצלינג... גיט דאָס פון הינטן אַ קנאַל, אַזוי ווי פון אַ האַרמאַט, און דער אויטאָ־מאָביל בלייבט שטיין...

מיר שפּרינגען אַלע אַראָפּ און באַטראַכטן דאָס געפּלאַצטע גו־מענע ראָד, וועלכעס ליגט אָן לופט און ווי אַ פאַרשעמטער אויף דער זייט פון שאָסיי.

נאָר דאָסמאָל איז געווען מיט חסד: עס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ שעה אַנדערטהאַלבן, און מיר פאָרן שוין ווייטער, מער נישט אַביסל פאַמעלעכער, כּדי נישט מקטרג צו זיין דעם שטן...

30 וויאָרסט פון ראָוונע, אין דער קרעטשמע האָשטשע, דאַרף מען נעמען וואַסער פאַר דער מאַשין; איז אָבער דאָס אומגליק, וואָס אויסער וואַסער אין ברונעם באַקומט מען דאָ אויך אַביסל גוטן שפּירטוס און דווקא נישט צוליב מעדיצינישע צוועקן; נעמט אַ קאַ־פּיטשע דער שאָפער, מאַכט אַ ברכה דער פּאָפּ; טרינקט פאַר אונזער

געזונט דער קאַפּיטאַן און אַז די אָוונט־שאָטנס פאַרדעקן דעם הימל און אין אַ מילדער פינצטערקייט טונקען זיך איין דער שאָסיי און די וועלדער אַרום, — הויבן מיר אָן דורכצומאַכן די צווייטע העלפט פון אונזער רייזע.

מיר פרובירן אָנצינדן די לאָמפּן פון אויטאָמאָביל, נאָר דריי אַהין, דריי אַהער, דער קאָנטאַקט איז איבערגעריסן, ס׳איז ביטער, מיר דאַרפן פאַרבייפאָרן עטלעכע טריט צו דער סאָוויעטישער גרענעץ און אָן לאָמפּן איז דאָס אַביסל אומאָנגענעם, נאָר מיר האָבן קיין ברירה נישט.

דערווייל ווערט קילער, געדיכטע וואָלקנס פאַרדעקן דעם הימל, עס הערן זיך ווייטער דונערן, וועלכע קלינגען אָפּ אין דער פינ-צטערניש, ווי האַרמאַטן־קאַנאָנאַדע. געדיכטע טראָפּנס פלעגן באַנעצ דאָס פּנים; עס דערנענטערט זיך אַ שטורעם, וועלכער זאָגט נישט פאָר קיין גוטס.

העל-זילבערנע בליצן, ווי מאָנסטרואַלע שלאַנגען שניידן דורך די פינצטערניש און זיי באַווייזן נאָך נישט צו פאַרשווינדן, ווי שרעקלעכע דונער־קנאַלן פאַרהילכן די לופט, צעגיסנדיק זיך אין אַ פאַנטאַסטישן ווידערקול איבער דער בערגיקער געגנט.

דער פּאָפּ זינגט נישט מער, דער קאַפּיטאַן רויכערט נערוועז זיין פייקע; מיר זענען אַלע אָנגעשטרענגט. מיט פאַרפּרעסטע הער־צער דערוואַרטן מיר די אַנטשיידונג.

דער שאָפער דרייט זיך אומדערוואַרט אום און דערקלערט, אַז ער שטעלט אָפּ דעם מאָטאָר, ווייל ער האָט מורא, אַז דער פונקציאָ-נירנדער מאַגנעט זאָל נישט צוציען אַ בליץ... מיר זענען שווייגנד מסכּים.

דער רעגן גיסט מיט אַן אומגעהויערער ווילדקייט און די אָנ־געשטעלטע דורכגעלעכערטע בויד הערט אויף צו זיין אַ פאַרטיידי-קונג פון די וואַסער־שטראָמען.

עס גייט אַריבער אַ האַלבע שעה, אַ שעה, — און קיין ענדע־רונג צום בעסערן זעט זיך נישט פאָר.

לייגט פאָר דער קאַפּיטאַן: „דאָ נישט ווייט, אַ וויאָרסט פון שאָסיי, וווינט אַ פויער וואַסיל, לאָמיר גיין צו אים און איבערנעכטיקן די נאַכט". — זענען אַלע מסכּים, אַפילו דער שאָפער, וועלכער וויל זאָגאַר דעם אויטאָמאָביל לאָזן אויף הפקר.

ס'איז אָבער פינצטער און גליטשיק; נעמען מיר זיך אַלע אונטער די הענט, פלעכטן זיך איין אין אַ וווּנדערבאַרן פּויליש־יידיש־אוקראַיִנישן בלאָק, וועלכן קיין קראַפט אין דער וועלט איז נישט אין שטאַנד צו צערייסן, און ביז די קנעכל אין וואַסער פון דער צעווייקטער ערד שפּרייזן מיר צו וואַסילין.

אַ כאַפּטע בייזע הינט באַגעגענען אונז מיט אַ בילן־סימפאָניע, וועלכע איז אין שטאַנד געוועז אויפצוּוועקן אַפילו טויטע.

כאַפּט זיך אויף וואַסיל, באַרויקט די הינט און פירט אונז אַריין אין דער גרויסער פאַררויכערטער „גאָרניצאַ", וועלכע איז דאָס אויפנאַם־צימער פון זיין שטוב.

מען הייצט איין דעם גרויסן פאַרקאַלכטן אויוון, וואָס פאַרנעמט אַ העלפט שטוב, מען צעהענגט אויף אים אונזערע זאַכן; דער פּאָפּ קרעמפּירט זיך אַפילו מיט אַראָפּנעמען די תחתונים — פּאָרט אַ כלי־קודש, נאָר אָט זיצן מיר שוין ביי דער גרויסער שיסל סמעטענע מיט ראַזאָווע ברויט, און אונזער נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק טונקט זיינע הילצערנע לעפלען.

* *
*

ביסלעכווייז ווערט טאָג און אַ העלער, לאַכנדיקער הימל פאַרבייט די סודותפולע פּאַטאַלע נאַכט.

אַביסל אויסגעמאַטערטע, — באַגעגענען מיר אָבער מיט שמחה די אויפגייענדע זון, וועלכע צעשפּרייט די קאָשמאַרן פון דער נאַכט.

דער קאַפּיטאַן לייגט מיר פאָר זיך אַביסל דורכשפּאַצירן צו דער גרענעץ־בודקע, וועלכע געפינט זיך נאָר עטלעכע טריט פון אונזער געצווונגענעם נאַכט־האָטעל.

אַ גרופּע גרענעץ־זעלנער לויפן אונז אַרויס אַנטקעגן, נאָר דערזעענדיק דעם קאַפּיטאַן פאַרהאַלטן זיי זיך און לאָזן אונז אַריין אין בודקע.

נישט מער ווי צוויי טריט פון דער פּוילישער בודקע זעען מיר אייניקע סאָוויעטישע סאָלדאַטן, וועלכע וואַשן זיך אויף דער פרישער לופט; פּויערישע הייזלעך, שוין אויף דער רוסישער זייט, זענען צעוואָרפן דאָ און דאָרט און אַרום זיי פאָרען זיך „באַבעס", קינדער און קי מיט דער כאַראַקטעריסטישער פרימאָרגן־פלייסיקייט.

אַט דערנענטערט זיך צו דער פּוילישער בודקע אַ סאָוויעטישער העכערער אָפיציר (דריי אויסגענייטע צייכנס אויפן אַרבל), באַגריסט זיך פריינטלעך מיט דער וואַך און לייגט פאַר אַ קאָש פרישע טרוס-קאַווקעס, דאָס זענען געוויינלעכע העפלעכקייטס-אויסדרוקן צווישן דער „סאָציאַליסטישער" און „בורזשואַזער" מלוכה, וועלכע פאַרלייכטערן די פאַרייניקטע גרענעץ-היטער פוןביידע צדדים זייער אומעטיק און שווער לעבן אין די פאַרוואָרפענע געגנטן.

נאָר פונוויטן הערן מיר שוין, ווי אונזער אויסגעניכטערטער שאָפער פּרובירט דעם אויטאָמאָביל, און דאָס קלאַפּן פון דעם מאָטאָר דערמאָנט אונז, אַז מיר דאַרפן פאָרן אין קאָרעץ, האָבן נאָך אַ האַלבע שעה רייזע.

ווידער אַ העפלעכע פאַרנייגונג צו „יענער" זייט און אַ הערצלעכן ווונטש אונזער באַלעבאָס וואַסיל, וועלכער וויל בשום אופן נישט נעמען קיין געלט פאַר נאַכטלעגער און סמעטענע, און מיר פאַרלאָזן דעם דאָזיקן איינפאַכן, נאָר גאַסטפריינטלעכן גרענעץ-ווינקל.

1926

לעגענדעס אוןווירקלעכקייט

פון טרעסטינע (אין ראַיאָן פון אָסאָוועצער פעסטונג) זענען מיר אַרויסגעפאָרן שוין אין אָוונט. עס איז געווען אַ שנייִק וועטער און די פינצטערקייט האָט פאַרשטעלט דעם וועג אויף אַ שריט פאָרויס, מיר האָבן געדאַרפט דורכמאַכן די פאָר מייל ביז טיקטין אויף אַן אומגעוויינלעך שווערן וועג, וועלכער ליגט צווישן וועלדער און צעגאָסענע טייכלעך, ווו סיי די פור און סיי די פערד האָבן אַ מיאוסע טבע זיך שטעלן אויף די הינטערשטע פיס און אָן שום דרך־ארץ אויסקערן מיטן פנים אַראָפּ דעם פּאַסאַזשיר מיט זיין קאַפּעליוש און פוטער.

ר׳ נחום אָבער האָט דאָס מאָל איינגעשפּאַנט אַ פּאָר פייערדיקע פערד, „אמתע אָדלערס", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, און פאַרזיכערט, אַז זאָל ער נאָר זיין אַזוי זיכער מיטן גלעזל „שפּירטעס", וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט, ווי מיר קאָנען זיין זיכער, אַז ער וועט אונז גאַנצע דערפירן ביז טיקטין.

ר׳ נחום דאַרפט איר וויסן איז אפילו נאָר אַ פורמאַן, אָבער ער לערנט אַ פּרק משניות, הערט אַ בלאַט גמרא אין בית־המדרש און איז בכלל נישט פון די היינטיקע בעל־עגלות. אגב, איז ר׳ נחום אַלט אַ יאָר ניינציק, כאָטש ער איז זיך מודה נאָר צו אַכציק, כדי קיין עין־הרע זאָל אים נישט שאָדן; נישט דורכמאַכנדיק קיין שום אָפּעראַציע ביי שטייגאַכן, פילט ער זיך, גאָט צו דאַנקען, געזונט און שטאַרק.

עס ציען זיך די שעהן און מיר פאָרן פון איין וואַלד אַרויס אין אַנדערן אַריין, די פערד גייען אינסטינקטיוו און פון צייט צו צייט צינדן מיר אָן דאָס עלעקטרישע לעמפּל, וואָס באַלייכט נאָר אַ פּאַר־שנייטן צווייג, וואָס הענגט איבער אונז, אָדער אַ ברודיקע קאַלוזשע מיט האַלב־פאַרפרוירענער וואַסער.

יאָ, אין דער געגנט שפּאַצירן וועלף. ר׳ נחום האָט אַליין געזעען דריי שטיק פונדערווייטנס. זיי זענען איצט שרעקלעך הונגעריק, אָבער וועגן אָנפאַלן אויף מענטשן הערט מען נישט לעצטנס. לאָזט מען אָבער אָפּ אַ קו אָדער אַ פערד אַליין, וואַרפט זיך אַמאָל אַרויף אַ „גאַסט” פון הינטן און איז זיי גענוי בודק די געדערעם. אַזוי דערציילן פויערים, און ר׳ נחום דערציילט דאָס אונז, דורכפאָרנדיק דעם געדיכטן פּראָנטשאַק־וואַלד, ווו אפילו אָן וועלף פאַלט אויך אַרויף אַן אימה אויף אַ מענטשן. מיר הייבן זיך כלומרשט אָן שפּילן מיטן קליינעם בעלגישן ברוינינג, ציען אָפּ דאָס אויבערשטע רערל און אַזוי זיך, צוליב שפּאַס, לאָזן מיר דאָרט אַריין דאָס מעשענע קוילעכל. מיר שעמען זיך מודה צו זיין, אַז די מעשה מיט די וועלף איז אונז אַריין אין נאָז און אויב ס׳וועט אויסקומען צו שיסן, וועט דאָס מן־הסתם נישט זיין אויף „וויוואַט”.

דערווייל אָבער צערעדט זיך ר׳ נחום וועגן זיין היימאַט־שטאָט טיקטין, וואָס איר געשיכטע איז איינגעהילט אין אַ ריי לעגענדעס און פאָלקס־מעשהלעך פון מתים, שדים און רוחות. אַן אומדערשעפּטער קוואַל פון יידישן פאָלקלאָר, פונוואַנען עס האָבן געשעפּט ש. אַנ—סקי, בערשאַדסקי און אפילו פוילישע היסטאָריקער.

ר׳ נחום האָט, פאַרשטייט זיך, קיין אַנונג נישט פון אַנ—סקיס „דיבוק” און דערציילט אונז אַ מעשה, אין וועלכער ס׳הערן זיך די מאָטיוון פון אַנ—סקיס דראַמעס.

„געווען איז דאָס, — הויבט אָן ר׳ נחום, — מיט קרוב דריי־הונדערט יאָר צוריק, אין טיקטין איז דעמאָלט געווען רב דער באַוווסטער ר׳ דודל, אַ גרויסער בעל־מקובל, וואָס האָט געהאַט צו טון מיט די עולמות העליונים. אין שטאָט האָבן געוווינט צוויי ברידער, רייכע סוחרים, פון וועלכע איינער פלעגט אָפּט זיין אין רוסלאַנד, איבערלאָזנדיק זיין ווייב אין טיקטין, האָט זיך דער אַנדערער ברודער איינגעליבט אין דער פרוי און נישט קוקנדיק אויפן לאָוו פון „אשת־איש”, געלעבט מיט דעם ברודערס פרוי כמעט בפרהסיה. פאַרשטייט איר דאָך, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיקעלע מגפה און יעדן טאָג האָבן צענטליקער מענטשן באַוויינט זייערע נאָענטע, וועלכע דער טויט האָט צוגענומען אין בליענדן עלטער. און ביינאַכט, פלעגט זיך אַ שטים הערן פון דער אַלטער שול, ווער עס וועט שטאַרבן מאָרגן.

מען האָט געפאַסט, געטון תפילה און געוויינט פאַרן רב, ער זאָל עפּעס טון.

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן אָוונט הערט מען פון שול אַ כּרוז: „מאָרגן וועט שטאַרבן דער מרא-דאתרא, דער רב פון שטאָט".

לויפן די באַלעבאַטים און זאָגן דאָס אָן דעם רב, טרעפן זיי אים לערנענדיק; ער ווייסט שוין וועגן בת-קול, ער איז רויק.

דער רב שיקט נאָכן שמש און הייסט אים גיין אויפן בית-עולם אויפוועקן פון קבר דעם אַלטן שוחט. ער זאָגט אָבער שטרענג אָן דעם שמש, ער זאָל זיך נישט אומקוקן אויף צוריק און אַריינפירן דעם מת גלייך צום רב. דער שמש פירט אויס דעם באַפעל און, גייענדיק צוריק פון בית-הקברות, הערט ער הינטער זיך די שווערע טריט פון אויפגעוועקטן שוחט. אַריינקומענדיק אין שטוב, הייסט דער רב דעם שמש ברענגען צוויי חלפים. דער שמש הערט, ווי דער רב רעדט צום שוחט, אָבער דעם מת זעט ער נישט. צוזאַמען מיטן רב און מיטן מת גייט דער שמש פאַרטאָג צום הויז, וווּ ס'קומט פאָר די גרויסע זינד און מען טרעפט גראָד דאָס פּאָרל ביי דער עבירה. דאַן זעט דער שמש, ווי דער רב נעמט דעם חלף און גייט צו צום מאַנסביל און דער אַנדערער חלף הויבט זיך אויף אין דער לופטן איבער דער פרוי און ביידע ווערן געקוילעט ווי די שעפּסן. ווי נאָר דער רב, דער מת און דער שמש זענען אַרויס פון שטוב, איז אַרויס אַ פייער פון הימל און אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען, איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די קערפּערס פון די זינדיקע. אין דעם זעלבן טאָג האָט די מגפה אויפגעהערט.

דער שמש איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַ גרויסער מקורב פון רב און נאָך זיין טויט האָט ער געירשנט דעם כּסא-הרבנות; דאָס איז געווען דער באַוווסטער רב ר' מאירל".

*　*
*

ר' נחום האָט זיך אַפּנים אַליין דערשראָקן פאַר זיין מעשה, ווייל ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק שמייסן די פערד, און פונדערווייטנס זעען מיר די צעוואָרפענע הייזלעך פון דער שטאָט טיקטין.

דער ברייטער טייך נאַרעוו טיילט אונז אָפּ מיט ניין בריקן. דאָס איז די גרענעץ צווישן דעם אַמאָליקן ליטע און קרוין-פוילן.

טיקטין געהערט צו דער קאַטעגאָריע געפאַלענע שטעט, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע סיי אין לאַנד און סיי ביי יידן; און היינט זענען זיי געוואָרן גאָר אַ פאַרוואָרפן ווינקל, וואָס שטאָלצירט מיט זכרונות פון אַ רייכער פאַרגאַנגנהייט.

ווען מען האָט געוואָלט מיט יאָרן צוריק באַצייכענען ווו עס געפינט זיך ביאַליסטאָק, פלעגט מען שרייבן: „ביאַליסטאָק הסמוכה לטיקטין”. טיקטין פלעגט שיקן אירע פאָרשטעער אין יידישן פאַרלאַמענט, אין „ועד אַרבע הארצות” צוגלייך מיט לעמבערג, קראָקע און בריסק.

און ביעלסק, סעמיאַטיטש, זאַבלודאָווע, ראַדאָשטש, בריאַנסק א. אַז. וו. זענען געווען אונטערגעוואָרפן דעם ועד הגלילי אין טיקטין. און אַ שול האָבן יידן געבויט, איז זי ענלעך צו אַ פעסטונג און אַרומגערינגלט מיט אַ געטאָ-מויער און איבער דער מויער זעט מען נאָך היינט די געפענקעניש פון יידישן ועד, ווו מען פלעגט איינזעצן שולדיקע יידן לויטן אורטייל פון בית-דין.

פירט מיך דער שמש אין דער אַלטער שול, געבויט מיט פיר הונדערט יאָר צוריק, און ווייזט מיר דעם פון האָלץ געשניצטן אָרון-קודש, ווו אין זיין טירל איז איינגעמויערט אַ געהיימנישפולע קמיע, פאַרשטעלט מיט אַ מעשן ברעטל. קיין מענטשלעכע האַנט האָט נישט געוואָגט אָפּצורייסן דאָס ברעטל און אַרויסנעמען די קמיע, עס איז אָבער געווען אַ פאַל, — דערציילט דער שמש, — ווען אַ יידישער אַפּי-קורס האָט דאָך געוואָלט איבערלייענען די קמיע, איז ביי אים אָפּ-גענומען געוואָרן די האַנט, ווי נאָר ער האָט אַרויסגענומען דאָס ער-שטע טשוועקל.

און פרוכתן ווייזט מיר דער שמש, — זענען זיי אַלטע, טייערע אַנטיקן, געוועבט מיט גאָלד און זילבער, כדי צו באַצירן די הייליקע תורה. זיי זענען אַלט צו איניקע הונדערט יאָר. און עס געפינט זיך אויף זיי מיט שטיקער זילבער געמאַכטע אויפשריפטן, פון די כלות, וואָס האָבן זיי אויסגענייט אַלס מתנה צו זייער חופה.

די צאַרטע צניעותדיקע יידישע טעכטער פון אַמאָל פלעגן יאָרן פאַר דער חתונה צוגרייטן דעם געשאַנק פאַר דער שול. וויפל ליבע שטעקט אין דעם, וויפל גלויבן!

און אַ גרויסער קופערנער הענגלייכטער מיט צענטליקער רערן הענגט פאַרן אָרון-קודש. איינמאָל צו כל-נדרי, ווען אין שול איז

געווען אַ שרעקלעכער געדראַנג, האָט זיך דער הענגלייכטער אָפּגע־ריסן און—געבליבן אין דער לופטן, ביז דער עולם האָט באַוויזן צו מאַכן אַן אָרט פאַר אים אויף דער פּאָדלאָגע...

* * *

אַ פּינקס האָט טיקטין, ווייסט מען נישט ווי אַלט ער איז: פאַראַן דאָרט קוים לעזבאַרע אויפשריפטן, אָבער פאַקטן פון פאַר דריי הונדערט יאָר גיט זיך מיר דאָך איין איבערצולעזן.

איבעררּאַשט בין איך פון דער געוואַלטיקער אחדות, פון דער אומגלויבלעכער אחריות, וואָס האָט דאַן געהערשט ביי יידן.

פון אַ דאָרף האָט מען אַרויסגעטריבן דעם יידישן אַרענדאַר. שרייבט מען אַריין אין פּנקס, אַז וועלכער ייד ס'וועט זיך וואַגן צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ, ווערט אַריינגעלייגט אין חרם און קיין שום ייד וועט זיך אין זיין מחיצה נישט טאָרן געפינען.

און ווען באָצקער קהלה קאָן נישט צאָלן דעם הויכן מס פּאָ־טאָצקין, קלויבט טיקטין אַ דעלעגאַציע צום וואָיעוואָדע און באַשטימט נישט איינצאָלן איר מס, אויב מען וועט נישט פאַרקלענערן די פּאָ־דאַטקעס פאַר באָצקין.

און נאָך הונדערטער מעשיות פון אַמאָליקע חריפים און שטייפע יידן דערציילן די געלע זייטלעך פון אַלטן פינקס. „רבנים טאָרן נישט האַנדלען", „אַ רב דאַרף זיך פאַרנעמען נאָר מיט תורה און פסקענען שאלות" — אַט אַזעלכע תקנות געפינען מיר דאָרט.

גייסטיק־אָרעם איז היינט טיקטין. אפילו קיין העברעישע אָדער יידישע שול איז נישטאָ; אפילו תורה לערנט מען ווייניק. און אַ מערקווירדיקע זאַך: אויף איין ברעג נאַרעוו — אויפן ליטווישן—האָט יעדעס שטעטעלע אַ „תרבות"־שול, אָדער אַ יידישע פאָלקס־שול, און אויפן צווייטן הערשט אויסשליסלעך די „שקאָלאַ פּאָווסעכנאַ", ווו די משהלעך און שלמהלעך באַקומען זייער אַלגעמיינע און יידישע בילדונג.

אַזאַ דור וועט קיין יידישע לעגענדעס און געשיכטע נישט שאַפן.

1926

דרוסקעניק

צי איז אייך אויסגעקומען אַמאָל אין דער פריער יוגנט אַריינ־צולייגן אַ פרישע בלום צווישן זייטן פון אַ בוך און שפּעטער מיט יאָרן צופעליק געפינען זי און איינזאַפּן נישט נאָר איר קאָנסערווירטן אַראָמאַט, נאָר אויך די ליבע זכרונות, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער צייט, ווען די בלום האָט געלעבט און געשמייכלט מיט פיל־פאַרביקייט?

אַ רייזע אין מקומות, ווו די פריילעכע קינדער־יאָרן האָבן זיך יום־טובדיק און זאָרגלאָז געקייקלט, — אַ רייזע נאָך איבערגעלאָפּענע פופצן זומערן, — צי פילט איר נישט דאָ דעם ריח פון אַ פאַרטריקנ־טער בלום, אַרויסגענומען פון די זייטן פון פאַרגעסענעם בוך?..

צווישן די גערדיכטע סאָסנע־וועלדער, ביי די הויכע געלב־זאַמ־דיקע ברעגעס פון רויקן ניעמאַן האָט זיך איינגעטוליעט דרוסקעניק, דער שטילער קוראָרט פון אונזערע צניעותדיקע מאַמעס און באָבעס. אַז ס'פלעגט קומען דער ליבער זומער און די לופט פון די געסלעך פון מיין געבורט־שטאָט איז געוואָרן גערדיכט און הייס, די גאַס שטוי־ביק און ברודיק און די פענצטער מיט פליגן באַזעצט, פלעגט מען אַרויסנעמען דאָס יינגל פון חדר, אָפּרייסן פון די זומערדיקע פרשיות תורה און פאָרן צו די גרין־קילע ברעגעס פון שטילן ניעמאַן.

און איבער די שלאָפנדיקע לאָנקעס פון דער ליטווישער לאַנד־שאַפט האָט אַ צוג אַ באַפרייט יידיש קינד געפירט; פלעגן זיך באַ־וויזן די מאָלערישע בערג און טיפע טאָלן פון פאָרשטאָט ביי גראָדנע, האָט דאָס אויג דורשטיק געזויפּט די שיינקייט פון די קליינע צע־וואָרפענע הייזלעך, פון דעם זילבערנעם טייך אין גלאַנץ פון דער פרימאָרגן־זון...

און שפּעטער דער וועג אין דרוסקעניק.

נאָך נישט געווען דער שאָסיי מיט די אויטאָמאָבילן, וואָס דערפירן היינט אין משך פון 20 מינוט פון דער סטאַציע אין שטאָט אַריין. אין יענע יאָרן האָט דאָס געדויערט 4 און 5 שעה; אין טיפע זאַמדן פּלעגט זיך שלעפּן אַ „ביידל" מיט צוויי דאַרע, האַלב-געפּגרטע פערד, דער ריח פון איבערגעבּרענטער בענזין האָט נאָך נישט פאַרסמט די מחיהדיקע סמאָלע-לופט, און דער בעל-עגלה מיט דער צעשויבערטער באָרד און לאַסטיק-קאַפּאָטע (די זעלבע פון חופה ביזן קבר...) האָט פּאָכנדיק מיט דער בייטש עולה-רגל געווען, כדי נישט צו באַשווערן מיט זיין מאַסע דאָס „ביידל".

און שפּעטער — די פאַרנאַכטן אין פּאַרק ביים סימפאָנישן אָרקעסטער, אַנטקעגן דעם קאַפּעלמייסטער שטייט אַ יינגעלע און דיריזשירט מיט אַן אַרויסגעריסן צווייגל, מיינענדיק, אַז נאָר אים איז געהאָרכזאַם די חברה מוזיקאַנטן...

און נאָך יאָרן זענען אַריבער, דאָס יינגל איז שוין אַ גימנאַזיסט און קומט דאָ אויף וואַקאַציעס. אין די הערלעכע זומער-פאַרנאַכטן שטורמען ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס איבערן סדר-העולם, איבער עקספּלואַטאַציע און ווערטן-טעאָריע...

און אין די סאַמעטענע אָוונטן טראָגן זיך שיפלעך אויפן שטילן ניעמאַן און אומעטיקע רוסישע פרייהייטס-לידער און ברענענדע ציגיינער-ראָמאַנסן הילכן פון יונגע, מיט לעבן שפּריצנדיקע הערצער...

ווי זינגט שילער: „צאַרטע בענקעניש, זיסע האָפענונגען דער ערשטער ליבער גאָלדענער צייט"...

* *
*

און ווען איך האָב ווידער דורכן שווינדלענדיקן פענצטער פון קוריער-צוג דערזען די אַלטע באַקאַנטע פעלדער, — האָב איך די פאַרטרוקנטע בלום אַרויסגענומען פון בוך פון זכרונות און מיט אַ ציטערדיק האַרץ איר ריח געזוכט און — נישט דערשפּירט...

אָפּגעבלאַקעוועט זענען די פּאָרשטאָט-בערגלעך ביי גראָדנע: דאָס מלחמה-געוויטער האָט די הייזער און הייזלעך צעשטערט; און וואָס ווייטער איך פאָר — אַלץ ווייניקער געפין איך צאַפּלדיקע איבערלעבענישן פון די שיינע יוגנט-יאָרן. און אפשר איז אין דעם שולדיק

נישט די שטענדיק גלייכגילטיקע נאַטור, נאָר די גראָקייט אין האַרצן, זאַטע פון איינדרוקן און איבערלעבענישן?

וואָס איז מיט דיינע גאַסן, דרוסקעניק? איך דערקאָן זיי נישט; אָפּגעלעקט מיט פלאַמען אין די ערשטע טעג פון דער וועלט־מלחמה, האָט מען אַ טייל אָפּגעבויט און אויף אַן אַנדער טייל וואַקסט ווילד גראָז און דערנער; און אויפן אָרט, וווּ די טורמען פון אַלטן קור־הויז זענען געשטאַנען, איז אַ מיליטער־שפּיטאָל אַוועקגעשטעלט; און וווּ איז דער פּאַראָם איבערן ניעמאַן, וווּ פּאַר 4 גראָשן האָט מען זיך געקאָנט אַריבערשיפן אויפן אַנדערן ברעג? און וווּ זענען די הונדערטער שיפלעך, וועלכע האָבן געגליטשט זיך איבער די וואַסערן און די כוואַליעס פון ניעמאַן אין פרייליכע לידער איינגעהילט?

נאַרישער מענטש, וואָס דו ביסט! אָט דער דאָזיקער ברעג, נאָר אייניקע מעטער ווייטער פון זיך, געהערט שוין צו אַן אַנדער מלוכה, צו דער קליינינקער ליטע, וועלכע איז מיט אונז כמעט אין אַ צו־שטאַנד פון קריג; און די קי, וואָס שרייען דאָרט, און די פערד, וואָס הירזשען, און די פויערטעס, וואָס דרייען זיך אַרום די וואָגנס,— אַלץ איז פיינטלעך צו די, — אַלץ שטעלט נאָר איין באַדינג: ווילנע מוז געהערן צו קאָוונער ליטע...

און דאָס שטעטעלע באַלטאַשישאָק, וואָס ליגט אָט דאָ אַנטקעגן דרוסקעניק, האָט שוין אַנדער מיליטער, אַנדער וואַליוטע; איך וואָלט נאָר אַ בעלן געווען צו וויסן, צי זענען נאָך דאָרט פאַראַן די זעלבע געשמאַקע בייגל, וואָס אַמאָל?

און הערט אַ עצה: איך זעץ זיך אַוועק אויפן באַלקאָנדל ביים מינעראַלן־קוואַל, וואָס הענגט איבערן ניעמאַן, און קוק אָן אַ וויזע אויף יענער אויסלענדישער מלוכה, וואָס הייסט ליטע, און עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָ אויפן דאָזיקן שטילן ברעג איז דערגרייכט געוואָרן די העכסטע מדרגה פון נאָכמלחמהדיקן פּאַספּאָרטן־משוגעת, וואָס האָט צעשניטן די וועלט אויף פרעמדע קוואַדראַטן!

ס׳קרייעט אַ האָן, — צי מעג איך אים הערן אָן אַ וויזע?..

און אויפן גאָלדענעם זאַמד פון ליטווישן ברעג זיצט אַ פריילין און קוקט פאַרחלומט אויף אונזער זייט; ווער ווייסט, צי בויערן נישט איר מוח די זעלבע מחשבות, וואָס ביי מיר; ווער ווייסט, צי זי בענקט נישט נאָך אַ באַקאַנטן אויף אונזער ברעג...

אַ שיינע מעשה האָט דאָ געטראָפן: אַ וואַרשעווער ספּאָרטסמען,—

אַ יידישער סטודענט, האָט זיך געבאָדן אין טייך און פּלוצלינג איז אים באַפאַלן אַ חשק אַריבערצושווימען אויף דער ליטווישער זייט. אין איין מינוט איז ער שוין געשטאַנען אַנטקעגן אין וועלדל און באַגריסט זיינע חברים, וועלכע זענען געבליבן אויפן פּוילישן ברעג.

אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דעם נאַקעטן בחור האָבן געכאַפּט די זעלנער פון דער ליטווישער גרענעץ־וואַך און אַזוי ווי ער שטייט און גייט אַרעסטירט אַלס באַשולדיקטן אין מיליטער־שפּיאָנאַזש. קיין דאָקומענטן האָט דער סטודענט ביי זיך נישט גע־האַט (ער איז געווען, ווי געזאָגט, נאַקעט...), קיין געלט אויך נישט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע פּראָצעדור פון „גיי דערווייז, אַז דו ביסט נישט קיין פערד"...

נאָך צען טעג וואַנדערן איבער קאָוונע, קעניגסבערג, נאָך אַ ריי דעפּעשן פון „רויטן קרייץ" איז דער סטודענט געבראַכט געוואָרן, שוין אָן אָנגעטוענער אין פרעמדע מלבושים, צוריק צו טאַטע־מאַמע...

און ס'איז דאָך געווען אַזוי לייכט דורכצושווימען זיך געמיט־לעך צווישן דיביידע אַזוי נאָענטע און אַזוי „פיינטלעכע" ברעגעס...

* *
*

ווי אַמאָל רוישט דער וואַסער־פאַל אויף דער „ראָטניטשאַנקע" און אין קאָכעדיקן שניי־שוים הוידען זיך מיט אייז־וואַסער אָפּגעבריטע קערפּער.

און עס ווינקען און צויבערן געהיימנישפול די הויכע בערג פון „פּאָגאַנקע", מיט געדיכטן וואַלד באַוואַקסענע, אַזעלכע אָנציענדע און משופּעדיקע, — איז דען אַ ווונדער, וואָס אין די זומערדיקע אָוונטן גליטשן זיך דאָרט אַמאָל אויס די שיינע ביאַליסטאָקער און ווילנער דאַמען?..

יאָ! אַביסל מיטלייד האָב איך מיט דעם אָרקעסטער, וועלכער שפּילט אין פּאַרק יעדן אָוונט אַ קריסטלעכע תּפילה: אַלע קור־געסט מוזן איר אויסהערן שטייענדיק, אָבער קיין מנין קריסטן איז דאָך נישטאָ.

און ווידער בלאָנקע איך אַן איינזאַמער איבער די באַקאַנטע אַלעען פון אַלטן דרוסקעניקער פּאַרק; פון צווישן די בוימער טראָגן זיך אין דער נאַכט־שטילקייט די רייסנדע טענער פון דזשאַז־באַנד

מען טאַנצט אונטער די קלאַנגען פון „דולצינעע".

אין יענע יאָרן פלעגט די אָוונט-שטילקייט פון פּאַרק אויסגע־פּילט ווערן דורך דעם נאַכטיגאַל און אָנשטאָט די עלעקטרישע לאָמפּן איז איבער די בוימער און טייך אַ לבנה געהאָנגען, — איז טאַקע אויסגעוואָקסן אַ דור פון טרוימענדע דאָן-קישאָטן; איצט הערשן אי־בער דער וועלט די קלאַנגען פון זיין „אַלמנה" דולצינעע, וואַקסט טאַקע אויס פון דער מוזיק אַ דור פון... דאָן-זשואַנען...

* *
*

קערט זיך נישט צוריק, מיינע פריינט, צו אַ ווינקל, ווו אייער פרילינג האָט געשמייכלט...

1927

אויף די פוילישע וועגן

ווען איר ווארפט א קוק אויף דער פוילישער מאפע, באמערקט איר, אז דער גאנצער טייל מערב־פוילן, וואס געפינט זיך אין שכנות מיט דער אמאליקער פרייסישער גרענעץ, איז כמעט ריין פון וועלכע ס׳איז באנען.

אין דער גאנצער ברייט צווישן קאליש און טשענסטאכאוו ציט זיך צו איין באן־ליניע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס עס ליגן דא אסך צענטליקער שטעט און שטעטלעך, פון וועלכע איניקע שפילן א באדייטנדע ראלע אין אינדוסטריעלן לעבן פון לאנד.

די סיבה איז אן איינפאכע: פאניע, עליו השלום, האט מורא געהאט, אז אויב ער וועט בויען באנען און שאסייען נישט ווייט פון דער גרענעץ, וועט דער דייטש אין פאל פון א מלחמה שנעלער אריינדרינגען אין די טיפענישן פון לאנד. און געהאלפן האט דאך דאס, ווי מיר אלע געדענקען, ווי א טויטן באנקעס: דער גאנצער ראיאן פון קאליש־טשענסטאכאוו איז פארנומען געווארן אין אנהויב פון קריג, אין משך פון איניקע טעג; און דער דייטש האט פאר־שפארט צו דעם באנען, ווייל ער האט געהאט גאנץ גענוג לאסט־אויטאמאבילן. אבער ווי די מעשה איז, — הערט מען נאך עד־היום נישט אין די דאזיקע שטעטלעך דאס פייפן פון די לאקאמאטיוון, און די באפעלקערונג באגנוגט זיך מיט בעל־עגלהשע פערדלעך, אדער, אין בעסטן פאל, מיט אן אויטאמאבילן־קאמוניקאציע.

* *
*

אין פול־געפאקטן אויטאבוס, וואס פארט פון שעראדז קיין

וויעלון, קאָן מען דערשטיקט ווערן פון ענגשאַפט; יידעלעך מכּל המינים, לאַנג־ און קורץ־געקליידטע, ברייטע יידענעס מיט זייערע טעכטער, דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט מיט זיין פלוניתטע — איר האָט דאָ אַ קליינע מיניאַטור פון דעם יידישן שטעטל, פון כּמעט אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען. פיר שעה דאַרף מען זיך שלעפּן די איבער פּערציק קילאָמעטער, וואָס טיילן אָפּ די באַן־סטאַציע פון שטאָט, און מען שמועסט און מען רעדט און מען היצט זיך.

יעדעס מאָל, ווען דער אויטאָבוס גיט זיך אַ טרייסל, ווערט אינעווייניק אַ שטיקל מישמאַש: די שעראַדזער יידענע פאַלט אויף די קני פון דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט און אַ וויעלונער חסיד פאַלט כּורעים פאַרן שאָפער, אָבער דער „סטאַטוס־קוואָ" ווערט שנעל צוריק־געשטעלט און מען שמועסט ווייטער.

וועגן וואָס? נו, פאַרשטייט זיך, פריער וועגן שרעקלעכן קריזיס און דערנאָך, — ווי עפּעס אַ נאַטירלעכער איבערגאַנג, — וועגן ארץ־ישראל... אַ היכער, געלער אַגודהניק פון פּראָווינץ, — ווייזט אויס אַ רייכער פאַבריקאַנט אָדער סוחר, — שיט פעך און שוועבל אויף די ציוניסטן, וואָס האָבן געצומען ארץ־ישראל אין „אָטקופּ" און מאַכן פון איר אַ לאַנד פון פּושעים און עוֹברי־ישראל. אָט האָט מיין רבי, זאָל לעבן, נאָכן צוריקקומען פון דאָרט, געקלאָגט זיך אויפן חילול־השם פון די ציוניסטישע מחללי־שבת... און זיי זאָלן דאָס זיין אונ־זערע בויער? שומו שמים!..

אַ מזרחיסטישער יונגערמאַנטשיק פון וויעלון נעמט אָן דעם קאַמף, פלעכט אַריין דע־האַנען און „בני־ברק"; לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע, גרייפט אָן „אים זאָל לעבן" בכבודו ובעצמו; די דע־באַטע הויבט אָן ווערן שטורמישער און ציט אַריין אַלץ נייע און נייע פּאַסאַזשירן.

ענדלעך ווערט דער פּאָלעמיק־פּולווער אויסגעשאָסן, די געמי־טער באַרויקט און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז יעדער פון די קעמפנדע מאַכט שוין די נויטיקע הכנות צו איבערפעקלען זיך „אַהין", אַ שטי־לער קרעכץ רייסט זיך אַרויס פון אַלעמענס הערצער, ווען מען רעדט וועגן דעם, אַזוי ווי מען וואָלט זאָגן „ווי האַלט מען שוין דערביי".

די שטאָט וויעלון מיט אירע פופצן טויזנט איינוווינער חלומט שוין לאַנגע יאָרן וועגן אַ באַן; עפּעס דאַכט זיך אַלעמען, אַז אויב די באַן־לאָקאָמאָטיוון וועלן זיך דערנענטערן צו דער שטאָט, וועט

נעמען אַ סוף צו די איצטיקע שלעכטע געשעפטן; נישט לאַנג האָט מען אין אַ צייטונג געלייענט אַ ידיעה, אַז ערגעץ־ווו האָט עמעצער זיך צערויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן באַהעפטן די שטאָט צו דער באַן־נעץ פון דער רעפּובליק, „והעיר ויעלון צהלה ושמחה"; מען וואַרט און מען האָפט...

דערווייל אָבער זענען דער מאַרק און די גאַסן פון שטאָט באַ־לויכטן נאָר צום סוף און אָנפאַנג פון יעדן ייִדישן חודש. ווען מען הויבט אָבער אָן מחדש זיין די לבנה, צינדט נישט אָן דער מאַ־גיסטראַט די עלעקטרישע לאָמפּן, דער לבנה־לאָמפּ באַלייכט די גאַסן נישט ערגער ווי די פּראָווינציעלע עלעקטריע. אַגב מאַכט דאָס אויס אַסך ביליקער און די שטאָט האָט עקאָנאָמיע אין אירע אויסגאַבן.

* *
*

און זעט נאָר ווי קיינער איז נישט צופרידן מיט זיין גורל. ויעלון וואַרט אויף אַן אייזנבאַן און טורעק האָט יאָ אַ באַן און פּאַרט מיט „סאַמאָכאָדן". אויפן קאָלישער אַלטן מאַרק שטייען זיי, די ביידע אויטאָבוסן: דער פּוילישער און פון דער „נאַציאָנאַלער מינדערהייט"; צוויי פייערדיקע קאָנקורענטן און שונאים און ביידע שאָפערן סטראַשען דעם עולם, אַז מען וועט פאָרן מיטן אויטאָבוס פון קאָנקורענט, וועט מען בלייבן שטעקן אינמיטן וועג, אָדער גאָר, רחמנא לצלן, אויפגעריסן ווערן מיטן בענזין. איר האָט אָבער קיין ברירה נישט; מיט איינעם פון די צוויי קאָנקורענטן מוזט איר דאָך פאָרן, און די גאַנצע צייט פון דער נסיעה קיצלט אייך דער געדאַנק, אַז איר זאָלט איבערקומען בשלום די פּאָר שעה און די נבואה פון יענעם שאָפער זאָל נישט מקוים ווערן.

לעבן מיר זיצט אַ שיין־געקליידטער אינטעליגענט און לעזט דעם „ראָבאָטניק". אַ פּנים פון אַ רעיענט אָדער אַ „אינספּעקטאָר סקאַרבו".

די צייטונג, וועלכע ער האַלט אין דער האַנט, איז מיך מקרב צו אים. און דערביי קלער איך מיר, אַז נישט אַלע פּוילישע באַ־אַמטע זענען דעמאָראַליזירט פון דער ענדעציע, והאָ ראיה, — מיין שכן, וואָס לייענט אַזוי געשמאַק דעם סאָציאַליסטישן „ראָבאָטניק".

ביסלעכווייז צערעדן מיר זיך. פאַרזיכטיק באַרירן מיר אַביסל

נייטראַלע טעמעס; דאַן גייט מען אַריבער צו דעם עקאָנאָמישן קריזיס.

איר ווייסט דאָך, ווי עס שמועסן אַ ייד מיט אַ פּאָליאַק בעת אַ רייזע. מען זעט אויכמיידן אַלע ענינים, וואָס קאָנען דינען פאַר ברען-מאַטעריאַל, מען רעדט וועגן אַן אויפשטאַנד אין מעקסיקע, וועגן פּרייזן אויף שיך און וועגן וואַרעמען ווינטער, אַבי נישט באַרירן איינע פון די אָנגעווייטיקטע פראַגן נאָך וועלכעביידע שכנים בלייבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע נעז.

איך דערוויס זיך, אַז מיין שכן איז אַ דאָקטאָר און תוך כדי דיבור גיב איך אים אַ פרעג: „צי באַפרידיקט אים די געזעלשאַפט אין דעם קליינעם שטעטל און ווי ווילן זיך די באַאַמטע ביי זיך אין קלעם?"

און דאָ באַקום איך אַביסל אַן אומדערוואַרטן ענטפער:

„אָ, מיין טייערינקער, איר האָט דאָך, נעבעך, אַ ביטערן טעות. איר נעמט מיך אָן געוויס פאַר אַ פּאָליאַק, איך בין דאָך אָבער לײדער אַ ייד און ווי קום איך אין באַאַמטן-קלוב?"

און איך הער אויס דעם באַקאַנטן נוסח פון אַסימילירטן פּויליש-יידישן אינטעליגענט, וועלכער האַלט זיך וויייט פון יידישן לעבן און וועלכן מען לאָזט נישט אַריין אין דער פּוילישער סביבה.

ווי נאַיוו קלינגען ביים היינטיקן טאָג די ווערטער: „דאַכט זיך, וואָס ווילן זיי פון מיר: פון קינדווייז אָן רעד איך נאָר פּויליש, האָב נישט קיין מגע-ומשא מיט די „כאַלאַטשאַזשעס", אַרויסגעשיקט געוואָרן דורכן דייטש פאַר געהערן צו אַ פּאַטריאָטיש-פּוילישן קאָמיטעט בעת דער אָקופּאַציע; מיינע אבות-אבותי זענען געווען וויייט פון יידן און דאָ פלוצלינג בין איך געבליבן מחוץ למחנה!"

און כאָטש מיר זענען מענטשן פון צוויי קעגנזעצלעכע אָנשויונגען, גלוסט זיך צו זאָגן אַפּאָר וואַרעמע ווערטער אָט דעם איינעם פון די „לעצטע מאָהיקאַנער" פון דער אַסימילאַציע. ער רעדט אָבער אַזוי שטיל, שעמט זיך, ווייזט אויס, פאַר די פאָר קריסטן, וואָס זיצן אַנטקעגן און שטרענגען זיך אָן פון לאַנגווייליקייט צוהערן צו אונזער שמועס. מיר בלייבן שטיל.

1925

שטעטלעך אין בלאָטעס

ווייט פון באַנען, פון אויטאָבוסן און דאַמפּער ליגן אַסך שטעטלעך אין פּוילן, אָפּגעצוימט פון דער אויסערלעכער וועלט דורך זאַמדיקע, בלאָטיקע, ליימיקע וועגן, דורך אַלטע וועלדער און טייכן אָן בּרוקן, — און יעדעס שטעטל איז זיך אַ קליין וועלטעלע אין דער מיניאַטור מיט אַלע פריידן און ליידן פון די עלעקטראָ־טראַמוויי־שטעט: מען האַנדלט און מען ליבט, מען הונגערט און מען טאַנצט, מען שאַפט פּאַרטייען ווי אויך שידוכים, און מען שטאַרבט אָן שום רחמנות, ווען עס קומט די מינוט...

אַפילו אין באַראַנאָוו (לובלינער געגנט), ווו אַרום דריי הונדערט יידישע פאַמיליעס באַוווינען קליינע חושכדיקע הייזלעך און די גאַנצע פּראָדוקציע פון שטעטל דריקט זיך אויס אין אַזאַ העכסט פּראָזאַישן אַרטיקל ווי מאַכן ליימענע טעפּ, — איז שטאַרק דער דורשט נאָך וויסנשאַפט, נאָך גרוסן פון דער גרויסער שיינער וועלט, וועלכע האָט זיך אַזוי גרויזאַם אָפּגעטיילט פון באַראַנאָוו דורך אַ כינעזישער וואַנט פון אַן אומדורכבאַרעמדיקער בלאָטע, אין וועלכער ס׳ווערן דערטרונקען אַפילו די הויכע „דראָנגאָווע" פורן פון דער באַרימטער דעמבלינער בעל־עגלות־„קאָמונע".

אָבער אַז עס קומט די פּאָסט און ברענגט מיט זיך אַפּאָר צייטונגען פון דער הויפּט־שטאָט, אַן אינטערעסאַנט ביכל פון אַ פאַרלאַג, — קלויבט זיך צונויף די יוגנט אין ביבליאָטעק (אויב זי איז געהייצט), אָדער ביי אַ חבר אין שטוב און אַרום אַ נאַפט־לעמפּל אָדער אַ גראָשענעם ליכטל זופּט מען ידיעות פון דער וועלט, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט בלאָטע. מען דיסקוטירט איבער יעדן פעליעטאָן, איבער יעדן נייעם ווערק פון אַ יונגן יידישן שרייבער,

פאַרטיפט זיך אין דער „געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע״, אָן אומזיכט־באַרער קולטור־פאָדעם ציט זיך איבער דער בלאָטע און באַלייכט און צעוואַרעמט יונגע הערצער און מוחות, געפינענדיק אַ דאַנקבאַרן באָדן דווקא דאָ ביי דעם חלב־ליכטל.

דאָס שטעטל איז אָרעם און אַ לערער איז נישטאָ. געווען איז ער—האָט ער אָבער געמוזט זיך ראַטעווען פון הונגער און אַוועקפאָרן.

קיין פאַרטיי־רעדנער קומען אויך נישט; דאָס שטעטל איז דאָך אָרעם! לעבט מען אַזוי אָפּ דאָס ביסל יאָרן, באַגראָבנדיק אין האַרצן די שאַרפע בענקשאַפט נאָך דער גרויסער וועלט.

נישט לייכט איז אָנגעקומען דער יוגנט צו גרינדן אַ ביבליאָטעק. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אין שול אויסגערופן געוואָרן דורכן רב אַ חרם אויף די פושעים, וואָס ברעכן די אַלטע טראַדיציעס און זענען מבטל די צייט פון לערנען מיט לעזן ספרים חיצונים, און נישט גלאַט אַ חרם איז דאָס געווען, נאָר אַ שרעקלעך מעשהלע פון עדגאַר פּאָ. שטעלט אייך פאָר: אין שטעטל איז געשטאָרבן אַ נײַנציק־יאָריקער ייד, אַ געוועזענער „ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט״, האָט מען דעם מת אַרייַנגענומען אין שול, געגאַנגען מיט אים הקפות און ביי דער געלעגנהייט געבלאָזן שופר און מחרים געווען די אָרעמע היינטמאָדישע משכילים. און עס האָט דאָך, פאַרשטייט זיך, געהאָלפן ווי דעם מת באַנקעס: קיינער האָט זיך נישט איבערגעשראָקן; דער מת איז געקומען צו קבר־ישראל און די יוגנט — צו אַ נייעם ביבליאָטעק־לאָקאַל מיט אַן אָפּיציעלער דערלויבעניש, וועלכע ס׳האָט בחרפתו געמוזט איבערגעבן טאַקע דער זעלבער שמש, וואָס האָט געבלאָזן שופר בעתן חרם.

* *
*

אָבער ווי קומען די באַראַנאָוועַר בלאָטעס צו דעם גרויסן, צענטליקער קילאָמעטער־ברייטן זומפּ, וועלכער רינגלט אַרום ווי אַ שוואַרץ־געלער ים די אַלטע שטאָט לענטשנע!

פּרוּווט אַדרבא צוגיין אין לובלין, דאָרטן ביים שיינעם האָטעל „וויקטאָריאַ״, צו די אויטאָס און פאָרלייגן זיי פירן אייך אין לענטשנע! די שאָפערס וועלן אייך פּשוט אויסלאַכן, ווייל די רעדער פון זייערע „פערדס״ זענען דאָך נישט צוגעפּאַסט צו אַ רייזע איבער אַ וואַסערדיקן

טייג, וועלכֿער ציט זיך אַ קימאַ־לן פון אַ דרייסיק קילאָמעטער.

אָבער פאָרן מוז מען דאָך, פאַק איך עפעס אַ גייציקן נאָך אַפאָר גילדן דראָשקאַזש אויף גומקעס, וועלכֿער נעמט זיך אונטער אין אַ שעה דריי־פיר צושטעלן מיך אַ גאַנצן אין ק״ק לענטשנע.

פרעגט שוין נישט, וואָס פאַר אַ וועג איך האָב געהאַט! איך האָב שוין געפרווט דורכֿפאָרן אויף אַן אייזל איבער די קאַווקאַזער בערג, קלעטערן מיט אַ גרויסן שטעקן איבער די אַלפן, אָבער ווי קומט דאָס צו דער רייזע פון לובלין ביז לענטשנע אין אַ האַרבסט־טאָג! יעדע מינוט איז דאָס אָרעמע סוסל געלעגן אויסגעגליטשט צווישן ליימענע לוזשעס און דער דראָשקאַזש צוזאַמען מיטן פאַסאַזשיר האָבן אים געהאָלפן זיך אויפהויבן פון „כורעים״.

איך האָב זיך שוין געבעטן רחמים צוריק אין לובלין, אָבער מיר זענען שוין אָפגעפאָרן אַ העלפט וועג און אומקערן זיך וואָלט דאָך געווען אַ חוזק.

און פאַר אונז ליגט נאָך דער טייך וויעפש, וועלכֿן מיין בעל־עגלה האָט בדעה דורכֿפאָרן מיט פערד און וואָגן, ווייל די בריק פונקציאָנירט נאָר פאַר דורכֿגייער.

אַראָפגעלאָזט זיך פון משופעדיקן באַרג און אַריינגעפאָרן אין טייך, דערפילן מיר אָבער פלוצלינג, אַז די זאַך איז נישט אַזוי איינ־פאַך: נאָר אָפגעפאָרן פון ברעג, זענען שוין די רעדער אינגאַנצן באַ־דעקט מיט וואַסער און דאָס פערדל הויבט אָן מאַכֿן קונצן און זשאָנג־לירן מיט דער דראָשקע און אירע פאַסאַזשירן... בקיצור: דער וויעפש האָט אונז נישט דורכֿגעלאָזן און נאָך אַ האַרציקער געזעגע־נונג מיט מיין בעל־עגלה, גליטש איך מיך צוריק ווי עס איז צופוס איבער דעם שמאָלן דורכֿגאַנגס־בריקל און בין שוין אויף יענער זייט.

מיט נסים קלעטער איך אויף אַ באַרג, וועלכֿער וואָלט ממש געווען אַ רעקלאַמע פאַר מאַריענבאַדער וואַנעס, און ענדלעך... ענדלעך עפנט זיך פאַר מיינע אויגן די הערלעכֿע פאַנאָראַמע פון לענטשנער מאַרק: יידן אין אונטערגעבויגענע קאַפאָטעס און יידענעס אין הויכֿע שטיוול שפרינגען פון קלאָץ אויף קלאָץ, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן קומט פאָר די באַוועגונג אין דער דאָזיקער שטאָט, פאַרטרונקען דורך בלאָטע.

איך מיין, אַז אין ערגעץ אין פוילן איז דער שפרינג־ספאָרט נישט אַזוי אַנטוויקלט, ווי דאָ, וווּ צווישן איין קלאָץ און דעם אַנדערן קאָן מען פשוט דערטרונקען ווערן איבער די אויערן.

אויף מאָרגן האָב איך זיך דערוווּסט פון בעלי־עגלות, וואָס זע־נען גאַנץ פרי געקומען פון לובלין, אַז זיי האָבן געטראָפן שטעקן אין וועג מיין לובלינער „גומקע״ מיטן גייציקן דראָשקאַזש, וואָס האָט געוואָגט פאָרן אין לענטשנע „על קידוש השם״.

* *
*

פאַרטשעוו האָט אַ באַן־סטאַציע און דעריבער זענען דאָרט די מענטשן אַביסל שוין אויסגעאיידלט, דרייסט און נייגיריק. זיץ איך מיר אַזוי אויף דער בריטשקע, וואָס פירט אונז אין שטאָט און וואַרט מיט אומגעדולד, ווען וועט זיך שוין ענדיקן דאָס טרעסלעניש פון מיינע „רמ״ח אברים און שס״ה גידים״.

דער פורמאַן אָבער וויל, ווייזט אויס, פאַרלענגערן מיינע שטאַרקע איינדרוקן און ווילט מיך אינצווישן מיט אַ שמועס:

— צי זענט איר נישט צופעליק דער אַקושער פון לובלין, וואָס פאָרט צום אַפטייקערס ווייב?

איך: — זי גייט דען צו קינד?

ער: — יאָ! יאָ!

איך: — ניין, איך בין נישט דער אַקושער.

ער: — צי זענט איר אפשר דער אַגענט פון זינגערס מאַשינען, וועמען מען האָט אָנגעזעצט דאָס געלט?

איך: — ניין! אַזוי שלעכט האַלט דאָס נאָך נישט מיט מיר.

ער: — האַ! איך פאַרשטיי שוין! איר זענט דאָך משה־גרונמס טאָכטערס חתן פון וואַרשע! אַ שיין מיידל, פשוט מקנא צו זיין!

איך: — איז זי טאַקע אַזוי שיין — אַ שאָד! איך בין אַ באַווייבטער...

דער פורמאַן דרייט זיך אויס אַ ברוגזער און שמייסט שטאַרקער זיין פאַרמוטשעטע קלאַטשע.

אומעטיק איז אויף גאָטס וועלט אין די האַרבסטיקע בלאָטעס!

1925

אויפן מאַרק אין ביאַליסטאָק

פון א. קאַציזנעס אלבאָם.

איבער שטעטלעך, וועלדער, פעלדער

ווי שטיל, ווי רויק איז דער מיט שניי באַדעקטער וואַלד אין אַ זוניקן ווינטער-טאָג.

ווי אַ היילונגס-באַלזאַם גיסט ער אַריין אין די אָנגעשטרענגטע מידע נערוון, גלעט און צערטלט דאָס אויג, וויגט איין אין זיין טונקל-גרינער ווייסקייט און רייסט אייך מיט אַלע חושים אייערע אָפּ פון דעם מיט עלעקטרישע דראָטן פאַרפלאָכטענעם, אין אייזן-בעטאָן געשמידטן קעסל, וואָס הייסט — גרויסע שטאָט.

ערשט נעכטן נאָך האָב איך אויך זיך געקאָכט אין די דאַמפן פון גרויס-שטאָטישן תהום: קאָלאָ, עקאָנאָמישער קריזיס, גמינע-דעבאַטן, ביז צו פאַראָקסיזם — דערבראַכטע קעגנזייטיקע שנאה פון גרופּן, פון מענטשן, אַ צעשמעטערנדע קנאה פון איינעם צום צווייטן, — און היינט — לויפט אונזער אויטאָמאָביל איבער די אויגוסטאָווער וועלדער, אַזוי ווייט פון די גרויסשטאָטישע סמען, אַזוי מאַיעסטעטיש-באַרויקנדע אין זייער ווייטקייט און ווינטער-שיינקייט.

איר געדענקט זיי מן-הסתם, די אויגוסטאָווער וועלדער, וווּ מאָנאַטן-לאַנג האָט בעת דער מלחמה געברענט אַ שלאַכט צווישן אייניקע קאָרפּוסן פון גענעראַל רענענקאַמפּס אַרמעע מיט דייטשע שטורעם-קאָלאָנען.

טאָג נאָך טאָג פלעגן מיר לעזן, אַז דער קאַמף געדויערט נאָך אין די דאָזיקע געהיימנישפולע אויגוסטאָווער וועלדער, ביז — מיר האָבן אויפגעהערט פון זיי צו הערן, ווייל צעקלאַפּט און אָפּגע-מעקט זענען געוואָרן די דאָזיקע בעסטע קאָרפּוסן פון דער רוסישער אַרמעע, דורכגעזאַפּט מיט זייער בלוט איז געוואָרן די אַזוי אויך פרוכטבאַרע ערד פון די טיפע וועלדער, און די רעשטלעך פון די

גלענצנדע גוואַרדיע־פּאָלקן זענען אויסגעגאַנגען פאַר אַביסל קאַרטאָפל־שאָלעכץ אין די פרעמדע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

און מיר זעען איצט שוואַרצע, צעבראָכענע צלמים אונטער סאָסנע־חופות — דאָס זענען די איינציקע סימנים פון די בלוטיקע מלחמות. ליגן אונטער די צלמים טאַמבאָווער און קאַלוגער פויערן, — זיי האָבן דאָס געזאָלט זיין די סופערפּאַרפאָסטן — באַמיסטיקונג פון די קינפטיקע, בעסערע צייטן נאָך די מלחמות; זיי האָבן דאָס נישט דערלעבט זען, און מיר? זעען מיר דאָס? האָבן מיר דאָס דערלעבט?..

* *
*

נאָר שטיל איז איצט אין וואַלד און דורך די בוימער זילבערן זיך די וואַסערן פון די באַרימטע סוואַלקער פיש־אָזערעס, וועלכע באַשיינען די וואַרשעווער טישן מיט גוטן געפילטן שבתדיקן העכט; און טאַרטאַקן באַגעגענען מיר, ווו די מיט שמעקנדער סמאָלע אָפּ־געהאַקטע בוימער ווערן אין ברעטער פאַרוואַנדלט פאַר אונז, פאַר דייטשלאַנד, פאַר ענגלאַנד.

און דאָ, שוין האַרט ביי סוואַלק, ציט זיך אַ ריי פעסט־געבויטע לאַנגע קאַזאַרמען־געביידעס פאַר אַרטילעריע, אולאַנער און פאַר הוזאַרן; דאָ זענען די פאָרפּאָסטן פון פוילן קעגן דייטשלאַנד און ליטע, וועלכע רינגלען אַרום דעם דאָזיקן שמאָלן פאַס ערד, וואָס האָט זיך אַזוי „עזותדיק“ אַריינגעשניטן אין זייערע גרענעצן.

* *
*

איך ווייס נישט, צי איז טאַקע אַזוי, נאָר אויף מיר מאַכט סוואַלק אַן איינדרוק פון אַן איידל־באַהנטער שטאָט מיט אַ רויקן טעמפּעראַמענט און מיט אַ גלייכער ליניע.

שוין די לאַנגע, לאַנגע קאָשטשושקאָ-גאַס, וואָס וואָלט געקאָנט באַשיינען אַפילו אַ הויפּט-שטאָט, שוין די גוט-אָפּגעהיטע סקווערן — מאַכן אַ באַרויקנדן איינדרוק.

און די מענטשן? אפשר בין איך צו זיי ספּעציעל געניגט, נאָר פאַרוואָס זענען די סוחרים, די האַנטווערקער, — אַפילו אייניקע

אינטעליגענטע לינקע, — מסוגל צו ארבעטן געמיינזאם און הארמאניש אין א ריי גאנץ ערנסטע אינסטיטוציעס? פארוואס זעען מיר דאס נישט אין אנדערע שטעט?

אפילו די וואלן פון א רב זענען דא צוגעגאנגען רויק, הגם ס'האבן קאנקורירט גאנצע פיר קאנדידאטן און די שטימען האבן זיך צעטיילט.

* *
*

און גיט א קוק עטוואס נידעריקער אויף דער מאפע פון פוילן, — וועט איר דערזעען א ריי שטעטלעך ביים ניעמאן, ווו יידישע גערטנער און גערטנערינס זייען טאבאק, אוגערקעס און שאר־ירקות; דאס זענען נישט קיין „חלוצים", וואס קלויבן זיך אין ארץ־ישראל, נאר פון דורות לאנג איינגעבירגערטע ערד-ארבעטער, ביי וועלכע אלע אנדערע מלאכות און אפילו האנדל איז גאר א נעבן־זאך.

שווער איז דער צופאר צו וואלפע, לונע, פיעסקי און אנדערע שטעט. קיין שאסייען האט מען פאר זיי נישט געבויט, — פארט מען מיט „דראנג"-פורן, אין איין גרוב אריין, פון דעם אנדערן ארויס און די ציין אין מויל זינגען שירה און אלע גלידער טאנצן קדוש און דו פילסט טאקע, אז דו לעבסט אויף דער וועלט.

איז אבער דארט, ווען איך בין געפארן, געוועזן ספק שליט-וועג און ספק בלאטע, — דינג איך מיר א קליין שליטל, וועמענס אייגנטימער פארזיכערט, אז ער וועט מיך צושטעלן א גאנצן אויף דעם וויכן צודעק פון פארשפעטיקטן שניי.

איז דער דאזיקער סקידלער בעל-עגלה, געזונט זאל ער זיין, ווו ער איז איצט! — ארויסגעפארן פון סקידל אויף א שליטן און שוין אויף העלפט וועג אין לונע האט מען קיין שניי ארום נישט געזעען און אונזער שליטן האט זיך בריייטלעך געשלעפט אויף א זאמדיקן באדן עטוואס צוגעגלעט מיט פראסט.

איך ווייס נישט, ווי איר: איך האב פון אזא „יאזדע" א קנאפע הנאה; דאס בעסטע איז דאן פארמאכן די אויגן און קלערן וועגן א „סליפינג" פון באזעל אין פאריז, ווו, בנאמנות, מען פילט זיך אסך באקוועמער.

דערפאר אבער איז אן אמתער פארגעניגן אריינצופארן אין

דעם קליינינקן וואָלפע, וועלכס פאַרמאָגט אַן אומגעוויינלעך קינסט-לעריש-געבויטע שול פון פאַר פיר הונדערט יאָר. די פאָטאָגראַפיעס פון דער שול געפינט איר אין אַלע לערנביכער וועגן אַלטע דענק-מעלער אין פוילן און איר קאָנט זיך טאַקע נישט אָפּוווּנדערן פון דעם דריי-שטאָקיקן דאַך, וואָס דערמאָנט לויט זיין סטיל די אינדישע טעמפּלען ביי די ברעגעס פון הייליקן טייך גאַנג. און די פיין-גע-שניצטע גאַניקלעך, וועלכע רינגלען אַרום די דאָזיקע שול, טראָגן אייך אַריבער אין געהיימנישפולן טיבעט מיט זיינע הילצערנע „פּאַגאָדעס".

נאָר נייער דאָזיקער אַנטיק טריקנט פון אַלטקייט און דער שיי-נער ארון-קודש הויבט אָן איינפאַלן. האָט זיך געפונען אַ גאָטספאָרל-טיקע אַלטע יידענע (קונסט-מעצענאַטין בלע"ז), וועלכע האָט געשענקט פופציק דאָלאַר אויף פאַרריכטן דעם ארון-קודש. לויפן די וואָלפער כלל-טועי צו די פאַרשידענע אינסטאַנצן, וואָס היטן אָפּ אַלטערטי-מער, נאָך אַ דערלויבעניש צו פאַרריכטן דעם ארון. דויערט עס אָבער שוין אַזוי לאַנג, אַז פון די זיבן אָפּיציעלע קונסט-ביאַניעס, קאָן, חלילה, דער ארון-קודש איינפאַלן.

און ווידער קייקלט זיך מיין וויגעלע איבער די צעגראָבענע וואַלד-שטעגעלעך; מיר זענען איצט אין אָרדינאַט ביספּינגס מאַיאָנטעק, נישט ווייט פון לובנע. איר טאָרט דאָ דעם דאָזיקן „אַריסטאָקראַט" נאָמען נישט דערמאָנען פאַר אַ פּויער, אויך געדענקען זיי זיינע פּאַטריאָטישע רעטונגס-מיטלען נאָך דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע. דער מאַיאָנטעק ווערט ביסלעכווייז רויִנירט, לויט דעם ביישפּיל פון פיל-פיל „אַריסטאָקראַטישע" אָרדינאַציעס אין אַלע עקן לאַנד... אפשר וועט זיי אַ מאָנאַרכיע אומקערן דעם פריערדיקן רום און גלאַנץ און פאַרבייטן אייניקע אַרעסטאַנטן-אוניפאָרמעס אויפן גאָלדענעם קאַמערהער-שליסל?..

1926

אויף די ברעגעס פון דער ווייסל

קאַזשימיערזש

איך האָב ליב זיך אַריינצוטראַכטן אין יענע ראָמאַנטישע צייטן, ווען אַ לייטזעליקער, אַלמעכטיקער מלך האָט יידן מיט זיין חסד באַשאָנקען און, זייענדיק אין אַ גוטער שטימונג, געטיילט פּריווילעגיעס, נישט וויכטיק איז, וואָס פאַר אַ „פּריווילעגיעס" דאָס זענען געווען: אַמאָל האָט דאָס געהייסן אַ דערלויבעניש אויף שטעלן ביידלעך הינטער דער שטאָט אין אַ מאַרק-טאָג, אַן אַנדער מאָל—פּאַשען בהמות אויף אַ מלוכהשער לאָנקע, אָבער ווי ווייניק ס'איז נישט געווען דער „חסד",—פלעגן די יידן מיטן גאַנצן אימפּעט זינגען „הלל" דעם מלך. וויסט, פינצטער און אָרעם איז געווען זייער לעבן און יעדער שיין פון שמייכל איז אָנגענומען געוואָרן פאַר גוט געלט. אַזוי איז געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק,—נו, און אַזוי איז דאָס אויך היינט...

און די בעסטע צייט צו טראַכטן וועגן דעם איז, — ווען דער גרויסער אויטאָבוס פון דער סטאַציע פולאַווו, וועלכער פירט אין קאַזשימיערזש, שטעלט זיך אָפּ אינמיטן וועג און דער שאָפער וואַרפט אַראָפּ פון זיך די אויבערשטע בגדים און טרעט צו בודק זיין דעם מאָטאָר און די סיבות, וועלכע האָבן דערפירט צו זיין שטילשווייגן. איינציקווייז רוקן זיך דאַן אַרויס די פּאַסאַזשירן און צעשפּרייטן זיך איבערן שאָסעע און די פעלדער אַרום. איילן זיך אין בישטאַ צו וואָס: איידער דער שאָפער וועט דערגיין דעם שכל, פאַרוואָס עס האָט זיך ווידער פאַרהאַלטן זיין מאַשין, קאָן מען גאַנץ פיין זיך דורכשפּאַצירן אין וואַרעמען זומער-פאַרנאַכט און טראַכטן וועגן סדר-העולם...

און אַז מען האָט פאַר זיך פונוויטנס די העלע ווייסל און אין אַלט קילאָמעטער אַרום דעם אין לעגענדעס איינגעהילטן קאַזשימיערזש

טראָגט מען זיך אַריבער מיט פינף-זעקס-הונדערט יאָר צוריק אין דער שיינער תקופה פון קאַזשימיערזש דעם גרויסן און פון זיין געליבטער אסתרקע...

זאָל דער שאָפער שעלטן דעם מאָטאָר מיט אַזעלכע טויטע קללות, וועלכע איר וועט אפילו אין דער „תוכחה" נישט געפינען און זאָלן די פּאַסאַזשירן האַלטן אין מורמלען וועגן דעם, אַז „ס'איז בעסער איין ניכטער פערד ווי צען שיכורע שאָפערן", — די פּאָעזיע פון דער אַלטער לעגענדע קאָן דאָס נישט צעשטערן.

איבערהויפט,—ווען איר פּאָרט דאָס ערשטע מאָל אין קאַזשימיערזש.

* *
*

איבער דער ווייסל, איבער די גרינע בערג אַרום, איבערן אַלטן מאַרק קיניגט דער הויכער דיקער טורעם, וואָס איז געבויט מיט אַ פינף הונדערט יאָר צוריק אַלס אַ גרויסע טייך-לאַמטערן, וועלכע האָט געזאָלט ווייזן אין די פינצטערע נעכט דעם וועג די שיפן אָנגעלאָדענע מיט תבואה, אויף זייער רייזע קיין דאַנציג. דאָס איז געווען אַזאַ שיינער קאַפּריז פון קאַזשימיערזש דעם גרויסן, וועלכער האָט דער דאָזיקער שטאָט זיין אייגענעם נאָמען געגעבן און אַ פּאָרט אויסגעבויט אויף דאָזיקן ווינקל פון דער ווייסל, פונוואַנען דאָס ברויט זאָל גיין דירעקט אין באַלטיק אַריין.

און נאָך איצט האַלטן זיך דאָ הונדערט-יאָריקע היסטאָרישע שפייכלערס, אַמאָל דער שטאָלץ פון פוילישן עקספּאָרט.

און עטוואָס נידעריקער פון טורעם שטייען די רוינען פון קעניגלעכן שלאָס, אייגנטלעך אַ שטיינערנע ווילע פון אַכט צימערן, ווו דער „גרויסער בויער" קאַזשימיערזש האָט געוווינט מיט דער לעגענדאַרער געליבטער אסתרקע...

פון די פענצטער פון דאָזיקן שלאָס זעט מען אונטן דעם היסטאָרישן מאַרק, וועלכער האָט מיט פינף הונדערט יאָר צוריק געווימלט און געקאָכט פון אַלערליי פוילישע, יידישע, גריכישע, אַרמענישע און טערקישע סוחרים.

אין די דאָזיקע פענצטער פלעגט זיך באַווייזן די הערצאָישע בערדיקע געשטאַלט פון „גרויסן מלך" און קאָנקורירנדיק מיט דער פּרעכטיקער נאַטור אַרום האָט אַרויסגעשיינט פון זיי די צאַרטע אסתרקע.

און מיינט נישט, אַז אין די באַגילדטע זײלן פון אַלטן פּאַלאַץ האָט אסתּרקע פֿאַרגעסן אין אירע ברידער אונטן; אָט ווײזט מיר דער שמש פון דער אַלטער שול אַפּאָר לײַכטערס: „דאָס האָט אסתּרקע געשענקט“...

אָט וויקלט ער פונאַנדער אַן אַלטן פּורפּור־פּרוכת מיט גאָלד געשטיקט: „אַ מתּנה פון דער יידישער קעניגין“...

נאָר דאָס אַלץ איז דאָך שוין געווען אַזוי לאַנג און מער ווי פֿאַרביקע זכרונות זענען פון דעם נישט געבליבן.

* *
*

און איצט?

אַפּאָר הונדערט וואַרשעווער און לובלינער געסט פֿאַרפּולן עט־לעכע יידישע און קריסטלעכע פּענסיאָנאַטן, צעוואָרפענע אויף די בערג און אין טאָל.

אויף דעם אינזל, אינמיטן דער ווייסל, טאַקע דאָרט, וווּ ס׳איז מיט פינף הונדערט יאָר צוריק געפּלאַנט געווען דער גרויסער פּאָרט, געפינט זיך די „פּלאַזשע“.

אַזוי איז מען היינט געוווינט צו רופן יעדעס געלע זאַמד, וועלכס גיט די געלעגנהייט „אָנגעטון נאַקעט“ צו וואַלגערן זיך אויף דער זון און טרייבן זומערדיקן פלירט. נישט דאָס באָדן זיך איז אין דעם פֿאַל דער עיקר, נאָר עפּעס אַנדערש.

און ווי שטענדיק אין די לעצטע יאָרן רינגלען אַרום 7 פרויען איין מאַנספּאַרשוין, מעג ער אפילו זיין גאַנץ ווייניק ענלעך צו אַפּאָ־לאָ פון דער מיטאָלאָגיע... און עפּנט איר אַ טיר ביים פריזירער, שמייכלען אַראָפּ פון די שטולן „אַלאַ גערסאָן“־קעפּלעך, וועלכע האָבן פֿאַרנומען די פּלעצער פון מאַנסבילשער קליענטור.

און אַז מען פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן די מאָלערישע „וואָנוואָזן“ (בערג־דורכגאַנגען) טרעפט מען אָפטמאָל שפּאַצירנדע פרויען־פּאָרלעך, ווייל ווו וועט מען דאָ נעמען מאַנסבילן?

און דאָך ווי ברייט און גרויסאַרטיק איז די אַנזיכט אוף דער צעגאָסענער ווייסל אין די ווייטע וועלדער אַרום. די קליינע שיפלעך קוקן אויס ווי דאַמפּערס, וועלכע קורסירן דאָ און פֿאַרהילכן מיט זייער פייפן די שטילע לופט!

און אַז איר האָט מזל און אין אַ העלער לבנה-נאַכט בלייבט מען שטיין ביים מיטלאַלטערלעכן טורעם און פון אונטן ווינקען פאַרפירעריש די פייערלעך פון קאַזשימיערזש און אַ כישוף-שאָטן פאַלט פון די שלאָס-רויִנען אויף די בערג אַרום, — ווערט קלאָר, פאַרוואָס עס האָבן דאָס דאָזיקע ווינקל אויסגעקליבן שרייבער און דיכטער פאַר זייער מוזע-אָרט. די נאַטור זאָגט דאָ איר אייביקע אומפאַרגלייכלעכע שירה.

און עס דאַכט זיך מיר, אַז די שאָטנס פון גרויסן ראָמאַנטישן מלך און זיין אויסדערוויילטער אסתרקע שוועבן דורכזיכטיק אויף די ווענט און שפיצן פון שלאָס און טורעם, און טראָגן אונז אַריבער אין יענער צייט פון העלדן און ריטערס, פון גרויסע טאַטן און ליידנשאַפטלעכע גייסטער...

נישט ווייט פון מיר דערהער איך פלוצלינג אַ שטיל געשפרעך. איך זע נישט די פנימער, נאָר דערקאָן די שטימען: דאָס שמועסן פעליע, די יונגע סטודענטקע פון פילאָזאָפיע, מיט מיעטשיסלאַוון דעם „מעדיק" פון דריטן קורס. ביידע פון מיין פענסיאָנאַט. פעליע זאָגט: ווי אַזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט טשאַרלסטאָן? גאַנצע צוויי וואָכן האָב איך אייניקע שעה אין טאָג געטאַנצט מיט אַ שטול און דערביי שטרענג אָפגעהיט דעם כלל, אַז דער צווייטער פוס מוז זיך אַנדערש דרייען ווי דער ערשטער, און, ווי איר זעט, האָב איך די זאַך באַהערשט. ס'איז נאָר אַ פראַגע פון אַ גוטן פאַרטנער.

און דאַן הער איך מיעטשיסלאַווס טרוימענדע שטימע: דאָס ערגסטע ביי מיר איז, ווען מען טאַנצט זאַלבעפערט „בלעק-באָטאָם" מיט אַ נישט-איינגעטאַנצטער צווייטער פאָר. אויפן לעצטן סטודענטן-באַל איז דערגאַנגען צו אַזאַ קאָמפראָמיטאַציע, אַז נאָך איצט שעם איך זיך די אויגן צו באַווייזן פאַר באַקאַנטע...

אַ שטילער קרעכץ און אַ שטילשווייגן.

גייסטער פון קאַזשימיערזש און אסתרקע, גאָלדענע לבנה, וואָס חלומט אויפן טונקל-בלויען הימל, — אַוועק פונדאַנען!

פעליע און מיעטשיסלאַוו שאַפן אַ פּאָעמע פון דער נייער יוגנט...

1927

אין גער

ס'איז נאָך געבליבן 5 מינוט ביזן אָפּגאַנג פון דער „קאָלייקע" וואַרשע — גער, אָבער פון אַלע זייטן לויפן נאָך פאַרהאַוועטע, פאַר־כאַפּעטע יידן מיט פּעקלעך אין די הענט, וועלכע פאַרפולן די שמאָלע וואַגאָנעס, די איינציקע, וועלכע טראָגן נאָך אויף זיך די פאַרבן פון די רוסישע צייטן.

היינט איז נישט קיין פּשוטער דאָנערשטאָג, נאָר צוויי טעג פאַר שבת־חנוכה. וואָס־זשע איז דען דער וווּנדער, אַז חסידים, יונגע און אַלטע, ווילן אַרויסטון זיך אַביסל פון די דאגות הפּרנסה און אנטלויפן אויף אַפּאָר מעת־לעת פון דער בייזער שוויגער, פון דעם קרעכצנדיקן ווייב צו זייער קוואַל פון רו און גייסטיקער שפע, צו דעם גרויסן רבינס הויף און ליכטיקן בית־המדרש, וווּ די גאַנצע וועלט פאַרשווינדט און ווערט פאַרגעסן; עס בלייבן נאָר „אנשי־שלומנו", — די צייט גייט אַוועק אין אַן אומענדלעכן שמועס וועגן חסידות, וועגן זאַכן הויכע און פריילעכע; אַמאָל גיט זיי איין כאַפּן אַ „שלום" פון „אים זאָל לעבן" און דאַן איז מען דאָך גאָר גליקלעך!

איך ווייס נישט, וואָס איר ווילט—פאָרן דאָך אונזערע מענטשן אין די ניצעס, אין זאַקאָפּאַנעס, אין נאַלענטשאָוו און אָטוואָצק, אַבי אָפּכאַפּן דעם אָטעם און איינשטילן די צעשרויפטע נערוון, און נישט אַלעמאָל גיט זיך דאָס איין. נישט אמת? און דאָ פאַר אַפּאָר זלאָטעס באַקומען די מענטשן אַ מיטל צו אַלע צרות אין דער וועלט, — איז דען זיי נישט מקנא צו זיין!

* *
*

די וואַגאָנעס פון דער „קאָלייקע" אויף מאָקאָטאָוו ווערן שנעל

פאַרוואַנדלט אין בתי־מדרשים אויף רעדער: יידן לייגן תפילין, וויק־לען זיך איין אין טליתים, מען דאַוונט געשמאַק בציבור און איר האָט נישט קיין מורא, אַז די קאָנטראָל פון די בילעטן וועט פאַר־קומען דווקא אינמיטן דער „קדושה": עס ווייזט אויס, אַז די קאָנ־דוקטאָרן זענען דאָ נישט קיין עמי־הארצים און ווייסן, אַז די אַר־בעט פון קאָנטראָלירן הויבט מען נאָך „עלינו", ווען מען נעמט שוין די „רבינו תּמ"ס תּפילין".

פאַר „זיי", פאַר די אַלע איבעריקע, וואָס ווילן נישט דאַוונען, אָדער דאַוונען אויף אַנדערע לשונות, איז אויך פאַראַן אַ וואַגאָן, אָבער דאָס איז גלאַט אַזוי, צוליב אָפּטשעפּעניש; דער עיקר פון צוג זענען „מיר", און דאָס פילן „מיר" און דאָס ווייסן „זיי".

און אַז מען האָט אָפּגעדאַוונט און גענומען צוביסלעך בראָנפן און שטיקלעך לעקעך, דערזען מיר שוין דעם סטאַציע־בנין פון דער שטאָט גער הסמוכה לוואַרשע.

איך גיי צווישן דער געדיכטער מענגע חסידים, — אַ פרעמדער, אַ קאַלטער, איבער דער לאַנגער גאַס, וואָס פירט צום רבינס הויף. ביים הויף שטייען הונדערטער יונגע און אַלטע חסידים, צווישן זיי די כאַראַקטעריסטיש באַלאָקטע חסידים־תּושבים פון גרויסן בית־המדרש, פאַר וועלכע הייסט איז „הויף־סעזאָן".

יאָ, יאָ! איך האָב פאַרגעסן! גוטע־פריינט האָבן דאָך איצט מן־הסתּם מיטלייד מיט מיר; זיי דערמאָנען זיך די „שוידערלעכע" געשעענישן פון פאַר אַפּאָר יאָר, ווען דער האָט אין גער געכאַפּט אין קאָלנער און יענער איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון בית־המדרש אויף די הענט, און כּדי ער זאָל קיין טעות נישט האָבן און מיינען, אַז דאָס איז פאַר זיין טאַלענטפולן שרייבן, האָט מען אים איבער־געקערט מיטן פּנים אַראָפּ און מקיים פּסק געווען...

איך האָב פאַר דעם קיין מורא נישט געהאַט, ווייל אַן ענין האָב איך געהאַט דאָ צו דערליידיקן, וואָס איז געווען מער נוגע גער, ווי מיר פערזענלעך, און אין אַזעלכע פאַלן איז אייער אומבאַ־רירלעכקייט געוויס געזיכערט.

געהאַט צו טון אַ האַלבן טאָג מיט שיינע יידן, מיט יוסטע גערער באַלעבאַטים, און אויף צוויי אַזייגער בייטאָג איז באַשטימט

געוואָרן מיין „אודיענץ" ביים גערער רבין.

מיינט נישט, אַז ס'גייט צו אַזוי איינפאַך! מען האָט מיך פריער געלערנט דעם „צערעמאָניאַל" און אָנגעזאָגט, ווי דער רבי וועט שטיין, ווי מען דאַרף זיך האַלטן, — זיין איינגעהאַלטן אין רעדן, זיין שפּאָרזאַם אין צייט...

צו דער באַשטימטער צייט בין איך שוין געשטאַנען אין פּאָר־הויז פון דעם רבינס וווינונג און געוואַרט, ווען מען וועט מיך אַריינרופן, — און אַ גבאי האָט זיך באַוויזן אין דער אָפענער טיר און געגעבן מיר אַ ווונק איך זאָל אַריינגיין אין וווינונג פון רבין.

אין אַ גרויסן צימער מיט שאַפעס פאַרשטעלט, אין ווינקל ביים טיש איז געשטאַנען אַן אַלטער מאַן פון נידעריקן וווקס מיט אַ ווייסער באָרד און אַפּאָר פייערדיקע אויגן, וועלכע קוקן אַביסל אומרויק צו אייך אין דער נשמה אַריין, — אַפּאָר אויגן, וואָס פרעגן: „וואָס ווילט איר פון מיר?". אַ ווייכע האַנט גיט מיר „שלום־עליכם". עפּעס דערפיל איך זיך גאַנץ היימיש און עס אַנטוויקלט זיך אַ שמועס וועגן ביליקן קרעדיט, וועגן קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק. דער רבי אָריענטירט זיך נישט שלעכט אין די אַלע פראַגן, רופט זיך אָפּ וואַרעם וועגן דער דאָזיקער אַרבעט. דער שמועס ציט זיך שוין לענגער ווי די באַשטימטע פינף מינוט: מיר האַלטן שוין ביי אַ פערטל שעה. איך באַריר נישט ספּעציעל קיין „פּאָליטישע" טעמע, וועלכע בעט זיך אויף דער צונג; איך פרעג נישט דעם רבין וועגן אייניקע דראַסטישע ענינים, וועלכע זענען באַוווּסט אין דער עפנטלעכקייט אַלס „שאַכמאַט־שפּיל" און פּאָליטיק פון „גערער הויף", איך פרעג נישט—ווייל קוקנדיק אין די טיפע אויגן פון אַלטן רבין קומט מיר אַ רעיון אויפן געדאַנק: „אויך דאָ, ווי אין אַלע „הויפן", טרייבט מסתמא פּאָליטיק נישט ער אַליין, נאָר די קאַמאַריליע. אָן אונטערשיד, צי טראָגט זי מיט גאָלד־אויסגענייטע מונדירן, אָדער פאַרגאַרטלטע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס". יאָ, אַזוי איז דאָס.

אַ שטילע ברכה, וועלכע באַציט זיך אויף מיין שליחות, — און איך פאַרלאָז דעם רבינס אויפנאַם־צימער.

און אין גרויסן בית־המדרש, דורך וועלכן איך גיי אַרויס, שלענגלט זיך די סענסאַציע צווישן די יונגעלייט און בחורים: „דער רבי האָט מיטן „גלות" געשמועסט אַ לאַנגע צייט; אָבער וועגן וואָס?"

באַגעגן איך נייגיריקע בליקן, וועלכע באַגלייטן מיך אַרויס ביז דער טיר און יונגע ייִנגעלעך מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאהלעך באַגלייטן מיך אַרויס ביזן גאַס אַריין, — מיך, דעם „העלד פון היינטיקן טאָג", וועלכער האָט זוכה געווען צו אַזאַ לאַנגער פּערזענלעכער „אוידיענץ".

און דאַן איז געקומען דער אָוונט און ס'איז שוין צייט צו בענטשן חנוכה־ליכטלעך.

דער בית־המדרש, דער גאַנצער הויף ווערט באַלאַגערט מיט חסידים, וועלכע ווילן ענטפערן „אמן" אויפן רבינס ברכה. פון וואַרשעווער שאָסיי פאָרן צו יעדע מינוט צום הויף טאַקסיס און פּריוואַטע אויטאָמאָבילן פון טרייע חסידים־גבירים, וועלכע מאַכן דורך די איבער זעכציק קילאָמעטער וועג הין און צוריק, נאָר כדי צו זען דעם רבין אַפּאָר מינוט און אפשר אויך אָפּגעבן „שלום".

אויף די טירן, אויף די סלופּעס, אויף די ווענט זענען אָנגעהאָנגען מענטשלעכע פיגורן, מיט אָנגעשטרענגטע פּנימער און אין אומבאַוועגלעכע פּאָזעס, וואָס מאַכט זיי ענלעך צו פאַרגליווערטע אָריגינעלע סטאַטועס; דאָס זענען אַזעלכע „אַמאַטאָרן", וואָס ריזיקירן ברעכן דעם קאָפּ, אַבי אָנצוקוקן דעם רבין.

קיין לופט איז שוין אין גרויסן פּאַליש פון בית־המדרש לאַנג נישטאָ, און אַרום די עלעקטרישע לעמפּלעך ציט זיך אַזוי ווי אַ ווייס געדיכט נעפּל.

יעדע באַוועגונג, וואָס די איינגעדריקטע אין זיך מאַסע מאַכט, איז ענלעך צו אַ כוואַליע, וואָס הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ.

אָט הענגט צוגעבונדן מיט דעם גאַרטל צום אויוון דער זון פון באַקאַנטן פאַבריקאַנט אין לאָדזש אַ. ה—נער, וועלכער טוט זיך איבער אין גער אין אַ מער ווי דעמאָקראַטישן אָנצוג...

אָט קוועטשט מיך צו צו דער וואַנט אַ קרעפּטיקער חסיד, איינער פון די גרעסטע אינדוסטריעלער אין קראָקע. ד"ר טהאָן האָט וועגן אים טאַקע אַמאָל געזאָגט: „איך האָב זייער ליב אַביסל „כרמל", אָבער כרמל פון קראָקע פאַרשאַדט מיר".

און אויבנאָן, נאָענט פון די טירן, וואָס פירן צום רבינס פּריוואַטער וווינונג שטייען די יונגיטשקע פון דער „משפחה" מיט זייערע

געטאָקטע ראַסן־בנימער און גרויסע, דיקע לאָקן אָנשטאָט פאות, — אַ פּריוויליגיע, וואָס געהערט נאָר צו די פֿאַמיליע־מיטגלידער.

אָבער, שאַ, — דער רבי גייט! עס ווערט שטיל! דער רבי בענטשט ליכטלעך און אַ שטורמישער „אָמן" קויקלט זיך פֿון פֿול־געפּאַקטן בית-המדרש דורכן פֿאָליש צום הויף צו, ווו עס שטייען די „לא־יוצלחים", וואָס האָבן זיך נישט אַריינגעקריגן אינעווייניק.

אַפּאָר שטילע ווערטער „תורה" וועגן ליכטלעך פֿון חנוכּה, וואָס לייטערן אַפילו אַזעלכע נשמות, וועלכע די שבת-ליכט זענען נישט אין שטאַנד צו לייטערן, — און דער רבי ציט זיך צוריק אין די אינעווייניקסטע חדרים.

1927

אויפֿן קבר פון בערעק יאָסעלעוויטש

באַהאַלטן צווישן גאָלדענע זאַנגען, צווישן הויכֿן שמעקנדיקן גראָז שטייט הינטער קאָצק אַ בערגל, און אויפֿן בערגל אַ גרויסע גראָבע שטיין-מצבה מיט אַ פוילישער אויפֿשריפֿט:

„בערעק יאָסעלעוויטש, געבוירן אין 1760; געשטאָרבן אין 1809, דאָ באַגראָבן".

שווער געווען צוצוגיין אונטער די ברענענדע זון-שטראַלן! מיר טרעטן אין טיפֿן זאַמד און עס דאַכט זיך אונז אויס, אַז דער וועג איז אומענדלעך.

עס אָטעמט שווער דער בורמישטש, הינקט צו דער פּרעזעס פֿון דער יידישער קהלה, וועלכער צעגייט פּשוט פֿון היץ אין זיינע „יידישע" בגדים און אין דעם וואַרעמען טולעגעם היטל. ס'זענען שוין אויסגעמאַטערט די אַנדערע מיטגלידער פֿון קאָמיטעט.

אונטער דער לאַסט פֿון זיין קעסטל בויגט זיך דער פֿאָטאָגראַף, וועלכער איז ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן, כּדי צו מאַכן דאָס בילד פֿון קבר און פֿון אונז אַלעמען.

ס'הויבט מיר אָן אַביסל נאָגן דאָס געוויסן: אָט האָבן פֿאַרלאָזן אַ גרופּע אָנגעזעענע מענטשן, — יידן און קריסטן, — זייערע שטענדיקע באַשעפֿטיקונגען און שלעפּן זיך צוליב מיר ווייט הינטער דער שטאָט, מיינענדיק, אַז מיט דעם וועלן זיי מיטהעלפֿן דער גרויסער זאַך, וועלכער זיי האָבן זיך געווידמעט: בויען אַ לעבעדיקן דענקמאָל פֿאַר בערעק יאָסעלעוויטש, בויען אַ פּראָפּעסיאָנעלע שול אויף זיין נאָמען. קריסטלעכע און יידישע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן פֿאַר נוצלעכע בירגער.

ווער איך די דאָזיקע האָפֿענונג באַרעכטיקן?

און איך וויל דעריבער נישט נאָר צוּוואַרפן מיין בינטל בלומען אויפן קבר פון העלדישן יידישן פּאַלקאָווניק, נאָר אויך מיטהעלפן צו טראָגן ציגל פאַרן שיינעם דענקמאָל, וואָס עס ווילן בויען די העל־סטע פאָרשטעער פון פוילישן פאָלק מיטן מאַרשאַל פּילסודסקי אָן דער שפּיץ.

* *

*

מיר שטייען שוין האַרט ביי דער מצבה, אונטער וועלכער עס איז געפאַלן דער לעגענדאַרער בערעק.

נאָך אַלס קינד האָב איך געהערט מעשיות וועגן יידישן לעגיאָן, וועלכער איז אינגאַנצן אויסגעקוילעט געוואָרן אין קאַמף פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט.

שפּעטער, אין פרייען פוילן, האָב איך אין אייניקע שטעט גע־זען גאַסן אויפן נאָמען פון בערעק יאָסעלעוויטש,—און איך מוז מודה זיין, אַז מיר אַליין האָט זיך אויסגעוויזן די גאַנצע מעשה נישט מער ווי אַ שיינע לעגענדע; וואָס הייסט דאָס: כמעט מיט הונדערט יאָר צוריק, דאָס הייסט, דאַן, ווען לויט די היסטאָרישע פאָרשער האָבן זיך אין גאַנץ וואַרשע געפונען קוים אַ מנין יידן, וועלכע זענען גע־גאַנגען קורץ געקליידט, — האָט זיך געקאָנט שאַפן אַ גאַנצער יידי־שער פּאָלק, וואָס האָט געקעמפט אין די פאָדערשטע רייען?

אָבער נישט לאַנג האָב איך געהאַט די געלעגנהייט מיט די אייגענע אויגן צו זעען ביי אַ באַקאַנטער יידישער פערזענלעכקייט נישט נאָר אַלטע גראַווירן און דאָקומענטן פון יענער עפּאָכע, נאָר אויך די אָ ר י ג י נ ע ל ע פאָן, אונטער וועלכער עס זענען וואַרבירט געוואָרן די יידישע פרייוויליקע זעלנער, — די זיידענע פאָן מיטן גע־שטיקטן פוילישן אָדלער און יידישן „שמע ישראל״... איך האָב דאַן אָנגעהויבן גלויבן אין דער היסטאָרישערווירקלעכקייט פון בערעק יאָסעלעוויטש און זיין יידישן פּאָלק.

ווי אַ מעשהלע געשפּינט פון דער רייכסטער פאַנטאַזיע, ווי אַ באַלאַדע געזונגען פון מיטלאַלטערלעכע טרובאַדורן, אַזוי וועבט זיך די לעבנס־קייט פון בערעקן.

די ערשטע קינדער־יאָרן — אין די זאַמדן און בערגלעך פון לימווישן שטעטעלע קרעטינגען. אין חדר און אין בית־המדרש —

שפּעטער דער האַנדלסלייטער, אָדער, ווי מען פלעגט עס דאַמאָלס פּשוט רופן, — „פאַקטאָר״ פון ווילנער ביסקופּ מאַסאַלסקי.

דער פעיקער בערעק באַקומט צוטרוי, רייזט מיטן ביסקופּ אין אויסלאַנד, לערנט זיך שפּראַכן, זאַפּט איין אין זיך איינדרוקן און מנהגים.

פּאַריז אין יאָר 1793. — דאַן ווען עס צעפלאַקערט זיך די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, ווען אַלטע קאַסטעס און דינאַסטיעס פאַלן, ווי פליגן, און נייע פייערדיקע טריבונען שטייען אויף פון פאָלק, — בערעק איז דאַן אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט, און אין זיין היציקן קאָפּ קריצן זיך איין די גרויזאַם-שפּאַנענדע בילדער און עס קאָכט אויף דאָס ברויזנדע מכבי-בלוט...

און מיט אַ יאָר שפּעטער ווידער אין פּוילן, וועלכע פירט אירע לעצטע מלחמות פאַר דער גאַנצקייט פון דער מלוכה.

קאָשטשושקאָ וואַרפט אַ פייערלעכן רוף צו די יידן און בערעק יאָסעלעוויטש כאַפּט אים אונטער: ס׳ווערט אין משך פון טעג געשאַפן דער פּאָלק פון „לייכטער יידישער קאַוואַלעריע״, אונטער דער קאָמאַנ־דע פון בערעקן, וועלכער באַקומט זיין פּאָלקאָווניק-נאָמינאַציע פון קאָשטשושקאָן אַליין.

ווען סוואָראָוו שטורעמט פּראַגע און אויף די וואַלן, וואָס רינ־גלען אַרום די שטאָט, פאַלן בערג פון מתים, — קעמפן בערעקס זעל־נער מיט אַזאַ מסירות-נפש, אַז דער פּוילישער היסטאָריקער באַצייכנט דאָס אַלס אַ קאַמף פון „לייבן און לעמפּערטן״...

וואַרשע פאַלט, די פּוילישע מלוכה ווערט צעריסן, — בערעק ריכט אָפּ שווערן גלות צוזאַמען מיט אַ ריי פּוילישע גענעראַלן, שמאַכט אָפּ יאָרנלאַנג אין געפענגעניש און רייסט זיך ענדלעך אַרויס אין דעם פּוילן-פריינטלעכן פראַנקרייך, וווּ ער וואַרט ווידער אויף אַ סיגנאַל צום קאַמף.

אויפן הויף פון גענעראַל דאָמבראָווסקי, וועלכער לעבט אויף די פּוילישע לעגיאָנען, — שטעלט זיך יאָסעלעוויטש אונטער דער ביקס, ער ווערט פיל מאָל פאַרוווּנדט און באַקומט אַ ריי פּוילישע און די העכסטע פראַנצויזישע אויסצייכענונג...

און דאַן קומט דאָס יאָר 1809.

פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי פירט די לעגיאָנען קעגן עסטרייך און בערעק שטייט ווידער אָן דער שפּיץ פון „יידישן פּאָלק״. מען

האָט אים אָנגעטרויט צו פאַרטיידיקן די געפערלעכסטע ערטער פון טייך וויעפּש אין געגנט פון קאָצק. בערעק מיט זיין שטאַב גייען נישט אַראָפּ וואָכֿנלאַנג פון די פערד און דערלאָזן נישט די עסטרייכער דורכֿרייסן די ליניע.

אָבער דעם 5טן מאַי 1809 באַקומט זיך אין שטאַב פון „יידישן פּאָלק" אַ ידיעה, אַז צו קאָצק דערנענטערט זיך אַן אָפּטיילונג פון עסטרייכישע אולאַנער. בערעק נעמט מיט זיך צען אָפיצירן און פערציק געקליבענע רייטער און לאָזט זיך אַנטקעגן שונא. אויפן מאַרק פון קאָצק באַמערקט ער ווירקלעך אַ גרופּע עסטרייכישע אָפיצירן, וועלכֿע, דערזעענדיק אים, לאָזן זיך אין גאַלאָפּ צוריק. בערעק מיט זיינע רייטער יאָגט זיי נאָך...

און צוויי קילאָמעטער הינטער קאָצק שפּילט זיך אָפּ אַ שרעקלעכע טראַגעדיע: דאָס העלדישע הייפל פון בערעקס זעלנער ווערן אַרומגערינגלט פון אַ גאַנצן פּאָלק עסטרייכישע אולאַנער, וועלכֿע האָבן שוין ספּעציעל אָפּגעוואַרט די רעזולטאַטן פון „שפּיצל", וואָס זיי האָבן צוגעגרייט.

דערשפּירנדיק זיך אין אַ „נעץ", האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פון לעבן און טויט צווישן דער יידישער גרופּע און דעם פיל מאָל מערערן שונא.

אַלע ביז איינעם זענען זיי געפאַלן, אַוועקלייגנדיק פריער הונדערטער עסטרייכער...

די ערד אַרום, די שיינע בערגלעך און גרינע גראָז-טעפּיכער זענען דורכֿגעזאַפּט געוואָרן מיטן בלוט פון די העלדן, וואָס אויפן שפּיץ פון זייערע שווערדן האָבן זיי פּוילנס טרייהייט געטראָגן...

און ווען דאָס בלוט האָט אויסגעטריקנט און מיט דער פאַרע צום הימל געגאַנגען, איז אויסגעוואַקסן אַרום דעם דאָזיקן בערגל הינטער קאָצק, ווו מען האָט שפּעטער דעם צעטראָטענעם פּאָלקאָווניק בערעק געפונען, — אַ לעגענדע פון העלדנטום און בלומען...

מיט איינציקע מאָנאַטן שפּעטער האָט גראַף סטאַניסלאַוו פּאָטאָצקי, דער דאַמאָלסדיקער פּרעמיער פון פּוילן, מיט פאָלגנדע ווערטער געענדיקט זיין אָפיציעלע רעדע, אין וועלכֿער ער האָט באַוויינט בערעקס טויט: „דאָס פאָטערלאַנד וועט געדענקען דיינע וווּנדן, דיינע נצחונות, וועט אייביק געדענקען, אַז דו האָסט דער ערשטער ביי אונז געגעבן אַ ביישפּיל פון אומגעהויערער מוטיקייט פון דיין פּאָלק און מיט דעם

אויפגעלעבט דעם זיכּרון פון די אַלע יידישע גיבורים, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר די ווענט פון ציון״...

אַזוי האָט גערעדט און צוגעזאָגט גראַף פּאָטאָצקי מיט הונדערט יאָר צוריק; צי האָט ווירקלעך זיין פּאָטערלאַנד דעם צוזאָג געדענקט?..

* *
*

און איצט שטייען מיר ביים שטיין אויפן בערגל, וואָס פירט צו קאָצק, מיר, דריי יידן אין היטלען (פּאָרט אַ יידישער קבר), און צוויי קריסטן, די פירער פון אָרטיקן קאָמיטעט.

אַרום טראָגט זיך דער שמעקנדיקער ריח פון געטריקנטן היי און די גאַנצע לופט איז אָנגעזאַפּט מיט בילדער און זכרונות... קאָצק, די שטאָט פון פלאַמענדן חסידות, די שטאָט פון גרויסן שווייגער ר׳ מענדעלע ז״ל.

אויפן צווייטן בערגל פון יענער זייט קאָצק שטייט דער אוהל צו וועלכן עס זענען געווענדט די בליקן פון צענטליקער טויזנטער חסידים...

געדענקט איר די חסידים פון אָפּאַטאָשוס „פוילישע וועלדער״?

אַ שלייער פון לעגענדעס, פון מיסטיציזם; פון מענטשן-גייסטער, פון מענטשן-העלדן...

מיר בייגן טיף אונזערע קעפּ פאַר דעם גייסט פון ריטער, וואָס שוועבט אַרום דעם דאָזיקן אָרט...

1927

אין אַ משוגעים-הויז

אַרומגערינגלט מיט אַ ים גרינס צווישן בלומען און טראָפּישע געוויקסן שטייט אַ גרויסער קלויסטער אין גאָטישן סטיל. שוין קנאַפּע פיר הונדערט יאָר צוריק זענען זיינע שטיינערנע ווענט מיט די דריי טורעמס אויסגעבויט געוואָרן, און דער גרויסער זייגער אויסגעשמידט פון קופּער קלינגט אויס די שעהן מיטן באַקאַנטן חלומדיקן קלאַנג,— „קאַריליאָנען-קלאַנג" פון די זייגערס אין וויטן פלאַנדריע, שטילן האָלאַנד און זיד-פראַנקרייך.

לאַנגע יאָרן האָבן אין דעם דאָזיקן קלויסטער געהאַט זייער מקום-מנוחה די מאָנאַכן פון היילינקן אָרדן פון די „בערנאַרדינער פאָטערס": אין איין העלפט פון קלויסטער — די גאָנעס-שוועסטער, אין דער אַנדערער העלפט — די היילינקע ברידער.

ס'האָט געמוזט גוט זיין תפילה צו טון, אַ בעל-תשובה צו זיין אין די דאָזיקע שווער-געמויערטע פינצטערע קאָרידאָרן און אין די באַזונדערע קליינינקע חדרימלעך, דורך וועלכע ס'האָבן געשמייכלט ברייטע גרינע לאָנקעס און ס'האָט זיך געשלענגלט ווי אַ זילבערנער פאָדעם דער טייך וואַרטאַ.

ס'האָט אָבער אויך נישט געמוזט פעלן קיין עולם-הזה-געפילן אין ;' פאַרחושכטע ווענט פון אַלטן קלויסטער. והאָ ראיה, די היי-ליקע ברידער און שוועסטער האָבן אים מיט אייניקע צענטליק יאָרן צוריק פאַרלאָזן און אויף זייער אָרט זענען אַריינגעפירט געוואָרן די אומגליקלעכסטע צווישן די אומגליקלעכע, די „פריילעכסטע צווישן די פריילעכע" — אומהיילבאַרע משוגעים...

ווייסט איר דען וואָס אַ משוגעים-הויז. איז? די מורא פאַרן טויט און פייער פון מלחמה, צווישן קנאַלנדע האַרמאַטן און בלאָנדזשנדע

קוילן וואַרפט נישט אָן אַזאַ אימה ווי אַ צימער מיט 20 לאַכנדיקע יונגע משוגענע פרויען... און זייערע רייד, זייער ניבול-פה!.. ווי פאַרסמטע פיילן דרינגען זיי אַריין אין האַרצן. עפּעס אַזאַ טרויעריקן תהום פון ביטערע שטימונגען, אַז דאָס לעבן ווערט אָן זיין רעשט ביסל חן...

דער הויפּט-דאָקטאָר פון משוגעים-הויז נעמט מיך אויף זייער פריינטלעך און איז גערן מסכים ווייזן מיר דאָס „קעניגרייך פון לע-בעדיקן טויט", וועלכע האָט געפונען איר שוץ אין געוועזענעם קלוי-סטער פון דער שטאָט וואַרטע (קאַלישער געגנט).

אַזוי ווי ווירגיליוס אין דער „געטלעכער קאָמעדיע" פון דאַנטע פירט מיך דער דאָקטאָר גלייך אין גיהנום, — אין די קאַמערן פון די פאַרשלאָסענע פרויען. מיט אַ ספּעציעלן שליסל עפנט ער שטילער-הייט די טיר פון אַ גרויסן צימער, וווּ ס'ליגן, זיצן אויף די פענצטער און שפּרייזן אַרום אַ צענטליק פרויען, מיט קורץ-געשוירענע, כמעט אָפּגעגאָלטע קעפּ, אָנגעטון אין בייקענע קאָלירטע כאַלאַטן.

— די דאָזיקע פרויען זענען אונטער אַ שטרענגער אויפזיכט,— דערקלערט מיר דער דאָקטאָר,—זיי קומען לייכט אַריין אין אַ שטאַרקער אויפרעגונג און קאָנען בעת-מעשה אָפּטון נאַרישקייטן. ס'טרעפט, זיי שפּייען אויף מיר, ווילן זיך וואַרפן אויפן דאָקטאָר, סטראַשען... בעסער איז האַלטן זיך נעענטער ביי דער טיר, כדי צו יעדער צייט קאָנען זיך אַרויסגליטשן פון צימער.

איך שטיי ממילא ביי דער אָפענער טיר און אָבסערוויר די אומגליקלעכע. איינע פון זיי גייט צו צום דאָקטאָר.

— איך מוז דאָך אַוועקפאָרן; דער רעיענט איז שוין אין שטוב, וואָס האַלט איר מיך דאָ? — שרייט זי און די אויגן פינקלען מיט שנאה, מיט אַ משוגענעם כעס...

אַ צווייטע פרוי, מיט אַ פרישן יונגן פנים מישט זיך אַריין:

— אַז דער ליידאַק וועט קומען, וועל איך אים די נאָז אָפּבייסן.

אַ דריטע ענטפערט:

— די קרויט איז שוין צייטיק; מען קאָן שוין גיין טאַנצן!..

און אַ פערטע פרוי פון אומבאַשטימטן עלטער (געוועזן אַמאָל אַ ציין-דאָקטאָרין) קוקט אונז אָן שאַרף און גיט אַ זאָג, — כמעט פאָל-קאָם באַוווסטזיניק:

— וואָס טוט איר דאָ, אייגנטלעך?

די איבעריקע קראַנקע הויבן אָן ווערן אויפגערעגט... דער דאָקטאָר גיט מיר אַ צייכן און מיר גליטשן זיך אַרויס, פאַרשליסנדיק נאָך זיך די טיר. הינטער דער טיר הערן מיר אַ געלעכטער. דער דאָקטאָר שמייכלט; איך פיל אָבער, אַז אַ קאַלטער פיבער הויבט מיך אָן צו באַהערשן...

דער דאָקטאָר עפנט מיט אַ שליסל אַ קליין צימערל מיט פאַרקראַטעטע פענצטער. אַנטקעגן אונז שטייט אַ פרוי אין דער פּאָזע פון אַ פרומער מאָנאַכין מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט און דאַוונט. אין דער זעלבער פּאָזע איז מן-הסתם מיט אַ יאָר הונדערט אָדער צוויי הונדערט צוריק אין דעם אייגענעם צימער געשטאַנען אַ שוועסטער פון די הייליקע בערנאַרדינער... אָבער די קראַטעס אויפן פענצטער, אָבער די געגאָלטע קעפ! שרעקלעך זענען די מאָמענטן, ווען די פרומע דאַוונערין מיט די גרויסע אויסדרוקספולע אויגן וואַרפט אַוועק איר תּפילה... אָט אַזעלכע ווערטער, ווי די צונויפגעפּרעסטע ליפּן לאָזן דאַן דורך, האָט מען אַפילו אין אַן אַלטער רוסישער קאַזאַרמע נישט געהערט... און ווען אַן אָנפאַל פון משוגעת באַהערשט זי, — היט דאַן, דאָקטוירים און געסט, אייערע העלזער, איר וועט זיי נישט אַרויסרייסן פון די לאַנגע דאַרע פינגער...

מיר זענען ווידער אין קאָרידאָר, וווּ ס'דרייען זיך אַרום די קראַנקע, וועלכע זענען אויף דער פריי, אַלס נישט קיין געפערלעכע... נאַרישע שמייכלען, געל-גראָע דיקע פנימער. זיי באַגלייטן אונז איבער אונזער שפּאַציר און וואַרטן געדולדיק ביז מיר וועלן דורכגיין אַלע צימערן.

— אָט אין דעם דאָזיקן קאַמער, — זאָגט מיר דער הויפּט-דאָקטאָר, — געפינט זיך אַ פּיאָטרקאָווער בחור, אַ געוועזענער בוכהאַלטער, מיר האַלטן אים באַזונדער, ווייל ער איז לעצטנס זייער צערייצט און וואַרפט זיך אויף זיינע קאָלעגן און אויף די וועכטער. מיט אַ שעה צוריק האָט מען אים אויסגעטון דאָס משוגעים-העמדל... זעט ווי ער קוקט אויס! דער דאָקטאָר עפנט דאָס טירל און מיר דערזעען אַ יונגנמאַן מיט ווילדע אויגן, וואָס רעדט צו זיך אַליין. ער שטייט כמעט נאַקעט, ווייל די קליידער האָט ער אַראָפגעוואָרפן. עס הערן זיך שאַרפע, אָפגעהאַקטע פראַזן אויף יידיש. ער הויבט אָן מאַכן מיט די הענט און באַוועגט זיך אין אונזער ריכטונג. מיר פאַרמאַכן אָבער שנעל די טיר הינטער זיך און מיר זעען דורך דעם קליינעם פענצטערל,

ווי דער קראַנקער דרייט זיך אַביסל אַרום איבערן צימער, דערנאָך שטעלט ער זיך אויפן קאָפּ, קייקלט זיך ווי אַ ראָד איבער דער פּאָדלאָגע און שטעקט נאָך אונז אַרויס די צונג.

אין קאָרידאָר קומט אונז אַנטקעגן אַ הויכער ברונעט מיט פייערדיקע אויגן און אַ כּעסיקן אינטעליגענטן פּנים. ער גריסט זיך מיטן דאָקטאָר און גייט ווייטער נישט פאַרהאַלטנדיק זיך.

— דאָס איז אַ סטודענט פון פילאָזאָפיע, וועלכער איז שוין קראַנק אַ יאָר צוואַנציק, אויסגעוועזן אין דער גאַנצער וועלט. איצט פאַרנעמט ער אַ חשוב אָרט אין דער היגער משפּחה, ער איז, אַזוי צו זאָגן, דער אַריסטאָקראַט צווישן זיי. צוטראָגן אָבער אַ פינגער צו זיין מויל, וואָלט איך אייך נישט געראָטן...

אַ גרויסער טייל קראַנקע אַרבעטן אין גאָרטן, ביי די פערד, אין קיך. דער דאָקטאָר קאָן זיך נישט אָפּלויבן פון זייער פלייסיקייט און אַרבעטזאַמקייט, ביז עס פאַלט אָן די משוגעת אויף זיי און דאַן ווערן זיי פאַרבעטן אין אַ חדר מיוחד.

אַ קליין טעאַטערל, מיט אַ סצענע, סופליאָר-בודקע און גאַלעריע איז באַשטימט פאַר די פאַרוויילונגען פון די משוגעים. עס שפּילן, פאַרשטייט זיך, קלאָרע, אָבער דער „סבאָר" איז דאָ שטענדיק אַ געזיכערטער.

אייגענע עלעקטרישע סטאַציע, ווו ביי דער זייט פון טעכניק שטייען אַפּאָר געהילפן פון צווישן די קראַנקע. אַ גוט-איינגעריכטעטער באָד-אַנשטאַלט מיט וואַנעס און פּארע.

דאָס בילד ווערט פרייליכער, וואָס מיר פאַרלאָזן די ווענט פון קלויסטער און גייען אַרויס אין גרויסן גאָרטן, וואָס אַרום אים. אויך דאָ אַרבעטן משוגעים אונטער דער אויפזיכט פון אַ געניטן גערטנער.

די מאַסן פילפאַרביקע בלומען בילדן אַזאַ שטאַרקן קאָנטראַסט מיט די נאַר-וואָס געזעענע סצענעס, אַז עס הויבט זיך אָן צו אָטעמען לייכטער.

די בלומען און גריגסן ווערן זאָרגפעלטיק באַהאַנדלט; ביי די זייטן פון גאָרטן זענען פאַראַן ספּעציעל אָפּגעצוימטע פּלעצער, ווו די קראַנקע נעמען זון-בעדער.

אַ קליינע אָזערע מיט פיש ליגט באַהאַלטן צווישן געדיכטע ביימער. עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ קראַנקער וואַרפט זיך אין וואַסער, ווערט ער אָבער נישט דערטרונקען, ווייל דאָס טייכל איז פלאַך.

אַמאָל אַנטלויפט אַ משוגענער, ווי די אויגן טראָגן אים, אָבער אין אייניקע טעג שפּעטער ברענגט מען אים צוריק אַ פאַרמאָרעטן, אַן אָפּגעמאַטערטן, — צוריק אין זיין „פּענסיאָנאַט", פונוואַנען עס פירט נאָר איין וועג, — אויפן בית-הקברות...

לויט דער ביטע פון דאָקטאָר טראָגט אונז צו איינער פון די קראַנקע געהילפס-גערטנער אַ בינטל בלוט-רויטע רויזן פאַר מיר אַלס אָנדענק.

איך דאַנק אים; ער קוקט אָבער אויף אונז מיט אַ זעלטענער גלייכגילטיקייט, דער דאָקטאָר זאָגט, אַז דער דאָזיקער גערטנער האָט נאָך אים קיינמאָל קיין וואָרט נישט געענטפערט.

צוזאַמען מיט דעם צאַרטן ריח פון די בלומען טראָג איך אַוועק מיט זיך אין האַרצן אַן אומפאַרגעסלעכן צער וועגן גורל פון די אומגליקלעכע איינוווינער פון דעם אַלטן קלויסטער פון בערנאַרדינער מאָנאַכן.

1925

פון בענדין ביז קאַטאָוויץ

מיר פאַרנעמען פלעצער אין אַן עלעגאַנטן קליינעם אויטאָמאָ־ביל פון אַ פראַנצויזישן סיסטעם, כדי דורכצושניידן אַ וועג, וווּ דער הימל איז שטענדיק פאַרוואָלקנט מיט געדיכטע רויכן, וווּ די טיפע־נישן פון דער ערד זענען אויסגעפילט מיט „שוואַרצע ברילִיאַנטן" — שטיין-קוילן, וווּ נישט קוקנדיק אויף דער אָרעמער לאַנדשאַפט און מאָגערע פעלדער הערשט דאָ אַזאַ מעכטיקע פאָעזיע, אַזאַ פולסירנדע אָנשטרענגונג פון שאַפונג, אַז נישט ווילנדיק ווערט איר אַריינגעצויגן אין שטראָם פון דער אַרבעטס־רעליגיע, מיט וועלכן אַ דער טייל פון פוילן איז דורכגעדרונגען.

מיין באַגלייטער, דער אייגנטימער פון אויטאָמאָביל, געהערט צו דעם טיפ פון אונזערע היימישע און דערצו יידישע „סטיגעסעס", וועלכע האָבן זיך אַדאַנק אייגענע ענערגיע און פלייס דערשלאָגן צו אַ גרויסן פאַרמעגן, צו מעטאַל־פאַבריקן אין דאָמבראָווער ראַיאָן און אין אויבערשלעזיע, און דאָך זענען זיי געבליבן שטיין מיטביידע פיס אין אונזערע נאַציאָנאַלע רייען.

די קליינע מאַשין רוישט, רייסט זיך פון שאַפערס הענט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך בעטן לאָזן זי אין פולן גאַנג מיט דער שנעלקייט פון אַכציק קילאָמעטער אַ שעה, אויף וואָס עס דערלויבן איר די יונגע כוחות. מיר טאָרמאָזירן זי אָבער, מיר וועלן זעען...

און לאַנגזאַם וויקלט זיך פונאַנדער פאַר אונזערע אויגן דער „רייכסטער דימענט פון דער פוילישער קרוין", דאָס געביט פון קוילן און מעטאַל.

* *

מיר לויפן דורך בענדין, ווו עס ווייבלט, קיין עין-הרע נישט, פון יידעלעך. אויף די זייטן פון דער הויפּטגאַס—דריישטאָקיקע געביידעס; עס מאַכט אַן איינדרוק פון אַ קולטורעלער שטאָט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעטלעך פון קעלצער און ראָדעמער קאַנט. די שטאָט האָט אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג. אַ טעגלעך פּויליש-אַנטיסעמיטישע, ספּאָרט-דרוזשינעס און אַ העפטיקן רבנים-קאַמף, — אַלץ ווי עס פּאַסט פאַר אַ חשובן ישוב... מיין באַגלייטער דערציילט מיר וועגן די יידישע פּרנסות: איבערהויפּט פאַרנעמט זיך די באַפעלקערונג מיט קליין-האַנדל, ציענדיק חיונה פון דער אַרומיקער אַרבעטערשאַפט, וועלכע איז אין די צענטליקער טויזנטער באַשעפטיקט אין דער קוילן-אינדוסטריע. הונדערטער יידן פאַרנעמען זיך מיט פעדלעריי אין נאָענטן אויבערשלעזיע: מען פעדלט מיט צוקערלעך און פאַרטיקע אַנצוגן, מיט זייגערלעך און שטוב-מכשירים און, ווי די מאָדע איז היינט, ווערט אַלץ געגעבן אויף ראַטעס.

נאָך מיט אַפּאָר יאָר צוריק פלעגט מען די דאָזיקע פעדלערס טרייבן מיט הינט און אומברחמנותדיק שלאָגן: ביים היינטיקן טאָג אָבער האָבן זיך די באַציונגען פאַרבעסערט און די פעדלעריי-מלאכה האָט אויפגעהערט צו זיין אַ סכנה.

* *
*

עס דויערט נישט קיין פינף מינוט, ווי מיר האָבן פאַרלאָזן דעם בענדינער אַלטן מאַרק און שוין פאָרן מיר אַריין אין סאָסנאָוויץ. אייגנטלעך באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז גאַנץ סאָסנאָוויץ באַשטייט פון דער שיינער און ברייטער גאַס, וואָס ציט זיך פּאַראַלעל דער אייזנבאַן און וועלכע האָט ווירקלעך אַן אָנגענעם אויסזעען, די איבעריקע שמאָלע און שמוציקע גאַסן זענען אַזוי ווי אָנגעהאָנגען אָן דער הויפּטגאַס פון שטאָט, אויף וועלכער עס געפינט זיך אַ רעסטאָראַן-קאַפע מיט מוזיק, אַ גרויסע געביידע פון אַ נייעם קינאָ און נאָך אייניקע גרויס-שטאָטישע „פּרעטענזיעס”. די אָוונטן אָבער פאַרברענגט די סאָסנאָוויצער יוגנט מערסטנטיילס אין קאַטאָוויץ, וווהין די רייזע

דויערט אַ 15 מינוט מיט דער באַן, און באַקוועם איז דאָס אויך דאַ־ריבער, ווייל מען געפינט זיך נישט אין קאַטאָוויץ אונטערן שטרענגן אויג פון טאַטע־מאַמע...

מיר פאָרן אַרויס פון סאָסנאָוויץ אויף אַ שאָסע, וואָס ליגט שוין האַרט ביי דער געוועזענער דייטשער גרענעץ. אויף דער פוילי־שער איז עס נאָך פול מיט לעכער און גריבער, נאָר אָט שטייט אַ סלופּ מיט דער אויפשריפט „אויבערשלעזישע וואָיעוואודסטווע", אָדער אַנדערש גערעדט, מיר פאָרן אַריבער די אַלטע רוסישע גרענעץ, און אַפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן קאָנט איר פילן, אַז איר זענט אַריינ־געפאָרן אין אַן אַנדער לאַנד, ווו מען האָט מער געקלערט וועגן די באַקוועמלעכקייטן פון די וועגן. דער שאָסע איז ווי אַן אַספאַלט, עס הערט אויף דאָס טרעסלעניש און די רייזע ווערט אַנגענעמער.

* *
*

דער גאַנצער שטח פון שלעזיע קען געגליכן ווערן צו אַ גראַנדיע־זער קוזשניע, וואָס אָטעמט מיט פייער און אין אירע פלאַמען ווערן געשמאָלצן און געשמידט אומענדלעכע טיילן פון פליסיקן מעטאַל, וואָס צעגייט זיך דערנאָך אין גאַנצן לאַנד; אָנהויבנדיק פון מאַטער־יאַל פאַר שרייפעלעך און ענדיקנדיק מיט ווענט פאַר לאָקאָמאָטיוון, ווערט דאָרט אַלץ אויסגעאַרבעט. אַ לאַנד, וואָס האָט נישט אַזאַ קוזש־ניע, מוז זיין אַ שטענדיקער קנעכט און אָפּנעמער אויסער זיינע גרע־נעצן פון אַלע טעכנישע אַרטיקלען פון די גרעסטע ביז די אומבאַ־דייטנסטע.

אָט הויפּט זיך אויף אַ וואַלד מיט זיבן און פופציק קוימענס פון דער „לאַבאַ־הוטאַ". עס ציען זיך אומענדלעכע געביידעס, וועלכע פאַרנעמען אַ שטח אין דער לענג נישט ווייניקער ווי גאַנץ בענדין מיט סאָסנאָוויץ. אַרום אייזערנע געפלאָכטענע טורעמס דרייען זיך אויפהויבונגס־קראַנען, וועלכע הויבן אויף אַ וואַגאָן מיט קוילן ווי אַ קיישל פעדערן. אַרום דער הוטע זעט איר גרויסע שוואַרצע בערג, וואָס האָבן זיך געבילדעט בלויז פון קוילן־אָפּפאַל און זענען פאַר־האַרטעוועט געוואָרן.

אין דער שטאָט לאַבאַ־הוטאַ, וואָס געפינט זיך גלייך ביי די פאַבריקן, וווינען אַפאָר צענטליק טויזנט אַרבעטער. די גאַנצן זענען

געפלאַסטערט: שיינע געביידעס פון מאַגיסטראַט, שולן און באַקוועמע פּריוואַטע בנינים. די שטאָט האָט עלעקטריע, טראַמווייען און קאַנאַליזאַציע.

די טראַמווייען־נעץ אין דער געגנט איז אַזוי פאַרשפּרייט, אַז איר קאָנט זיך זעצן אין אַ טראַמוויי אין דער פּוילישער זייט פון שלעזיע און אָפּפאָרן אַרום פינף און פערציק קילאָמעטער אין דייטש-שלעזיע אַריין.

יעדעס דערפל אין דער דאָזיקער געגנט איז דורכגעשניטן מיט טראַמוויי־ליניעס; יעדעס שטעטל קאַנאַליזירט (לאָדזש האָט נאָך נישט קיין קאַנאַליזאַציע). אין קלענסטן ישוב געפינט זיך די פאָלקס־שול אין אַן אייגענער געביידע...

* *
*

פאַמעלעך, איבעריאָגנדיק דעם לאַנגן ווייסן טראַמוויי, וואָס גליטשט זיך לעבן אונז, פאָרן מיר אַריין אין דער שטאָט קרולעווסקאַ הוטאַ, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען ווי די הוטע, וואָס געפינט זיך דערינען.

די איינוואוינער פון דער שטאָט באַשטייען מערסטנטייל פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די אַרומיקע קוילן־גרובן און אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. זייער צאָל דערגרייכט ביז אַכציק טויזנט נפשות. דאָ געפינען זיך די ביורעס פון די קוילן־מאַגנאַטן.

* *
*

שוין פינף מעטער פון די שטיינערנע פאַרקאַנעס פון דער „קעניגס־הוטע” הויבט אָן ברענען דאָס געזיכט פון דער היץ, וואָס שפּאַרט פון די דאָמען-אויוונס, ווו עס גיסט זיך דאָס מעטאַל.

אַ באַטויבנדע רייסעריי פון קייטן, אַ גרילצנדע פייפעריי פון שטאָלענע פיילן, וואָס שאָבן אייזן... וואַגאָנען מיט קוילן אונטן; עלעקטריע-וואַגאָנדלעך איבער די דעכער, האַלב-נאַקעטע מענטשלעכע קערפּערס באַפאַרבט מיט פייער־פאַרבן פון פלאַמענדיקן מעטאַל; אומענדלעכע טראַנסמיסיעס פאַרייניקט דורך אומזיכטבאַרע רעדער;

געטריבן מיט דער קראַפט פון צענטליקער דאַמפּמאַשינען, וואָס זייערע קוימענס וויקלען זיך אין געדיכטע רויך-כוואַליעס, — דאָס איז די „הוטאַ".

אַכציק טויזנט מענטשן שליסן איין אירע טויערן יעדן פרימאָרגן און אַזוי פיל שפּייען זיי אויס נאָך אַכט שעה אַרבעט.

* *
*

ווייטער לויפן דורך פאַר די אויגן קוילן-גרובן און אַרבעטער-שטעט; מיר לאָזן אָן אַ זייט די קאָלאָסאַלע ביסמאַרק-הוטע, וועלכע בליצט צו אונז מיט טויזנטער פייערן.

מיר געפינען זיך שוין אויפן וועג קיין קאַטאָוויץ. איידער מיר פאָרן אַריין אין שטאָט, וואַרפט זיך אין די אויגן אַ גרויסע פירשטאָקיקע געביידע, איינגאַנצן באַלויכטן. דאָס איז די רעדאַקציע און דרוק פון דער צייטונג „פּאָלאָניאַ", וועלכע געהערט קאָרפאַנטין און וועמען ס'געהערן בכלל אין אויבערשלעזיע די גרעסטע אונטערנעמונגען.

די דייטשע שפּראַך הויבט אָן קלינגען אין די אויערן, און אַז מען רעדט פּויליש צוגלייך, איז דאָס אַ מישמאַש מיט דייטשע ווערטער...

קיין וווּנדער נישט. ביי זעקס הונדערט יאָר האָט די געגנט געהערט צו דייטשלאַנד און דאָך — אַלע סימפּאַטיעס פאַר די, וואָס האָבן אין משך פון אַזוי פיל יאָרהונדערטער אין אוממעגלעכע באַציונגען אָפּגעהיט זייער אייגענע פּוילישע שפּראַך און אויף אַזאַ אופן, — לויט דעם גלענצנדן אויסדרוק פון אַלפאָנס דאָדע — געהאַלטן אין די אייגענע הענט דעם שליסל פון זייער פאַרשלאָסענער טורמע...

קאַטאָוויץ רופט מען דאָ „קליין-בערלין". אַביסל איז דאָס אַ גוזמא, נאָר דאָך קאָן מען ביי קאַטאָוויץ נישט אָפּנעמען אַלע אייגנשאַפטן פון אַ גרויסער שטאָט מיט אַספאַלט-ברוקן, טראַמווייען, רייכע געשעפטן און פיל בענק.

כמעט אין יעדן צווייטן הויז פון דער הויפּטגאַס געפינט זיך אַ באַנק-געשעפט, אַזוי, אַז אין דער אומגעגנט האָט מען די שטאָט

אין די צייטן פון דער שפעקולאַציע מיט די פוילישע און דייטשע מאַרקן אַ נאָמען געגעבן „באַנקאָוויצע”.

און ווען איך האָב דערזעען, אַז איבער די קאַטאָוויצער גאַסן פאָרן ספּעציעלע אויטאָמאָבילן מיט בערשט פון הינטן, כדי צו פוצן די גאַסן, האָב איך אָנגעהויבן גלויבן, אַז קאַטאָוויץ איז באמת אַן אייראָפּעישע שטאָט...

פויזן

אויסערלעך מאַכט פויזן דעם איינדרוק פון אַן עכט-איירָאָפּעי־שער קולטורעלער שטאָט: מיט אַספאַלט געפלאַסטערטע גאַסן, שיין־געבויטע און ווייס-געפאַרבטע הויכע הייזער, אַ מאָנומענטאַלע געביידע פון דער אָפּערע און אַן אימפּאָזאַנטער קעניגלעכער שלאָס, אויפגע־שטעלט קורץ פאַרן קריג לכבוד ווילהעלם דעם צווייטן; מיט עלעק־טרישע ליכט באַגאָסענע פּרעכטיקע קאַפע־הייזער און מאָדערנע האָ־טעלן; אויפן „פּלאַץ וואָלנאָשטשי", וועלכער איז שענער ווי דער טעאַטער־פּלאַץ אין וואַרשע, שפּרודלט פון אַן עלעגאַנט-געקליידט פּובליקום; די געשעפטן גרויסע מיט רייכע שוי־פענצטער...

עס וואַרפט זיך אין די אויגן די באַדייטנדע צאָל געשעפטן מיט יאַגד-געווער, ווי אויך שפּייז-געשעפטן מיט פאַרשידענע חיות און געפליגל, געשאָסענע אויף די יאַגדן אין די געדיכטע פויזנער וועלדער.

די מענטשן... אפשר האָב איך אויף זיי געקוקט מיט אַ פאַר־שטענדלעכן פאָראורטייל, נאָר אויף מיר האָבן זיי געמאַכט אַן איינ-דרוק פון קאַלטע, זאַטע און טעמפּע עגאָיסטן, וועלכע זענען איינ-מאָל פאַר אַלעמאָל פאַרגליווערט געוואָרן אין זייערע איבערצייגונגען, געוווינהייטן און סימפּאַטיעס...

איבער די מוחות פון די פויזנער איינוווינער הערשט אַ מורא-דיק־פאַרגיפטער שלאַנג: דער „קוריער פּאָזנאַנסקי", וועלכע צעגייט זיך טעגלעך אין פערציק טויזנט עקזעמפּלאַרן און טריפט אַריין זיין מענטשנפיינטלעכן סם אין די קאָפּ-גלעזער פון די פויזנער בירגער, און אויסער דעם „קוריער" קאָנקורירן צווישן זיך מיט גאַל און שנאה צו אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו און נישט שאָוויניסטיש, נאָך אַ

צענטליק צייטונגען און וואָכנשריפטן, וואָס דינען אַלס טעגלעכע שפּייז פאַרן „געמיטלעכן" פּויזנער איינוווינער.

אין פּויזן און פּראָווינץ איז ביז די לעצטע טעג נישט געווען אַפילו קיין איין דעמאָקראַטישע אָדער פּשוט פּאָרשריטלעכע צייטונג, וועלכע זאָל זיין לינקער פון דער ענדעציע.

בעת די וואַלן אין סיים זענען אַלע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן אויסגעוויילט געוואָרן פון דער „אוסעמקע", פאַר וועלכער עס האָבן געשטימט די לעגענדאַריש-רייכע גוטבאַזיצער און פאַבריקאַנטן צו־זאַמען מיט זייערע פּויערים און אַרבעטער, — אַזוי זעט אויס דאָס קלאַסן־באַוווסטזיין אין דער דאָזיקער מערב־פּראָווינץ פון אונזער דע־מאָקראַטישער רעפּובליק.

איך וויל זיך איצט נישט אַריינלאָזן אין די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו אַזאַ לאַגע. איינע פון די הויפּט-סיבות איז געוויס דער הונדערט-יאָריקער יאָך אונטערן פּרייסישן יונקער, וואָס האָט קעגן זיך פאַראייניקט אַלעמען און אַלס רעאַקציע אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון בלינדן, פאַנאַטישן שאָוויניזם, וועלכער ווערט איצט געשיקט אויסגענוצט פון אַ קליקע דעמאַגאָגן. איך באַשעפטיק זיך אָבער איצט נישט מיט די סיבות, נאָר איך נעם די זאַכן, ווי זיי זענען, און קאָנסטאַטיר פאַקטן.

* *
*

אויף אייניקע גרויסע קאַפעהייזער פון דער דאָזיקער מאָדער־נער שטאָט הענגען אויפשריפטן: „איינגאַנג פאַר יידן שטרענג פאַרבאָטן".

אין די גרעסערע האָטעלן ענטפערט מען אייך אויף דער פראַגע וועגן אַ צימער נאָר נאָכדעם, ווי מען קוקט אַריין אין אייער פּאַס, — אויב פאַרשטייט זיך, אייער נאָז גיט דעם סוד נישט אַרויס באַלד פון פריער.

ס'איז פאַראַן אין פּוילן אַ געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון ראַטשינסקי; די געביידע פון דער ביבליאָטעק געהערט צו די שענסטע אין פּויזן און ס'געפינען זיך דאָרט די גרעסטע זאַנ־לונגען פון ביכער אין אַלע געביטן און שפּראַכן, נאָר... איר דאַרפט אויספילן ביים אַריינגיין אַ בלאַנק, אין וועלכן מען פרעגט אייך

ווען אייער אמונה, און — „בירגער פון משהס גלויבן" קאָנען נישט געניסן פון דעם ספרים־אוצר: דער פויזנער שאָוויניסט קעמפט מיטן „עם־הספר".

פאַרביטערט און שאַרף איז דאָ דער עקאָנאָמישער בויקאָט קעגן יידן.

דער פאַריין פון הויזווירטן האָט זיך קעגנזייטיק מתחייב געווען נישט צו פאַרדינגען זייערע לאָקאַלן קיין יידן, און ווי איז צו דעם, וואָס איז פורץ־גדר! מען ברעכט דאַן ביי אים טירן און פענצטער, מען פאַרביטערט אים דאָס לעבן אין די צייטונגען, ביז ער מוז רייסן דעם קאָנטראַקט. די עקסמיסיע פון אַ יידישן לאָקאַטאָר קומט אויך פאָר אויף אַ באַזונדערן אופן: עס פאַרפאָרט אַ פלאַטפאָרם און פירט אַרויס אַלע זאַכן גראָד אין דער צייט, ווען דער באַלעבאָס פון דער וווינונג איז אָפּוועזנד. דאָ העלפט נישט קיין לויפן אין געריכט, צום קאָמאָרניק, אין קאָמיסאַריאַט: אַלץ איז קעגן און דער ייד באַגעגנט זיך מיט אַ בלינדער וואַנט פון שנאה און שפּאָט...

סוחרים דערציילן, אַז אָפטמאָל צאָלט דער קונה באַוווסטזיניק איבער אין אַ קריסטלעכן געשעפט, נישט וועלנדיק קויפן ביליקער ביי אַ ייד.

און טאָג־איין, טאָג־אויס גיסט זיך דאָס סם פון די שפּאַלטן פון די צייטונגען אין די נשמות און הערצער פון די פויזנער, פאַרוואַנדלענדיק די פּראָווינץ אין אַ מין וואַנדעע פון פאָריקן יאָרהונדערט, וועלכע האָט אין די צייטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע שיער נישט אומגעבראַכט די גאַנצע רעפּובליק...

* *

*

צי זענען מיר, יידן, נאָר צייטווייליקע געסט אין פויזן, צי איז נישט אונזער געשיכטע פון הונדערטער יאָרן פאַרבונדן מיט דער שטאָט, מיט איר עקאָנאָמישער און קולטורעלער אויפבליונג?

עס ווייסט וועגן דעם אַסך צו דערציילן דער יידישער געלערנטער, אָבער־ראַבינער פון פויזנער פּראָווינץ, ד״ר פריימאַן.

אַ הויכע פיגור מיט אַ גראָלעכער באָרד, אַ בנעימותדיקע באַנעמונג, אין וועלכער צוזאַמען מיטן אַריסטאָקראַטישן שטאָלץ איז פאַראַן די באַשיידנקייט פון אַן אמתן תלמיד־חכם, — דאָס זענען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון ד״ר פריימאַן.

ער האָט צוזאַמען מיט נאָך אייניקע געלערנטע פאַרפאַסט דאָס מאָנומענטאַלע ווערק „צו דער געשיכטע פון די יידן אין דייטש-לאַנד", ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין אַנדערע ווערק, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער יידישער געשיכטע און יידישער וויסנשאַפט.

אין אַ נאַסן האַרבסט-אָוונט זענען מיר מיטן געערטן אָבער-ראַבינער געזעסן אין דער היסטאָרישער ביבליאָטעק פון ר' עקיבא אייגער און ביי דער שיין פון אַ קליין עלעקטריש לעמפל האָבן זיך פאַר מיר פונאַנדערגעוויקלט זייטלעך פון דער יידישער געשיכטע אין פויזן, אָנהויבנדיק אויש פון פערצנטן יאָרהונדערט. זייטלעך דורכגע-זאַפט מיט בלוט און טרערן, דורכגעוועבט מיט נעמען פון שטאָלצע יידן און ליכטיקע מוחות.

עס לעבט אָפ די פיגור פון רבי פעלכנאַ, דעם ערשטן רב אין פויזן, און דאַן די טעטיקייט פון ר' משה (מאָזעס) מיינץ; עס שווימט דורך פאַר די אויגן דער מהר"ל מפראָג (דער לעגענדאַרישער שעפער פון גולם), וועלכער איז געווען פויזנער רב און נאָכהער זיך געביטן מיט דעם רבנות אין פראָג מיטן „לבוש".

שפּעטער פאַרנעמט די רבנות-שטעלע דער געלערנטער און פאָ-ליטיש-שטאַרקער ר' שמואל-דוד מאַרגאָליס. דער פאָרזיצער פון „ועד ארבע הארצות", פון ערשטן יידישן נאַציאָנאַל-ראַט אין דער פויליש-ליטווישער מלוכה מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

און דאַן — ר' עקיבא אייגער, דער מייסטער פון תלמודישער שאַרפזיניקייט, וועלכן, ווי גרעץ דריקט זיך אויס, „זיין דור און די שפּעטערדיקע דורות האָבן באַערט מיט פאַרגעטערונג", — אַרום ווע-מענס אָנדענקען עס האָט זיך אויסגעשפּונט אַ קראַנץ מיט לעגענדעס, און יידן, פּאָליאַקן און דייטשן האָבן שטאָלצירט צו ווינען מיט אים אין דעם זעלבן פויזן.

אין פויזן האָט געוווינט און געאַרבעט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק היימאַן שאָול, איינער פון די פּיאָנערן אין באַנק-וועזן אין אייראָפּע. דאָ זענען געווען טעטיק אַ גאַנצע ריי יידן פון „גרדאַנק און טאַט", וועלכע זענען פאַראייביקט געוואָרן אויף פיל בילדער און איבערהויפּט אויפן באַוווסטן בילד פון קריסטליכן מאָלער יוליוס קנאָר „אויפן מאַרק-פּלאַץ", וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די פויז-נער מוזעומס.

דער שענסטער פּלאַץ אין שטאָט, „פּלאַץ וואָלנאָשטשי", איז

געבויט געוואָרן אויף אַן אַלטן יידישן בית-עולם, וועלכן די פּרייסישע שטאָט-פאַרוואַלטונג האָט רעקווירירט אין 1805 יאָר ביי דער יידישער געמיינדע. „דעמאָלט האָבן די יידן געגעסן ברויט מיט טרערן" — דערציילט אַן אַלטע שטאָטישע לעגענדע...

און אויף די אויסגעטריקנטע ביינער פון די יידישע מתים און אויף די מאָך באַוואַקסענע אַלטע יידישע קברים איז אויסגעוואַקסן און זיך פונאַנדערגעבליט דאָס נייע, אייראָפּעיש-געבויטע פּויזן, די שטאָט פון דער פאַרווילדעטער „כיענע" און פון די סעקרעטאַרטשיקס...

* * *

אין דער ביבליאָטעק פון רבי עקיבא אייגער, ווו צווישן טויזנ-טער ספרים געפינען זיך צענטליקער מיט זיינע אייגענע הגהות, שטייט אַ הויכער, ווייך-אויסגעבויטער פאָטעל, אין וועלכן דער פייער-שפּריצנדער גאון איז אָפּגעזעסן אַסך יאָרן איבער די הייליקע ספרים. דאָס איז דער כסא-רבנות פון פּויזן און זיין פּראָווינץ.

און וואָס איז איבערגעבליבן פון די הונדערט און צוואָנציק גרע-סערע און קלענערע יידישע קהילות אין פּויזן?

אַכציק פּראָצענט פון זיי געפינט זיך אין אַ האָפנונגסלאָזער גסיסה; די יידן האָבן עמיגרירט, ווער קיין דייטשלאַנד, און ווער — צו אַנדערע אמונות...

די שולן און בתי-מדרשים שטייען פאַרקלאַפּט, און אויף די אַלטע בית-עלמינס, — ווער ווייסט, צי וועלן נישט אויסוואַקסן נייע פּראָווינציעלע פּלעצער „וואָלנאָשטשי"...

איך דערמאָן זיך דערביי אַן שיקזאַל פון אַ ריי שטעט אין מערב-דייטשלאַנד, ווו מיט יאָרהונדערטער צוריק האָט געקאָכט פון אַ יידיש-קולטורעלן לעבן, — וואָרמס, די שטאָט פון רש"י, ווו דער שמש אין שול איז אַ... קריסט, און נאָך שטעט אין אַראַביע, אין פראַנק-רייך, אין טשעכיע...

* * *

ביים היינטיקן טאָג געפינען זיך אין פּויזן אַרום דריי טויזנט יידישע נפשות, פון וועלכע קרוב אַ דריטל זענען אַנגעקומען פון

פֿאַרשידענע שטעט אין קאָנגרעס־פּוילן און נישט קוקנדיק אויף די רדיפות און שפיכות־דמים האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אין פֿאַרשידענע געשעפֿטס־בראַנזשעס.

קיין יידישע האַנטווערקער אָדער אַרבעטער זענען דאָ אינגאַנצן נישטאָ. ביז גאָר נישט־לאַנג איז געווען אַ שטאַרקער אַנטאַגאָניזם צווישן דער איינגעזעסענער יידישער באַפעלקערונג, די אַזוי־גערופֿענע „דייטשן", און די ניי־אָנגעקומענע, וועלכע רופֿן זיך „קאָלאָניסטן"...

איצט אָבער, ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָבן זיך דיביידע טיילן מער דערנעענטערט: מען האָט שוין געקליבן צוזאַמען פֿאָרשטייער צו דער גמינע, מען האָט געגרינדעט אַ בשותּפֿותדיקן סוחרים־פֿאַריין און לעצטנס געמיינזאַם צוגעטרעטן שאַפֿן אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק.

צוגעאײַלט די פֿאַרייניקונג האָט... סעקרעטאַרטשיק און זיינע מעלטיקע באַשיצער, וועלכע מאַכן נישט קיין אונטערשיד צווישן „דייטשע" און פּוילישע יידן און, ווי שטענדיק, איז אויך איצט גע־שאַפֿן געוואָרן די אַחדות דורכן פֿאַרביסענעם שונא...

* *
*

יאָ! סעקרעטאַרטשיק...

קאָן מען דען שרייבן וועגן פּויזן, נישט דערמאָנענדיק אָט דעם דאָזיקן „שליח להולכה", וועלכער פֿאַרשטייט זיין אויפֿגאַבע איינפֿאַך און קורץ: „אַזוי פֿיל געבילדעטע פּאָליטיקער און צייטונגס־מענטשן שרייבן יעדן טאָג וועגן דעם געפֿערלעכן ייד, טאָ פֿאַרוואָס זאָל איך זיי נישט קומען צו הילף מיט אַ פּשוטן שטעקן, מיט וועלכן איך וועל שפּאַלטן די קעפּ פֿון מיינע פּויזנער יידישע מיטבירגער?". און מען מוז מודה זיין, אַז סעקרעטאַרטשיק אין זיין פּשטות איז זייער גערעכט... און זיין שטעקן האָט אויך אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון אַ פֿאַר־כּישופֿטן ביבלישן „מקל": עס רייסט אים אַרויס פֿון סעקרעטאַר־טשיקס האַנט דער פּרעמיער־מיניסטער, דער אינערן־מיניסטער, די פּראָקוראַטור און פּאָליציייִשע מאַכט, און דאָך געפֿינט זיך שטענדיק דער זעלבער שטעקן אין די פֿאַרהעלטנישמעסיק שוואַרצע הענט פֿון פּויזנער גולם...

אין אָוונט־צייט, ווען די יידישע סוחרים קומען זיך צונויף ביי

„הירשליקן" אין קאַפּע, דערציילן זיי זיך די „נסים" פון טאָג, און כמעט יעדעס מאָל פאַרנעמט אין די דערציילונגען אַ בכבודן אָרט דער שטעקן-העלד פון פּויזן, וועלכן מען קאָן נישט איינזעצן אין טורמע לויטן געריכטלעכן אורטייל...

צי דערמאָנט אייך דאָס נישט די קאָמישע אָפּערע „וואַמפּוקאַ"?

1924

גאַליציע

א

ווו הויבט זיך אייגנטלעך אָן גאַליציע? איך ווייס — איר וועט זאָגן, אַז דאָרט צווישן קראַשניק און ראָזוואַדאָוו, אָדער צווישן סאָסנאָוויץ און קראָקע, ווו ס'האָט זיך געצויגן דער אַמאָליקער עסטרייכישער גרענעץ־פּאַס. און איך זאָג, אַז דער בעסטער באַווייז דערצו, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון קרוין-פּוילן און אַריינגע־פאָרן אין קליין־פּוילן, איז דער געזעמל יידן אויף דער סטאַציע און זייערע היטעלעך אָדער קאַפּעלושן: ווען איר זעט, למשל, אונ־זערע אַחינו בני ישראל און אויפן שפּיץ קאָפּ ביי זיי דאָס קליינינקע חסידישע היטעלע (אייגנטלעך אַלט-האָלענדיש), זענט איר נאָך אין „קאָנגרעסוווקע"; ווען אָבער ס'הויבן אייך אָן שווינדלען אין די אויגן רבנישע שטריימלעך (אייגנטלעך אַלט-שלאַכטישע היט) מיט גע-קרייזלטע לאַנגע פּאות — זענט איר שוין אין גאַליציע. אָט דאָס איז דער אמתער סימן מובהק; איר פאַרשפּאָרט אַפילו אַריינקוקן אין אַ געאָגראַפיש ביכל.

מיר ווייסן דאָ, ביי אונז, אַזוי ווייניק וועגן גאַליציע, אַז אָפּטמאָל גלויבן מיר די אינפאָרמאַציעס, וואָס ווילן אונז איינרעדן, אַז די יידישע באַפעלקערונג דאָרט באַשטייט פון דריי שיכטן: בעל־זער חסידים, טשאָרטקאָווער חסידים און אַדוואָקאַטישע דאָקטוירים, אָבער דאָס איז בפירוש נישט אינגאַנצן ריכטיק:

איך האָב, אמת, זיך נישט פאַרנומען מיט גרינטלעך שטודירן די יידישע עטנאָגראַפיע פון גאַליציע, נאָר אויסער די אויבנדער־מאָנטע שיכטן באַווינען קליין-פּוילן אויך אַ שיינע פּאָר הונדערט

טויזנט סתם-יידן נישט ערגערע און נישט בעסערע, ווי אין דער גאַנצער פּוילישער רעפּובליק. זיי קרעכצן, נעבעך, אָן פּרנסה. זיי באַקומען אויך נישט קיין קאָנצעסיעס. אין די מלוכה-אַמטן טרעפט מען זיי אַלס באַאַמטע אַלץ ווייניקער, אַלס אַ זכר פון די עסטרייכישע צייטן, און ביי אַ המון יידן, וואָס מען כאַפּט אויף דער „שוואַרצער בערזע" בעת אַן אָבלאַווע, געפינט מען אויך נישט מער ווי אַפּאָר דאָלאַר, וואָס אַלע צוזאַמען פאַרמאָגן זיי אויף שפּילן זיך אין „וואַלוטע-וואַקלעניש".

אַלץ ווי ביי אונז אין קאָנגרעס-פּוילן.

* *
*

פּשעוואָרסק איז די ערשטע שטאָט, וואָס איך באַזוך אין מיין איצטיקער רייזע איבער גאַליציע.

אַן אַלטע שטאָט פון דער פּוילישער שלאַכטע. דאָ געפינט זיך דער גרויסער פּאַלאַץ און אַרום — די גיטער פון די פירשטן לובאָמירסקי. נישט ווייט — די שענסטע מאַיאָנטקעס אין לאַנד פון די פּאָטאָצקיס.

אַן אַלטער מאַגיסטראַט, אַ נאָך עלטערע שול געבויט אין איין און דעם זעלבן סטיל קאָנען עדות זאָגן וועגן צייטן פון זייער יוגנט, ווען די יידן האָבן געהאַט פּרנסה ביי די פּריצים, ווען דער אַלטער פירשט אָדער גראַף פלעגט קומען אַן עצה זיך האַלטן מיטן גרייזגראָען רב און דרך-אגב שפּענדן אויף צדקה; אויך די יידן פלעגן שטאָלצירן מיט „זייער" פּריץ, מיט זיין הויף, זיינע דינער און רייכטום. איך בענק נישט נאָך יענע צייטן, אָבער לאָמיר מודה זיין, — סענטימענט און אידיליע האָט אין זיי נישט געפעלט.

אַ באַזונדערן קאָלאָריט גיט צו דער איצטיקער גאַליציאַנער שטאָט די מאַגיסטראַט-פּאָליציי, וואָס מיט אירע רויטע אוניפאָרמען און באַלעבאַטישער באַנעמונג אונטערשיידט זי זיך גאַנץ באַדייטנד פון די שטייפע שומרים פון דער מלוכהשער פּאָליציי. איבערהויפּט זענען דאָ די באַציונגען צווישן מענטשן, צווישן יידן און קריסטן, ווייכער און אָנגענעמער, ווי מיר זענען דאָס געוווינט צו זען ביי אונז, ווו די אַלט-רוסישע מעטאָדן זענען אַזוי איינגעבירגערט אין די הערצער און מוחות.

און אויב מיר ווילן באמת פאַרגעסן פון היינטיקן יאָרהונדערט מיט זיין רעשיקער טעכניק, מיט זיינע ראַדיאָ-אַקטיווע גאַרסאָן-פריזורן און פּראָגרעסיוו-פּאַראַליזירטע וואָרט- און וועלט-פירער, — טאָ קומט מיט מיר אין פּשעוואָרסקער אַלטן קלויז צווישן מנחה און מעריב, ווען די שאָטנס לייגן זיך אויס אויפן שול-הויף און וויקלען איין סודותפול און שטימונגס-רייך אַלטע חורבות, איינגעבויגענע רוקנס און אַלט-מאָדישע פּערוקן, קליינע יינגלעך אין רבנישע קאַפּעלושן, מיט לאַנגע, לאַנגע געקרייזלטע לאָקן אויף די באַקן שאָקלען זיי זיך אין אַן עקסטאַז ביי דער זייט פון עטלעכע יידן אין אויסגעבלאַקעוועטע קאַפּאָטעס, צעריסענע, פּאַרלאַטעטע, אָבער מיט אויגן צום סופיט אויפגעהויבענע אין אַ שטורעמדיקן שמונה-עשרה-געבעט.

די לופט איז דורכגעזאַפּט מיט ביליקן טאַבאַק און מענטשלעכן שוויס, ליכטלעך ברענען אויף שטענדערס און באַלייכטן געזיכטער. מיר טרעפן אין ערשטן אַקט פון „דיבוק".

מען דערציילט מיר: די אייניקלעך זענען דאָ פרומער, ווי די זיידעס.

דער קולטורעלער מצב איז דער זעלבער ווי אין אונזערע מקומות, איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פאַר השכלה מיט פיל, פיל יאָרן צוריק.

די קליינע גרופּע אינטעליגענץ האָט אַ קנאַפּן קאָנטאַקט מיט דער מאַסע, איבער וועלכער ס'הערשט דער אויטאָריטעט פון אַ רבין.

איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט אין אַ געוויסן עקאָנאָמישן ענין דורכשמועסן זיך מיט דעם דאָזיקן עולם: שווער, זייער שווער איז אָנגעקומען אַביסל דורכצואַקערן די דאָזיקע „קרקע בתולה": צוויי עפּאָכן האָבן גערעדט איינע צו דער אַנדערער; צי וועלן מיר זיך פאַרשטיין?

און אַרויסגייענדיק פון קלויז אין דער שטערנדיקער נאַכט האָט אונז איבערגעשניטן דעם וועג אַ פּרעכטיקער אויטאָמאָביל מיט די יונגע פּאָטאָצקיס, און דאָס האָט אונז דערמאָנט וועגן „נייע צייטן". אָבער אַלטע פייגל...

II

לעמבערג — איז דאָס האַרץ פון מזרח-גאַליציע, — און קוריער-

צוגן פון טאַרנאָפּאָל, פון קאָלאָמעע, פון באָריסלאָוו, פון יאַראָסלאָוו — פאַראייניקן אין אַ באַקוועמער קאָמוניקאַציע די הויפּטשטאָט פון קליין־פּוילן מיט דער פּראָווינץ. יעדער פרימאָרגן וואַרפן אַרויס די גרויסע טירן פון מאָנומענטאַלן וואָקזאַל טויזנטער און טויזנטער פּראָווינצער געסט, כדי זיי אין אָוונט ווידער איינצושלינגען און דורך שנעל־צוגן צוצעפירן אין אַלע עקן לאַנד.

אין לעמבערג זעט איר ווייניק אויסערלעכע סימנים פון אַ גרויסן אוקראַינישן ישוב. זעלטן ווען אַ געשעפט אין די הויפּט־גאַסן איבערזעצט זיין שילד אויף אוקראַיניש, זעלטן אויך הערט איר די דאָזיקע שפּראַך אין די גאַסן און קאַפע־הייזער.

אַן אויסנאַם בילדן נאָר די ספּעציעלע אוקראַינישע רעסטאָראַנען, איבערהויפּט דער ערשטקלאַסיקער האָטעל „נאַראָדנאַיאַ האַסטיניצאַ".

און דער גרויסער רעסטאָראַן פון דעם דאָזיקן האָטעל איז דער זאַמלפּונקט פון דער דיפּלאָמירטער אוקראַינישער אינטעליגענץ, און פון די וואָלקנס טאַבאַק־רויך, וואָס וויקלען איין די זאַלן, און פון דער ספּעציעלער אָרקעסטער־מוזיק און טומלדיקע געשפּרעכן אין דער האַרטער אוקראַינישער שפּראַך, — קריסטאַליזירט זיך דאָך אויס אין באַוווּסטזיין אַפילו פון אַ צופעליקן באַזוכער דער גייסט פון אַ גרויס פאָלק, וואָס זיין פּרצוף ענדערט זיך נישט אָפּהענגיק פון די צאָל איבערזעצטע אין אוקראַיניש שילדן אויף די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט...

* *
*

דעם ערשטן מאַי איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אין טאַרנאָפּאָל.

גרויסע אַפישן אין דריי שפּראַכן — פּויליש, אוקראַיניש און יידיש — האָבן גערופן דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַ געמיינזאַמער אַרויס־טרעטונג, און צווישן די אונטערשריפטן האָט נישט געפעלט דער „פאַריין פון אייזנבאַן־באַאַמטע", פון „שטאָטישע באַאַמטע" און אַזוי ווייטער. ווי אויסטערליש האָבן מיר אויסגעוויזן די דאָזיקע פאַריינען אין דער יידישער איבערזעצונג!

* *
*

טאַרנאָפּאָל איז נאָכן קריג שוין כמעט אויפגעבויט געוואָרן און

וי סטאַטוע פון מיצקעוויטשן איז ווידער אויפגעשטעלט אויפן פיע-דעסטאַל פון דענקמאָל אָנשטאָט באַגדאַן כמעלניצקין, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט פאַרנומען זיין אָרט.

אַן אַלטע יידישע שטאָט, וועלכע פאַרמאָגט אַ שול מיט דער דאַטע פון 1217 יאָר. אַ שול געבויט ווי אַ פעסטונג פון גרויסע קאַנ־טיקע שטיינער מיט אַ פלאַטשיקן דאַך און משופּעדיקע ווענט.

און נישט ווייט פון דער דאָזיקער שול געפינט זיך נאָך אַ פּעסטונג, אמת, נישט אַזוי אַלט ווי די ערשטע, נאָר דאָך אַ שטאַרקע פּאָזיציע פון השכלה־קאַמף פון העכער הונדערט יאָר צוריק.

ס'איז די רעפאָרמירטע שול פון באַוווסטן קולטור־טוער און העברעיש־יידישן שרייבער יוסף פּערל.

פיל מוט און העלדישקייט האָט מען געדאַרפט האָבן מיט הונ-דערט און צוואָנציק יאָר צוריק קעמפן פאַר אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן ביי יידן אין דעם ים פון פאַנאַטיזם, וועלכער קלאַפט זיך נאָך ביים היינטיקן טאָג אָן מיט זיינע כוואַליעס אָן די גראָע ווענט פון דער פערל-שול.

די פערל־ביבליאָטעק אין טאַרנאָפּאָל איז איינע פון די שענסטע און רייכסטע ביכער־אוצרות ביי יידן. דאָרט געפינט איר צווישן אַלטע ביכער אין העברעיש, דייטש, פויליש, לאַטיין, ענגליש, פראַנ-צויזיש, — אַ גאַנצע שאַנק מיט כתבי־יד, אָן אַ סדר, און אַפילו אָן אויפשריכטן, צונויפגעבונדן מיט פראָסטע שנירלעך.

איצט איז שוין בעסער, ווייל די היינטיקע פאַרוואַלטונג היט אָפּ די ביבליאָטעק, ווי אַן אויג אין קאָפּ, אָבער די פריערדיקע, — דערציילט מען, — האָט אַ שיין ביסל אַלטע אַקטן און דאָקומענטן פאַרקויפט אויף דער וואָג די קאָלאָניאַל־קרעמלעך...

און נישט ווייט פון דער פערל-ביבליאָטעק זענען צעוואָרפן די ביידלעך פון טאַרנאָפּאָלער מאַרק, — די זעלבע אָרעמע, שמוציקע בייד־לעך און אייגנטימער ווי אין ווילייקע, ראַשטשעוואַטע און אַנדערע כתרילעווקעס.

אַ שטיקל שינוי טראָגן דאָ נאָר אַריין די קראָמען מיט די צלמים און הייליקע בילדער, וועלכע ס'געהערן צו יידן, חסידישע יידן. אַ טשאָרטקאָווער חסיד, וואָס לויבט פאַר אַ פויער די מעלות פון „ביקאָלאַ־טשודאָטוואָרעץ"-בילד, — דאָס האָב איך נאָר געזען אין מזרח-גאַליציע...

* *
*

און פון באַרג פון שול־הויף פאַרשפּרייט זיך פאַר אייך אַ שטח פול לאָנקעס און גערטנער, און פונוויטן — ווייסע דערפער פון דעם טרוימענדן אוקראַינע.

היינט איז יום־טוב, און די פויערן אין זייערע גרויסע שטרויענע היטן און אויסגענייטע בונטע בלוזעס זעען אויס, ווי אָפּערעטע־פיגורן אויפן פאָן פון אַ טעאַטראַלער דעקאָראַציע.

אַ ווייכער אוקראַינער אָוונט מיט פאַרשיכורנדע ריחות פון פרישן בעז, פון ווייכע עפל־בלימלעך, נאָר וואָס פונאַנדערגעבליטע סעדער פאַרשלעפערן מיט שאַרפן אַראָמאַט פון אויפוואַכנדן פרילינג.

פון הינטן הערן זיך אומעטיקע און פאַרחלומטע כאָר־געזאַנגען, וועלכע דערמאָנען ניעזשין, פּאָלטאַווע, מירגאָראָד.

פאַרוואָס פאַרגעסן מיר כמיעלניצקין און וואָלטן געוואָלט אָן אויפהער הערן די מוזיקאַלישע קלאַנגען פון די אוקראַינער פעלדער?

* *
*

ווי אַ דרייעק ליגן צעוואָרפן איינע לעבן דער אַנדערער סטרי, דראָהאָביטש און באָריסלאַוו, אָבער ווי פאַרשידן איז דער כאַראַקטער און דער אויסערלעכער אויסזען פון די דאָזיקע שטעט.

סטרי איז דאָך אַזוי שיין, אַזוי סימעטריש מיט אירע גלייכע ווי אַ סטרונע גאַסן און מיט די גרינע בולוואַרן; הייזלעך איינע צו איינע, נישט קיין הויכע, נאָר נייע מיט געשמאַק אָרנאַמענטירטע.

עפּעס אַ יום־טובדיקע שטימונג באַהערשט אייך אין דער דאָזי־קער אויסגעפּוצטער, ווי אויף אַ פּאַראַד, שטאָט, ווו דאָס קאַפּע־לעבן און די גאַסן־באַוועגונג רעדט וועגן אייראָפּע מיט אַלע אירע מעלות און פעלערן. און דאָס אינטערעסאַנטע איז, וואָס די אויסערלעכע שיינקייט אירע האָט סטרי צו פאַרדאַנקען אַ טרפה, וואָס איז פאַר־געקומען מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק און פאַרניכטעט די גאַנצע שטאָט; אָבער דאַן האָבן די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן אויסגעצאָלט די פּרעמיע און מען האָט אין אַפּאָר יאָר אויפגעשטעלט אַ שטאָט ווי אַ צאַצקע; עס זאָל אָבער די אייגענע מעשה, חלילה, טרעפן בעת דער מלחמה? אַ שיין פּנים וואָלט איצט סטרי געהאַט!

און נאָך אַפּאָר שעה רייזע פֿון סטרי הויבט זיך אָן דער נאַפֿט-אוצר פֿון פּוילן, כאָטש, צווישן אונז גערעדט, געהערן אַרום ניינציק פּראָצענט נאַפֿט-גרובן צו אויסלענדישע געזעלשאַפֿטן.

וואָס פֿאַר אַ קאָנטראַסט ס'בילדן דאָס די פּראַכטפֿול-שיינע, מיט וואַלד באַדעקטע קאַרפּאַטן-בערג מיט דער שטאָט באָריסלאַוו, וואָס ליגט צופֿוס באַדעקט מיט אַ וואַלד הילצערנע נאַפֿט-טורעמס!

די לופֿט אין שטאָט איז דורכגעזאַפּט מיט נאַפֿט, די גאַסן שרעקלעך בלאָטיק און שמוציק, אַזוי דאָס נאָר אויף די הויכע הילצערנע טראָטואַרן קאָן מען נאָך ווי עס איז גיין; פֿאָרט אָבער דורך די גרויסע צוויי-פֿערדיקע דראָשקע ווערט איר אָפּגעשפּריצט מיט אַ קלעפּיקע ליים-בלאָטע מיט נאַפֿט דורכגעזאַפּט.

נאָר אַזוי ווי די בלאָטע איז נישט אַזוי אומשולדיק און לאָזט איבער פֿעטע פֿלעקן, — קליידן זיך די איינוווינער פֿון באָריסלאַוו אין לעדערנע אַנצוגן, מאַנטלען, קליידער, וואָס גיט צו דער שטאָט אַ ספּעציעלן קאָלאָריט.

נאַפֿט פֿאַרפֿאָלגט אייך אויף אַזאַ שרעקלעכן אופֿן, אַז פֿון דער וועש אין האָטעל שפּירט איר אַרויס זיין ריח און פֿון ווינער שניצל פֿילט איר אים.

הונדערטער נאַפֿט-גרובן פֿאַרמאָגט די שטאָט און אויך יידישע אַרבעטער זענען אין די טויזנטער באַשעפֿטיקט ביים אַרויסקריגן דעם שמוציקן, אָבער אַזוי נוצלעכן אַרטיקל.

דער דירעקטאָר פֿון אַ יידישן נאַפֿט-גרוב פֿירט אונז אַרום איבער זיין פּאָסעסיע.

אָט זעען מיר ווי דער שטאָלענער דראָט פֿון 1.500 מעטער די לענג לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ אין דער פֿעטער ערד, כדי דאָרט בוי׳ערן און אַרויסבאַקומען אַביסל נאַפֿט.

די טראַנסמיסיע, געצויגן פֿון דאַמף, ציט דעם דראָט לאַנגזאַם צוריק; עס באַווייזן זיך ביי דער דערעפֿענונג פֿון נאַפֿט-גרוב שאַרפֿע געלע גאַזן און פֿלוצלינג גיט עס אַ שפּריץ מיט אַזאַ טונקל-ברוינער שוימיקער פֿליסיקייט, וועלכע פֿאַרפֿולט די הילצערנע בעקנס אַרום. דאָס שיסט דער רויער נאַפֿט, וועלכער ווערט גלייך דורך ספּעציעלע רערלעך איבערגעפֿירט אין אַ צווייטע געביידע, וווּ מען לייטערט אים און ברענגט אים צו אַ שטיקל תּכלית.

גרויסע, ווי בערג, ציסטערנעס זאַמלען דעם נאַפט פון פאַר־שידענע נאַפט־גרובן, און מעטאַלענע וואַגאָנען־ליליפּוטלעך ווערן צוגעפירט צוגנוויין צו די ציסטערנעס־קאָלאָסן און ווערן אָנגעפילט מיט ריינעם נאַפט, וועלכן מען צעפירט גלייך פון אָרט אין אַלע עקן פון לאַנד.

באָריסלאַוו שטאַרבט שוין אָבער אָפּ: אַמאָל פלעגט מען פון אַ מיטעלן נאַפט־גרוב אַרויסבאַקומען ביז צוואָנציק וואַגאָנען אַ טאָג און היינט פרייט מען זיך, ווען מען באַקומט אַפילו — צוויי, די ערד ווערט אויסגעשעפּט, מאָגער און מיט איר צוזאַמען ווערן אָרעם און מאָגער די איינוווינער, סיי יידן, סיי קריסטן.

אויך דאָ, ווי אין גאַנץ גאַליציע, הערט איר אַ טיפן קרעכץ אין אַלע שפראַכן, אַ קרעכץ־בענקעניש נאָך די אַלטע פאַרמלחמהדיקע צייטן...

און פופצן מינוט רייזע פון באָריסלאַוו האָט זיך צעלייגט אין טאָל דראָהאָביטש.

אין באָריסלאַוו פלעגט שפריצן מיט נאַפט, ווו נאָר מען פלעגט איר עפענען, — און דראָהאָביטש האָט געהייסן „קליין־פאַריזש“. די נאַפט־מאַגנאַטן און זייערע יוצר־משרתים האָבן דאָ געוווינט און אָפּ־געערוט פון דער שווערער לופט פון די באָריסלאַווער גרובן. און די שמוציקע טונקל־ברוינע נאַפט־פליסיקייט פלעגט דאַן, ווייזט אויס, אַנטהאַלטן אין זיך גאָלד, ווייל נאָר פאַר גרויסע גאָלד־אוצרות האָט מען געקאָנט פאַרבויען גאַנצע קוואַרטאַלן מיט פּאַלאַצלעך, וועלכע אַפילו די לאָדזשער גרויסע פאַבריקאַנטן האָבן געקאָנט מקנא זיין.

נאָר אָט דאָס פּאַלאַצל אין עגיפּטישן סטיל איז היינט פאַרדונ־גען פאַר אַ ביורא און אין צווייטן, אין אַלט־גריכישן, ווינט דער סטאַראָסטע און אַזוי ווייטער. די אַמאָליקע איינוווינער האָבן אויסגע־וואַנדערט אין אַנדערע לענדער, איבערלאָזנדיק נאָר איין מיטגליד פון דער פאַמיליע אַלס פאָרשטייער פון דער אַקציען־געזעלשאַפט; אַזוי פאָדערט דאָס געזעץ.

מיינע דראָהאָביטשער באַקאַנטע ווילן מיר פונדעסטוועגן ווייזן, ווי אַזוי אַמאָליקע גבירים פלעגן פאַרשטיין צדקה, פירן זיי מיך צום יידישן יתומים־הויז, וועלכעס האָט נישט זיין גלייכן אין גאַנצן לאַנד. שווערע הונדערטער טויזנטער קראָנען האָט אָפּגעקאָסט די גרויסע וווּנדערבאַר שיין־סטיליזירטע געביידע מיט אַ מאַרמאָר־בראָנזענעם

וועסטיבול מיט אַן אייגענע עלעקטרישע סטאַציע, מיט די נייעסטע באַקוועמלעכקייטן פון פעדאַגאָגיק און טעכניק.

מיר גייען איבער די זאַלן פאַר די יתומים־מיידלעך, צילטיקע און צופרידענע באַגריסן זיי די געסט.

מיר גייען אויך אַריין צו די יינגלעך, פאַר וועלכע אונזער וויזיט איז געווען אַביסל אומדערוואַרט און זיי האָבן זיך קוים גע־ענדיקט קריגן. אָבער דיסציפלינירטע און גלייכע זענען זיי געבליבן שטיין, ווי נאָר די טיר האָט זיך געעפנט.

אין אונזער גרופע געפינט זיך איינער פון די, פאַר וועמענס געלט דאָס הויז איז געבויט געוואָרן און ער שיינט פון שטאָלץ און נחת.

איך ווענד זיך צום דירעקטאָר פון אַנשטאַלט אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך עס ווערן געפירט די לימודים?

— אויסשליסלעך אויף פּויליש, — ענטפערט ער, — נאָר מיט אַביסל העברעיש.

— און יידיש?

— די דאָזיקע שפּראַך איז נישט דערלויבט — אין אומגאַנג.

און דאָ האָב איך זיך דערלויבט אַ זאַך, פאַר וועלכע איך בעט דאָס צווייטע מאָל אַנטשולדיקונג די ליבע אַדוואָקאַטן מיטן דירעק־טאָר בראש...

נאָכן רעדן אַפּאָר קורצע פראַזן אין העברעיש, פרעג איך אויפן קול די חברה יינגלעך:

— נו, קינדער, און יידיש פאַרשטייט איר?

און אַ כאָר פון אַלע שטימען ענטפערט פריילעך:

— אָ! יאָ, יאָ, מיר פאַרשטייען!

דאָס איז געווען אומטאַקטיש (נישט אמת?), אָבער באַלערנד איז דאָס דאָך געווען.

1926

קראָקע און זאַקאָפּאַנע

דער באַקאַנטער אַנטיסעמיט און טאַלענטפולער פּאַמפלעטיסט אַדאָלף נאָוואַטשינסקי האָט אין זיין יובילעום־פּאַמפלעט געשריבן:

„אַז איך גיי אַרויס אין קראָקע אויפן אַלטן מאַרק, לעבן דער שול, און טרעף דאָרט אין אַ פרייטאָג־פאַרנאַכט דעם אַלטן וויים־בערדיקן רב אין זיין שבת־טראַכט, איילנדיק זיך צום דאַווענען, גלוסט זיך מיר צוגיין צו אים און אַ קוש געבן אים אין האַנט".

וויפל חן, וויפל אינערלעכע אצילות און אויסערלעכע אייגנ־אַרטיקייט פאַרמאָגט די דאָזיקע אַלטע הויפּטשטאָט פון פּוילישע מלכים און יידישע גאונים, פון ריטערלעכע לעגענדעס און מיט מאָך־באַוואָקסענע שלעסער.

גייט יעדער שעה אַרויס אויפן הויכן טורעם פון מאַריאַטן־קאָשטשאָל אַ סיגנאַליסט און שפּילט אָפּ דעם „הייגאַל", אומעטיקע טענער זאָגן אָן דעם אַלטן פּלאַץ, די קעגנאיבער־שטייענדיקע קראָמען — „סוקעניצעס", די טויזנטער דורכגייער, אַז אָט איז אַריבער נאָך אַ שעה אין לעבן פון דער וועלט, פון דער אַלטער שטאָט, און די שעה וועט שוין נישט מער צוריקקומען...

דער „הייגאַל" באַוויינט זי אין די טרויעריקע קלאַרנעט־קלאַנגען און עס ווערט באמת אַ שאָד די אַזוי שנעל־לויפנדע שעהן.

הונדערטער יאָרן שפּילט מען דעם „הייגאַל" שעה איין, שעה אויס. עס בייטן זיך דורות, נאָר דער פּלאַץ אַרום און די פעסטע שטיינערנע געביידעס זענען שטיין געבליבן ווי שטומע עדות פון די יוגנט־יאָרן, ווען קראָקע האָט געגלאַנצט אַלס דעם שענסטער דימענט פון דער פּוילישער קרוין.

אַלטע סענטימענטן, ראָמאַנטישע זכרונות, — ווי אַ פרילינגס־טוי באַדעקן זיי די גאַסן, די געביידעס, די מענטשן...

געמאַכט נאָכאַמאָל אַ וויזיט אין די קעלערס פון וואַוועל, ווו אין מאַסיווע בראָנז־טרומנעס ליגן די מלכים און מלכות! און צו גאַסט בין איך, — שוין צום וויפלטן מאָל, — געווען אין דער אַלטער שול אויף קאַזשימערזש און צווישן די צעוואָרפענע מצבות פון עלטסטן יידישן בית־עולם; און טאַקע פרייטאָג־צונאַכטס, ווען די גאַס זעט אויס ווי אָפּגעשטאָרבן און גרינלעכע גאַז־לאָמטערנס וואַרפן ליכט־פלעקן אויף די שמאָלע הייזער, — זקנים, — בין איך געגאַנגען צווישן די דאַוונערס אין די סאָבאָלן־שטריימלעך, וואָס פון זייערע בלאַנקנדיקע שבת־רעק זעען זיך אַרויס לאַנגע ווייסע זאָקן און שטעקשיך.

ווען מען אַרט דאָס, וואָס מיר לעבן אין אַ צייט, וואָס לופט־כוואַליעס ברענגען אַ ראַדיאָ־גרוס פון אַלזשיר, ווען מען גייט דאָס אָן, וואָס פון פּאַריז ביז סאַן־פראַנציסקאָ און פון בריסק ביז קאַיראָ גייט מען דורך איצט אַ קורס... פון „טשאַרלסטאָן", — „סאָבאָל־שטריימלעך און ווייסע לאַנגע זאָקן האָבן מיר געטראָגן נאָר דאָ, ווען דער קע־ניג קאַזשימיערזש דער גרויסער האָט אונז זיינע חסדים געשענקט און רויק געלעבט האָבן מיר צווישן די דאָזיקע מויערן"...

אַ גלענצנדן פּויליש רעדן די קראָקעווער יידן, און דווקא די דאָזיקע חסידישע יידן מיטן הדרת־פּנים און אַלטן טראַכט.

יאָ, אַ שטאָט פון קולטור און טראַדיציע!

די מאָנאַרכיסטן זענען דאָ מענטשן־פריינטלעך און פּראָגרעסיוו, —האָבן זיי דערפאַר אַלס קעגנער דעם גאַנצן רעאַקציאָנערן לאַגער פון לאַנד, די סאָציאַליסטן דאָ זענען אויף אַן אמת רעוואָלוציאָנעריש געשטימט, — זעען זיי נעבעך אויס ווי נאַיווע דאָן־קישאָטן פון פּ.פּ. ס.ישן קאָנצערט.

פול מיט סטיל זענען די קראָקעווער קאָנצערט־קאַפעען־קלובן, ווו אויפן געמיטלעך ווינער שטייגער קומט מען פאַרברענגען פאַמיל־יענווייז, און ביי מיכאַליקן, — אין דעם דאָזיקן וויגעלע פון דער ליטעראַטור־ און אַרטיסטן־באָהעמע, — ווו די יונגע פּוילישע דיכטונג און קונסט האָבן זייער קרייץ־פּייער דורכגעמאַכט, קוקן אַראָפּ פון די ווינקעלעך קאַריקאַטור־פאַרביקע גרוסן פון מענטשן און געשעענישן.

אַ ברייטער רינג פון פלאַנטן־בולוואַרן רינגלט אַרום און שניידט דורך די גרויסע שטאָט־מויערן, — און זומער מיט גרינס באַשאָטן,

און ווינטער פון שניי איינגעהילט, — האָבן זיי מיט רעכט פאַרדינט די ראָמאַנטישע ווידמונגען פון דער יונגער פוילישער מוזע.

אַ דזשענטלמען צווישן אויפגעקומענע, — אַזאַ רושם לאָזט קראָקע צווישן די פוילישע שטעט.

* *
*

אַ בלענדנדע ווייטקייט, אַ מחייהדיקע סאָסנע־לופט, אַ זילבער־ראַם פון אונטער דער זון פינקלדיקע בערג, — דאָ איז די ערשטע באַרוישונג פון זאַקאָפּאַנע.

נאָר־וואָס געווען אין שטאָט, ווו מענטשן זענען שרעקלעך באַשעפטיקט, ווו אַ ווילדער הו־האַ צערייסט דעם טאָג אויף מינוטן און יעדער פון זיי איז באַשטימט אויפן קאַמף און פרנסה, — און דאָ — אַ פולע רויקייט, זאָרגלאָזיקייט און אַ פאַרבאָרגענע דאגה, וואָס מאַכט מען מיט דעם לאַנגן טאָג, נאָך וועלכן עס קומט אָן אַ נאָך לענגערער אָוונט.

זאַקאָפּאַנע אין ווינטער האָט ליקווידירט די קורצע קליידלעך, ווייל... פרויען און מענער גייען דאָ אין הויזן ביז די קני, אין וואַרעמע אַרומגעצויגענע „סוועטערס״ און מיט שטעקנס אין די הענט.

יעדער טריט אַ גליטש; באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ; אָפּטמאָל שאַפט זיך אַ געפיל, אַז מען גייט נישט אויף דער ערד, נאָר אויף אַן אָנגעצויגענעם שטריק.

דער פראָסט „שטשיפּיעט״ די באַקן, פאַרבט זיי אין אַ ראָזן קאָליר און באַקומט אַן איינדרוק, אַז אַרום און אַרום שפּרייזן און גליטשן זיך געזונטע צופרידענע מענטשן, כאָטש אַז איר וועט מעסטן די טעמפּעראַטור ביי יעדן צווייטן פון די ספּאָרטסמעניש־געקליידטע דורכגייער, — וועט זי ווייזן איבער 37...

קינדער און גרויס שפּרייזן נישט מיט קיין געוויינלעכע טריט, נאָר מאַכן גיגאַנטישע שפּרונגען, גליטשן זיך אויף די פלאַכע, מעטער־לאַנגע פּלאָקנס, וואָס טראָגן אין ספּאָרט דעם נאָמען „גאַרטען״.

ביז מיטאָג לעבט גאַנץ זאַקאָפּאַנע מיט דעם דאָזיקן שיינעם ווינטער־ספּאָרט.

איר דאַרפט נישט זיין שיין, קלוג, אינטעליגענט, ווילט איר האָבן דערפאָלג ביי פרויען, ווילט איר מען זאָל אייך אָפּטרעטן דעם

ערשטן פּלאַץ אין קאָפּע, מען זאָל רעדן פֿון אייך אין די דאַנסינגס, אויף דער פּאָסט און אין ביבליאָטעק, — ווייזט אַרויס גבורות אין שפּרונגען פֿון די בערג אויף די גאַרטן, — עס לוינט, כ׳לעבן, אַפֿילו ריזיקירן מיטן קאַרק, מיט אַ לינקן פֿוס, — אומשטערבלעכקייט איז אייך פֿאַרזיכערט...

און טאַקע היינט קומט פֿאַר דער דעצידירנדער קאַמף אויפֿן טיטול: „מייסטער פֿון זאַקאָפּאַנע אויף די גאַרטען".

אויפֿן רוקן פֿון אַ זילבער-ווייסן באַרג זענען אויסגעבויט באַזונדערע טריבונעס פֿאַר דעם פּובליקום, פֿאַר די ריכטער און ערן-געסט.

דער סקריפּנדער שניי אויף די פֿעלדער אַרום איז צעטראָטן פֿון טויזנטער פֿיס און שטעקנס. אַלע זענען געקומען: אַלע שולן מיט די לערערס, אַרבעטער און באַאַמטע, סאָלידע סוחרים און באַפֿרייטע אויף אַפּאָר שעה דינסטן; דער פּלאַץ איז באַזייט פֿון מיליטער פֿון דער גאַנצער געגנט. דער פֿראָסט ברענט און דער עולם שפּרינגט אונטער אויף איין פֿוס און איז זיך מחיה מיט אַביסל טיי, וועלכע מען פֿאַרקויפֿט פֿון פּראָוויזאָרישע בודעטן אין מיטן פֿעלד.

פֿון מויל צו מויל טראָגן זיך די נעמען פֿון די אָנטיילנעמער אין קאַמף; עס צעגייט זיך אַ קלאַנג, אַז פֿון יענער זייט בערג, דאָרט, ווו טשעכיען ליגט, איז אָנגעקומען אַ גרופּע ספּאָרטסמענער מיטן אייראָפּעישן מייסטער וואַנדע אָן דער שפּיץ.

— הוראַ! (דער קלאַנג באַשטעטיקט זיך) וואַנדע וועט שפּרינגען!

און דאָרט, אויפֿן הויכן שפּיץ באַרג, ווייזן זיך די אָנטיילנעמער אין קאָנקורס, ווי ליליפּוטלעך בלאַנקען זיי אין זונען-שיין פֿון דער שניי-דעקאָראַציע.

אַ מיליטער-סיגנאַל, — אַ נערוועזער ציטער, אַ גרויסער מעגאַפֿאָן טיילט מיט מיט אַ דונערנדער שטים די רעזולטאַטן פֿון יעדערנס שפּרונג.

— אַ! אַ! קשעפּקאָווסקי רייסט זיך אָפּ פֿון באַרג און גיט אַ פֿלי אויפֿן פֿאַרפֿרוירענעם אייז.

— 46 מעטער. — דונערט דער מעגאַפֿאָן.

גלייך נאָך אים פֿליט אַ סערזשאַנט פֿון קאַרפּאַטן-באַטאַליאָן.

די מיליטער-לייט ווערן אָנגעשטרענגט, אפשר... אפשר... וועט דעם רעקאָרד שלאָגן דער סערזשאַנט! נאָר אַז אומגליקלעכער דריי

מיט דער גאַרטע און דער סערזשאַנט קייקלט זיך באַרג-אַראָפּ, ווי אַן אונטערגעזעגטער קלאָץ און בלייבט ליגן אָן באַוווסטזיין מיט אַ שוים אויף די ליפּן.

נאָר שנעלער, שנעלער! אַפּאָר סאַניטאַרן רוימען אים אָפּ פון פּלאַץ, — און דער עולם פאַרגעסט אים שנעל.

— „ווענדע שפּרינגט!"

עלאַסטיש, גראַציעז, אַזוי ווי קאָקעטירנדיק די טויזנטער פּאַר-ערערס, הויבט ער זיך אויף אינדערלופטן, שוועבט אויפן משופּע-דיקן באַרג און לאָזט זיך אַראָפּ האַרט ביים ציל. 60 מעטער!—שאַלט די מעטאַלענע טובע, — ווידער אַ רעקאָרד! אַ שטורעם פון אַפּלאָ-דיסמענטן, געשרייען, באַגריסונגען.

פול מיט קנאה פאַרלאָז איך דעם יובלדיקן עולם.

„פאַרוואָס האָט מיין באָבע, עליה השלום, נישט געלאָזט מיך שפּרינגען אין מיין פריסטער יוגנט? פאַרוואָס פלעגט זי סטראַשען מיט שווערע קאָמפּליקאַציעס און אַ... ווייסן בילעט ביים „פּריזיוו"? אַך, ווענדע, ווענדע! דיין באָבע האָט געוויס נישט געשטערט דיר קריכן אויף די גלייכע ווענט?".

דער טאָג אין זאַקאָפּאַנע איז געענדיקט און אַ שווערע אויפ-גאַבע שטעלט מיט זיך פאָר דער אָנקומענדער לאַנגער אָוונט: ווי ווערט מען זיך היינט פאַרווײַלן?

אפשר אויף דער וואַרעמער גלעזערנער וועראַנדע פון „מאָרסקע אָקאָ"? אָדער גאָר אין דאַנסינג ביי „טשאַסקאַ" אָדער טאַטזשאַנסקע?

און אַז מען וויל טאַקע יוצא זיין פאַר אַלעמען און זיין פון די מהדרים, מוז מען דורכגיין אַלע 4 גרויסע טאַנץ-לאָקאַלן און שפּעטער אויפן פיין-אויסגעבעטן שליטן פון די ווייך-שפּרייזנדע און בלאַס-שמייכלענדע גוראַלעס אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין „יאַשטשערוווקע", וועלכע איז אין די באַשנייעטע זאַקאָפּאַנער וועלדער פאַרבאָרגן און שמעקט מיט פרישע ברעטער, הויכע סאָסנעס און... פּודער „קאָטי".

שפּעט לייגט זיך שלאָפן זאַקאָפּאַנע, ווייל שווער איז דער גורל פון מענטשן, וואָס מוזן נעבעך דורכגיין די שטרענגע קוראַציע פון גאַרטען, דאַנסינגס און נאַכט-שפּאַצירן אויף די גליטשיקע וואַלד-וועגן.

1927